STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08361

IN MILHOME-TSAYTN

Shmarya Levin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין מלחמה-צייטען

אין
מלחמה־צייטען

(בלעטער פון א טאגע־בוך)

פון

דר. שמריה לעווין

אמעריקאנער ציוניסטישע פעדעראציאן
נ י ו י א ר ק
1915

Copyright 1915
by Federation of American Zionists

PINSKI-MASSEL PRESS
94 BOWERY, N. Y.

מיין ליעבער טאָכטער אסתר.

אינהאַלט־פערצייכניס

	זייט
פון דעם אַרויסגעבער־קאָמיטע	9
פון פערפאסער	11
צוקונפט	13
אַ נסיעה מיט מניעות	18
אַ מלחמה אויפ'ן ים	27
די מלחמת	35
דער אידישער חורבן	40
פרייע און געצוואונגענע סימפאטיע	46
הבטחות אין קריטישען מאָמענט	52
די נייע האָפנונגען פון דער ערוואכטער טירקיי	57
אונזער געפאהר און האָפנונג אין דער איצטיגער מלחמה	63
אונזערע אונגליקליכע ברידער אין גאַליציען	68
די אחריות פון אַ אידישער פערטרעטונג	74
די אידיש־פּוילישע בעציהונגען	80
די חלוקה	97
אַ ביטערע נחמה	104
די קריעגס־געפאַנגענע נשמות	111
אידישע פערטרעטונג	116
דער פסוק	121
צווייערליי פעסימיסטען	127
אַן ענטפער צו די אידישע פּעסימיסטען	133
אויפלעבענדע ימים־טובים	140
די טויזענדע געהאנגענע אידען אין פּוילען	146
אַ נאַציאָנאַלע הלואה	151
די הקדמה פון פייער און בלוט	155
די צייט פון העלדען	162
צו אונזערע נייע מקוננים	169
די צווייערליי מדרגות פון אַ גלות פאָלק	184
אונזער בילדונגס־נויט	189
דער קריעגער	197

זייטע

צו די פאָרשער פון איצטיגער געשיכטע 202
אַסימילאַציאָן, נאַציאָנאַליזם און ציוניזם . . . 208
בעוועגונג און אָרגאַניזאַציאָן 225
ווי געשיכטע ווערט געמאַכט 230
ירושלים און בית־אל 236
לעבעדיגע מתים 240
אמת און פריי 245
די פשרה לייט 249
שפּאָגעל נייע עצות 255

אונזער אייגענע מלחמה:

די קעמפּפענדע צדדים 263
אַסימילאַציאָן טרייבט צו נאַציאָנאַלער מסירה . . 269
די נאקעטקייט פון דער אַסימילאַציאָן . . . 275
פערבאָרגענע פאָלקס־סימפּאַטיען 282
איבער־פּאַטריאָטען 289
פאָלק, לאַנד און שפּראַך 297
רעליגיאָן אויף אַקציען 303
פּרד״ס 310

פון דעם אַרויסגעבער קאָמיטע

די אַרטיקלען פון שמריה לעווין, וועלכע מיר גיבען דאָ ארויס אין אַ בוך, ווערען ארויסגעראַטעוועט פון די שפאַלטען פון היינט געלעזענע און מאָרגען פערגעסענע טעגליכע צייטונגען, ווייל זיי האָבען ג ע מ ו ז ט אַרויסגעראַטעוועט ווערען — צוליעב דעם בעלעהרענדען, דעם שעהנעם און דעם אַגיטאַטאָרישען, וואָס ליעגט אין זיי.

געשריבען אויף טאָג-טעמען, אונטער דעם איינדרוק פון דעם מאָמענט, האָבען דאָך די אַרטיקלען פיעל בלייבענדעס, שטענדיגעס, וואָס וועט נאָך לאַנג דאַרפען געזאָגט ווערען אונזערע גלות-אידען.

אָנגעוועהט פון דער מלחמה, אַרויסגערופען פון שטימונגען פון אַ שווערער און טרויעריגער צייט אין דעם לעבען פון דער ציוויליזירטער מענשהייט, וועלען זיי נאָך לאַנג ניט פערלירען זייער וויכטיגקייט און דרינגליכקייט, אפילו ווען דער קאַנאָנען-דונער וועט גאַנץ פערהילכען, דער בלוט-גערוך וועט זיך אויסוועבען, און די וועלט וועט ווידער אַוועקגעהן איהר וועג פון שלום און רוהיגער ענטוויקלונג.

ווייל די געדאַנקען, וועלכע דר. לעווין זאָגט אַרויס אין די פאָרליעגענדע אַרטיקלען, זיינען אין עיקר ג ע ד א נ ק ע ן א ו י ף נ א ָ ך ד ע ר מ ל ח מ ה. וואָס קאָנען מיר טהאָן אין דעם יעצטיגען מאָמענט? ער איז ניט אין אונזער רשות, און איידער מיר וועלען זיך אַ קעהר טהאָן צו טהאָן עפּעס פאַר איהם, וועט ער שוין זיין פערגאַנגענהייט. אָבער שמריה לעווין וויל, אַז פון דעם יעצטיגען מאָמענט זאָל מען אָבלערנען אויף ווייטער. אויב איהר פערגעסט צו פערזיכערען אייער הויז, ווערט איהר דערמאַהנט, ווען אייער הויז ברענט אָב, ווי נאַכלעסיג איהר

זיינ געוועזן. און מיר האָבן אונגעהייער פיל פּערנאַכלעסיגט אין דעם לעבן פון אונזער פאָלק, זאָלן מיר דאָס לפּחות יעצט איינזעהן און עס האַלטן פאר די אויגן.

שמריה לעווין פערגיסט ניט קיין טרעהרען אויף די בעגאנגענע טעותים, ער מוסר'ט ניט: ער בויט, ער ציינט אָן די אָרט פון דער פערזיכערונג. ער וויים נענוי דעם וועג, וועלכען מיר דארפען געהן. אין יעדען אַרטיקעל כמעט, טייטעלט ער אויף איהם, ציינט ער איהם אָן — דעם וועג פון דעם קאָנסעקווענטען נאַציאָנאַליזם.

און ווי טוט ער עס! קורץ, שארף, גייסטרייך, מיט פיעל טרעפענדען וויץ, מיט קונציג אריינגעפּלאָכטענע מעשה'לעך און מדרשים, מיט גרויסער הארציגקייט און ווארימקייט, מיט דעם פולסשלאַג פון אַ פייערדיגען טעמפּעראַמענט.

דאָ איז ניט דער פּלאַץ פאר אַ גענויע אָבשעצונג פון דעם פאָרליעגענדען ווערק. מיר וואָלטען אָבער ניט געטאָן אונזער שולדיגקייט צום לעזער, ווען מיר מאַכען איהם ניט אויפמערקזאַם אויף די סעריע אַרטיקלען „אונזער אייגענע מלחמה", וועלכע איז אַ געשלאָסענעם מייסטערווערק פאַר־זיך. אונזער פּערפאַסער, איינער פון די הויפּט בעטהייליגטע אין דעם בעריהמט געוואָרענעם שפּראַכען־קאַמפּף אין ארץ ישראל, בעלייכטעט אין דיזער סעריע אויף אַ מייסטערהאַפטען אופן די פּסיכאָלאָגישע מאָמענטען און די אינערע בעדייטונג פון דעם גרויסען קאַמפּף.

די פאָרליעגענדע זאַמלונג מוז דערפאַר ווערען אַ טיש־בוך ביי יעדען ציוניסט און ביי יעדען נאַציאָנאַל־געזינטען איד, צו בעלעהרונג און צום גייסטיגען גענוס.

דאָס אַרויסגעבער קאָמיטע.

דאָס זיינען איינצעלנע בלעטער פון אַ טאָגע־בוך. ווייט פון מיין ווירקונגס־קרייז, ניט אין אַן אינטימער סביבה, כמעט אין געפאַנגענשאַפט, האָב איך זיי געשריבען. דער „אני במערב ולבי במזרח“ האָט געדריקט אויף מיר, און אַ שטילע בענקעניש האָט בעהערשט מיין טראַכטען און דענקען. איך האָב געזוכט דעם נאָהענטען מזרח אין ווייטען מערב. אין רעדען און שרייבען האָב איך זיך בעמיהט צו דערטרינקען דעם צער פון היים־וועה.

די מלחמה האָט זיך צופלאַקערט איבער גאַנץ אייראָפּאַ און האָט אָנגעריהרט אויך דעם חלק פון נאָהענטען מזרח, וועלכער איז אונז נאָך נעהנטער געוואָרען אין די לעצטע יאָהרצעהנטען. די אידישע וועלט איז דערציטערט געוואָרען. ווי אַ שטורם זיינען די היטלער־קעמפּפער־מחנות דורך דעם אידישען תחום און האָבען געלאָזען הינטער זיך צושטערונג און פערוויסטונג. אַ מורא'דיגער חורבן אין דער געגענוואַרט, און אין דער צוקונפט — אַ געמיש פון שרעק און האָפנונג, ספקות און אמונה, יאוש און בטחון. עס האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן די אידישע נשמה, אַ האַרבע שאלה האָט אָנגעהויבען צו עגבערען דעם אידישען מח: גרויס איז די צאָהל פון אונזערע קרבנות. וועלען זיי פערשריבען ווערען אין דער געשיכטע נאָר ווי פּאַסיווע קדושים, אָדער ווי אַקטיווע גבורים, וועלכע קויפען מיט זייער אייגענעם בלוט אַ בעסערע צוקונפט פאַר די קומענדיגע דורות?

דאָס איז געוועזן די הויפּט שטימונג, וועלכע האָט בעהערשט די אידישע וועלט דאָ אין אמעריקאַ. אין דער שטימונג האָט זיך געהערט אַ צווייענדיגער בת־קול, פון דער גרויסער וועלט מלחמה און פון דעם פּאַראַלעל לויפענדען אידישען אינערען קאַמפּף פאַר

אונזער נאַציאָנאַלען קיום. אין אזא שטימונג האָב איך געשריבען איינצעלנע אַרטיקלען. אינטענסיווער, הייסער, ליידענשאפטליכער האָט זיך דערוועקט אין מיר דער בעגעהר נאָך דער פערווירקליכונג פון אונזער מזרח־אידעאַל, וועלכער איז פאר מיר נאָך קלאָרער געוואָרען אין דער מלחמה צייט, און איהם האָב איך געווידמעט פיעלע פון מיינע אַרטיקלען און אויך אַ בעזונדערען טהייל — „אונזער אייגענע מלחמה".

אַ טיעפען דאנק מיינע חברים פון דער היעגער ציוניסטישער פעדעראציאָן, וועלכע האָבען מיר אויפ'ן פאָרנעהמסטען אופן געהאָלפען אין מיין ווירקזאמקייט. אַ דאָפעלטען דאנק דעם ספעציעלען קאָמיטע, וועלכער האָט גענומען אויף זיך די ארבייט אַרויסצוגעבען דיעזעס ווערק און בעזאָנדערס מיין פריינד שניאור אבעל, וועלכער האָט מיר פיעל געהאָלפען אי ביי דער אויסוואהל פון די אַרטיקלען, אי ביי דער קאָרעקטור.

די אַרטיקלען, וועלכע ווערען דאָ איבערגעגעבען דעם לעזער אין אַ בוך־פאָרם, זיינען געווען געדרוקט אין דער היעגער אידישער פרעסע, הויפטזעכליך אין דער „ווארהייט".

שמריה לעווין.

סיון תרע"ה, ניו יאָרק.

צוקונפט.

עס איז טאַקע אפשר אָפּטמאָל גוט אָבצורייסען זיך פון דער וועלט מיט איהר גאַנצען טומעל, יאָגעניש, איילעניש. עס לוינט אפשר טאַקע צו דערווייטערען זיך אויף אַ וויילע פון דעם אייביגען האַסטען, פּערקאָכט און פערהאַוועט זיין און אומקעהרען זיך אָט טאַקע צו זיך אַליין, אָט צו דער קליין וועלטעלע, וואָס מיר רופען זי אָן „מענש“, וואו יעדער איז צו גלייכער צייט אי בעל־הבית אי שכן, אי אויבער־האַר אי אונטער־קנעכט — מעהר שכן אַלס בעל־הבית, מעהר קנעכט אַלס האַר, און מאַכען אַ מאָל דעם חשבון הנפש, פּעררופען צו זיך די אייגענע נשמה, אויפנעהמען זי מיט אָפּענע אָרעמס און מיט ריינע, לויטערע מחשבות, אָדער אָבשטאַטען איהר אַ בעזוך, מיט דער זעלבער עהרפורכט, ווי דער כהן־גדול פלעגט אריינגעהן איין מאָל אין יאָהר אין קדש־הקדשים. עס ווענדט זיך ווי מיר האַלטען: האָט מען אונז די נשמה גע־געבען, כדי זי זאָל אונז מודיך זיין אָדער כדי זי זאָל זיך ביי אונז אויסלייטערען. ווי דאָס איז, איז גאַנץ גוט צו האָבען מיט איהר אָפּטמאָל אַ שמועס אָט מכח דעם נעכטיגען טאָג, דעם דורכ־געגאַנגענעם וועג, וואָס נאָר ער אַליין בילדעט אונזער גאַנצעס פערמעגען, און אַרומקוקען זיך, ווי ווייט מיר קאָנען זיין איינע מיט די אַנדערע צופריעדען, ווי ווייט מיר האָבען ניט גענאַרט איינע די אַנדערע, ווי ווייט מיר האָבען געלעבט האַרמאָניש.

מען וועט זאָגען: אַזוי שטעהט דאָך געשריעבען אין די אַלטמאָדישע מוסר־ספרים. דאָס איז אַן אַלטער פערשימעלטער געדאַנק, נאָר אַ ביסעל אָבגעשייערט און ניי בעשטריכען מיט דעם לאַק פון דער מאָדערנער שפּראַך. נו מילא, און אַז דער געדאַנק איז אויסגעדריקט אין אַלטע מוסר־ספרים, דעריבער איז ער שוין פּסול? נו מילא, און אַז דער געדאַנק איז אַלט, טאָרען מיר זיך

דעריבער צו איהם ניט צוריקקעהרען? וואו זיינען דען די שפּאָגעל נייע געדאַנקען, וואָס זאָלען קאָנען אויספילען אונזער גאַנצען אינ־האַלט, וואו זיינען די נייע שטערען אויף אונזער הימעל, וואו זיינען אונזערע נייע וועגען אויף דער ערד?

מיר לעבען אין דער געגענוואַרט און מיר זיינען געצוואונ־גען זי ליעב צו האָבען, וואָרים ווען מיר זאָלען פיהלען צו איהר א שנאה, זיינען מיר אין גאַנצען פערלאָרען. אין אמת'ען געהט אויך אונזער פערגאַנגענהייט נאָך אונז נאָך, מיר טראָגען זי הינטער זיך און אין זיך. זי איז אונזער שאָטען, און ווי יעדער שאָטען איז זי אַן עדות פון א בעשטימטען אינהאַלט, נאָר די ניט־ממשות־דינקייט, די אינהאַלטלאָזיגקייט האָט ניט קיין שאָטען, יעדער פרעמדער שטראַהל געהט דורך איהר דורך און זי אַליין בעלייכט ער ניט. אָבער עס זיינען דאָ בּרואים, וועלכע גלויבען, אַז מען קען זיך אָבטרייסלען פון דער פערגאַנגענהייט, פּשוט אָב'גט'ען זיך מיט איהר. זיי זיינען מודה נאָר אין דער געגענוואַרט; צו איהר זיינען זיי אַלע צוגעבונדען, וואָרים דאָס פערשטעהען אפילו זיי מיט זייערע פרימיטיווע השגות, אַז אָבזאָגען זיך פון דער געגענוואַרט הייסט אָבזאָגען זיך פון זיך אַליין. פון איהר אַנטלויפען הייסט אַנטלויפען פון דעם אייגענעם איך. איי וואָס איז, שפּרינגט דאָך ארוים א קשיא: די געגענוואַרט איז דאָך מעהר ניט ווי דער לעצטער צוגעקומענער חלק פון אונזער פער־גאַנגענהייט. קוים קאָנען מיר דענקען איבער דער געגענוואַרט, פערקריכט זי דאָך אין אונזער זכרון, און זכרון איז דאָך מעהר ניט ווי געלעבטע פערגאַנגענהייט, וואָס האָט געמאַכט אויף אונז א רושם, היינט וואו וועלען מיר זיך אָבשטעלען אין אונזער צוריק־דענקען, אין אונזער געדענקען, וואו איז די גרענעץ צווישען דעם ערלעבטען, וואָס בלייבט ביי אונז און האָט צו אונז א שטענ־דיגע שייכות?

קינדהייט, יוגענד, לעהר־יאָהרען, — דאָס זיינען די סמנים פון אונזער לעבענס־וואַנדעל, דאָס זיינען די עטאַפּען פון אונזער איך. צוגעגעבען, מיר זיינען זעלבסטשטענדיג, מיר געפינען זיך און בעוועגען זיך אין אונזער אייגענעם רשות, און מיר צוימען

אַרום אונזער „איך“ מיט אַלערליי מיטלען און לאָזען קיין פרעמדען ניט אַריין. מיר געהען צוריק ביז צו אונזער אייגענער קינדהייט, ביז צו דער ערשטער שעה, וועלכע האָט זיך איינגעקריצט אין אונזער זכרון, און מיר איבערבליקען, ווי אַ פעלדהער זיין חיל, אַלע געשעהעניסען און פּאַסירונגען, וועלכע בילדען דעם אינהאַלט פון אונזער אייגענעם דאַזיין, און פיהלען זיך קליין ווי קליינע סואווערענע הערשער.

דאָס איז דאָך אָבער מעהר ניט ווי די איינבילדונג, דאָס איז דאָך מעהר ניט ווי אַ קינסטליכע מחיצה צווישען אונז און צווישען די, וועלכע זיינען געווען פאַר אונז און לעבען אין אונז. קאָנען דען מיר זיך אָבשטעלען ביי אונזער אייגענעם „איך“. וואו בלייבט דער טאַטע, די מאַמע, דער זיידע, די באָבע און די גאַנצע סביבה, וועלכע מיר האָבען שוין אָנגעטראָפען אַ פאַרטיגע ביי אונזער ערשטען בליק אויף גאָט'ס וועלט? זיי אַלע האָבען דאָך אונז איבערגעגעבען די סמנים פון זייער וועלט, אַ חלק פון זייער נשמה. און אַזוי געהט עס ווייטער און ווייטער, אַ רינג אין אַ רינג, אַ דור אין אַ דור און אַ תקופה אין אַ תקופה, און אַזוי ענטשטעהט די לאַנגע שורה פון איינצעלנע רינגען, דורות און תקופות — דאָס וואָס מיר רופען אָן „געשיכטע“, און אין דיעזער לאַנגער, פערפלאָכטענער און פערפלאָנטערטער געשיכטע געהט אַ פאָדעם, אונזער פאָדעם. היינט וואו זאָלען מיר זיך אָבשטעלען? ביים טאַטען, ביים זיידען, ביים עלטער־זיידען, אָדער גאָר אפשר ביי די אָבות?

פון דער פערגאַנגענהייט געהען מיר איבער צו דער צוקונפט, און די זעלבע פראַגע ענגבערט אונזער מח. וואו זאָלען מיר זיך אָבשטעלען, ווי ווייט קאָנען מיר בליקען אויף די קומענדע דורות? ווי ווייט זיינען מיר מחויב צו זאָרגען און ווי ווייט קאָנען מיר פערזאָרגען. זיינען מיר די טרעגער פון אַ היסטאָרישען „נעכטען“, זיינען מיר דאָך אויך צו גלייכער צייט די טרעגער פון אַ היסטאָרישען „מאָרגען“. מיר אַליין זיינען דאָך אויך אַמאָל געווען צוקונפט און מיר זיינען געלעגען אין דער פערגאַנגענהייט, ליעגט דאָך די נאָך ניט־געבאָרענע צוקונפט אין אונז.

אונזער גאנצעס דאזיין איז דאך מעהר ניט ווי אן אייביגעס אריבערפעקלען פון דער צוקונפט אין דער פערגאנגענהייט. מיר שלעפען דעם מארגען צום נעכטען, דעם שפעטער צום פריהער, און ווי אונגעדולדיג מיר טהוען דאס, אזוי ווי איינער וואלט שטעהן הינטער אונז און אונז אנטרייבען. מיר פערגינען זיך אליין ניט די רוה, מיר ציטערען שטענדיג עטוואס דורכצולאזען, עטוואס צו פערשפעטיגען, און מיר ווייסען אליין ניט וואס.

מען טהיילט געוועהנליך איין די מענשען אין עולם־הזה'ניקעס און עולם־הבא'ניקעס. ווי פאלש דיעזע איינטהיילונג איז! ווער עס יאגט זיך כל ימיו נאך רייכטהום און וויל פערזארגען זיינע ק י נ ד ס ־ ק י נ ד ע ר מיט פאלאצען און שאמפאניער — וואס פאר אן עולם־הזה'ניק איז אפילו ער? אלעס, וואס קומט נאך אונז, איז דאך וויט פון אונז ווי דער הימעל, ווען עס זאל אפילו ליגען אויף דער ערד. און ווער עס ארבייט פאר א צוקונפט איז דאך א בן־עולם הבא. מעהר ניט עולם הבא צו עולם הבא איז ניט גלייך, איז דאך אבער עולם הזה צו עולם הזה אויך ניט גלייך. וואס פאר א פערגאנגענהייט מען טראגט א י ן זיך, אזא צוקונפט בויט מען פ א ר זיך, מעהר ניט די צוקונפט דארף מתקן זיין די חסרונות פון דער פערגאנגענהייט, וואס עס פעהלט אין עולם הזה מוז משלים זיין דער עולם הבא. ווען מיליאנען פון ארבייטער ברענגען קרבנות, נעהמען אויף זיך פערפאלגונגען צוליעב א צו־קונפטס־שטאאט, בויען זיי זייער עולם הבא, פאר זיי איז דער לויתן און דער שור הבר ניט מעהר אויף דער וועלט, נאר אויף יענער וועלט, וועלכע וועט קומען נאך זיי. ווען טויזענדע און טויזענדע פון אונזערע פיאנערען לאזען זיך אין א לאנד, וואס איז וויסט און חרוב, זעען, פלאנצען און בויען אויף צו להכעיס דער לאגיק, אויף צו להכעיס די בעדינגונגען און גראבען און גראבען, ביז א שטיק פון דער פערגאנגענהייט שטעהט אויף תחית המתים — ארבייטען זיי פאר עולם הבא. זיי פיהלען א טעם גן־עדן, ווען זיי שטעלען זיך אין די געדאנקען פאר, ווי גליקליך עס וועלען דארט קאנען לעבען זייערע אייניקלעך און אוראייניקלעך.

מען קאן זיך ניט אויסדרעהען פון דער פערגאנגענהייט,

וואָרים נאָר אין איהר, דאָס הייסט אין אונזער בעציהונג צו איהר, ליעגט אויך אונזער צוקונפט, און ווער עס איז זי מבטל, לעדיגט זיך אוים פון זיין אייגענעם אינהאלט. דאָס זיינען אָרעמזעליגע מענשען, אויף דער וועלט מוזען זיי באָרגען אַן אינהאלט און אויף יענער וועלט מוזען זיי צאָהלען צינזען.

דערין ליעגט דער מאסשטאב פון אַלע האנדלונגען, אין דער צוזאמענשמעלצונג פון פערגאנגענהייט און צוקונפט. פון דער צוזאמענשמעלצונג ענטשטעהט די וואונדערבארע לעבענס־האר־מאָניע. אפילו דער איינציגער הויבט אָן צו פיהלען זיין „איך" ווי אַ חלק פון דער אונענדליכקייט. ער דרינגט אריין אין דעם סוד פון דער אייביגקייט, ער בעוועגט זיך אין איהר און קאָן ניט בטל ווערען.

און ווער עס האָט געפונען זיך אליין אין דיעזער האַרמאָניע, געהט ניט פערלאָרען.

אַ נסיעה מיט מניעות.

מען מאַג זיין אויפגעקלערט ווי מען וויל, מען מאַג זיך בע־מיהען אַלעם אונטערצואָרדנען דעם קאַלטען שכל, מאַכען איהם פּאַר אונזער וועג־ווייזער אין אונזער טראַכטען און דענקען, און לאָ־זען זיך פון איהם פיהרען אין אונזערע טהאַטען און האַנד־לונגען — עס זיינען דאָ מאָמענטען אין פּערזענליכען לעבען פון יעדען איינצעלנעם פון אונז, ווען מיר ווערען מיט אַ מאָל נעפּאַקט פון דונקעלע, מיט אַ נעבעל פּערצויגענע אהנונגען און מיר פיהלען מיט אַ מאָל איבער אונז די שליטה פון אַן אונבעקאַנטער מאַכט. און די אונבעקאַנטע מאַכט שפּאַלט אונזער דאָ־זיין אין צווייען. מיט איין העלפט בלייבען מיר שטעקען אין אונזער וועלט, אין דער ממשות׳דיגער, וועלכע מיר קענען, אָדער גלויבען אז מיר קענען און מיט דער אַנדער העלפט טראָגען מיר זיך אריבער אין אַן אונבעקאַנטע וועלט. עפּעס קענען מיר זי ניט אַנטאַפּען, עפּעס קענען מיר זי ניט תופס זיין, אָבער מיר פיהלען איהר השפּעה אויף אונז, מיר זעהען איהרע פער׳חלומ׳טע בילדער און פערנעהמען איהר בת־קול, וועלכער דערגרייכט צו אונז און דרינגט אריין אין אונזערע אויערען, מיר ווייסען ניט פון וואַנען, מיר ווייסען ניט אויף וועלכען וועג. אַפּטמאָל קלינגט אונז אַ פרעהליכע, אויפמונ־טערענדע שטימע, און די שטימע רופט צו אונז: קום ועשה! שטעה אויף, מענש, און פיהר אוים ד י י ן טהאַט, וואָרים ד י י ן שטונדע איז נעקומען. אין דער גרויסער פאָרשטעלונג, אַנגערופען לעבען, טרעטען אויף נאָר וועניגע ווי אַקטיווע שפּיעלער, די מייסטע זיינען סטאַטיסטען. און ווען עס פערווילט זיך דעם פערוואַלטער, דעם אויבער־הערר, און ער גיט אַ בענעפיט־פאָרשטעלונג לכבוד איינעם פון זיינע ליעבלינגע — דאַן הייסט עס פאַר דעם איינ־צעלנעם: אויפפּאַסען, מכוון זיין די שעה, ניט דורכלאָזען דעם

ריכטיגען מאָמענט, וואָרים אַלעס איז אָבגעמאָסטען, אַלעס איז אָבגעוואויגען, אַלעס הענגט אָב פון דער רגע. הינטער דעם איי־נעם שטעהט שוין דער צווייטער אין שורה, און עס מוז צוגעהן מיט אַ שטרענגען סדר. און ווען די שטונדע קומט פאַר אונז, הערען מיר די שטימע, די וועקענדע, די רופענדע, די הייסענדע, די בעפעהלענדע, די אויפמונטערענדע, די פערשפּרעכענדע, און מיר פיהלען זיך ווי אָנגעפילט מיט נייע כחות, מיט ענערגיע, מוטה און חשק, אינערליך געוואַקסען און בעפליגעלט, פול האָפנונג און בטחון, און מיר געהען צו מיט שמחה צו אונזער ווערק, מיט אַ געפיהל פון הייליגקייט: מיר ווערען טרעגער פון אַ מיסיאָן. גאַר אָפטמאָל אָבער פערנעהמען מיר אַ גאַנץ אַנדער שטימע, אַ צוריק־געהאַלטענע, אַ וואָרנענדע און די שטימע רופט אויס: שב ואל תעשה! זיי שטיל, פערהאַלט זיך רוהיג, מענש, זעה, איך בין דיך מתרה. און זי דערצעהלט אונז פון שרעקען און געפאַהרען, וועלכע ערוואַרטען אונז, און זי זאָגט אונז אָן, מיר זאָלען זיך היטען, מיר זאָלען זיך נעהמען אין אכט. מיר פיהלען עפּעס אַ מין בעקלעמונג, און מיר פערשטעהען ניט די סבה, עפּעס אַ מין ציטערען געהט דורך דורך אונזער נשמה, און עס איז אונז ניט קלאָר וואָרום. זאָל דאָס אפשר זיין די געהיימע פערבינדונג צווי־שען אונז און אונזער אייגענער צוקונפט? אפשר איז דאָס אונזער צוקונפט אַליין, וועלכע מיר טראָגען אין זיך און מיר ווייסען ניט, אַז מיר טראָגען זי; אפשר איז דאָס טאַקע זי אַליין אין דעם מאָמענט, ווען זי צאַפּעלט זיך אַ רגע פאַר איהר געבורט? איז דאָס אפשר אונזער שטערען, אונזער מזל, וועלכער וואַכט איבער אונז, ווי אַ טרייער שומר חנם פון אַ פערבאָרגענעם ווינקעל?

מיט אַן אייגענטימליכען אונווילען האָב איך זיך ענטשלאָסען — מיט אַ גאַנצען יאָהר כמעט צוריק — צו אונטערנעהמען אַ רייזע נאָך אַמעריקא. אַ ים־נסיעה מאַכט מיר אימער פערגעניגען, איך האָב ליעב די רייזע, אפילו ווען דער ים איז שטירמיש. צו אַמעריקא, אָדער ריכטיגער, צו די אידען אין אַמעריקא, האָב איך בעהאַלטען זעהר גוטע פריינדליכע בעציהונגען, זייט איך האָב

בעזוכט אַמעריקאַ צום ערשטען מאָל מיט אַכט יאָהר צוריק. אויך פון דיעזען געזיכטספונקט האָט מיר אַ נייער בעזוך אין אַמעריקאַ געקאָנט פערשאַפען נאָר פרייד. מיינע חברים האָבען מיך שטאַרק צוגערעדט צו דער רייזע. איך אַליין האָב אויך מסכים געווען, אַז די רייזע איז נויטיג גראַד איצט און דאַרף ניט אָבגעלעגט ווערען — און דאָך האָב איך נאָך קיין מאָל ניט פערלאָזען אַזוי טרויעריג איירָאָפּאַ ווי דיעזעס מאָל, ווען איך האָב זיך איינגעשיפט אין ברעמען אויף דעם „קייזער ווילהעלם דער צווייטער". עפּעס האָב איך געפיהלט, ווי יעמאַנד זיצט אין מיר און פּראָטעסטירט געגען מיין רייזע, עפּעס האָב איך ניט געגלויבט מיינע איינענע געדאַנקען, און אַז איך האָב פערענדיגט מיינע בריעף צו אייגענע און פריינד מיט דער געוועהנליכע פראַזע „אויף באַלדיגעם וויעדערזעהן אין איינינע וואָכען", האָב איך אַזוי געשריעבען נאָר מחמת רגילות, די האַנד האָט געפיהרט די פעדער, און די פעדער האָט מעכאַניש אויסגעפיהרט די נויטיגע אותיות. איך האָב אָבער געפיהלט, אַז איך שרייב ניט דאָס, וואָס איך דענק, אַז איך דריק אויס הבטחות, וועלכע איך וועל ניט קענען דערפילען, כאָטש מיין פּלאַן איז געווען בעשטימט, בלייבען אין אַמעריקאַ פון דריי ביז פיער וואָכען און אין אַ מזל'דיגער שעה צוריק.

מיר זיינען געווען אַן ערך דרייסיג מייל פון סויטהעמפּטאָן אין ענגלאַנד, שוין אויפ'ן וועג פון סויטהעמפּטאָן נאָך ניו יאָרק. דער ים איז געווען רוהיג, שטיל, מען האָט ניט געמערקט, ווי דאָס ריעזען־שיף בעוועגט זיך. ניט נאָר האָט מען ניט געמערקט, מען האָט אפילו ניט געקענט זעהן די בעוועגונג פון שיף, וואָרים אַרום און אַרום האָט געהערשט אַ געדיכטער נעבעל. הימעל און ים האָבען זיך פערשמאָלצען אין איין געדיכטער גרויער מאַסע, און עס האָט אויסגעזעהן, אַז דאָס שיף מוז זיך אָנשטרענגען אין צווייען, מיט דער אונטערשטער העלפט גובר זיין דאָס וואַסער און מיט דער אויבערשטער העלפט — דעם נעבעל. עס איז געווען אַרום צוויי אוהר נאָכמיטאָג. אויפ'ן דעק איז געווען אונז אָנגענעהם צו בלייבען: פייכט און גרוי, און דערצו נאָך די אונ־ערטרעגליכע מוזיק פון דעם דאַמפּף־פייפעל — אַ וואָרנונג פאַר

די אַנדערע שיפּען, זיי זאָלען ניט נכשל ווערען. די מייסטע פּאַסאַזשירען זיינען זיך צוגאַנגען אין די קאַיוטען. ווי פון שלאָף, — איך געדענק ניט קלאָר, — האָב איך זיך אויפגעכאַפּט עפּעס אַ דערשראָקענער. איך האָב דערשפּירט אַ לייכטען שטויס. אין דעם זעלבען אויגענבליק לויפט אריין אַ מאַטראָז צו מיר אין קאַיוטע, הייסט מיר נעהמען צדה לדרך: אַ וואַרימען בגד און... דעם רעטונגס־גאַרטעל. איך האָב איהם ניט פערשטאַנען און אָנגעהויבען פרעגען שאלות. האָט ער מיר גאַנץ בייז געענטפערט: וואָס שלאָפט איהר? הערט איהר דען ניט דעם רעטונגס־פייף? איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם „מה לך נרדם“ און דעם „עברי אָנכי“ פון יונה הנביא, שנעל גענומען אַ פּאָר ספרים, מיט וועלכע איך שייד זיך קיין מאָל ניט, אַ וואַרימען מאַנטעל און דעם רעטונגס־גאַרטעל.

אויבען אויפ׳ן דעק האָב איך אָנגעטראָפען אַ גרויסע מחנה פון מתפּללים. איבער אכט הונדערט פּאַסאַזשירען פון צווישענדעק, כמעט אַלע סלאַווען, זיינען געשטאַנען ארום די רעטונגס־שיפלעך, די אויגען פערריסען צום הימעל, וועלכען מען האָט ניט געזעהן, און געבעטען רחמים. זיי האָבען מורא געהאַט, אַז די ערשטע שיפלעך זאָלען פערנעהמען נאָר די „יחסנים“. דער קאַפּיטאַן און די אָפיצערען האָבען פערזוכט צו בערוהיגען די מאַסע, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. ערשטענס, ווייל די מאַסע האָט ניט פערשטאַנען זייער לשון, און צווייטענס, ווייל דעם קאַפּיטאַן׳ס אויגען אַליין האָבען אויך אויסגעדריקט אונרוה. מען האָט געפיהלט, אַז ער בערוהיגט, ווייל ער איז מ ח ו י ב צו בערוהיגען, ווייל דער „שולחן ערוך“ פון ים־פאָהרער הייסט אזוי. פיעלע פון די „סלאַוועו“ האָבען אָנגעהויבען צו קלעטערען אויף די שטריקלייטער, אַלץ העכער און העכער. אפנים דער דאָרפישער שכל האָט זיי אונטערגעזאָגט, אַז וואָס העכער, איז מען אַלץ זיכערער פון דעם נאַסען עלעמענט... איינער האָט דעם אַנדערען געשטופּט, געמאַכט זיך אַ וועג מיט דעם עלענבויגען. פרויען, אַלטע לייט און קינדער האָבען זיך געמישט ווי אין אַ קנויל, אַלע האָבען געזאָגט תפלות, אַלע האָבען געשריען, פערלאַנגט, געפאָדערט, גע־

דראָהט. די יחסנים פון ערשטער און צווייטער קלאַסע האָבן זיך פערהאַלטען זעהר רוהיג. קיינער האָט ניט געשריען, אויף די פּנים'ער איז געלעגען אַן ערנסט און מען האָט געוואַרט אויף דעם קאַפּיטאַן'ס בעפעהלען. מען האָט געזוכט צו בערוהיגען די דערשראָקענע פרויען און די האַלב דערשראָקענע קינדער. די קינדער האָבן לחלוטין ניט געקענט בעגרייפען די סכנה: דאָס שיף איז דאָך גרויס און דער ים איז אַזוי רוהיג...

אַ גאַנצע שעה — אַן אייביגקייט — איז אַריבער אין שרעקען און ספקות. דערנאָך איז געקומען די בערוהיגונג. מיר שווימען צוריק נאָך סויטהעמפּטאַן. אונזער שיף האָט געהאַט אַ צוזאַמענ־שטויס מיט אַ גאַנץ קליינעם שיף. דאָס קליינע שיף איז אַריין מיט'ן שאַרפען שפּיץ, מיט דער נאָז, אין „קייזער ווילהעלם דעם צווייטען". אַ צוזאַמענשטויס צווישען אַ דוד און אַ גלית הפּלשתי, איז דוד אָבגעקומען מיט אַ פּלאַטשיגער נאָז און איז זיך ווייטער רוהיג געשוואומען און גלית האָט בעקומען אַ לאָך אין רעכטען מיטען קערפּער. די רייזע פון סויטהעמפּטאַן ביז צום אָרט פון צוזאַמענשטויס האָט געדויערט אַן ערך אָנדערטהאַלבען שעה, די זעלבע רייזע צוריק — מעהר אַלס פינף שעה. ערשטענס האָט דאָס שיף קיין כח ניט געהאַט שנעלער צו לויפען. צווייטענס, איז דער קאַפּיטאַן געוואָרען פאָרזיכטיגער. ערשט אין סויטהעמפּ־טאַן האָבען מיר זיך דערוואוסט פון די טויכער, וועלכע האָבען אונטערזוכט דאָס פערוואונדעטע שיף, אַז דאָס לאָך איז געווען גאַנצע זעכצעהן מעטער לאַנג און פיער מעטער הויך, צוויי מעטער איבער און צוויי מעטער אונטער דער וואַסער־ליניע. מיר האָבען גשפּיעלט מיט גליק, דער מאַשינען־טהייל פון שיף איז ניט גע־טראָפען געוואָרען.

די סלאָוועך האָבען זיך בערוהיגט ערשט אַז מיר זיינען שוין אָנגעקומען אין אַ זיכערען האַפען, דאָך האָבען זיי נאָך גע'טענה'ט. גע'טענה'ט צו גאָט, גע'טענה'ט צום קאַפּיטאַן, זיי זיינען געווען ברוגז, אָנגעשטויסען. איך האָב זיי בעגריפען. מילא מיר יחסנים מאַכען ים־רייזען אָדער צוליעב פּרנסה, וויל מיר ווילען נאָך רייכער ווערען, אָדער צוליעב פערגעניגען, וויל מיר ווילען הנאה

האָבען פון לעבען, אָבער זיי? רייכקייט זוכען זיי ניט, זיי זוכען ברויט, נאָך הנאה יאָגען זיי זיך ניט — די נויט, די ביטערע נויט האָט זיי פערטריבען פון זייערע דערפער, פעלדער און וועלדער און זי פערוואָרפט זיי אין אַ פרעמדער מדינה, וואו זיי מוזען אָנהויבען אַ נייַ לעבען, אַ לעבען פון עלענד, פון טרערען, שווייס און בלוט. דער פריץ איז געווען אַ שלעכטער, האָט ער זיי אויסגעזויגען, און זיי איז ניט געבליבען קיין אַנדער ברירה, ווי נעהמען זיך צום וואַנדערשטאַב. זייערע טאַטעס, זיידעס און עלטער־זיידעס האָבען דורות־לאַנג געלעבט אין דאָרף. דאָרט, וואו עס הויבען זיך אָן די פעלדער פון דאָרף, איז פאַר זיי אויפגעגאַנגען די זון, און דאָרט, וואו די פעלדער ענדיגען זיך פון דער אַנדער זייט, איז פאַר זיי אונטערגעגאַנגען די זון. האָבען זיך זון, לבנה און שטערען געדרעהט אַרום דעם דאָרף. זיי אַליין, די אור־אייניקלעך, האָבען אויך ניט געוואוסט פון אַן אַנדער וועלט. זיי האָבען געהאַט אייגענע פעלדער און אַן אייגענעם הימעל. אַ גוטער הימעל, אַ פריינד אַ הימעל, ער איז געווען מיט זיי גנאַדיג און אינטים און פלעגט זיי אָפטמאָל גאָר אויסזאָגען אַ סוד פון חדר און ווינקען צו זיי מיט סמנים אויף רעגען, שנעע, האָגעל און שטורם. איז געקומען דער בייזער פריץ און האָט מיט זיי געלע־רענט די פרשה, ווי מען פערטרייבט אָדם׳ען פון זיין אייגענעם גן־עדן און געלערענט און געלערענט ביז ער איז מיט זיי געקומען צו דער סדרה „לך לך“. האָבען זיי אַ טענה צום רבונו של עולם, זיי, די נאַאיווע דאָרף־מענשען: דער פריץ איז אַ בייזער, ער זינדיגט ווי אַלע פריצים — אָבער דו, גאָט, נאָט פון אונזער הימעל, האָסט דו דען געמאַכט יד אחת מיט דעם פריץ! די אַלטע קברים האָבען מיר געלאָזען אין דער היים, די ווייבער און די קינדער האָבען מיר גענומען מיט זיך. איז דען ניט געווען גענוג פלאַץ פאַר אונז אַלעמען אויף אונזער בית־עלמין?

די נאַכט האָבען מיר צוגעבראַכט אויף דעם „קייזער וויל־העלם דער צווייטער“. צום פריהשטיק אויף מאָרגען האָבען שוין אַלע גערעדט מכח די ווייטערע נסיעה. אַן אַמעריקאַנער, מסתם אַ ליט, איז נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען אין רעטונגס־גאַרטעל.

אַלע קאַיוטען־פּאַסאַזשירען האָט פערנומען דער „אימפּעראַטאָר“. ווען „קייזער ווילהעלם דער צווייטער“ איז „גלית הפּלשתי“, איז דער „אימפּעראַטאָר“ „עוג מלך הבשן“. ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַמעריקאַנער וואָלקען־קראַצער, וואָס האָט זיך אויסגעצויגען אין דער לענג אָנשטאָט אויסצושטרעקען זיך אין דער הויך. עס ווענדט זיך אָן דער נאַטור. דער טהורם פון בבל און די וואָלקען־קראַצער האָבען די נאַטור צו ציהען זיך אין דער הויך; די ווינטער־נעכט, דער אידישער גלות און די מאָדערנע שיפען האָבען פערקעהרט די טבע צו ציהען זיך אין דער לענג, און די גבירישע חוצפה ציהט זיך אַלעמען אויף צו להכעים דוקא אין דער ברייט. מיט דעם „אימפּעראַטאָר“ זיינען טאַקע געפאָהרען זעהר פיעלע אַמעריקאַנישע, ענגלישע און דייטשע גבירים, און זייער ברייטע חוצפה האָט פערנומען די גאַנצע לענג פון שיף. עס איז *זייער* וועלט, זיי גיבען דאָס צו פיהלען. די יבשה איז זייערע, כדי זיי זאָלען קאָנען בויען פּאַלאַצען און וואָלקען־קראַצער, דער ים געהערט זיי, כדי זיי זאָלען קאָנען מאַכען לוסט־רייזען, און די זון און די לבנה און די שטערען זיינען דאָ, כדי זיי זאָלען האָבען, ווען עס פערגלוסט זיך זיי, אויף וואָס אַ קוק צו טהאָן. פון דעם שיף איז דאָך אַבגערעדט, עס געהערט דאָך געוויס זיי. די מענשהייט איז דאָך איינגעטהיילט אין צוויי חלקים: *זיי* און די *אַנדערע*. צוליעב די *אַנדערע* וואָלט קיינעם ניט איינגעפאַלען צו בויען אַן „אימפּעראַטאָר“. פערנעהמען *זיי* טאַקע די האַלבע וועלט. אויף דעם ענטשפּרעכענדען שטח פון אַ קאַיוטע, וואָס עס פערנעהמט איינער פון *זייערע*, ליעגען איז צווישען־דעק איינגעפּאַקט לכל הפּחות צעהן פּאַסאַזשירען, און אפשר אַ גאַנצער מנין נאָך מיט אַ צוגאָב. דער מקח פון דער קאַיוטע איז, למשל, צוויי הונדערט דאָלאַר, דער מקח פון דעם זעלבען שטח אין צווישען־דעק איז לכל הפּחות צוויי מאָל אַזוי פיעל. און ווען מען זאָל נאָך צורעכענען די רויך־זאַאַלען, צווייענדיגע שפּיעל־זאַאַלען, פאַר קאָרטען און מוזיק, די פערשיעדענע שפּייזע־זאַאַלען, די לעזע־זאַאַלען, — זיי זיינען כמעט תמיד לעדיג, — די גימנאַסטישע זאַאַלען, די איינפאַכע איינצעל־בעדער

און די שווים־בעדער, די עזרת נשים און די קינדער־זאַלען, וואוהין די צווישען־דעק פּאַסאַזשירען טאָרען אפילו ניט אריינקוקען, וועט אויסקומען, אז זיי בעצאָהלען פאַר זייער פּלאַץ אַן ערך אַ צעהנטעל פון דעם, וואָס די אַנדערע בעצאָהלען, און דאָך, די אַנדערע טהוט מען אַ טובה, וואָס מען נעהמט זיי; זיי אָבער טהוען אַ טובה, וואָס זיי לאָזען זיך נעהמען.

שטימט דער חשבון מעהר ניט ווי פאַר דעם „אימפּעראַטאָר“? איז דאָס דען ניט אַ חשבון צדק פאַר די גאַנצע ציוויליזירטע מענשליכע געזעלשאַפט? מעהר ניט, אַז מען לעבט אין טומעל, טומעלט מען זיך און מען פערטומעלט דעם חשבון. אויפ'ן ים אָבער, ווען מען פיהלט זיך ווייט פון דער גרויסער, טומעלדיגער וועלט, זעצען זיך אָב די מחשבות, זיי קלאָרען זיך אויס, און דער חשבון ווערט בולט'דיגער. איך האָב טאַקע דעריבער זעהר ליעב אַ ים־רייזע. נאָך שענער מוז עס זיין צו פאָהרען מיט אַ פּשוט'ען שיף, געטראָגען ווערען פון דעם ווינד און די וועלען און ניט זעהן פאַר זיך ניט די אונצעהליגע רעדער פון די מאַשינען און ניט די רייכע אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפט. און נאָך שענער מוז עס זיין אין דעם מדבר. אָט אַזוי, וואַנדערען פאַר זיך און פיהלען זיך פאַר זיך און אריינקוקען אין זיך אַליין. ניט אומזיסט איז דער גרעסטער, קרעפטיגסטער און עלעמענטאַרסטער בעגריף פון פרייהייט געבאָרען געוואָרען אין מדבר. ניט אומזיסט איז די תורה געגעבען געוואָרען אין מדבר, און ניט אומזיסט האָט משה צוערשט פערלאַנגט ארויסצופיהרען די אידען נאָר אויף עטליכע טעג אין מדבר. אין מצרים איז געווען צו טומעלדיג, און די אידען האָבען געוויס ניט פערשטאַנען דעם חשבון, וואָס ער האָט זיי געמאַכט. ער האָט דעריבער גערעכענט, אַז אין מדבר וועט ער זיי בעסער קאָנען מסביר זיין דעם אונטערשיעד צווישען קנעכטשאַפט און פרייהייט.

דער ים און דער מדבר — נאָך אַ דאַנק דעם בורא, וואָס עס איז נאָך עטוואָס דאָ אויף דער וועלט פריי און הפקר, וואו עס קאָן נאָך אויפבליהען אַ פרייער געדאַנק, אַן אונאָבהענגיגע מחשבה.

[faint stamp]

מיט דער יבשה האָט זיך דער בורא כביכול אָבגענאַרט. ער האָט זי געשענקט פאַר אַ מתנה דעם מענשען, אַלס דרשה־געשאַנק דעם ערשטען פאָרעל, און עס האָבען זי איינגענומען די מענשען, ניט אַלע מענשען, נאָר איינציגע, עראַבערער, תקיפים, מענשען, וועלכע קאָנען קיין מאָל ניט זאט ווערען, יחידים, וואָס וואָלטען וועלען איינשלינגען די גאַנצע וועלט און איינער דעם אַנדערען, כדי צו קריגען נאָך אַ שטיקעל, נאָך אַ שטיקעל.

און מערקווירדיג. דער בורא האָט בעשאַפען צוערשט די לופט, נאָכהער דאָס וואַסער און צולעצט ערשט די יבשה. זיינען געקומען די עראָבערער און האָבען אָנגעהויבען איינגעהמען די וועלט אין פונקט אַ פערקעהרטען סדר. צוערשט האָבען זיי פער־כאַפּט די יבשה, דערנאָך האָבען זיי זיך אָנגעהויבען שלאָגען פאַר די ימים און איצט האָבען זיי שוין דערגרייכט צו דער לופט. לעת עתה שלאָגען זיי זיך אין דער לופט — ווער וויים, אפשר וועט נאָך קומען אַ צייט, און זיי וועלען זיך שלאָגען פאַר דער לופט. און דאָרט, וואו דער עראָבערער לעגט ארויף זיין שווערע האַנד, וואַקסט ניט די פרייהייט, וואָרים די פרייהייט איז אַן עדעלע פלאַנצע, זי ליעבט ניט די דריקענדע האַנד פון דעם עראָבערער.

און אפשר האָט טאַקע דער בורא געשאַפען מיט אַ כונה נאָר איין חלק יבשה און פיעל חלקים ימים, און לופט האָט ער אונז געגעבען לרוב, און אויף דער יבשה גופא האָט ער נאָך געשאַפען מדבריות, כדי דער עראָבערער זאָל ניט קאָנען אַלעס איינגעהמען, כדי עס זאָל נאָך בלייבען גענוג פרייער פּלאַץ און רוים, וואו דער מענשליכער גייסט זאָל קאָנען אַברוהען, וואוהין ער זאָל קאָנען פליהען בשעת הדחק, ווען עס ווערט דאָ אַ ביסעל צו ענג פון דער שטענדיגער מלחמה, פון דעם שטענדיגען געדרענג, פון דער איי־ביגער יאָגעניש. געבענשט זאָל זיין זיין נאָמען פאַר די שעהנע לופט, פאַר דעם וואונדערבאַרען ים און פאַר דעם סודות׳דיגען מדבר!

בעריהמענדיג זיך מיט זיין גאַנצער לענג, ברייט אין דער רעה, איז דער „אימפּעראַטאָר“ אריין, ניט מאַיעסטעטיש, נאָר ווי אַן אויפגעקומענער עושר, אין דעם זיכערען האַפען פון ניו יאָרק.

אַ מלחמה אויפ׳ן ים

דאָס זיינען געווען די שרעקליכע פינף טעג און פינף נעכט אין רעכטען מיטען ים, ווייט פון דער מדינה, וועלכע דאָס שיף האָט ערשט מיט איינינע טעג צוריק פערלאָזען אין פריעדען, אויך ווייט פון דעם האַפען, וואוהין דאָס שיף האָט זיך געריכט אָנצוקומען אין אַ פּאָר טעג אַרום בשלום. איך רעכען, אַז קיינער וועט זיי ניט פערגעסען, די פינף טעג און די פינף נעכט, קיינער פון די, וועמען עס האָט זיי דורכגעלעבט, ווײַרום צו טיעף איז ד׳ער רושם, וועלכען זיי האָבען איינגעקריצט אין זכרון פון די טויזענדע פריעדליכע מענשען, וועלכע האָבען מיט אַמאָל, ווי דורך די ווירקונג פון אַן עלעקטרישען פונק, פערלאָרען זייער גלייכגעוויכט, איינגעטיילט זיך אין פיינדליכע גרופּען און אָנגעהויבען צו קוקען איינע אויף די אַנדערע מיט אויגען פול רציחה און שנאה — שרעקליכע שנאה, אויף לעבען און טויט.

גלייך ווי מאַנכע פליסיגקייטען, וועלכע זיינען צוזאַמענגעזעצט פון פערשיעדענע עלעמענטען. די עלעמענטען לעבען מיט איינאַנדער בשלום, זיי זיינען כעמיש פערבונדען, יעדער פון זיי האָט געמאַכט אַ פּשרה, האָט מוחל געווען אויף אַ חלק פון זיין זעלבסטשטענדיגקייט, האָט זיך פערשמאָלצען מיט זיינע חברים. מיט אַמאָל דערשמעקט די פליסיגקייט אַן עלעקטרישען שטראָם — אוים מיט דער פריינדשאַפט, אוים מיט דער שכנות, אוים מיט דער מחותנ׳שאַפט. אוים מיט דער פערבינדונג. עס האָט זיך דערוועקט די פערגראָבענע שנאה פון עלעמענט צו עלעמענט, די אָבשטויסונגס־קראַפט האָט איבערגעוואויגען די אנציהונגס־קראַפט, און דער צוזאַמענגעזעצטער קערפּער האָט זיך אויפגעלעזט אין זיינע בעשטאַנדטהיילען, אין זיינע עלעמענטען — אַזוי דריקט זיך אוים דער נאַטור־פאָרשער.

איז די סאָציאַלע פערבינדונג פון די פערשיעדענע נאַציאָנען שטאַרקער ווי די כעמישע פערבינדונג פון פערשיעדענע עלעמענטען? טראָגט ניט אין זיך דער מענש קיין פּולווער און ווייס אַליין ניט, אַז ער איז אָנגעלאָדען? קאָן ניט זיין פּולווער יעדע מינוט עקס־

פלאָדירען, אויסברעכען אין אַ פלאַם, אויפרייסען אלעס, וואָס ליגט אויפ'ן וועג און מאַכען אַן איבערקעהרעניש אַרום זיך? וואו איז חבר'שאַפט, וואו איז פריינדשאַפט, וווא איז אינטערנאַציאָנאַליזם, ווען עס קומט דער פונק און צינדט אָן דעם פּולווער אין דעם מענ־שען, אין דער געזעלשאַפט, אין דער נאַציאָן? דער מענש וואַרפט אַראָב פון זיך דעם „צלם אלהים", דער קעניג פון דער גאַנצער נאַטור, דער פּאר, דער תכשיט, דער גרויסער נבוכדנצר שטייגט אַרונטער פון זיין כסא מלוכה און פערוואַנדעלט זיך אין אַ ווילדע חיה, אַ נאַקעטע חיה, מיט אַלע אינסטינקטען פון אַ חיה.

איך האָב דאָס געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען. איך האָב דאָס געזעהן אין אַ קליינעם מאַסשטאַב, ווען דער דראַטלאָזער טע־לעגראַף האָט אונז געבראַכט אין מיטען ים, אויף דער פראַכטשיף „קראָנפּרינצעסין צעציליע", די ידיעה וועגען דעם אויסברוך פון דעם וועלט־וואולקאַן, וועלכער האָט געבראַכט מיט זיך די מורא'דיגע קאַטאַסטראָפע.

עס איז כדאי צו פערצייכענען, אַז נאָכדעם ווי עס איז שוין געוועזן געוויס, אַז עסטרייך געהט ערקלעהרען סערביען מלחמה, האָט נאָך קיינער ניט געגלויבט, אַז גאַנץ אייראָפּא כמעט איז „ערב מלחמה". אדרבא, די פּרעסע און די עפענטליכע מיינונג האָבען בע־טראַכט די עסטרייכישע דראָהונג מעהר ניט ווי אַ דיפּלאָמאַטישען שאַך־צוג, כדי אָנצושרעקען די קליינע באַלקאַן־מדינה, און אַלע, כמעט אָהן אַן אויסנאַהם, האָבען געגלויבט, ניין, זיינען געוועזן זיכער, אַז דער סכסוך וועט דערשטיקט ווערען אין רעכטען אָנהויב, און אַז די גרויסע מלוכות וועלען העלפען איינלעשען דאָס פייער. יעדער בעזונדער ווייס, אַז די דיפּלאָמאַטיע איז דערצו געשאַפען, כדי צו בעהאַלטען דעם אמת, אָבער די מענשהייט אין אַלגעמיין איז תמיד נאַאיוו, און וויפיעל מאָל מען זאָל זי ניט אָבנאַרען, גלויבט זי דאָך אין די האָניג טריפענדע רעדען פון די גרויסע דיפּלאָמאַטען.

און וועגען שלום האָט דאָך געדעדט די גאַנצע וועלט. די גרעסטע מלוכות האָבען קאָנקורירט אין פערזיכערען דעם עולם, אַז אַלע וואָס זיי טהוען איז נאָר צוליעב די ערהאַלטונג פון דעם שלום. בויט מען נייע קריעגס־שיפען, איז דאָס צוליעב שלום, בויט

מען נייע פעסטונגען, איז דאָס צוליעב שלום, פערגרעסערט מען די אַרמעען, איז דאָס צוליעב שלום. מען וויל נאָר אָבהיטען און שיצען דאָס „אייראָפּעאישע גלייכגעוויכט", אָדער די האַרמאָניע פון דעם „אייראָפּעאישען קאָנצערט" — דאָס זיינען געווען די צוויי שלאַגווערטער, מיט וועלכע די דיפּלאָמאַטען האָבען אָפּערירט און וועלכע זיי האָבען אריינגעשטעלט אין יעדער איינציגער רעדע אָדער אָפּיציעלער ערקלעהרונג.

דער 22טער יולי. אַן ערך פיער וואָכען האָב איך צוגעבראַכט אין אַמעריקאַ. איך האָב זיך געזעהן מיט אַלע חברים און געזי־נונגס־גענאָסען, וועלכע איך קען פון פריהער, דורכגעשמועסט זיך מיט זיי וועגען אַלע אונזערע שותפות'דיגע פּאַרטיי־ענינים, געהאט געלעגענהייט אויפצוטרעטען עפענטליך אין איינינע גרויסע פאָלקס־פערזאַמלונגען, צוצוהערען זיך צו די הערשענדע שטימונגען און שטרעמונגען אין דער אַמעריקאַניש־אידישער וועלט — און איך פיהל זיך בעפריעדיגט און צופריעדען. בעפריעדיגט — וויל איך זעה קלאָר, אַז דאָס אַמעריקאַניש־אידישע בעוואוסטזיין ענטוויקעלט זיך אין דער געווינשטער ריכטונג, דער נאַציאָנאַלער געדאַנק געווינט אַלץ מעהר באָדען און דרינגט אריין אין דאָס בעוואוסטזיין פון ברייטערע פאָלקס־מאַסען: צופריעדען — וויל איך פיהל, אַז איך האָב זיך צונויפגערעדט מיט מיינע חברים. איך פערשטעה זיי בעסער און אויך זיי פערשטעהען מיך בעסער, ד. ה. מיך אַלס שליח, אַלס פערטרעטער פון אַ בעשטימטען פּראָגראַם און פון אַ בעשטימ־טער שיטה, ווי מען זאָל דאָס פּראָגראַם דורכפיהרען. איך בין נאָך מעהר צופריעדען, וואָס איך האָב אויסגעפיהרט מיינע שליחות צום בעשטימטען טערמין, אָט פונקט נאָך דעם פּלאַן, וועלכען מיינע חברים און איך האָבען אויסגעאַרבייט דאָרט, אויף יענער זייט ים.

וואָס זיינען אַהנונגען? אַהנונגען זיינען אַ חלום. איך האָב זיך אומזיסט געשראָקען, אומזיסט געהאַט אַ ווידערווילען געגען מיין נסיעה מיט איינינע וואָכען צוריק. אַי, וואָס איז, דער צוויי־שען־פאַל אויף דער רייזע נאָך אַמעריקאַ, דער צוזאַמענשטויס מיט נאָך אַ שיף אין דונקעלען נעבעל, דער שרעק און דער רעטונגס־גאַרטעל — דאָס איז אַ צופאַל, עס טרעפט זיך אַמאָל. צוויי מאָל

נאָך אנאנדער קאָן אזא זאך ניט פּאסירען. עס איז דאָ א צווייג אין דער מאטהעמאטיק, „די טהעאָריע פון וואהרשיינליכקייטען“. דיעזע טהעאָריע ווייזט אויף מיט אותות ומופתים, אז עס איז דאָ א געוויסע געזעצמעסיגקייט אפילו אין צופעליגקייטען. למשל, אזוי פיעל און אזוי פיעל בריעף ווערען ארייגעוואָרפען אין א מדינה א יאָהר נאָך א יאָהר אָהן בריעף־מארקען אין פּאָסט־קאסטען, אזוי פיעל און אזוי פיעל בריעף ווערען ארייגעוואָרפען דוקא מיט מארקען נאָר אָהן אן אדרעס, אזוי פיעל און אזוי פיעל אייזענבאהן־צוגען געהען ארונטער אין א משך פון א בעשטימטער צייט פון די רעלסען, אזוי פיעל און אזוי פיעל שיפען האָבען אין א משך פון א בעשטימטער צייט א צוזאמענשטוים מיט א שיף אָדער אן אייזבערג, און אזוי ווייטער. איך האָב אמאָל זיך אינטערעסירט מיט דער טהעאָריע פון וואהרשיינליכקייטען און איך האָב גע־וואוסט, אז א צופאל נאָך א צופאל קומט פאָר זעהר זעלטען, אָט טאקע גאָר זעלטען.

איך האָב מיין שיפסקארטע, מיין געפּעק איז שוין לאנג אויף דער „קראָנפּרינצעסין צעציליע“, איך האָב נאָך צו האלטען, איידער דאָס שיף נעהט אָב, אן אבשיעדס־פּאָרטראג. איך בין ווידער צופריעדען. איך האָב ניט ליעב קיין באנקעטען, איך האָב ניט ליעב קיין אָפיציעלען „זייט געזונד“, בעסער אן אסיפה. עס דוכט זיך מיר, איך האָב נאָך ניט אלעס געזאָגט, נאָך ניט אלעס ער־קלעהרט. דער זאָל איז געפּאקט, און די צוהערער בעגייסטערען מיך. וואָלטען נאָר די צוהערער געוואוסט, אז זעהר אָפט גיבען זיי דעם רעדנער מעהר מיט זייער צוהערען ווי דער רעדנער גיט זיי מיט זיין רעדע. נאָר דאָס מוז בלייבען בסוד, כדי די צוהערער זאָלען זיך ניט אָנהויבען איבערצונעהמען.

רעד איך מכח מלחמות און מכח די ראָליע, וועלכע דער שר של מעלה, דער שר האומה, שפּיעלט. א מלחמה איז ניט אזוי פּשוט. וואָרום ווען דער נצחון וואָלט זיך וועגדען נאָר פון דער פיזישער קראפט פון די צדדים, וואָלט מען דאָך פריהער געקאָנט וויסען, ווער וועמען וועט איינגעהמען. די פיזישע קראפט אליין ערקלעהרט אונז צו ווייניג די גרויסע געשעהעניסען פון דער וועלט־

געשיכטע. אויסער פיזישע קראַפט, אויסער ענטוויקעלטע טעכניק און אַנווענדונג פון דער טעכניק אין לעבן האָט יעדעם פאָלק זיין אייגענעם גען. דער גניוס, אָדער ווי די אַלטע בעצייכענען איהם — דער שר האומה, פערטרעט די אינטערעסען פון זיין פאָלק אויבען, און איידער די פעלקער פיהרען מלחמה דאָ אונטען, ראַנגלען זיך צוערשט די שרים אויבען. — אזוי בעהויפּטעט אַן אַלטע זאָגע — און דאָס פאָלק, וועמעס שר האָט מנצח געווען אויבען, איז אויך מנצח דאָ אונטען. איך דענק אָבער גאָר ניט פון די איירא־פּעאישע פעלקער און פון זייערע סכסוכים, איך דענק נאָר פון אונזער אייביגען קאַמפּף פאַר אונזער נאַציאָנאַלעם דאַזיין און פון דעם, וואָס מיר האָבען אויסצושטעהן פון אונזערע געגנער.

מיר שווימען. די געוועהנליכע אַרומשווימענדע אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפט. דאָס וועטער איז הערליך. די לופט איז מילד און דורכזיכטיג און די „קראָנפּרינצעסין צעציליע“ בעוועגט זיך גראַציעז אויף דער גלאַטער אויבערפלעכע פון דעם ווייטען און ברייטען אָקעאַן. די פּאַסאַזשירען זיינען פערגניגט, שפּיעלען פערשיעדענע שפּיעלען, שליסען אָב די געוועהנליכע וועטען, וויפיעל מיילען דאָס שיף וועט מאַכען אין קומענדען מעת־לעת; ניטאָ קיין סימן פון אונרוהע, קיין זכר פון דונקעלע אהנונגען. יעדען טאָג, פּינקטליך ווי אַ ריכטיג־געהענדער זייגער, ערשיינט די טעגליכע שיפס־ציימונג, האַלב דייטש, האַלב ענגליש. אין דער צייטונג ווערען געדרוקט דראַטלאָזע טעלעגראַמען און אַלטע קורצע מעשה־לעך פאַר קינדער און פאַר ערוואַקסענע, וואָס ווילען צוברענגען זייער צייט ווי זאַרגלאָזע קינדער.

עס איז אָנגעקומען די ערשטע ערנסטע דראַטלאָזע ידיעה. עסטרייך האָט דעפיניטיוו ערקלעהרט מלחמה סערביען. נאָר די ידיעה מאַכט ניט קיין רושם. דאָס פּובליקום איז ווייטער לוסטיג, די שטימונג בלייבט די זעלבע. אין גרויסען פּראַכטזאַל פון שיף האַלט אַ יונגער געלעהרטער אַ פאָרטראַג מיט דעמאָנסטראַציאָנען איבער דראַטלאָזע טעלעגראַפיע. אַלע זיינען זעהר פּעראינטערע־סירט. דער לעקטאָר ערקלעהרט דעם גרויסען נוצען פון דער דראַט־

לאָזער טעלעגראַפּיע אין פּריעדענס צייטען, בעזאָנדערס אָבער אין מלחמה צייטען. עס זיצען דייטשען, אַמעריקאַנער, פראַנצויזען, איטאַליענער, רוסען, בירגער פון די ב ע פ ר י י נ ד ע ט ע גרויס־מעכטען, און הערען זיך רוהיג צו. די מלחמה־צייטען זיינען אַזוי ווייט.

פרייטאָג אָווענד איז אַ באַל. די יוגענד וויל טאַנצען. דער ים איז אפילו עטוואָס בעוועגט, נו מילא, ווילען זיך די טאַנצענדע פּאָרלעך פעסטער האַלטען אָן אייננאַנדער אויבען אויפ׳ן דעק פון שיף. דערפאַר איז אָבער דער הימעל אַזוי שעהן און די לבנה אַזוי העל און קיילעכדיג פול.

מיט אַ מאָל בעמערקט איינער פון דער געזעלשאַפט: אוי, מיינע דאַמען און הערען, קוקט, וואָס איז דאָס געשעהן, די לבנה האָט אַפּנים אַ טעות געהאַט. זי איז דאָך ביי אונז געווען די גאַנצע צייט פון דער רעכטער זייט, איצט איז זי פון דער לינקער זייט! דער דזשענטעלמען איז מסתמא געווען אַן אַסטראָנאָם. אָבער קיינער האָט זיך ניט געוואונדערט. וואָס קימערט זיך אַ טאַנצענדעס פּובליקום פאַר אַ רעכטע אָדער אַ לינקע לבנה, און ווי קאָן מען מערקען, ווען מען דרעהט זיך אין טאַנץ, וואו איז רעכטס און וואו איז לינקס.

דער טאַנץ איז נאָך ניט צו ענדע. מאַטראָזען רופען אויס: מען בעט דעם עולם אין זאַל. דער קאַפּיטאַן פון שיף האָט עטוואָס וויכטיגעס מיטצוטהיילען.

אַלע שטעהען אין זאַל, געדרענגט אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ. דער קאַפּיטאַן שטעהט אין מיטען. ער ערקלעהרט קורץ און שאַרף: מיר זיינען אין מלחמה, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד און רוס־לאַנד. זייט רוהיג, מיר שווימען צוריק. איך ווייס נאָך ניט וואוהין. איך וועל טהאָן מיין חוב. איך וועל זיך בעמיהען צו ברענגען אייך אין אַ זיכערען האַפען. רעגט זיך ניט אויף, פערהאַלט זיך ערנסט פון דעם מאָמענט. אַלע ווייטערע ידיעות וועט איהר ערהאַלטען פון מיר.

דער אַסטראָנאָם האָט קיין טעות ניט געהאַט, אויך די לבנה האָט ניט געהאַט קיין טעות און האָט זיך ניט אַזוי אומגעדרעהט

פון רעכטס נאָך לינקס. דאָס האָט זיך די גרויסע וועלט אַ ק ע ה ר געטהאָן. דאָס שיף מוז זיך ריכטען ניט נאָך דער לבנה, נאָר נאָך די וועלט עראייגניסען...

אוים פרייוויליגע פּאסאזשירען, אוים בעלי־בתים! מיר זיינען אַלע אריבער אין רשות פון קאַפּיטאַן. אונזער גורל איז אין זיינע הענד. אוים אינטערנאציאָנאַלע געזעלשאַפט. עס זיינען דאָ נאָר בעזונדערע גרופּען: ענגלענדער, פראנצויזען, דייטשען און אזוי ווייטער. עס זיינען דאָ ניט־נייטראַלע און נייטראַלע גרופּען. דער קאַפּיטאַן פון שיף האָט געמוזט אָנווענדען זעהר פיעל טאַקט, זעהר פיעל קראַפט, צו האַלטען דעם שלום אויף זיין שיף.

דאָס שיף האָט געפיהרט מיט זיך אַ גרויסען יחסן: צוועלף מיליאָן דאָלאַר אין גאָלד. די מאַטראָסען האָבען דערצעהלט יעדען איינציגען פּאסאזשיר בסוד, אַז זיי וועלען דאָס גאָלד בשום אופן ניט אָבגעבען דעם שונא, זיי וועלען זיך ראַנגלען ביז צום לעצטען אָטהעמצוג. די פּאסאזשירען האָבען כמעט אויפגעהערט צו רעדען אויפ'ן קול, מען האָט געהאַלטען אין איין סוד'ען זיך. דאָס שיף איז געגאַנגען מיט זיין גאַנצען דאַמפּף־כח, 25 זעע־מיילען אַ שעה, ניט געקוקט אויף נעבעל און דונקעלהייט. זיינע אויגען האָט ער ארומגעבונדען. אויבען האָט ניט געטאָרט שימערען איין ליכטעלע ניט. די פענסטער זיינען געווען פערהאַנגען מיט שווערע פאָר־האַנגען, וואָס לאָזען קיין ליכט־שטראַהלען ניט דורך. מיר האָבען נאָך אַלץ ניט געוואוסט, וואוהין מיר שווימען. מיר האָבען ניט מעהר קיין איינענעם רצון, דאָס הייסט, מיר האָבען איהם, אָבער מיר ווייסען, אַז מיר זיינען „געפאַנגענע“ און הענגען אָב פון אַ פרעמדען רצון. מיר האָבען אָבער אַלע געפיהלט, אַז אונז פיהרט אַ בר־סמכא, שטרענג און הארט ווי שטאָל, אָבער עהרליך און צופערלעסיג. ער וועט שוין רעטען זיין שיף, די פּאסאזשירען און דאָס גאָלד.

דעם לעצטען טאָג האָבען מיר שוין געוואוסט, וואו מיר זיינען אין דער וועלט, דאָס הייסט, וואו מיר זיינען אויפ'ן ים. מיר שווימען אין דער צפון־ריכטונג. מיר זיינען ביי קאַנאַדאַ. פון ווייטען זעהט מען פישער־שיפלעך. אַט זיינען זיי פערשוואונדען.

זיי געהען דאָס אַנזאָגען די ענגלישע קריעגס־שיפען, און באַלד מסתמא וועט מען אונז געבען א וואַרימען קבלת פּנים. עס רוקט זיך אָן די נאַכט. עס איז פינסטער. א געדיכטער נעבעל פערשטעלט די לבנה און די שטערען. די שיף מאַכט עפּעס קאָמישע בעוועגונגען. עס געהען אַרום שטומע מאַטראָזען. דער קאַפּיטאַן שטעהט אויף זיין קאָמאַנדאַ־בריק און שטרענגט זיך אָן דורכצושטע־כען מיט זיין שאַרפען בליק די דונקעלהייט פון דער נאַכט און דעם נעבעל.

עס איז א „ליל שמורים“. פון אַלע קאַיוטען־פענסטער שטע־קען אַרויס פּאַסאַזשירען־קעפּ. מען פיהלט, עס קומט א וויכטיגער מאָמענט. דאָס שיף בעוועגט זיך קוים, קוים. עס הערט זיך דער קלאַנג פון שווערע קייטען, ווען זיי לאָזען זיך אַראָב. דאָס זיינען די קייטען פון אַנקער. דער אַנקער איז א סימבאָל פון האָפנונג. עס הויבט אָן צו טאָגען. די ערשטע זון־שטראַהלען צושלאָגען דעם נעבעל. עס הויבען אָן אַרויסצושווימען גרינע בערגלעך. עס גלויבט זיך ניט די אייגענע אויגען. עס מוז זיין א כשוף. און די גרינע בערגלעך ווערען אַלץ מעהר און מעהר, ביז די גאַנצע אומגעבונג ווערט גרין — אָט שטעקען אַרויס פון ווייטען הייזער, נאַסען זעהען זיך, א גאַנצע שטאָדט!

מיר זיינען אין באַר האַרבאָר, אין די פעראייניגטע שטאַאַטען.

קיין שונא האָבען מיר ניט בעגעגענט, און דאָך האָט זיך עפּעס געפיהלט ווי נאָך א מלחמה אויפ׳ן ים.

אָנהויב אוגוסט, 1914.

די מלחמה.

די מלחמה איז געקומען ווי א בליץ פון קלארען הימעל. קיינער האט זי ניט ערווארטעט, קיינער האט ניט געגלויבט, אז זי וועט אזוי גיך אויסברעכען. ערשט נאך דעם, ווי די מחנות סאלדאטען האבען אנגעהויבען מארשירען צו די גרעניצען, ערשט נאך דעם ווי די הארמאטען האבען אויפגעעפענט זייערע מיילער און אנגעהויבען שפייען פייער, ערשט נאך דעם ווי די קריעגס־שיפען פון די פיינדליכע מדינות האבען אנגעהויבען בעגריסען איינע די אנדערע אויף אן אש להבה'דיגען אופן — ערשט נאך אלעם דעם האבען זיך געמעלדעט די חכמים און אנגעהויבען זאגען נביאות פון דעם שטורם נאך דעם שטורם. אט די נביאים ווייסען גאנץ גוט, אז דער געוועהנליכער לעזער, דער דורכשניטס־לעזער איז אפילו אין פריעדליכע צייטען פערטהאן אין זיינע עסקים און זיין זכרון איז מטופל מיט טויזענד ענינים, און ער קען ניט געדענקען, וואס דער איינצעלנער שרייבער האט געזאגט מיט א וואך אדער גאר מיט חדשים צוריק. בפרט נאך, ווען עס ברעכט אויס אזא וועלט־מלחמה, ווען עס צופלאקערען זיך די גרעסטע מדינות, ווען די גאנצע וועלט ווערט צוטהיילט אויף צוויי גרויסע מחנות פון ביטערע שונאים — דאן שטעהט דער גרויסער עולם ווי מטושטש, ער פערליערט דעם שליסעל פון די פערפלאנטערטע געשעהעניסען. און ווילענדיג אדער ניט ווילענדיג גיט ער זיך איבער צו די זשורנאליסטען אין די הענד, וועלכע ציהען אויף זיך ארויף א נביאות־פנים און הויבען אן צו בעווייזען, אז אלץ איז אייגענטליך פשוט, אז דאס וואס איז געשעהן איז גאר ניט פארגעקומען פלוצלונג, עס איז אדרבא מחויב געווען צו קומען, ווארום והא ראיה זיי אליין האבען דאס פאראויסגעזעהן נאך מיט אזויפיעל און אזויפיעל חדשים אדער גאר יאהרען צוריק. היינט געה און קאנטראליר זיי!

דער אמת איז אָבער, אַז קיין מלחמה אין דער וועלט איז ניט געקומען אַזוי אומגעריכט אַזוי פּלוצלונג ווי די לעצטע מלחמה. מיט איין האַנד האָט מען געשריבען אולטימאַטומס, דאָס הייסט לעצטע אזהרות, און מיט דער אַנדער האַנד האָט מען שוין געזאַמעלט דעם חיל. כדי צו יוצא זיין פאַר דער וועלט, האָט מען נאָך אַריינ־געבראַכט אַ פּאָר ווערטער וועגען ערהאַלטען דעם שלום, און בשעת די ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרען פון די קיסרים־טהראָנען, האָט מען שוין געגרייט פאַר די מחנות צידה לדרך: בגדים, ברויט און גוט אָבגעשלייפטע שווערדען און שפּיזען. מען האָט זיך געאיילט, גלייך ווי הינטער די טהראָנען איז געשטאַנען דער מלאך המות אליין און האָט מיט זיין האַרטער ביינערנער האַנד געשטופּט און גע־צוואונגען און ניט געגעבען קיין צייט פאַר איבערלעגעניש, פאַר ישוב הדעת. דער קעסעל, וואו עס האָט זיך געקאָכט צעהנדליגער יאָהרען די פעלקער־שנאה, האָט מיט איין מאָל דערגרייכט דעם זיד־פּונקט און איז אַריבערגעלאָפען איבער'ן ברעג. ניין, דער קע־סעל האָט געפּלאַצט און דאָס זידענדע גיפט האָט זיך צושפּרייט אין אַלע ווינד־ריכטונגען. די וועלט האָט זיך פער'סמ'ט, די וועלט איז אַראָב פון זינען. עס האָט זיך דערוועקט אין דעם מענשען די גרויסע חיה, די ווילדע בריאה מיט פיעלע הערנער, וואָס קען ניט זעטיגען דעם הונגער אָהן מענשען־פלייש און קען ניט שטילען דעם דורשט אָהן מענשען־בלוט.

אַריינלאָזען זיך אין חקירות: ווער איז גערעכט, ווער איז אונ־גערעכט? נאַרישקייטען. וואו האַרמאַטען רעדען, הערען אויף דין תורה־טענות; וואו עס קלינגען די שווערדען, פערשטומט דער יושר. אַ שפּריכוואָרט זאָגט: מען משפּט ניט דעם, וואָס האָט דעם נצחון. כל זמן די מענשהייט וועט ניט ווערען איידעלער, כל זמן די מענש־הייט וועט צוגעבען, אַז מלחמות קענען געפיהרט ווערען, כל זמן די עקזיסטענץ פון די שוואַכערע נאַציאָנען וועט ניט זיין געזיכערט דורך די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצען, אַזוי ווי עס איז געזיכערט די עקזיסטענץ פון די שוואַכע פּערזאָנען אין די פערשיעדענע מדינות — ביז דאַן איז דאָס מעהר ניט ווי צביעות און חוצפּה צו רעדען פון יושר און גערעכטיגקייט. און כל זמן אַלע גרויסע מלוכות וועלען

ארויסנעהמען דאָס בעסטע פונ׳ם פאָלק, די יוגענד, און מען וועט זי לערנען מלחמה האַלטען און איין מלוכה וועט וועלען איבער־שטייגען די אַנדערע אין בעסער שיסען און אין בעסער טרעפען; כל זמן די יוגענד וועט מוזען מקריב זיין די בעסטע יאָהרען ניט צו שלייפען דעם מח, נאָר צו שלייפען דעם שווערד; כל זמן די מלוכות וועלען האָדעווען אויפ׳ן חשבון פון ארבייטענדען פאָלק הונ־דערט־טויזענדע פון יחסנים־אָפיצירען — איז דאָס מעהר ניט ווי אַ געלעכטער, ווען מען רעדט בשעת מלחמה וועגען יושר און רחמנות. דער וואולקאַן הויבט אָן צו שפייען פייער אויף איין מאָל. אָבער די בעהאַלטענע כחות, וואָס צווינגען דעם באַרג ארויסצושפייען דאָס פייער, ארבייטען אין איהם גופא אונטער־ערדיש צעהנדליגע, הונדערטע פון יאָהרען. די מלחמה איז אויך מעהר ניט ווי אַ סך־הכל פון דעם מיליטערישען גייסט, וועלכער בעהערשט די פעלקער, וועלכער געהט אריין ווי איינער פון די וויכטיגסטע ערציהונגס־פונקטען אין דעם פּראָגראַם פון לעבען.

מען נעהמט די יוגענד, דעם זאַפט פון דער נאַציאָן און מען פיהרט זי ארויס אויפ׳ן שלאַכטפעלד אונטער די קלאַנגען פון גוט־איינגעשטודירטער מוזיק און מען דערצעהלט דערנאָך מעשיות פון בעגייסטערונג און התלהבות. די יוגענד איז געגאַנגען טאַנצענדיג, מיט חשק און התפעלות און ליעדער אויפ׳ן צונג. צבוע׳קעס! וואָס זאָל די יוגענד אַנדערש טהאָן, ווען זי האָט נאָר איין ברירה, אָדער הרג׳ענען אָדער גע׳הרג׳עט צו ווערען. דער העכט האָט ליעב — אזוי רעדט מען — געקאָכט צו ווערען אין פעפער און זאַלץ־וואסער, און די פלאָנדער האָט ליעב דוקא געבראָטען צו ווערען אין פּוטער. צבוע׳קעס! אי דער העכט אי די פלאָנדער האָבען גאָר ליעב ארומצושווימען פריי אין טייך. אָט זעהט איהר, די האַר־מאָטען קענען באמת ניט שמעהן אייביג אָהן אַ שטאָך נוצען. אָט זעהט איהר, די אָפיצירען מוזען באמת לכל הפחות איין מאָל אין לעבען צייגען, וואָס זיי קאָנען.

די נביאים האָבען דאָס פּראָבלעם פון מלחמה טיעפער פער־שטאַנען, און ווען זיי האָבען גע׳חלומ׳ט פון דער גאָלדענער צייט, האָבען זיי געזאָגט: „זיי וועלען צוברעכען זייערע שווערדען אויף

גראָב־אייזענס און זייערע שפּיזען אויף תבואה שניידמעסער. איין פאָלק וועט ניט אויפהויבען געגען ס׳אַנדערע פאָלק א שווערד און זיי וועלען מעהר ניט לערנען מלחמה“. כדי ניט מלחמה צו האַל־טען, דאַרף מען אויפהערען צו ל ע ר נ ע ן מ ל ח מ ה. מען מוז אומבייטען דאָס גאַנצע סיסטעם. כל זמן מען איז זיך מכין דורות־לאַנג און מען ל ע ר ע נ ט מלחמה, איז די מלחמה אונפערמיידליך, ניט היינט, איז מאָרגען, ניט מאָרגען, איז איבערמאָרגען.

די יבשה און די ימים זיינען צו קנאַפּ פאַר די מאָדערנע ציוויליזירטע נאַציאָנען. אויף דער יבשה און אויפ׳ן ים קאָן מען ארומנעהמען דעם שונא נאָר פון פיער זייטען, זיי פעהלט נאָך דער „הוא ישופך ראש ואתה תשופנו עקב“. עס ווילט זיך טרעפען דעם שונא אַט טאַקע פון אויבען אין רעכטען מיטען קאָפּ און אויך פון אונטען אין רעכטען מיטען פוס־זאָלע. האָט גאָט אריינגעגעבען דעם מענשען א שכל, און דער שכל׳דיגער מענש האָט געשאַפען אַן אונטערוואַסער־שיף און א לופט־שיף. געהט קינדערלעך, איצט קאָנט איהר טרעפען איינער דעם אַנדערען פון אַלע פיער זייטען און פון אויבען און פון אונטען אויך.

מיט יאָהרען צוריק איז איינגעפאַלען איינעם פון די הערשער, וועלכער לעבט נאָר פון דעם, וואָס ער אונטערדריקט אַלעמען און אַלץ ביי זיך אין דער גרויסער מדינה, איבערצוקייען דעם אַלטען געדאַנקען פון שלום. מען האָט איהם כמעט געוואָלט אָנטהאָן א קרוין פון א מלאך, און אין איינע פון די פריעדליכסטע שטעדט פון דער גרינער פריעדליכער מדינה האָלאַנד זיינען טאַקע באַלד צונויפגעקומען אויף דעם יום־טוב פון שלום די מלאָכים פון שלום פון אַלע מדינות און מען האָט דאָרט גוט ארומגעשמועסט דעם ענין פון אַלע זעקס זייטען. מיט דער צייט האָט זיך געפונען א רייכער אַמעריקאַנער און האָט אויפ׳ן אייגענעם חשבון אויסגעבויט א טעמ־פעל פאַר דער קעניגין פון שלום. עס פּאַסט זיך דאָך ניט פאַר אַזאַ איידעלער מלכה צו וואַלגערען זיך אין שכנות. די חנוכת הבית האָט מען אָבגעהאַלטען מיט פּאָמפּ און מיט גלענצענדע רעדען און מיט אַרבע כוסות...

די גרינע פריעדליכע מדינה האָלאַנד ציטערט נעבעך איצט

אליין ווי א בלאט; זי האט נעבעך מורא, מען זאל זי ניט מאכען אוים נייטראל, זי זאל ניט האבען דעם פסק וואס האבען געהאט איהרע שוועסטער לוקסעמבורג און בעלגיען. די פריעדענס־מלכה, זאגט מען, האט זיך אויך דערשראקען און איז פערקראכען אין קעלער.

א רחמנות אויף איהר! אפשר וועט קארנעגיע זיך אויף איהר מרחם זיין און נעהמען זי צוריק אהיים. איצט ווען מען שיקט שיפען מיט גאלד צו ברענגען צוריק אהיים אלע אמעריקאנער, וואלט געווען א מורא'דיגע עולה איבערצולאזען די פריעדענס־געטין אין רעכטען אייראפעאישען טומעל.

סאי ווי סאי זיינען די שיפען פול געפאקט און מיליאנערען ריכטען אב גלות אין צווישען־דעק. וועט זיין מיט איין פאסאזשיר מעהר!

20 אוגוסט, 1915.

דער אידישער חורבן.

נאָך יעדער מלחמה קומען די בעלי חשבון און רעכענען אויס, וויפיעל די מלחמה האָט ביידע צדדים געקאָסט. קיין מאָל אָבער שטימט ניט די רעכנונג, ווייל מען נעהמט אריין אין חשבון נאָר די הוצאות, וועלכע האָבען צו טהאָן מיט דער מלחמה אונמיטעל־באַר, ד. ה. מען רעכענט אויס די אויסגאַבען, אום צו מאָביליזירען דעם חיל, וויפיעל די אַרמעע האָט אויפגעגעסען אין דעם משך פון דער מלחמה און וויפיעל מאַטעריעלען שאדען האָט דער שונא אָנ־געטהאָן: אין צושטערען פעסטונגען, אייזענבאהנען, אין חרוב מאַכען שטעדט, אין זינקען שיפען, פערכאַפּען כלי זיין און עהנלי־כעס. מען פערגעסט אָבער דערביי, אז דאָס אַלץ איז מעהר ניט ווי דער נדן, עס פעהלט נאָך אָבער, כדי דער חשבון זאָל זיין א ריכטיגער, דער רח״ש וכל״ז, דאָס הייסט, וואָס די רבנים, חזנים, שמשים און די כלי־זמר קאָסטען אָב ביי א חתונה. און אזוי ווי עס טרעפט זיך גאַנץ אָפט אז דער רח״ש וכל״ז ביי א שידוך קאָסט אָב מעהר ווי דער נדן, אזוי קומט פאָר, אז די זייטיגע הוצאות פון א מלחמה שטייגען אריבער די קאָסטען פון דער מלחמה גופא. אויף פשוט אידיש הייסט דאָס, מען בערעכענט די סחורה און מען פערגעסט דאָס שניידער־געלד.

מיר רעדען דאָ ניט פון דעם גרעסטען היזק, וועלכען א מלחמה פעראורזאַכט און וועלכער בעשטעהט דאַרין, וואָס די נאַציאָן פער־ליערט א גרעסערען אָדער קלענערען חלק פון איהרע בעסטע יונגענד־ליכע קרעפטען, וואָס זעהר אָפט מוז די נאַציאָן וואַרטען א היבש ביסעל יאָהרען, ביז זי קאָן ווידער כאַפּען אָטהעם און קומען צו זיך. דעם חשבון האָט נאָך קיינער ניט געמאַכט, און מען קאָן איהם אויך ניט מאַכען. עס איז שווער צו איבערזעצען יונגע לע־בענס אין די שפּראַך פון געלד, יונגע לעבענס קאָן מען ניט אָב־

שאצען. איך רעכען, אז אין דעם פונקט געהט עס צו ווי ביים קאָרטען־שפּיעל. עס קומט איינעם פּאָר, אז ער געווינט. אין סך הכל אָבער ווייס מען, אז פון קאָרטען געווינט קיינער ניט — אַלע פערלירען. אָט טאַקע דאָס שניידער־געלד פרעסט אויף סוף כל סוף אַלעס. דערין שטעקט דאָס טראַגישע פון יעדער מלחמה, וואָס אפילו דער געווין איז אויך ניט קיין אבסאָלוטער. ער ווערט בעטראַכט ווי אַ געווין אין פערגלייך צו דעם אַנדערן צד, וואָס האָט נאָך מעהר פערלאָרען.

נאָר פון ד ע ם פונקט, וועלכער איז זעהר וויכטיג, פיעלייכט דער וויכטיגסטער, רעדען מיר דאָ ניט, ווען מיר זאָגען, אז גע־וועהנליך שטימט ניט די רעכנונג, ווען מען חשבון׳ט אוים מלחמה־הוצאות. מיר ווילען זיך אָבשטעלען אויף אַן אַנדער פונקט, אויף אַ ריין מאַטעריעלען פונקט, וועלכען מען לאָזט געוועהנליך אוים ביי דעם חשבון, ווייל ער איז פערמאַסקירט, איז ניט בולט גענוג.

דער פונקט איז: ד י מ נ י ע ת ה ר י ו ח. דאָס איז זיין אַלטער נאָמען אין דער העברעאישער שפּראַך, אַ פיינער טעכנישער אויסדרוק, וועלכער האָט בעקומען בירגער־רעכט אין דער סוחר׳ישער שפּראַך און קאָן אָבער ניט איבערזעצט ווערען קורץ אין די אַנדערע שפּראַכען. מען מוז איהם סיידען ערקלעהרען. „מניעת הריוח" איז ניט דער היזק, וואָס ענטשטעהט פון פערקויפען אַ בעשטימטע סחורה מיט פערלוסט, נאָר דער היזק, וואָס ווערט פעראורזאַכט דורך דעם וואָס מען בעטרייבט ניט דאָס געשעפט מיט דער נויטי־גער ענערגיע, אָדער דורך אַ שטילשטאַנד וואָס טרעט איין אין געשעפט. די סחורה איז דאָ, מען האָט אָן איהר ניט פערלאָרען, מען האָט אָבער פערזוימט די צייט אין וועלכע די סחורה מוז אומ־געזעצט ווערען. דערין ליעגט די טיפע כונה פון דעם ענגלישען אויסדרוק: צייט איז געלד. צייט איז צייט, און ניט געלד, אָבער פערלאָרענע צייט איז פערלאָרען געלד.

דעריבער קומט טאַקע די מלוכה, וועלכע געווינט די מלחמה, און צווינגט דעם צד, וואָס האָט זי פערלאָרען, אויב זי האָט נאָר כח דערצו, און פאָדערט מען זאָל איהר אומקעהרען ניט נאָר די דירעקטע הוצאות פון דער מלחמה נאָר אויך פאַר „מניעת הריוח". דייטש־

לאַנד האָט, צום ביישפּיעל, בעקומען אין יאָהר 1870 פון פראַנקרייך 5 מיליאַרדען. די עצם מלחמה האָט דייטשלאַנד אַפילו די העלפט פון דער סומע ניט געקאָסט. אַט אַזוי איז מען זיך נוהג, זינט מלחמות עקזיסטירען, און אַזוי וועט מען זיך נוהג זיין, כל זמן זיי וועלען נאָך עקזיסטירען.

די מלוכה, וועלכע בעקומט די קאָנטריבוציע, ווען זי איז נאָר עהרליך און זוכט ניט דעם נוצען נאָר פון אַ בעשטימטער, מיוחס'דיגער קלאַסע, וועלכער מען מוז נאָכגעבען אויף דעם חשבון פון אַנדערע קלאַסען, איז מחויב זיך צו בעמיהען, אַז די וואָס האָבען פערלאָרען זייער פערמעגען צוליעב דער מלחמה, זאָלען בעקומען צוריק פון זייער פערלוסט אַ קליינעם חלק לכל הפחות. די מלוכה זוכט אַריינצושפּרינגען דאָרט, וואו דער שאַדען איז געווען אַם גרעסטען, דורך הלואות, פערשיעדענע ערלייכטערונגען אין מלוכה־אָבגאַבען און זעהר אָפט דורך דירעקטע אונטערשטיצונגען פון פער־שיעדענע אינדוסטריע־צווייגען.

איז דאָס גערעדט, ווען די מלוכה, וואָס פיהרט דעם קריעג, בעשטעהט פון איין בעשטימטער נאַציאָן. ווען זי בעשטעהט אָבער פון איינינגע נאַציאָנען, מוזען די אונטערגעאָרדנעטע נאַציאָנען ליידען אַפילו אין דעם פאַל, ווען די מלוכה, פאַר וועלכע זיי האָבען גע־קעמפּפט, איז מנצח. די הערשענדע נאַציאָן איז שטענדיג בילכער. ניט נאָר דעם גרעסטען חלק נעהמט זי צו פאַר זיך, זי נעהמט צו דאָס גאַנצע. דער פריעדען ווערט דאָך געשלאָסען נאָר מיט דער פרעמדער מלוכה, מיט די אייגענע נאַציאָנען ווערט שטענ־דיג מלחמה געפיהרט, און בפרט נאָך מיט די אונטערדריקטע נאַ־ציאָנען.

און דאָ קומען מיר צום פּונקט, וועלכער אינטערעסירט אונז הויפּטזעכליך אין דער שרעקליכער מלחמה, וואָס האָט ארומגעכאַפּט גאַנץ אייראָפּאַ כמעט.

מיר לאָזען דערווייל ארויס פון אונזער חשבון די עסטרייכיש־גאַליציש אידען און אויך די דייטשע אידען, און מיר שטעלען זיך אָב אויף די רוסישע אידען, און ווילען מאַכען אַ חשבון וועגען דעם

מ א ט ע ר י ע ל ע ן שאָדען, וואָס די מלחמה האָט שוין און וועט זיי נאָך פעראורזאכען.

די רוסישע אידען אליין שטעלען אויס אין מלחמה־צייט אן ערך פון א פיערטעל מיליאן סאָלדאטען. דאס איז שוין אן ארמעע, וועלכע קען ניט בעטראכט ווערען נאָר ווי א קליינער צוגאָב. דאָס איז א זעלבסטשטענדיגע ארמעע, וואס מוז האָבען אן אייגענעם קאָנטאָ. עס מאכט ניט אויס, וואָס די 250.000 סאָלדאטען האָבען נישט כמעט קיין איינציגען אייגענעם אונטער־אָפיציר אפילו, עס מאכט ניט אויס, וואָס זיי זיינען פערטהיילט אונטער די פערשיעדענע רוסישע קאָרפּוסען. 250,000 סאָלדאטען, וואָס געהערען צו א י י ן ש ט א ם, מוזען בעטראכט ווערען ווי א נאַציאָנאַלע ארמעע. ווייטער מוזען מיר אין בעטראכט נעהמען, אז די אידען אין רוסלאנד נעהמען איין אי בירגערליך, אי פאָליטיש, אי סאָציאַל א בעזונדערע שטעלונג, א שטעלונג פון אן אונטער־דריקטער און אן אונטעריאָכטער נ א צ י אָ ן. די רעגיערונג אליין פיהרט וועגען זיי בעזונדערע ביכער. עס געהט אזוי ווייט, אז די רעגיערונג בעלאַסטעט די אידען מיט בעזונדערע אָבגאָבען, פון וועלכע עס ווערען בעצאָהלט די מויזענדע בעאמטע, וואָס גיבען אכט, אז די גזרות אויף די אידען זאלען שטרענג דורכגעפיהרט ווערען. אין קיעוו, למשל, ווערען בעצאָהלט די בעאמטע, וואס מאכען די „נאכט־אָבלאוועס" אויף די אידען, פון דער אידישער „פלייש־קאָראָבקע". דאָס גיט אונז דאָס רעכט, אז מיר זאלען די רוסישע אידען אין דער איצטיגער מלחמה בעטראכטען ווי א בעזונדערע אייגהייט און פיהרען אן אייגענעם חשבון.

די מלחמה צווישען דייטשלאנד, עסטרייך און רוסלאנד ווערט געפיהרט הויפטזעכליך אויף דעם פויליש־אידישען באָדען. די שטעדט און די שטעדטלאך, וועלכע ווערען איצט צושטערט, זיינען שטעדט און שטעדטלעך פון דער „טשערטאַ". די אידען ליידען אממייסטען.

דאָס איז איינס. איצט קומט אבער די „מניעת הריוח", און איך גלויב, אז דאָס איז דער וויכטיגסטער פונקט, וועלכער פעראורזאכט פשוט א חורבן אונטער די רוסישע אידען.

מעהר פון אלעס לײדעט אין אַ מלחמה דער אויסלענדישער האנדעל, און גראד אין דעם אויסלענדישען האנדעל זײנען פערינטערעסירט די רוסישע אידען אפשר אין אכט צעהנטעל. נאָך דאָ ניט לאנג, נאָך אפילו אין דער רעגיערונג פון אלכסנדר דעם דריטען, האָבען די אידען געשפּיעלט א זעהר בעדײטענדע ראָליע אויך אין אינערען האנדעל. דערהויפּט זײנען זײ געװען די פערמיטלער צװישען די צענטראלע פּראָװינצען און די מערב־פּראָװינצען. דורך זײ זײנען געשאַפען געװארען נײע צענטרען אין פּוילען, דערהויפּט נאָך דעם שרעקליכען גירוש מאָסקװא אין 1892. די רוסישע רעגיערונג האָט זיך דערשראָקען פאר דעם „כן ירבה“ און האָט אָנגעהויבען דורכצופיהרען א סיסטעם פון „הבה נתחכמה“. מען האָט געקענט בעאָבאכטען װי די רעגיערונג בעמיהט זיך ארויסצושטופּען די אידען פון אינערן האנדעל און איבערלאָזען זײ נאָר די קלײן־קרעמערײ. אין אויסלענדישען האנדעל האָט די רוסישע רעגיערונג די אידען דערװײל נאָך ניט געקענט בײקומען. די רוסישע סוחרים זײנען צו װעניג בעװעגליך, צו קאָנסערװאטיװ, צו בעריש און אויך צו אונגעבילדעט, אום צו פערשטעהן אינטערנאציאָנאלע בעציהונגען.

איך נעהם, צום בײשפּיעל, אײן שטאָדט, און דוקא ניט קײן רוסישע, זי האָט אבער א שײכות צו אונזער טהעמא.

לײפּציג האָט אין די לעצטע יאָהרען אויפגעבליהט כמעט רײן־אמעריקאניש. אים רויכװארען־האנדעל האָט זי אײנגענומען דעם ערשטען פּלאַץ. די פּערמיטלער פון דיעזען האנדעל זײנען געװען אויסשליסליך רוסישע אידען. אזוי איז אויך געװען אין האָלץ־האנדעל, אין געטרײדע־האנדעל, אין שפּיריטוס־האנדעל און אין נאָך מעהר האנדעלס־צװײגען.

אָט דיעזער גאנצער האנדעל איז איצט אָבגעבראָכען. עס געהען ארום טױזענדער און טױזענדער מענשען אין די געשעפטסגאסען, װאס זײנען געװען פערבונדען מיט דעם אויסלאנד און זאָגען קינות, זײ לײענען מיט טרעהרען „איכה ישבה בדד“.

מיר גלױבען ניט, אז מיר זאָלען בעקומען ריכטיגע ציפערען אָט װעגען די מניעת הריוח, פון װעלכע די רוסישע אידען װעלען

ליידען מעהר ווי אלע, אפילו נאָך דער מלחמה, נאָר מיט זיכער־הייט קאָנען מיר זאָגען, אז דאָ האנדעלט זיך וועגען 9 גלידריגע און אפשר וועגען 10 גלידריגע ציפערן, געדעכענט אין פראנקען.

אָט אזוי צאָהלט א פאָלק אין גלות. עס צאָהלט אין נפשות, עס צאָהלט אין פערמעגען, און דאָס טרויעריגסטע דערביי איז, אז די גרויסע וועלט פיהרט א קאָנטאָ נאָר מיט מלוכות און קימערט זיך גאָר ניט אום די אונטערדריקטע נאציאָנען, וועלכע ווערען דערשלונגען פון דער גרעסערער הערשענדער נאציאָן, וואָס האָט אין איהרע הענד די גאנצע מלוכה־מאשינע, און וואָס זי אליין שפיעלט א ראָליע אין דער וועלט־פאָליטיק. דאָס אידישע פער־מעגען ווערט ניט בעטראכט ווי א נאציאָנאלעס פערמעגען, קיינער קימערט זיך ניט אום זיין סך־הכל. דאס אידישע געלד איז מעהר ניט ווי געלד פון איינצעלנע אונטערטהאנען. דאָס איז א רעזולטאט פון דער אוננאטירליכער לאגע, וואס די רוסישע אידען נעהמען איין. זיי זיינען א נאציאָן נאָר ווען עס האנדעלט זיך וועגען נייע גזרות און רדיפות, און דענסטמאל הייסט עס אויך אן אינערע רו־סישע אנגעלעגענהייט, אין וועלכער קיין פרעמדע מאכט טאָר זיך ניט אריינמישען, ווארום אזוי פסק'ענט דער אינטערנאציאָנאלער דין.

די קאטאסטראָפע איז דאָ, דער חורבן איז געקומען, און קיי־נער קאָן איהם ניט ווידער גוט מאכען. די אידישע וועלט איז ניט אָרגאניזירט ווי א נאציאָנאלע קערפערשאפט, אים בעסטען פאל אָרגאניזירט זי זיך פון פאל צו פאל ווי א פילאנטראָפישע גרופע. די פילאנטראָפיע איז אָבער שטענדיג אן אָנזעצעריץ, זי צאָהלט העכסטענס נאָר איינינע פּראָצענט פון היזק, ווייל איהר גאנצער פונדאמענט איז מעהר ניט ווי א חיי שעה.

5טער סעפטעמבער, 1914.

פרייע און געצוואונגענע סימפּאַטיע.

אין פריעדליכע צייטען הערט מען כמעט קיין מאָל ניט, אז די גרויסע וועלט זאָל זיך עפּעס קימערען וועגען די מיינונג פון דער אידישער גאַס. און אפילו ווען עס ברעכט אויס אַ קאַטאַ־סטראָפע אין דער אידישער גאַס, שפּיעלט דער אידישער פּראָטעסט, די אידישע ענטריסטונג גאָר אַ קנאַפּע ראָלע. מען האַלט די אידישע קאַטאַסטראָפע, ווייל זי קומט דאָך פאַר אין אַ בעשטימ־טער מדינה, פאַר אַן אינערע אנגעלעגענהייט פון דער מדינה, וואו זי האָט פּאַסירט, און דער פרעמדער דאַרף זיך ניט מישען. מעהר ניט, ווען די קאַטאַסטראָפע איז „הימעל־שרייענד“, ווען זי איז שוין בולט אונמענשליך, ווען עס פליסט אונשולדיג בלוט און דאָס גלייבען — דענסטמאָל רופט זיך אָב אַ גרויסע וועלט און זאָגט וועגען דעם אַ פּאָר מעהר אָדער ווייניגער שאַרפע ווערטער.

דאָס בילד בייט זיך אָבער, ווען די קאַטאַסטראָפע ברעכט אויס איבער די הערשענדע פעלקער, איבער די אמת'ע בעלי־בתים פון דער געשיכטע, אָדער איבער די, וואָס האַלטען זיך פאַר די איינציגע בעלי־בתים, גלייך ווי די גאַנצע וועלט וואָלט בעשאַפען געוואָרען מיט דעם איינציגען צוועק, זיי צו בעדיענען. אין אזא מאָמענט שטייגערט זיך מיט אמאָל דאָס אינטערעס מיט דער עפענטליכער מיינונג, מען הויבט זי אָן צו זאמלען, צו קאָנצענ־טרירען, מען זוכט זי צו געווינען מיט אַלע מיטלען, און דענסטמאָל דערמאָנט מען זיך אויך, אז עס עקזיסטירען דאָ אויף דער וועלט פיעל, פיעל מיליאָנען אידען. די אידען זיינען, אמת, כמעט אומעדום די אונטערגעאָרדענטע אין דער געזעלשאַפט ; מען האַלט זיי אָבער פאַר גרויסע בריות צו שאַפען שטימונגען. ערשטענס איז „והקול קול יעקב“, זיי קענען מסביר זיין אַן ענין, און, צוויי־טענס, פערשטעהען זיי אָפטמאָל אַ זאַך צו בעשרייבען. צוויי

גרויסע מעלות, וואָס קענען זעהר גוט נוצען בשעת עס שפּרינגען ארוים גרויסע וועלט־סכסוכים. אַ מלחמה איז טאַקע אַ מלחמה, און די הויפּט־ראָלע אין אַ מלחמה שפּיעלען די „הידים ידי עשו“, דאָך איז עס גאַנץ גוט, ווען מען קאָן נאָך צולעגען צו עשו׳ם ברכה די ברכה פון יעקב׳ען. אין צווייען איז שטאַרקער.

און מ׳זוכט אַריבערצושלעפּען אויף דער אייגענער זייט די עפענטליכע מיינונג, ניט נאָר ווייל מען יאָגט זיך צו שפּיעלען די ראָליע פון דעם פיינעם מאַן. עס ליעגט דערינען אַ סך אַ טיעפערע כונה. די סאָלדאַטען אויף דעם שלאַכט־פעלד פיהרען נאָר אוים די מלחמה; געפיהרט ווערט די מלחמה פון די נאַציאָנען. כדי צו קאָנען ווענדען זיך צום אייגענעם פאָלק, כדי צו פאָדערען פון איהם אונמענשליכע קרבנות, מוז די רעגיערונג שאַפען אַ שטימונג פון אָפּפערוויליגקייט צווישען דער בעפעלקערונג. עס איז אַ גליק פאַר דעם, וואָס פיהרט די מלחמה, ווען די בעפעלקערונג ווערט אויפגעמונטערט צו די קרבנות דורך די סימפּאַטיען פון דער גרוי־סער וועלטליכער עפענטליכער מיינונג. די רעגיערונג בעקומט אויף אַזאַ אופן אַ גרויסע שטיצע פון דער זייט, און די בעפעל־קערונג בעקומט אַ רציחה־געפיהל געגען דעם שונא. די רציחה איז גאָר ניט אָבצושאַצען, זי שאַפט אין מלחמה וואונדער. דאָס רציחה־געפיהל צום שונא פערוואַנדעלט זיך אין בעגייסטערונג פאַר דער אַרמעע, און די אַרמעע אַליין, ווי אַ חלק פון פאָלק, איז אין אַזאַ צושטאַנד מסוגל צו העלדישע אַקטען.

זעהר אינטערעסאַנט איז געווען בשעת דער יאַפּאַניש־רוסי־שער מלחמה. די רוסישע רעגיערונג האָט זיך געמאַטערט מיט אַלע כחות אַריינצוגעבען רציחה אין איהר אייגענער בעפעלקערונג, און עס האָט איהר ניט געהאָלפען. דאָס רוסישע פאָלק האָט זיך אונטערגעגעבען דער רעגיערונג, עס האָט זיך געמוזט אונטערגעבען, אָבער די אַרמעען זיינען טאַקע געגאַנגען אין מלחמה ווי אונטער־געגעבענע, און איידער די סאָלדאַטען האָבען געטהאָן דעם ערשטען שאָס, האָבען זיך די מעהר אויפגעקלעהרטע צווישען זיי געפיהלט ווי געצוואונגענע, ווי אנוסים. איידער טויזענדע און צעהן־טויזענדע פון זיי זיינען אַריינגעפאַלען אלס געפאַנגענע צו די יאַפּאַ־

נער, האָבען זיי זיך געפּיהלט געפאנגענע ביי זייער אייגענער רע־גיערונג. דערין ליעגט צום טהייל די ערקלעהרונג פון די גרויסע מפּלות, וואָס זיינען אָנגעקומען אויף רוסלאַנד'ס חלק אין יענער מלחמה. די רוסען האָבען געהאַט נאָר ביקסען און מוסקעל־קראַפט, די יאַפּאַנער האָבען אָבער דערצו נאָך געהאַט רציחה. צו די יאַפּאַנער איז געגאַנגען אַ שטראָם פון סימפּאַטיע פון דער גאַנצער וועלט, אפילו פון רוסלאַנד. איך רייד פון די עכטע שטאָק־רוסען.

און וואָס זעהען מיר איצט. דייטשלאַנד, די מדינה, וואָס האָט אַזוי הויך אין די לעצטע יאָהרען פעררייסען דעם קאָפּ און אָפען ערקלעהרט דער גאַנצער וועלט, אַז „דייטשלאַנד האָט מורא נאָר פאַר גאָט און ווייטער פאַר קיינעם ניט", — אָט די מדינה שפּרינגט איצט פּשוט פון הויט, כדי צו געווינען כאָטש אַ חלק פון דער עפענטליכער מיינונג פאַר זיך. ניט נאָר מלחמה אויף די שלאַכט־פעלדער פיהרט איצט דייטשלאַנד געגען אַלע איהרע קאָנקורענטען אין מערב און אין מזרח, עס מוז נאָך מלחמה האַלטען אויך מיט דער איבעריגער וועלט, אַ מלחמה דורך ערקלעהרונגען אין די צייטונגען, אַ מלחמה געגען אַ גרויסע מחנה פון שריפט־שטעלער, פּאָליטיקער, אַ מלחמה געגען פאָלקס־שטימונגען. און אַזוי ווי דייטשלאַנד האָט ליעב צו טהאָן אַלעס סאָליד און גרינדליך, זיינען צו דער צווייטער מלחמה מאָביליזירט געוואָרען די בעסטע געלעהרטע, שריפטשטעלערישע און שטאַאַטסמענערישע דייטשע קרעפטען. דער גרויסער טהעאָלאָג האַרנאַק, דער געוועזענער באַנקמאַן און קאָלאָניאַלער מיניסטער דערנבורג, דער פיינער שריפטשטעלער ראַטענוי און דער געניאַלער געשעפטסמאַן באַלין און נאָך אונצעהליגע האָבען זיך פעראייניגט און גיבען ארויס אַ חבור, כדי דייטשלאַנד זאָל אין דער מלחמה אריבערשלעפּען אַ ביסעל סימפּאַטיע פאַר זיך. דרויסען, ווייט, ווייט שטעהען די אָרמעען, צעהנדליג טויזענדע פאַלען לינקס און רעכטס, און דאָ זיצען די געלעהרטע, די שטאַאַטסמענער און די גרויסע געשעפטס־לייט און מאַכען חבורים. דייטשלאַנד פערשטעהט, אַז כדי דער נצחון זאָל זיין אַ גאַנצער, אָהן פּגימות, מוז מען זיעגען איןביידע מלחמות, מען מוז איינגעהמען ניט נאָר פּאַריז, וואַרשאַ, לאָדז,

מען מוז אויך איינגעהמען די עפענטליכע מיינונג. די עפענט־ליכע מיינונג איז אָבער די שטאַרקסטע פעסטונג און מיט קרופּ'ס האַרמאַטען קאָן מען זי ניט דורכלעכערען.

מיר געהען דאָ ניט אַריין אין תוך, ווער איז גערעכט און ווער איז אומגערעכט אין דער איצטיגער מלחמה. מיר ווילען אויך ניט זאָגען, אַז די שטימונג פון דער עפענטליכער מיינונג איז תמיד גערעכט. דאָס איז אַ בעזונדער פראַגע, וועלכע מוז בעזונדער אונטערזוכט ווערען. מיר האָבען נאָר געוואָלט אָנווייזען, ווי ווייט פעלקער זיינען געצוואונגען, ווען זיי אַליין געפינען זיך אין אַ סכנה, צו רעכענען זיך מיט דער עפענטליכער מיינונג. מען קאָן טהאָן צו להכעיס אין פריעדענס־צייטען. קומט אַ קאַטאַסטראָפע, ווערט מען ווייכער, ווארים מען ווערט גע'משפט און די געשיכטע קומט און מאָנט אַלטע חובות.

מהאי טעמא איז אויך די רוסישע רעגיערונג מיט אַמאָל ווייכער געוואָרען. די אונשולדיגע רעגיערונג. זי האָט זיך געביך ערשט ארומגעזעהן, אַז די אידישע סאָלדאַטען זיינען מפקיר זייער לעבען אין מלחמה־צייט. עס האָט געדאַרפט קומען די גרויסע קאַטאַסטראָפע, כדי איהר זאָלען זיך עפענען די אויגען, צו זעהן, אַז די זיעבען מיליאָנען אידען זיינען אויך מענשען... דערווייל מאַכט די רוסישע רעגיערונג נאָר הבטחות, און אויך די הבטחות שיקט זי אויף אַ דעק־אַדרעסע: זי לאָזט זיי פערקינדיגען דורך אַנאָנימע גרויסע מענער אין קאָפּענהאַגען... אָבער פאַר מלחמה־צייט איז דאָס כאַראַקטעריסטיש. אויך דער בער האָט זיך אַ קעהר געטהאָן, אויך ער הויבט זיך אָן צוצוהערען צו דער עפענט־ליכער מיינונג.

אָבער אַזוי ווי די אידען זיינען צוזייט און צושפּרייט און זיי מוזען קעמפּפען ברודער געגען ברודער, איז עס זעהר שווער איינצו־טיילען זייערע סימפּאַטיען. עס איז נאָך שעהן און ערגער, וואָס דייטשלאַנד איז ניט אין כעס אויף די רוסיש־אידישע סאָלדאַטען און רוסלאַנד אויף די דייטשע און עסטרייכישע אידישע סאָלדאַטען. ענגלאַנד אָבער האָט טאַקע געוואָלט, אַז אַלע אידען, וואָס נעהמען ניט קיין אונמיטעלבאַרען חלק אין דער מלחמה, זאָלען סימפּאַטי־

זירען דוקא מיט ענגלאנד, און נאר מיט ענגלאנד. די גרעסטע ענג־לישע צייטונג, די „טיימס“, פאלט אן אויף די אמעריקאנער אידען, און זאגאר אויף די טערקישע אידען און אפילו אויף די גע'שמד'טע אוראייניקלעך פון שבתי־צבי, וועלכע רייצען די טירקיי — אזוי בעהויפטעט די „טיימס“ — אנצושליסען זיך אן דייטש־לאנד. איז עס גוט, ווען ענגלאנד האט זיך פערבונדען מיט רוסלאנד. וואס וואלט גע'טענה'ט די „טיימס“, ווען ענגלאנד וואלט געגאנגען מיט דייטשלאנד? אזא היכי תמצא איז דאך ניט אויסגעשלאסען.

קאמיש איז נאך דערביי, אז עס עקזיסטירט גאר ניט קיין געשלאסענע אידישע עפענטליכע מיינונג אין דער איצטיגער מלחמה. די אידישע מיינונג האט זיך צוברעקעלט, ווייל די אידישע נאציאן איז צוברעקעלט. איהר האט רוסישע אידען, וואס שטעהען דוקא פאר דייטשלאנד און דייטשע אידען — איך מיין אויסערהאלב פון רוסלאנד און דייטשלאנד, — וואס שטעהען פאר ענגלאנד, און דאס הייסט דאך פאר רוסלאנד. עס איז ווייניג פאר די „טיימס“, וואס לכל הפחות א פערטעל מיליאן רוסישע אידען, אן ארמעע גרעסער ווי די ענגלישע ארמעע אין פראנקרייך, לעגט אוועק דאס לעבען פאר די פערבונדענע דריי מלוכות. די „טיימס“ וויל האבען, אז אלע אידען אין דער גאנצער וועלט זאלען שפרינגען, ווען אסקוויט מאכט אין ענגלישען פארלאמענט א הויכע קדושה.

זיינען מיר אזוי געזונקען אין די־ אויגען פון די הערשענדע נאציאנען, אז מיר טארען גאר ניט נאכגעהן נאך אונזער אייגענעם געפיהל, נאך אונזערע אייגענע סימפאטיען? זיינען מיר דען הפקר, און אונזערע סימפאטיען פערקויפטע? און צו וועמען האבען מיר זיי פערקויפט, ווי קענען מיר זיי איינטהיילען, אז קיינער זאל אויף אונז חלילה ניט ברוגז ווערען? דייטשלאנד און עסטרייך וועלען דאך אויך קומען מיט טענות. דא אין אמעריקא האבען זיי דאך אונטער די אידען א פיעל גרעסערען חלק ווי ענגלאנד.

די ארטיקלען אין „טיימס“ און אלע די טענות, וואס מען ציהט אן אויף אונז אין דער איצטיגער מלחמה, דארפען קודם כל אונז אליין עפענען די אויגען. און אויב מען האט געדארפט האבען נאך א בעוויז ווי פערפלאנטערט דער גלות איז, ווי א גלות־פאלק

קען קיין מאָל ניט יוצא זיין, האָבען מיר דעם שארפסטען בעווייז בעקומען אין דער האלטונג פון דער לאָנדאָנער „טיימס".

און מיר זאָלען ניט מבטל זיין די בעדייטונג פון אזוינע אר־טיקלען. זיי טראָגען אריין גיפט אין דאָס פערהעלטנים פון די הערשענדע פעלקער צו דער גלות־נאציאָן. מיר דארפען ניט פער־געסען, אז מיט אונז געהט מען ניט צו דין־תורות, מען לאָזט אונז אפילו ניט אויס'טענה'ן זיך, וואָרים מען האלט אונז פאר הפקר און אונזערע סימפאטיען פאר פערקויפטע. ווען מען וויל ביי אנדערע געווינען סימפאטיע, בעט מען. אונז אָבער זאָגט מען, אז מיר זיינען מחויב צו סימפאטיזירען אזוי און אזוי. צו די אנדערע קומט מען ווי גלייכע צו גלייכע, מען בעט זאָגאר אָפטמאָל א הלואה אין סימפאטיען, אויף אונז שטעלט מען אויס א וועקסעל. מיר האָבען פון קיינעם גאָר ניט געבאָרגט און אלע האלטען, אז מיר זיינען זיי שולדיג.

11 סעפטעמבער, 1914.

הבטחות אין קריטישען מאָמענט.

מיר גיבען צו, אַז די איצטיגע מלחמה מוז מאַכען אַן איבער־קעהרעניש ניט בלויז אין דער לאַנדקאַרטע פון אייראָפּא, און אפשר אויך פון אַזיע, נאָר אויך אין דער אינווענינסטער פּאָליטיק פון די רעגיערונגען. אַזאַ מלחמה האָט נאָך די וועלט־געשיכטע ניט געזעהן און די רעזולטאַטען פון איהר וועלען געווים זיין גרעסערע, ווי פון די ביזהעריגע מלחמות. עס האָט זיך שוין אָנגעזאַמעלט צו פיעל אַלטוואַרג אי אין די אַרסענאַלען אי אין די מחות, פערשיע־דענע רעגיערונגס־סיסטעמען זיינען שוין בעדעקט מיט שימעל און אפילו די איבערליפערטע אינטערנאַציאָנאַלע בעציהונגען זיינען פול מיט קנייטשען. דורך דער מלחמה מוז קומען אַן אַלגעמיינע רע־וויזיאָן, און עס קאָן זעהר זיין, אַז אויך די עקשנ׳דיגע רעגיערונגען וועלען מוזען געהן אויף פשרות. די נייע אומשטענדען וועלען זיי דערצו צווינגען.

אָבער מיר אידען טאָרען דוקא ניט נתפעל ווערען צו פיעל און שכור ווערען, איידער מיר האָבען נאָך פערזוכט איין טראָפּען פון דעם יין המשומר, פון דעם וויין, וואָס מען זאָגט אונז לעת עתה נאָך צו. אונזערע איבעריגע התפעלות קאָן אונז נאָר שאַדען, זי קאָן אונז מאַכען לייכטגלויביג און לייכטזיניג אין אַזאַ ערנסטער שטונדע, וואָס מיר מאַכען איצט דורך.

ערשטענס מוזען מיר געדענקען, אַז די פאָרמעל „חוץ אידען“ האָט בעקומען בירגער־רעכט אַ סך פריהער איידער די אידען אַליין, אַפילו אין די לענדער, וואו זיי זיינען שוין עמאַנציפּירט. מיר טאָרען אויך ניט פערגעסען, אַז די עפענטליכע מיינונג איז נאָך גאָר ניט געגוג אויפגעקלעהרט איבער אונזער לאַגע, זי האָט קיין קלאָרען בעגריף ניט פון אונזער רעכטלאָזיגקייט אין רוסלאַנד און אין רומעניען און לאָזט זיך זעהר אָפט נאַרען פון די אגענטען פון

דיעזע ביידע מלוכות. דריטענס אָבער טאָרען מיר ניט האָבען אַזא קורצען זכרון און פערגעסען, וואָס עס האָט מיט אונז דאָ גאָר ניט לאַנג פּאַסירט.

עס איז געווען בשעת דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה און גלייך נאָך דער מלחמה. מען ווייס ניט די צאָהל פון די אידישע סאָל־דאַטען, וואָס האָבען געקעמפפט אויף די מאַנדזשוריער פעלדער, מען ווייס נאָר, אַז עס איז ניט געבליבען אַ שטאָדט און אַ שטעדטעל, פון וועלכע מען האָט ניט ארויסגעשלעפּט די קרוין פון דער אידישער יוגענד. מען ווייס נאָר אַז אַלע אידישע שטעדטלעך און שטעדט זיינען געבליבען אָהן אידישע דאָקטוירים. איינינגע טויזענד אידישע דאָקטוירים, וועלכע טאָרען אין שלום־צייטען קיין שטעלע ניט האָבען אין דער רוסישער ארמעע, האָבען מיט אַמאָל בעקומען עפּאָלעטען און אָפּיצירישע קליידער און זיינען אַוועק דיענען. איינינגע קאָמאַנ־דירען האָבען אָנגעהויבען זעהר שטאַרק צו לויבען זייערע אידישע סאָלדאַטען, און אויך דאַמאָלס האָט די „נאָוואָיע וואָרעמיא" פער־עפענטליכט איינינגע ארטיקלען, אין וועלכע זי האָט זיך גאָר ניט געקאָנט אָבלויבען פון די אידישע סאָלדאַטען. די רוסישע רעגיע־רונג איז אויך דאַמאָלס ארויס מיט הבטחות, לכל הפּחות פאַר די סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געווען אַקטיוו אין דער מלחמה.

מיט וואָס אָבער דאָס האָט זיך אַלעס אויסגעלאָזען, ווייס יעדער פון אונז. די „נאָוואָיע וורעמיא" האָט זיך אין עטליכע וואָכען ארום ארומגעקוקט און חרטה געקראָגען אויף די שבחים, וואָס זי האָט אויסגעטהיילט די אידישע סאָלדאַטען, און די גובער־נאַטאָרען און איספּראַווניקעס האָבען אָנגעהויבען באַלד בעהאַנדלען די טאַפּפערע אידישע סאָלדאַטען ווי די אידען פון אַ גאַנץ יאָהר.

די זעלבע סצענע האָט זיך דאָ ניט לאַנג אָבגעשפּיעלט אין רומעניען. בשעת דעם באַלקאַן־קריעג האָט רומעניען זיך אויך גע־גרייט צו מלחמה און האָט מאָביליזירט. די רומענישע אידען האָבען זיך אָבגערופען די ערשטע. אפילו די שונאים זיינען נתפּעל גע־וואָרען פון דער אידישער אָפּפערוויליגקייט, און מען האָט אָנגע־הויבען צו שמועסען וועגען ערלייכטערונגען פאַר אידען.

מיט וואָס אָבער דאָס האָט זיך אויסגעלאָזען, ווייס יעדער

איינער פון אונז. די אלטע מעשה פון חומש מיט פרעה׳ן עליו השלום. קומט די מכה ווערט ער ווייך און שיקט נאך משה און אהרן. געהט אוועק די מכה, ווערט ער ווידער הארט ווי א שטיין און אן אכזר ווי פאר דער מכה.

זעלבסטפערשטענדליך קאן מען ניט פערגלייכען די מלחמה מיט יאפאן מיט דער איצטיגער מלחמה. די מלחמה מיט יאפאן איז דאך געפיהרט געווארען עפעס אין אן עק וועלט, זי איז ניט געשטאנען אונטער דער קאנטראלע פון דער עפענטליכער מיינונג, די בעטהייליגונג פון די אידען האט מען געקאנט פערלייקענען. ביי דער איצטיגער מלחמה געהט דאס אבער ניט. ערשטענס האבען די אידען אין רוסלאנד אליין געשטעלט צו דער מלחמה אזוי פיעל סאלדאטען כמעט, וויפיעל דאס גרויסע און מעכטיגע ענגלאנד, צווייטענס ווערט דאך די איצטיגע מלחמה געפיהרט אין רעכטען מיטען אייראפא. מען קאן ניט מעהר בעהאלטען ניט די צאהל פון די אידישע סאלדאטען, ניט זייער אויפפיהרונג אין דער מלחמה. דורך דעם איז דאס שרעקליכע אונרעכט פון דער רוסישער רעגיערונג בולט׳ער געווארען, עס שטעכט שוין פשוט די אויגען: מען נעהמט הונדערטע טויזענדע אידישע סאלדאטען און מען פיהרט זיי אויפ׳ן שלאכט־פעלד צו פערטהיידיגען א לאנד, וואס בעהאנדעלט זיי ערגער ווי שקלאפען. אגב דארף מען אויך ניט פערגעסען, אז די איצטיגע מלחמה פיהרט ניט רוסלאנד אליין, רוסלאנד האט געטהאן א יחוס־שידוך מיט ענגלאנד און מיט פראנקרייך און די מחותנים האבען זיך אנגעהויבען א ביסעל צו שעהמען פאר די עולות, וואס זייער מחותנת׳טע טהוט ביי זיך אין לאנד גופא.

אין אזא לאגע האט רוסלאנד געמוזט אנהויבען מאכען הבטחות, און די מחותנים האבען געמוזט אונטער׳חתמ׳ענען זיך, כדי צו פערגלעטען א ביסעל די ניט־גלייכהייט פון דעם שידוך.

מיר וועלען זיין צופריעדען, ווען עס וועט זיך ארויסשטעלען, אז אונזערע בעפירכטונגען זיינען געווען גאר אומזיסט, אז די רוסישע רעגיערונג האט באמת חוזר בתשובה געווען און פערזוכט גוט צו מאכען איהר פערברעכען פון פיעלע יאהרהונדערטען אנטקעגען

איהרע אידישע אונטערטהאַנען. דאָך בעטען מיר מחילה און מיר זאָגען אָפען, אַז מיר שרעקען זיך.

מיר שרעקען זיך, וואָרים שוין צופיעל בעטאָנט די רוסישע רעגיערונג, אַז נאָר צוליעב די טאַפּפערקייט פון די אידישע סאָלדאַטען און צוליעב זייערע אויסערגעוועהנליכע גבורות. וואָס זיי ווייזען אַרויס אין דער מלחמה, איז זי גרייט *ארומצוקלערען* *נאָך דער מלחמה* די אידישע לאַגע און זעהן צו פערבעסערען זי. מיר האָבען מורא, עס זאָל זיך ניט אויסלאָזען מיט איינינע הנחות פאַר די פערוואונדעטע אידישע סאָלדאַטען אָדער פאַר די אלמנות און די יתומים פון די געפאַלענע.

מענשען־רעכט, בירגער־רעכט טאָרען ניט בעטראַכט ווערען ווי אַן אויסצייכנונג פאַר בעזונדערע גבורות און פערדיענסטען. אומגעקעהרט. פאַר אַ פערברעכען קאָן מען בירגער ענטרעכטען. און כל זמן די רוסישע רעגיערונג וועט פערלאַנגען פון די אידען אַ בעזונדער עקזאַמען אין טרייהייט און אין גבורה, כדי צו בעהאַנדלען זיי ווי אַן אנשטענדיגע ציוויליזירטע רעגיערונג מוז בעהאַנדלען איהרע בירגער, קאָנען אַלע הבטחות פון אַזאַ רעגיערונג קיין שום ממשות ניט האָבען.

און ווען מענער, וועלכע שפּיעלען אַ געוויסע ראָלע אין דער אידישער עפענטליכקייט, צו וועמעס ווערטער די אידישע וועלט הערט זיך צו, קומען איצט, אין דעם קריטישען מאָמענט וואָס די אידען מאַכען דורך, און בעקרעפטיגען די רוסישע הבטחות מיט זייער אייגענער חתימה, האָבען זיי געדאַרפט זיין פאָרזיכטיגער. זיי מוזען פיהלען די גרויסע אחריות, וואָס זיי נעהמען אויף זיך. גלייכער וואָלט געווען, אַז אָנשטאָט צו ווענדען זיך צו די אידען, און געבען זיי עצות מיט וועמען זיי זאָלען סימפּאַטיזירען אין דער מלחמה, וואָלטען זיי זיך געווענדעט מיט זייער וואָרט צו דער גרויסער עפענטליכקייט, כדי איהר קלאָר צו מאַכען די גאַנצע טיעפקייט פון דער אידישער טראַגעדיע.

די אידען זיינען צוריסען, ברודער הויבט דאָס שווערד געגען ברודער. אין אַזאַ לאַגע איז ניטאָ וואָס צו רעדען פון סימפּאַטיען פון די גליקליכערע, וועלכע זיינען ניט בעטהייליגט אין דער מלחמה.

זיי מוזען זיין נייטראל, זיי זיינען געצוואונגען צו זיין נייטראל. ניט דיעזע פראגע דארף אונז איצט אלס אידען אינטערעסירען; מיר האבען איצט גרעסערע און הייליגערע אויפגאבען. מיר מוזען אויפפאסען, אז דער כלל „חוץ אידען" זאל פערשווינדען אין אלע היגזיכטען, ווען עס וועט קומען צו דער גרויסער רעוויזיאן אינ'ם לעבען פון די פעלקער.

12 סעפטעמבער, 1914.

די נייע אידישע האָפנונגען פון דער ערוואַכטער טערקיי.

ווען עס זאָל אָבגילטען דער טערקישער רעגיערונג און זי זאָל קאָנען דורכפיהרען איהר קאָטעגאָרישען בעשלוס, וואָס זי האָט איצט אין דער מהומה־צייט געפּאַסט: אָראָבצואַוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון גאַנצע זעקס מלוכות אויף איין מאָל — ווען איהר זאָל געלינגען דורכצופיהרען דעם בעשלוס אין לעבען, וועט מען מוזען מאַכען אַ הפסקה און אָנהויבען רעדען פון אַ נ י י ע ר טערקיי. די טערקיי אַליין וועט מאַכען הבדלה, צום אונטערשיעד צווישען איהר פריהער־דיגער קנעכטשאַפט און איצטיגער פרייהייט. צום ערשטען מאָל וועט זי, נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָהרען, פריי אויפאָטהעמען און פיהלען זיך ווי אַן אמת׳ער בעל־הבית ביי זיך אין דער היים.

מיט זעקס שטריק, וואָס אַ שמשון הגבור וואָלט אויך ניט געקאָנט צורייסען, איז די טערקיי געווען ביז איצט געבונדען, און די זעקס גרעסטע מלוכות פון אייראָפּאַ האָבען זי געוואָרגען פון אַלע זייטען. יעדע פון די זעקס האָט געצויגען פעסט פאַר איהר שטריקעל, און די טערקיי האָט זיך ניט געקאָנט פריי בעוועגען. האָט זי געוואָלט עפּעס אונטערנעהמען, האָט זי געוואָלט איינפיהרען ביי זיך בעסערע פערוואַלטונג־מעטהאָדען, האָט מען גלייך אָנגעצויגען די שטריק און איהר דערמאָנט, אַז זי איז אַ געבונדענע.

מעהר ניט ווי אויפ׳ן פּאַפּיער האָט מען זי גערעכענט צו די זעלבסטשטענדיגע מלוכות, אָבער אין דער ווירקליכקייט איז זי געווען עפּעס אַ מין טומטום־ אָדער אַנדרוגינוס־מלוכה. דער סולטאַן האָט געקעניגט ווי אַמאָל אחשורוש פון הודו ביז כוש, פון באָספּאָר ביז בגדד, איבער אונצעהליגע פּראָווינצען, די אמת׳ע הערשער אין לאַנד זיינען אָבער געווען די שטריק־ציהער. איטליכער פון זיי האָט געהאַט אין אַ סך פּרטים אין טערקיי מעהר דעה ווי די טערקיי אַליין.

דיזע גאַנצע סיסטעם איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „קאַ־פּיטולאַציאָנען". הויפּטזעכליך בעריהרען די קאַפּיטולאַציאָנען די רעכטע פון די אויסלענדער אין דער טערקיי, זיי זיינען אָבער נוגע אויך צו די פינאַנסען פון לאַנד. מיט איין וואָרט, זיי נעהמען אָב ביי דער מלוכה איהר גאַנצע זעלבסטשטענדיגקייט. ווער עס וויל זיך בעקאָנען מיט די קאַפּיטולאַציאָנען נעהנטער, מוז זיי שטודירען. דאָס איז אַ גאַנץ דיקער חבור, אַ קאָנטראַקט צווישען דער טערקיי פון איין זייט און די זעקס גרויסע מלוכות פון אייראָפּאַ פון דער אַנדערער זייט. מיר נעהמען אַרויס נאָר איינינגע פּונקטען, וואָס יעדער האָט זיי געקאָנט בעמערקען, ווען ער האָט געמאַכט אַ רייזע דורך טערקיי. אין גאַנץ אייראָפּאַ, .. און זעלבסטפערשטענדליך אויך אין גאַנץ אַמעריקאַ, — האָבען נאָר די באָטשאַפטער און די געזאַנדטע עקסטראַ רעכטע; זיי זיינען „עקס טערריטאָריאַל", דאָס הייסט זיי זיינען ניט אונטערגעוואָרפען אונטער די געזעצען פון לאַנד, וואו זיי זיינען די געזאַנדטע, נאָר זיי שטעלען פאָר אַ שטי־קעל פון דער מדינה, וואָס האָט זיי געשיקט, זיי זאָלען זי רעפּרע־זענטירען. „ נאָך די „קאַפּיטולאַציאָנען" האָבען אין גאַנץ טירקיי אַפילו די קאָנסולען און אַפילו די קאָמערציעלע קאָנסולען פון די זעקס מלוכות, וואָס זיינען גע'חתמ'עט אונטער דעם קאָנטראַקט, די זעלבע רעכטע, ווי די באָטשאַפטער אין דער איבעריגער ציווי־ליזירטער וועלט. זיי זיינען דאָרט הייליגע פּערזאָנען, זיי קאָנען טהאָן ממש וואָס זיי ווילען. די טערקישע רעגיערונג האָט קיין רעכט ניט אַריינצומישען זיך אין די אַנגעלעגענהייטען פון די קאָנ־סולען. יעדער קאָנסול איז אין דער טערקיי אַ ריכטער, ער האָט אויך אייגענע פּאָליציי, וועלכע פיהרט אויס זיין פּסק דין, און די טערקישע פּאָליציי איז מחויב צו העלפען דערביי. ניט נאָר אייגענע פּאָליציי, נאָר אויך אַן אייגענע תפיסה האָט יעדער קאָנסול אין דער טערקיי, וואוהין ער זעצט אַריין זיינע אונטערטהאַנען, ווען ער געפינט דאָס פאַר נויטיג. און גראָד אומגעקעהרט, בעגעהט אַן אונטערטהאַן פון אַ פרעמדער רעגיערונג אַ פערברעכען אין מיטען העלען טאָג, טאָר די טערקישע פּאָליציי איהם ניט אָנריהרען אָהן די הסכמה פון זיין קאָנסול. אויף דעם אופן זיינען ניט נאָר די

קאָנסולען „עקס טעריטאָריאַל“, נאָר אין א געוויסען זין אַלע פרעמדע אונטערטהאנען איבערהויפט.

אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, צום ביישפּיעל, לעבען אַן ערך דריי הונדערט טויזענד גריכען, וואָס איטליכער פון זיי האָט צוויי פּאַס־פּאָרטען, א טערקישען און א גריכישען. אין שלום־צייטען בעהאַלט ער דעם גריכישען פּאַספּאָרט און געניסט אַלע רעכטע פון א טער־קישען אונטערטהאַן. מאַכט זיך אָבער עפּעס א סכסוך, בעהאַלט ער דעם טערקישען פּאַספּאָרט און נעהמט ארויס דעם גריכישען און זוכט שוץ ביי דעם גריכישען קאָנסול. און ניט נאָר די גריכען אַליין זיינען זיך אזוי נוהג. מיליאָנען פון בירגער, וואָס האָבען זייער גאַנץ לעבען צוגעבראַכט אין דער טערקיי, האָבען געפיהרט א דאָ־פּעלטע בוכפיהרונג פון זייער אונטערטהאנשאַפט. דאָס גאַנצע סיסטעם איז געווען טערקיש.

די זעקס דערמאָנטע מלוכות האָבען אויך געמעגט האָבען איי־גענע פּאָסטען, סיי פאַר דער טערקיי אַליין, סיי פאַר די פערבינדונגען מיט דעם אויסלאַנד.

און דאָס ערגסטע, די טערקישע רעגיערונג האָט נאָך די „קאַ־פּיטולאַציאָנען“ קיין רעכט ניט צו שיצען איהר אייגענע אינדוסטריע, ווייל ארויפלעגען צאָל אויף אויסלענדישע סחורה קאָן זי נאָר מיט דעם הסכם פון די זעקס מלוכות. ביז דאָ ניט לאַנג האָט מען ערלויבט צו נעהמען אין גאַנצען נאָר אַכט פּראָצענט צאָל פון אַלע אויסלענדישע סחורות, זאָל עס זיין שפּיעלצייג אָדער מאַשינעס, פּאַפּיער אָדער זייד. ערשט מיט אייניגע יאָהר צוריק האָט מען מיט איהר געטהאָן א חסד און ערלויבט צו נעהמען אַנשטאָט אַכט פּראָצענט גאַנצע עלף פּראָצענט. מען קאָן פערשטעהן ווי א לאַנד, וואָס מוז ערשט געוועקט ווערען צו א נייעם לעבען, וואָס הינקט נאָך אין אַלע פּונקטען, קאָן קאָנקורירען מיט דעם אויסלאַנד ביי 8 אָדער 11 פּראָצענט צאָל. רוסלאַנד האָט אויף מאַנכע סחורות און מאַשינעס ביז 300 פּראָצענט צאָל. אפילו דייטשלאַנד האָט אויך א שוץ־צאָל, און אפילו אַמעריקא האָט ערשט אין דער לעצטער צייט אָנגעהויבען ניעדריגער צו מאַכען דעם שוץ־צאָל. אָבער אזא שוואַכע מדינה ווי די טערקיי, ווי קאָן זי קאָנקורירען מיט דעם

אויסלאַנד ביי אַזאַ סיסטעם? דעריבער איז טאַקע די טערקיי געבליבען ביז היינטיגען טאָג אַ לאַנד אָהן אינדוסטריע, און די רעגירונג מוז ציהען איהר חיונה אין גאַנצען פון דער לאַנד־ווירטשאַפט. דעריבער האָבען די אויסלענדער געמאַכט געשעפטען אין טערקיי און די פּלח'ען האָבען געזיפּצט און געקרעכצט אונטער דעם דרוק פון דעם „עשור" סיסטעם. „עשור" איז דער אַלטער העברעאישער „מעשר". די געשעפטסלייט זיינען געווען פריי פון אָבגאַבען, דער אָרימער אַקערבויער אָבער און דער פּלאַנצער האָט געמוזט אָבגעבען מעשר, 10 פּראָצענט פון זיין תבואה. און אַזוי ווי די רעגירונג אַליין פּלעגט זיך ניט עוסק זיין מיט דעם איינמאָנען פון דעם מעשר, פּלעגט זי דאָס איבערגעבען אונטערנעהמער. דער אונטערנעהמער האָט דאָך אָבער געמוזט מאַכען דערביי אַ געשעפט, האָט ער געשונדען אַ הויט פון דעם בויער, און דער מעשר איז אין אמת'ען געווען ניט אַ צעהנטעל, נאָר אַן אַכטעל און אָפטמאָל אַ זעקסטעל פון דער גאַנצער תבואה.

היינט הויבט זיך אָן די סדרה פון קאָנצעסיאָנען. גיט די רעגירונג אַ קאָנצעסיאָן איינער פון די זעקס מלוכות, האָט זי גלייך געמוזט מפצה זיין די אַנדערע פינף, וואָרים ווען ניט, ווערען זיי אין כעס, און אַז זיי זיינען אין כעס, הויבען זיי אָן צו נעהמען די שטריק און ווערגען.

מיר איבערטרייבען ניט ווען מיר זאָגען, אַז די „קאַפּיטולאַציאָנען" האָבען אַ היבשען חלק אין דער איצטיגער וועלט־מלחמה. פראַנקרייך, דייטשלאַנד און ענגלאַנד האָבען זיך ניט געקאָנט צוטהיילען מיט די קאָנצעסיאָנען. דייטשלאַנד האָט געבויט די בגדד־באַהן, ענגלאַנד האָט זיך בעפעסטיגט אין פּערזישען גאָלף און פראַנקרייך האָט בעקומען אַ רעכט צו ווירקען אין נאָרד־סיריען, בויען אייזענבאַהנען און האַפען אין חיפה און יפו, אַלכסנדרעטע און טראַבולוס. דאָס האָט צוגעגעבען פייער צו דער בעהאַלטענער קנאה צווישען די דריי רעגירונגען און רוסלאַנד האָט דאָך לאַנג געוואָרפען אַן אויג אויף דעם באָספּאָר און דעם גאָלדענעם האָרן. האָט איטאַליען דערוויל אריינגעכאַפּט טריפּאָלים, עסטרייך — באָסניען און הערצעגאָווינא. בקיצור, מען האָט געצופּט פון אַלע

זייטען. ווען עס וועלען אריבערגעהן נאָך יאָהרען, און די וועלט וועט בעקאנט ווערען מיט די דאָקומענטען פון דעם בגדר און קאוויים סכסוך צווישען ענגלאנד און דייטשלאנד, וועט מען אפשר פער־שטעהן די פלוצלונגדיגע פריינדשאפט פון ענגלאנד צו רוסלאנד. דער שידוך איז ניט געקומען פון ליעבע, דאָ האָט מען פשוט איינ־געלעגט נדן און טאקע במזומנים.

מען האָט העזה געהאט און אזוי געבונדען די טערקיי, ווייל זי איז באמת געשטאנען אויף א ניעדריגער מדרגה. וועגען דעם איז זעהר פיעל צו רעדען. אָבער נאָך דער איבערקעהרעניש, וואָס איז אזוי קונציג אויסגעפיהרט געוואָרען פאר עטליכע יאָהר, האָט די נייע טערקיי געזוכט צו בעפרייען זיך אין גאנצען. מען איז פערטיג געוואָרען מיט עבדול־חמיד'ען, מען האָט איהם איבערגע־לאָזען אכט ווייבער אלס א זכר לחורבן פון זיין אמאָליגער גרויס־קייט. אָבער דערמיט אליין קאָן מען נאָך ניט יוצא זיין, ווען מען וויל ווירקליך געהן אויפ'ן וועג פון ענטוויקלונג.

און איצט, ווען עס איז אויסגעבראָכען די גרויסע מהומה, ווען די קריעג־פיהרענדע מלוכות האָבען אָנגעהויבען חנפה'נען די טערקיי, האָט זיך די טערקישע רעגיערונג מישב געווען און געמאכט דעם בעדייטענדסטען שריט, וואָס זי האָט נאָר געקאָנט מאכען. דאָס איז א רעוואָלוציאָן אָהן בלוט, אזוי א רעוואָלוציאָן פון טרוקענע קלעפ. וועט זיך דאָס איינגעבען, און די טערקישע רעגיערונג וועט בעהאלטען אויף ווייטער די זעלבסטשטענדיגונג און אריינפלאָנטערען זיך צווישען די גרויסע בערג, וועט מען קאָנען זאָגען, אז פון די אלע, וואָס פיהרען איצט מלחמה, האָט מנצח געווען די טערקיי.

פון דער אנדער זייט נעהמט אָבער אויף זיך די טערקישע רעגיערונג מיט דעם שריט גאנץ נייע התחייבות'ען. וועט זי אָב־שאפען די קאפּיטולאציאָנען, דאָס הייסט וועט זי אראָבנעהמען פון קעסט און ווערען זעלבסטשטענדיג, מוז זי אויך אָבשאפען דאָס סיסטעם, וואָס האָט געפיהרט צו די קאפּיטולאציאָנען, זי מוז פער־ברענען איהר אייגענעם חמץ, מיט איין וואָרט, זי מוז ציוויליזירט ווערען אז דעם פרעמדען אונטערטהאן זאָל אָננעהמען א חשק צו ווערען אן אָטאָמאנישער בירגער.

נו, קומט נאָך די שאלה, ווי וועט דאָס ווירקען אויף דעם ישוב, אויף אונזער ישוב? דאַרויף קאָן מען נאָר קורץ ענטפערען. עס קאָן זיין, אַז אין דער איבערגאַנגס־צייט וועלען אפשר זיין פערשיעדענע אונאַנגענעהמליכקייטען, ביז וואַנען די נויטיגע רעפאָרמען וועלען דורכגעפיהרט ווערען. דער נייער ישוב האָט אָבער שטענדיג געהאָפט אויף אַ שטאַרקע טערקיי, און סוף כל סוף וועט ער דורך די אָבשאַפונג פון די קאַפּיטולאַציאָנען אַליין אויך שטאַרקער ווערען.

15 סעפּטעמבער, 1914.

אונזער געפאַהר און האָפנונג דורך דער איצטיגער מלחמה.

צוערשט ווערען געשאפען די אידעאלען און ערשט נאָך זיי קומען די אידעען. די אידעאלען שפּראָצען ארויס פון דער געזעל־שאפט, זיי ווערען פאבריצירט פון לעבען גופא אלס א סך־הכל פון פערבאָרגענע וואונשען און האָפנונגען, וועלכע מאכען דורך פער־שיעדענע גלגולים, ביז זיי דרינגען דורך אין בעוואוסטזיין פון דער געזעלשאפט. ווען די אידעאלען זיינען שוין שטארק און טיעף איינגעוואָרצעלט, קומען די געלעהרטע און זוכען א טהעאָרעטישע בעגרינדונג פאר זיי, זיי זוכען צו ערקלעהרען דאָס וואָס עקזיסטירט שוין, זיי מאכען מעהר ניט ווי א פירוש אויף א חבור, וועלכער איז שוין געדרוקט. נאָר גרויסע גאונים און העלדען, וועלכע שפּרינגען אריבער מיט זייער דורכלויכטענדער ראיה און שארפען פיהלען גאנצע דורות, זיינען אים שטאנד אָנצוצייכנען נייע וועגען, וואָס זיינען נאָך ניט דורכגעטראָטען און גיבען דער מענשהייט נאָך ניט־געבאָרענע אידעאלען. געוועהנליך אָבער ענטוויקעלט זיך דער פּראָצעס אין דער וועלט־געשיכטע, ווי מיר האָבען איהם אויבען געשיל־דערט. דעריבער זעהען מיר טאקע, אז די אידעאָלאָגען, דאָס הייסט די, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט דער פאָרמולירונג און בעגרינדונג פון די מענשליכע אידעאלען, הינקען שטענדיג א ביסעל צו, ווייל זיי נעהמען דעם שטאָף פון דער פערגאנגענהייט. דעריבער טרעפט זעהר אָפט, אז ווען די אידעאָלאָגען בעשעפטיגען זיך מיט דער בעגרינדונג פון אידעאלען, וואָס האָבען נאָך נעכטען געהערשט אין דער געזעלשאפט, ארבייט שוין דאָס לעבען גאנץ נייע אידעאלען אויס. דער היינט בויט א נייעם בנין אויף די חורבות פון נעכטען. די געזעלשאפט אָבער זעהט דאָס נאָך ניט און דיענט נאָך דערוויל

די אַלטע געטער, ווען זייער טעמפּעל איז שוין לאַנג צושטערט און דער מזבח לאַנג חרוב.

דאָס האָט אויך פּאַסירט מיט דעם קאָסמאָפּאָליטישען אידעאַל. נאָך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן האָט ער ווירקליך פערנומען אַן אויבענאַן־פּלאַץ אין די מוחות פון די בעסטע און פיינסטע דענקער, שריפטשטעלער, קינסטלער און געלעהרטע. פראַנקרייך איז אַרויס מיט אַ נייער תורה פון ברידערליכקייט, גלייכהייט און פרייהייט. און די בעסטע מענשען פון יענער תקופה האָבען גע׳חלומ׳ט פון אַ נייער אָרדנונג אין דער גאַנצער וועלט. די צווייטע העלפט פון אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט און די ערשטע העלפט פון נייצעהנטען זיינען געווען גאַנץ בעהערשט פון דער קאָסמאָפּאָליטישער אידעע. די אידעאָלאָגען פון דעם קאָסמאָפּאָליטיזם האָבען געשפּיעלט די ערשטע ראָליע און אַרויפגעדריקט זייער שטעמפּעל אויף אַלעס, וואָס דיעזע עפּאָכע האָט געשאַפען. און, מערקווירדיג, גראָד ווען די קאָסמאָפּאָליטישע אידעאָלאָגיע האָט געהאַלטען אין איין וואַקסען, האָט דער קאָסמאָפּאָליטישער אידעאַל אָנגעהויבען צו זינקען, און ווען מיר קוקען זיך איצט אַרום, מערקען מיר, אַז גראָד אין דער ערשטער העלפט פון נייצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען די נאַציאָנען זיך זעהר געשטאַרקט אין זייער נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין. פיכטע אין דייטשלאַנד און קאַטקאָוו אין רוסלאַנד זיינען ניט געווען קיין נביאים, זיי האָבען ניט געשאַפען קיין נייע אידעאַלען, זיי האָבען נאָר פאָרמולירט וואונשען און האָפנונגען, וועלכע האָבען שוין לאַנגע יאָהרען געלעבט אין דער געזעלשאַפט. די פעראייניגונג פון דייטשלאַנד און די פּאַן־סלאַוויסטישע אידעע זיינען געשאַפען געוואָרען ניט פון איינצעלנע מענשען, זיי זיינען אַ פּראָדוקט פון אַן אמת׳ען פאָלקס־ווילען. די אידעאָלאָגען האָבען דעם פאָלקס־ווילען מעהר ניט ווי איבערטריבען, וואָרים ביידע זיינען גרויסע פאַנאַטיקער.

מערקווירדיג איז אויך, אַז גראָד די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט ביז דאָ ניט לאַנג בעקעמפּפט דעם נאַציאָנאַלען געדאַנק, האָט דוקא איינגעפיהרט דעם אויסדרוק „אינטערנאַציאָנאַל“ אַנשטאָט „קאָסמאָפּאָליטיש“, ניט קוקענדיג דערויף וואָס צו יענער

צייט ווען דער אויסדרוק איז איינגעפיהרט געוואָרען, האָט יעדער סאָציאַל־דעמאָקראַט געהאַלטען פאַר זיך פאַר אַ הייליגען חוב צו זיין אַ קאָסמאָפּאָליט אין זיין וועלט־אַנשויאונג. מערקווירדיג איז, וואָס ווען טויזענדע און הונדערט טויזענדע פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע תלמידים פלעגען פערגלייכען דעם נאַציאָנאַליזם מיט דעם עגאָאיזם פון דער איינצעלנער פערזאָן, האָט איינער פון די גרעסטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע לעהרער נאָך מיט צוואַנציג יאָהר צוריק פערגליכען דעם נאַציאָנאַליזם מיט דעם אינדיווידואַליזם פון דער איינצעלנער פערזאָן. דאָס איז געווען בעבעל, ווען ער האָט גע־מוזט פּסק'ענען אַ האַרבע שאלה וועגען די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין דער פּראָווינץ פּאָזען, צו מעג מען זיי צולאָזען צו דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציאָן מחמת זייער אויסגעשפּראָכענעם פּוילישען נאַציאָנאַליזם. שפּעטער האָבען זיך שוין געפונען פיעלע וואָס האָבען אויסגעשטעלט אַ הכשר אויף נאַציאָנאַליזם, דער ערשטער אָבער איז געווען בעבעל, וועלכער האָט מיט זיין געזונדען מענשען־פערשטאַנד ארויסגעפונען די בעסטע פאָרמולירונג פאַר דעם וויסענשאַפטליכען נאַציאָנאַליזם. וואָרים יעדער מוז דאָך צוגעבען, אַז צווישען עגאָאיזם און אינדיווידואַליזם ליעגט אַ טיעפער אָבגרונד, אַז די ביידע בעגריפען זיינען ווייט איינער פון דעם אַנדערען ווי מזרח פון מערב.

דער וויסענשאַפטליך בעגרינדעטער נאַציאָנאַליזם איז אַ גאַנץ נייער פּראָדוקט. אין די לעצטע יאָהרען אָבער האָט ער געמאַכט ריעזיגע פאָרטשריטע, און מיר טרעפען כמעט איין געלעהרטען ניט, וועלכער בעשעפטיגט זיך מיט דער וויסענשאַפט פון דער געזעלשאַפט, אַז ער זאָל ניט אָבגעבען אַ קאַפּיטעל אָדער מעהר דעם נאַציאָנאַלען פּראָבלעם. מען האָט אויפגעהערט צו רעדען, צו שרייבען און צו פילאָזאָפירען מכח אַן אַלגעמיינעם מענשענטהום, אין וועלכען עס זאָלען זיין לחלוטין פערשמאָלצען אַלע איינצעלנע נאַציאָנען און פעלקערשאַפטען. מען זאָגט ניט מעהר, אַז די גרעניצען צווישען איין מדינה און דער אַנדער מדינה זאָלען אין גאַנצען אָבגעווישט ווערען, אַז פון איין זייט זאָל עקזיסטירען דער גרויסער כלל: די מענשהייט, און פון דער אַנדער זייט דער קליינער פּרט: דער מענש,

און אלעם וואס ליעגט צווישען דיעזע צוויי פונקטען: שטאט, פאלק, נאציאן, זאל פערשווינדען.

דערין ליעגט דער גרויסער פארטשריט פון אונזער צייט. די ריכטיגע איינשעצונג פון דער נאציאנאלער אידעע קאן און מוז ברענגען גוטעס די קליינע אונטערדריקטע פעלקער און נאציאנען. די איינציגע האפנונג פון די אונטערדריקטע נאציאנען, איז, אז די געזעלשאפט זאל זיין דורכגעדרונגען מיט א ריכטיגען פערשטענדניס פאר די נאציאנאלע גרופע, פונקט ווי זי איז דורכגעדרונגען מיט א ריכטיגען זינן פאר דעם אינדיווידואליזם, פון דער איינצעלנער פערזאן.

מיר אידען, אלס די אונטערדריקטעסטע נאציאן צווישען די אונטערדריקטע, זיינען מעהר ווי אנדערע פעראינטערעסירט, אז דער נאציאנאלער פרינציפ זאל זיעגען, ער זאל ווערען א געזעלשאפטליכער אמת, וועגען וועלכען מען איז זיך מעהר ניט מפלפל, ווייל מעהר ווי אלע האבען מיר דערפון געליטען, וואס די געזעלשאפט האט זיך געפונען א לאנגע צייט אויפ'ן פאלשען וועג. מען האט נאך געהאט זינן פאר אונזערע פערפאלגונגען ווי מענשען, אבער אונזערע פאלקס-ליידען, אונזערע נאציאנאלע שמערצען האבען זעלטען וועמען עס איז פון אונזערע פריינד געריהרט. מען האט געטרייסט, אז מיר פערלירען דאס, וואס אלע נאציאנען וועלען מיט דער צייט מוזען פערלירען, ווען זיי וועלען זיך צומישען אין דער מענשהייט. דער אמת איז אבער געווען, אז וועגען א פערשמעלצונג און א צומישונג האבען געערעדט די, וועלכע האבען געהאט דערוויל די מעגליכקייט זיך נאציאנאל צו ענטוויקלען; מיר אבער זיינען טאקע געגאנגען צוריק און זעהר פיעל פערלארען פון דעם, וואס גיט צו יעדער נאציאן שטארקייט און לעבענס-קראפט.

דאס ערגסטע איז געווען, וואס מיר אליין, דער רוב פון אונזער יוגענד, האט נאכגעטאנצט און נאכגערעדט דער הערשענדער פאלשער אידעאלאגיע און האט זיך דערמיט אונטערגעגראבען אונטער איהר אייגענער עקזיסטענץ.

די מענשהייט קאן האבען א גליקליכע צוקונפט, נאר ווען דאס נאציאנאלע פראבלעם זאל ריכטיג פערענטפערט ווערען. ערשט

דענסטמאָל וועט מען קאָנען אָנהויבען רעדען וועגען דעם אייבּיגען פריעדען צווישען די נאַציאָנען. דער אַלטער כּלל איז ריכטיג: לאו עכברא גנב אלא חורא גנב — ניט די מויז גנב'עט, נאָר דאָס לאָך איז דער גנב. פערשטאָפּט די לעכער, וועלען די מייז ניט קריכען. כּל זמן עס זיינען דאָ שוואַכע נאַציאָנען, וועלכע ווערען ניט געשיצט פון דער אַלגעמיינהייט, פּונקט ווי די שוואַכע פּערזאָן ווערט געשיצט פון דער מלוכה און דער געזעלשאַפט, וועלען זיי שטענדיג וועקען דעם אַפּעטיט פון די שטאַרקערע נאַציאָנען און מלחמות וועלען ניט אויפהערען.

מיר האָבען נאָר מורא פאַר איין זאַך. די געשיכטע זאָל מיט אונז ווידער ניט מאַכען אַ שפּאַס און שאַפען פאַר אונז אַן אויס־נאַהמע, ווי זי האָט עס זיך שוין פיעל מאָל מיט אונז ערלויבט. מיר זעהען דאָס איצט קלאָרער ווי ווען עס איז, אַז די פעלקער וועלען מוזען איינזעהן, אַז מען מוז לעבען און לעבען לאָזען, און ענדערען די אינטערנאַציאָנאַלע תנאים פון לעבען. עס וואָלט געווען דאָס גרעסטע אונגליק פאַר אונז, ווען מען וואָלט אונז איבערגעהופּט, ווייל פיעלע פון אונז גופא האָבען זיך בעמיהט איינצושמועסען די וועלט, אַז אונזער וואונש געהט גאָר ניט אַזוי ווייט, אַז מיר אַליין בעטען גאָר ניט קיין נאַציאָנאַלע רעכט אפילו דאָרט, וואו די מלוכה איז צוזאַמענגעזעצט פון פיעלע פערשיעדענע נאַציאָנאַלע עלע־מענטען.

עס הענגט פיעל דערפון אָב, ווי מיר וועלען פאָרמולירען אונ־זערע טענות. ביז איצט זעהען מיר, אַז אונזערע געבעטענע און ניט־געבעטענע פערטרעטער האָבען דאָס ניט פערשטאַנען. דאָס זעהען מיר קלאָר ביי דער עמאַנסיפּאַציאָן פון די אידען אין די פערשיעדענע לענדער. מיר ווילען אָבער גלויבען, אַז דער ערוואַכ־טער און זעלבּסט־בעוואוסטער חלק פון אידישען פאָלק וועט איצט ניט דערלאָזען צו נייע גראָבע פעהלער.

3 אָקטאָבער, 1914.

אונזערע אונגליקליכעברידער אין גאַליציען.

אַפּילו אין אומגליק מוז מען אויך האָבען אַ ביסעלע מזל, ווען ניט — איז מען אין גאַנצען פערלאָרען. דאָס קען מען איצט זאָגען פון אונזערע ברידער אין גאַליציען. לאָמיר אונז פאָרשטעלען, אַז עס וואָלט אויסגעבראָכען אַ מלחמה ניט אין דער גאַנצער וועלט, נאָר צווישען רוסלאַנד און עסטרייך, און די ערשטע ענדערונג, וואָס וואָלט פאָרגעקומען אַלס רעזולטאַט פון דער מלחמה וואָלט ניט געווען גרעסער ווי די, וואָס איז איצט פאָרגעקומען אין מזרח פון גאַליציען. מען קאָן מיט זיכערהייט זאָגען, אַז דער רושם פון דיעזער ענדערונג וואָלט געווען זעהר גרויס. די וועלט־פּרעסע וואָלט גע־קאָנט ציהען פון איהר חדשים לאַנג געגוג חיונה, און גאַליציען וואָלט אויף זיך געצויגען די אויפמערקזאַמקייט און דאָס אינטערעסע פון דער גאַנצער וועלט. ממילא וואָלטען אונזערע גאַליציאַנישע ברידער געשטאַנען אין מיטעלפּונקט פון אונזערע אידישע אינטע־רעסען. היינט אָבער, ווען דער שטח פון דער מלחמה איז אַזוי אויסגעברייט, ווען דער איינפאַכער לעזער איז נעביך געצוואונגען צו לערנען געאָגראַפיע און שפּרינגען יעדעס מאָל, ווען ער עפענט די צייטונג, פון פראַנקרייך אין דייטשלאַנד, פון דייטשלאַנד אין רוסלאַנד, פון רוסלאַנד אין עסטרייך און נאָר מיט אַמאָל אין יאַפּאַן און כינא, פערליערען די קליינע מדינות און די איינצעלנע חלקים פון די מדינות זייער ווערטה. פּשוט מען הופּט זיי איבער ווי די שטיקער מחזור, וועלכע זיינען געדרוקט אין רש״י־כתב. ווער וועט זיך אינטערעסירען פּאַר אַ צוויי פּסוק׳דיגען „שיר המעלות“, ווען מען האָט פּאַר זיך דעם גרויסען „אשרי תמימי דרך“; ווער קאָן זיך אָבשטעלען אויף גאַליציען, בשעת מען שמועסט וועגען מאַכען אַ וועג נאָך פּאַריז, פון אַנטווערפּען נאָך לאָנדאָן, אָדער פון וואַרשא נאָך וויען און בערלין?

גאַליציען האָט אפילו אין אונגליק אויך קיין גליק ניט. די גרעסטע קויל האָט זי געטראָפען, זי איז די ערשטע מדינה, וועלכע איז לעת־עתה איבערגעגאַנגען פון איין רשות אין דעם אַנדערן רשות, זי האָט צוערשט דערפיהלט דעם טעם, וואָס הייסט אויס־בייטען איין אָדלער אויף דעם אַנדערן אָדלער, ווען אפילו ביידע זיינען מיט צוויי קעפּ. און דאָך איז דערטרונקען געוואָרען דאָס אינטערעס פאַר דיזע וויכטיגע ענדערונג אין דער אייראָפּעאישער קאַרטע אין דעם גרויסען ים פון די מלחמה־נייעס, וואָס פערפלייצען יעדען טאָג די גאַנצע וועלט.

היינט ווער רעדט פון די גאַליצישע אידען, אָן זיי האָט מען זיך פשוט פערגעסען, מען האָט זיי דערמאָנט אייניגע מאָל עפּעס אַזוי, כלאחר יד, כדי יוצא צו זיין. מען האָט אָבער ניט אָבגעשעצט זייער חורבן, מען האָט ניט אָבגעוואויגען זייער טיעפען עלענד. און זיי די גאַליצישע אידען, זיינען דאָך דער ערשטער קרבן פון דער מלחמה, זיי זיינען אַם הארטעסטען פון איהר געטראָפען געוואָרען.

מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק האָב איך געהאַט די געלעגענהייט צו בעזוכען כמעט אַלע אידישע צענטרען פון גאַליציען, צו בעאָבאַכטען און צו שטודירען דאָס לעבען פון אונזערע גאַליצישע ברידער. און ביז אויף היינטיגען טאָג בין איך דאַנקבאַר די אומשטענדען, וואָס האָבען מיך געפיהרט אין דיזע קליינע און אָרימע מדינה, וואָרים דאָס, וואָס איך האָב דאָרט געזעהן, האָט מיך געצוואונגען, אַז איך זאָל איבערבייטען מיין מיינונג וועגען די גאַליצישע אידישע בעפעל־קערונג. איך האָב בעקומען וועגען איהר גאָר אַן אַנדער מיינונג, אַ פיעל העכערע און בעסערע ווי די, וואָס איז פערברייטעט וועגען איהר אין דער גאַנצער וועלט.

גאַליציען האָט קיין מזל ניט. און די גאַליצישע אידען זיינען בעטראַכט געוואָרען ווי די אָרימסטע שלים־מזל׳ניקעס אויף דער וועלט. מען האָט גערעדט וועגען דעם גאַליצישען שמוץ, וועגען מיאוס׳ע זיטען, וועגען נאַציאָנאַלע פעהלער און פערברעכען. מען האָט געאורטהיילט אויבערפלעכליך, ווייל מען איז אין דער גאַנצער וועלט געקומען אין בעריהרונג מיט די אָרימסטע עלעמענטען, וועלכע זיינען ארויסגעדרענגט געוואָרען פון זייער היימאַטה און האָבען

ניט געהאַט די מעגליכקייט צו געשטאַלטען זייער לעבען עטוואָס שעהנער, ווייל אַט די עלעמענטען זיינען געוועזן געטריעבען פון הונגער, בוכשטעבליך פון הונגער אָהן שום מליצה, און האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף דאָס שטיקעל ברויט און אין דער ערשטער מינוט ניט געקוקט אויף די שעהנקייט פון דער פרנסה. אין בערלין און אין וויען זיינען זיי געשטאַנען, האַלב איינגעבויגען און מיט אַ ציטערען אין די גליעדער, אויף אַלע עקען פון די גאַסען און הכנעה־דיג געבעטען, מען זאָל זיי פערקויפען אַלטע קליידער... מיט דער צייט האָט מען אויף זיי אָליין אָנגעהויבען צו קוקען ווי אויף אָב־געטראָגענע ברואים, ווי אויף מענשען מיט לאַטעס, וועלכע האָבען שוין אָבגעדיענט זייער צייט, און די אידישע אַלטע־קליידער־הענד־לער פון גאַליציען זיינען געוואָרען דער סימבאָל פון דעם גאַליצישען יודענטהום. עס האָט זיך איינגעוואָרצעלט אַ פאָראורטהייל געגען זיי, און מען האָט זיי אָוועקגעשטעלט אויף אַ ניעדריגער מדרגה.

אַ פּאָר חדשים האָב איך צוגעבראַכט אין גאַליציען. איך האָב בעאָבאַכטעט אונזערע דאָרטיגע ברידער אין גרויסע אספות, גע־מערקט, ווי זיי רעאַגירען אויף די גרויסע וועלט־פּראָבלעמען. איך האָב זיי געזעהן אין געזעלשאַפט, צוגעקוקט זיך צו זייער אינערען לעבען. איך האָב זיי געזעהן אויפ'ן גאַס, אויפ'ן מאַרק, אין בית־מדרש, אין חדר און אין קלוב, איך האָב זיך גוט צוגעהערט צו זייערע געשפּרעכען, זיי אויסגעפרעגט וועגען זייערע חלומות אין דער צוקונפט. און שטילערהייט, אין גדאַנקען, האָב איך געבעטען מחילה ביי ניין הונדערט טויזענד ברידער. איך האָב געבעטען, זיי זאָלען מיר פערצייהען מיין זינד אַנטקעגען זיי, וואָרים איך האָב זיך נאָכגעשלעפּט נאָך איינגעוואָרצעלטע פאָראורטהיילען. איך האָב זיי פערשטאַנען און איך האָב זיי פון גאַנצען הארצען ליעב בעקומען. איך האָב בעגריפען דעם משונה'דיגען מצב, אין וועלכען זיי געפינען זיך, און איך האָב בעקומען מיטלייד מיט זיי, ניט ווי איינער, וואָס שטעהט פון דער זייט, נאָר ווי אַ שותף, ווי אַ חבר.

איך האָב דענסטמאָל פערשטאַנען די קראַפט פון אַ פאָראור־טהייל, דעם כח פון אַ לעגענדע, ווען זי ווערט פערברייטעט. איך האָב ערפאַסט די גאַנצע טראַגעדיע פון אונזערע גאַליצישע ברידער.

גאַליציען איז געווען כמעט אַ זעלבסטשטענדיגע פּוילישע מדינה. דער פּוילישער שטאַטהאַלטער פון גאַליציען האָט געהאַט אַ גרעסערע דעה און מעהר צו זאָגען אין מלוכה־זאַכען ווי דער עסטרייכישער מיניסטער. די גאַליצישע בעפעלקערונג בעשטעהט פון אַן ערך 4 מיליאָן פּוילען און אַן ערך 4 מיליאָן רוטענען. צווישען דיעזע צוויי גרופּען, וואָס האָבען זיך געפונען אין שטענדיגען קריעג, שטעהען ביי אַן ערך ניין הונדערט טויזענד אידען, און זיי קאָנען מכריע זיין די וואָגשאָל אין איין זייט אָדער אין דער אַנדער זייט. דאָס הייסט שטענדיג זיין צווישען האַמער און קלאָץ, שטענדיג קעהרען זיך נאָך אַ בעשטימטער זייט און שטענדיג זיין אויסגעזעצט דעם כעס פון דער אַנדערער זייט. עס איז גרינג צו געבען עצות, עס איז אָבער קיין לעבען ניט, ווען מען איז תמיד געצוואונגען צו שאָקלען זיך, און שאָקעלט מען זיך ניט, האָט מען אויף זיך דעם כעס פון ביידע זייטען.

און דאָך האָבען די אידען אין גאַליציען געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָלע אין דער פּאָליטיק פון זייער לאַנד, פיעל אַ גרעסערע ראָלע, ווי מען האָט גערעכענט אין דער וועלט. דאָס אידישע זעלבסט־בעוואוסטזיין איז אין גאַליציען געשטאַנען ניט ניעדריגער ווי אין אַנדערע מדינות מיט אַ שטאַרקער אידישער בעפעלקערונג, און די עסטרייכישע רעגיערונג האָט בעטראַכט די גאַליצישע אידען ווי אַ וויכטיגען פאַקטאָר.

אויך איז דאָס געווען מעהר ניט ווי אַ בייזער וויץ צו רעדען פון גאַליציש־אידישען שמוץ און אונוויסענהייט. ווער עס האָט זיך נאָר גוט צוגעקוקט צום לעבען פון די גאַליצישע אידען, האָט געמוזט מודה זיין, אַז אויך אין דעם פּרט פון ריינקייט און בילדונג שטעהען זיי בשום אופן ניט אָב פון זייערע ברידער אין אייראָפּאַ. מיר פערגעסען דערביי איין וויכטיגען פּונקט. ווען מען מאַכט אַ פערגלייך, מוז מען נעהמען די זעלבע געזעלשאַפטליכע קלאַסען, און עס איז ניט די שולד פון די גאַליצישע אידען, וואָס די פּוילען פון איין זייט און די רוטהענען פון דער אַנדער זייט האָבען אָנגעשטרענגט אַלע כחות נים צוצולאָזען די אידען צו די בעסערע שטעלונגען אין עקאָנאָמישער הינזיכט. עס איז אויך ניט די שולד פון

די גאַליציִשע אידען, וואָס זיי געפינען זיך שטענדיג צווישען צוויי פייערען.

גראַד אין גאַליציען האָב איך געמערקט, אפשר מעהר ווי ערגעץ וואו אנדערש, דעם אָבגלאַנץ פון דער אַלטער השכלה און אַ מורא'דיג שטאַרקען דראַנג ביי דער יוגענד נאָך בילדונג און וויסען, אפילו אין די חסידישע קרייזען. אויף דעם גאַליציִשען יודענטהום ליעגט נאָך דער אַלטער יחוס, מען מערקט נאָך דאָרט די שפּורען פון דער אַלטער טראַדיציאָן. אָבער, ווי געזאָגט, מען מוז זיי בעאָבאַכטען ביי זיי אין דער היים, וואו זיי פיהרען נאָך אַ זעלבסטשטענדיג לעבען, ווי וויית מען קאָן רעדען פון זעלבסטשטענדיגקייט אין אַ פויליש־רוטהעניִשען גלות.

אַלס ביישפּיעל, וואָס בעליינכט די גאַליציִשע אידען גאָר פון אַן אַנדער זייט, וויל איך איין פאַקט ברענגען, איין פאַקט פון פיעלע, וואָס איך האָב געקאָנט ברענגען.

דאָס ערשטע אידישע גימנאַזיום געפינט זיך אין יפו, אין תל אָביב, אין אַ שעהנעם, אייגענעם געביידע. דאָס ירושלים'ער גימ־נאַזיום געפינט זיך לעת עתה אין אַ געדונגענער דירה. דאָס ירושלים'ער גימנאַזיום איז געגרינדעט געוואָרען פון אַ גאַליציִשען ציוניסט. גאַליציען האָט זיך מתקנא געווען. זי איז שטאָלץ אויף איהר גימנאַזיום און וויל ניט אָבשטעהן פון יפו. איין מאַן האָט זיך גענומען פאַר דער ארבייט, דר. ציפּער. ער האָט בערייזט גאַנץ גאַליציען און האָט אויפגעפאָדערט זיינע ברידער צו אונטערשטיצען זיין ווערק. אין איין יאָהר צייט האָט ער געזאַמעלט אין ג א ל י־צ י ע ן אַ סומע פון הונדערט און צוואַנציג טויזענד קראָנען במזומנים פאַר דעם בוי פון גימנאַזיום אין ירושלים. עס האָבען זיך געוואָלט דערביי בעטהייליגען אייניגע עסטרייכער פון וויען, פון בעהמען, פון מעהרען, מען האָט זיי אָבער אויסגעשלאָסען, מען האָט געוואָלט, אַז גאַליציען זאָל זיך צייגען. און דאָס איז געשעהן אָהן קולות, מען האָט ניט מרעיש עולמות געווען. גאַליציען בעזיצט נאָך עטוואָס פון דער אַלטער אידישער צניעות...

איצט איז גאַליציען, דער גרעסטער חלק פון גאַליציען, אַריבער אין אַן אַנדער רשות. דער פירסט באַברינסקי האָט אין לעמבערג

שוין געהאלטען זיין ערשטע רעדע. קיין חידושים זיינען אין איהר ניטא, די אלט בעקאנטע רוסישע דרשה: דערמאנט די פוילען, דער־מאנט די רוטהענען און פערשוויגען די אידען. פירשט באברינסקי האט צוגעזאגט איינצופיהרען די רוסישע שפראך און די רוסישע זיטען אין דער נייער מדינה. דאס איז דער אנהויב פון דער פערשפראכענער פוילישער אויטאנאמיע, דאס איז דער ערשטער גרוס פאר די „ליעבע אידען“.

א טעלעגראמע האבען מיר אלע געלייענט, אז זעקס טויזענד אנטלאפענע אידען פון מזרח גאליציען זיינען אנגעקומען אין ניקאלסבורג. עס איז ניט געווען וואו ארייגצולאזען זיי, האט מען פאר זיי אויף גיך אויפגעשלאגען געצעלטען אויסער׳ן שטאדט. די זעקס טויזענד אנטלאפענע, הייסט דאס, זיינען איצט מקיים דעם דין פון סוכה מיט אלע תגין. די, וואס האבען ניט געקאנט אנטלויפען, ריכטען אב סוכה ביי זיך אין דער היים.

א שוידער געהט איבער׳ן לייב, ווען מען שטעלט זיך איצט פאר די נייע לאגע פון אונזערע גאליצישע ברידער, וועלכע האבען אויך אין אונגליק קיין מזל ניט.

10 אקטאבער, 1914.

די אחריות פון אַ אידישער פערטרעטונג.

זייט עס איז אַרויס דער מאַניפעסט פון רוסישען צאַר, אָדער ריכטיגער, זייט עס איז אַרויס דער קלאַנג וועגען דעם מאַניפעסט פון רוסישען צאַר צו זיינע „ליעבע אידען“, זיינען אַריבערגעגאַנגען פולע צוויי חדשים. זייט עס איז אַרויס דער בעפעהל, אָדער ריכטיגער דער קלאַנג וועגען אַ בעפעהל, אַז מהיום והלאה קאָנען אויך אידישע סאָלדאַטען — ווען זיי בעזיצען דעם נויטיגען בילדונגס־גראַד, — וועלכע וועלען זיך אויסצייכענען דורך גבורה און העלדענ־מוטה אין דער מלחמה, ווערען אָפיציערען אין דער רוסישער אַרמעע און אַפילו אויך אין דער פלאָטע — זייט עס איז אַרויס דער קלאַנג מכח אַזאַ מין בעפעהל זיינען אויך אַריבערגעגאַנגען אַן ערך צוויי חדשים. אין די ערשטע טעג האָט מען געפויקט און געקלונגען וועגען די נייע ישועות אויף די רוסישע אידען. דאָס פויקען און דאָס קלינגען איז געוואָרען אַלץ שוואַכער און שוואַכער, און אין די לעצטע טעג הערט מען פון די הילכיגע ידיעות נאָר אַ גאַנץ מאַטען בת קול, ווי דאָס עכאָ פון דער יום־כפור׳דיגער תקיעה גדולה, נאָך דעם ווי דער בעל־תפלה האָט שוין אַ קלאַפּ געטהאָן מיט זיין טרויעריגער שטימע דעם וואָכעדיגען „והוא רחום“.

גרויסע מאמינים זיינען מיר פון אָנהויב אָן ניט געוועזען. ער־שטענס האָבען מיר ניט פערשטאַנען, ווי אַזוי מען זאָל זיך קענען פערלאָזען אין אַזאַ וויכטיגער פראַגע אויף ידיעות, וואָס קומען אָן עפּעס אַזוי מן הצד, ווי דער העברעער זאָגט: קלוטות מן האויר, דאָס הייסט, זיי קומען פון דער לופט, אַ ווינד האָט זיי געבראַכט. היינט בלאָזט דער ווינד פון ענגלאַנד, מאָרגען פון קאָפּענהאַגען און איבערמאָרגען גאָר פון רוים. פון ענגלאַנד קומען זיי אָן איינ־געשלייערט אין נעבעל, פון קאָפּענהאַגען בעדעקט מיט אַ פּרעסטעלע און פון רוים עטוואָס פערשטויבט. ווען עס האַנדעלט זיך וועגען

אַ קליינינגקייט, וועגען ניט צולאָזען, צום ביישפּיעל, אידישע קינדער אין אַ גימנאַזיום אָדער אַ האַנדעלס־שולע, פּוילט זיך ניט דער רוסישער צאַר צו געבען זיין אייגענע חתימה. דאַרף מען אַרויסטרייבען עטליכע אידען פון אַ דאָרף, וואו זייערע טאַטעס און זייערע זיידעס האָבען געלעבט, פּוילט זיך ניט דער מיניסטער אליין, ער איז זיך מטריח און גיט אַרויס אַן אייגענהענדיגען „אוקאַז". און דאָ, ביי אַזאַ וויכטיגען אַקט, וואָס איז נוגע זיעבען מיליאָנען רעכטלאָזע און פערפאָלגטע מענשען־קינדער, לאָזט מען אַרויס דראָטלאָזע ידיעות און מען צובלאָזט זיי אויפ'ן ווינד נאָך אַלע וועלט־ריכטונגען.

צווייטענס איז געווען איין פּונקט אין די ידיעות גופא, וועלכער האָט נאָך מעהר פערשטאַרקט אונזערע ספקות. עס האָט געהייסען, אַז פון היינט אָן מאָגען אידען ווערען אָפיציערען ניט נאָר אין דער אַרמעע, נאָר אויך אין דער פלאָטע. איז עס דאָך אָבער ידוע, אַז די רוסישע פלאָטע איז אידען־ריין, אַז אין דער פלאָטע איז ניטאָ אפילו קיין איינציגער אידישער מאַטראָז. מוז מען דאָך אָנהויבען, ווען מען טהוט שוין תשובה, פון די מאַטראָזען און ניט פון די אָפיציערען, אויב ניט, איז עס דאָך נאָר אַ בייזער וויץ.

ליידער האָבען זיך אונזערע ספקות דערוויילי אַרויסגעשטעלט ריכטיג. און עס איז נאָך טרויעריגער און האָפנונגסלאָזער ווי מיר האָבען גערעכענט. מיר קענען צו גוט די רוסישע רעגיערונגס־טאַקטיק און איהרע שמד־שטיק און ווייסען וואָס זיי בעדייטען. ווען מען ווערט געדרענגט פון דער עפענטליכער מיינונג און מען מוז יוצא זיין אַנטקעגען דער וועלט פון איין זייט, און פון דער אַנדער זייט וויל מען דאָך ניט אָבזאָגען זיך פון דער אַלטער שיטה פון אונטערדריקונגען און פערפאָלגונגען, זוכט מען אויס איינעם אָדער אייניגע פון די העכערע רעגיערונגס־בעאַמטע, און מען וואַרפט אַרויף אויף זיי די שולד. דער הערשער אַליין, הייסט עס, האָט אין זיין גרויס גנאַד און באַרמהערציגקייט געוואָלט לייכטער מאַכען די לאַגע פון די אונטערדריקטע, אָבער אייניגע מיניסטאָרען האָבען זיך געשטעלט אַנטקעגען דעם נייעם פלאַן פעסט ווי אַ מויער און האָבען ניט צוגעלאָזען, אַז ער זאָל אָנגענומען ווערען. די ידיעה ווערט פאַנאַנדער־

שיקט אין די גאַנצע וועלט, און דאָס ציעל ווערט עררייכט. עס געפינען זיך נאָך ווייכהערציגע, בעלי רחמים, וואָס האָבען מיטלייד מיט דעם אָרימען הערשער, וועלכער האָט נעביך ניט קיין שליטה איבער זיינע אייגענע מיניסטאָרען. די נאַאיווע הויבען אָן ווירקליך צו גלויבען, אַז נאָר די פּאָר מיניסטאָרען האָבען מעכב געווען די גאולה, אַז נאָר צוליעב זיי איז אָבגעלעגט געוואָרען די אידישע ישועה, און אָנשטאָט דערשטיקט צו ווערען פון אינווענינגען צאָרן איבער די טרפה׳נע רוסישע פּאָליטיק, ווערען זיי אין כעס אויף דעם אידישען שלעכטען מזל: א פּאָלק אַ שלים־מזל! אַזוי נאָהענט געווען פון גליק, דאַרף זיך מאַכען, אַז גראָד אין דעם מאָמענט איז טשעגלאָוויטאָוו יוסטיץ־מיניסטער; וואָלטען מיר אָנשטאָט טשעג־לאָוויטאָוו׳ען געהאט צוויי קריוואָשעאינס, וואָלטען שוין אפשר אָנגעשטאַנען משיח׳ס צייטען פאַר די רוסישע אידען.

און דערין ליעגט דאָס טרויעריגסטע. מען שיט די אידען און דער עפענטליכער מיינונג זאַמד אין די אויגען, כדי זיי זאָלען ניט דערוויסען זיך פון דעם אמת. מען וויל פערגלעטען די מורא־דיגע עולה פאַר די צייט פון דער מלחמה. דערנאָך, ווען די מלחמה וועט פאַראיבערגעהן, וועט מען שוין פארטיג ווערען אי מיט דער עפענטליכער מיינונג, אי מיט די אידען. אין דער טאַקטיק פון דער אינווענינער אונטערדריקונגס־פּאָליטיק איז רוסלאַנד תמיד געווען גרויס, און די רעגיערונג האָט איצט אָנגעווענדעט איינע פון איהרע אַלטע מעטהאָדען.

מיט איינינע טעג צוריק האָב איך ערהאַלטען ידיעות פון רוס־לאַנד פון איינעם, וואָס ווערט בעטראַכט אין רוסלאַנד פאַר א גרויסען קענער פון דער אינווענינער רוסישער פּאָליטיק. ער איז אויך בעקאַנט ווי איינער פון די עדעלסטע אידישע פּאַטריאָטען. ער שרייבט מיר, אַז מיר זאָלען זיך ניט לאָזען בלענדען פון פאַלשע, אויפגעבלאָזענע נאַכריכטען, פון גרונדלאָזע הבטחות. וואָרים, אַזוי שרייבט ער, ווען די רוסישע רעגיערונג וואָלט באמת געפּאַסט אָן ערנסטען בעשלוס צו מאַכען אַ סוף צו די אידישע צרות, וואָלטען זיך שוין געצייגט איינינע סמנים אין דעם ווי זי בעהאַנדעלט די אידען איצט, און די אידען ווערען איצט, אין דער צייט פון דער

מלחמה, בעהאַנדעלט ניט בעסער ווי אַ גאַנץ יאָהר. מען פערפאָלגט די גרויסע, מען היט אָב אַלע חומרות, מען טרייבט זיי, וואו מען קאָן זיי נאָר טרייבען, און די קליינע אידישע קינדער שמאַכטען נאָך פון בילדונגס־דורשט און געפינען אומעטום נאָר פערשלאָסענע טהירען. ניט נאָר דאָס אַלטע ווערט ניט אָבגעשאַפט, עס קומען נאָך צו נייע גזרות׳לעך, וואָס פערפאָלגען נאָר איין ציעל, צו פער־גיפטען די אידען דאָס לעבען. בכן, שרייבט מיר מיין פריינד, זיינען מיר, וואָס געפינען זיך אין גליקליכערע פערהעלטניסע, מחויב ניט צוצולאָזען אַז דער שקר זאָל זיעגען. מיר זיינען מחויב צו אונטערנעהמען שריט, אַז ווען די נאַציאָנען וועלען זיך פערזאַמלען צו בעשליעסען דעם גורל פון מדינות און פעלקער, זאָלען מיר חלילה ווייטער ניט בלייבען די אָבגענאַרטע, ווי עס האָט שוין ניט איין מאָל פאַסירט מיט אונז.

דערווייל האָט מען אונז שוין געגעבען אָנצוהערעניש, און דוקא פון אַן אָפיציעלער זייט, אַז קיינער וועט ניט וועלען זיך אריינמישען אין „די אינערע אנגעלעגענהייטען" פון רוסלאַנד. די פראַגע פון די זיעבען מיליאָנען אידען איז אַן אינווענינע אַנגע־לעגענהייט, וואָס איז ניט נוגע די אַנדערע מדינות. דאָס הייסט, די רוסישע רעגיערונג בעפעסטיגט זיך שוין איצט הינטער אַ דיקער וואַנד, אויף דעם פאַל, ווען מען וועט וועלען מאַכען אויף איהר אַן אַטאַקע. דאָס הייסט, רוסלאַנד האָט אויסגעפונען אַ פּאַראַגראַף פון אינטערנאַציאָנאַלען שולחן־ערוך, און פערציהט דערביי אַ פרום פנים. פון ערפאַהרונג ווייס די רוסישע רעגיערונג, אַז דיעזער מיטעל איז איהר ניט איין מאָל בייגעשטאַנען אין דער נויטה. אזוי איז געווען אין די אַכטציגער און אין די ניינציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, אַזוי איז געווען אין אָנפאַנג פון איצטיגען יאָהרהונדערט, ווען די ערשטע עמודים פון דער נייעסטער אידישער געשיכטע אין רוסלאַנד זיינען בעשריעבען געוואָרען מיט פייער און בלוט. פּראָטעסטען פון איין זייט און תחנות און בקשות פון דער אַנדער זייט האָבען גאָר נישט געהאָלפען. די רוסישע רעגיערונג איז געבליבען שטייף אין דער דעה, ווייל זי האָט זיך געשטיצט אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען שולחן ערוך. און וויפיעל צביעות

שטעקט דערין. מיר זעהען, ווי פעלקער שאפען אב אלטע דינים און מנהגים, ווען די דינים און די מנהגים פאסען זיי ניט מעהר. מיר זעהען, ווי זיי טרעטען מיט די פיס אפילו אזוינע דינים, וואס פון זיי האט מען געזאגט, אז זיי שטאמען גלייך פון גאט, ווען די דינים שטערען זיי אין זייער פרנסה. נאר ווי עס קומט צו די אידען, עפענט מען אויף דעם אלטען אינטערנאציאנאלען שולחן־ערוך און מען ווערט מיט איין מאל פרום און שטיל, מען וויל כלומר'שט ניט אנריהרען דאס, וואס איז היילינ געווארען.

די פראגע פון די זיעבען מיליאנען רוסישע אידען, ווען מיר זאלען קענען האפען, אז זי זאל פערענטפערט ווערען, מוז ארויס־געשלעפט ווערען פון דער מחיצה, וואס די רוסישע רעגיערונג האט ארומגעבויט ארום איהר. זי מוז בעהאנדעלט ווערען מיט דעם זעלבען ערנסט, ווי עס וועט בעהאנדעלט ווערען די פוילישע פראגע, צום ביישפיעל. גענוג זייגען די אידען שוין געשטראפט געווארען דערמיט, וואס זיי האבען ערגעץ ניט קיין מאיאריטעט פון דער בעפעלקערונג, און וויפיעל רעכט דאס געזעץ זאל ניט שאפען פאר זיי, וועלען זיי נאך שטענדיג בלייבען די שוואכערע, די רעכטלאזע, זיי וועלען שטענדיג בלייבען אין עקאנאמישער און גייסטיגער אב־הענגיגקייט פון דער פרעמדער סביבה. אבער צוליעב דעם וואס זיי זיינען אין א שלעכטערער לאגע ווי די אנדערע פעלקער, זאל מען זיי נאך ווייטער בעשרענקען און בעטראכטען נאר ווי א נעבען־זאך, ווי „אן אינוועניגע אנגעלעגענהייט". וואס האט ניט קיין זעלבסטשטענדיגע בעדייטונג פאר דער וועלט — וואו בלייבט דער אינטערנאציאנאלער יושר? אלא וואס דען, אייער שולחן ערוך פסק'ענט אזוי — טא זייט ניט צביעות'דיג און מאכט איבער אייניגע פאראגראפען אין אייער שולחן ערוך, און ברענגט עגלה ערופה פאר דאס אידישע בלוט, וואס איז ביז איצט פערגאסען געווארען צוליעב אייער קאנסערוואטיזם, צוליעב אייערע צביעות...

דאס איז די טענה, מיט וועלכער די אידישע פערטרעטונג מוז דיעזעס מאל ערשיינען פאר דער ציוויליזירטער עפענטליכקייט. זאגט מען זיך אב פון דיעזער פארמולירונג און מען שטעהט ווייטער, ווי מען איז ביז איצט געשטאנען, און מען בעט רחמים פאר זיעבען

מיליאָנען איינצעלנע פּערזאָנען, וועט מען אויספיהרען ניט מעהר, ווי מען האָט ביז איצט אויסגעפיהרט.

ווען אונז, ווען אונזערע פּערטרעטער וועלען ווידער אויס־בייטען דאָס גרויסע אידישע פּראָבלעם אויף קליין־געלד, אָפּערירען מיט אַלטע בעגריפען און אָנווענדען די אַלטע מעטהאָדען. זעהען מיר דען ניט, אז די געשיכטע רעכענט זיך איצט ניט מיט דעם פּרט, אז זי האָט צו טהאָן מיט דעם כלל? פערשטעהען מיר דען ניט, אז אפילו זיעבען מיליאָנען קאָנען בלייבען מעהר ניט ווי א פּרט, ווי זיעבען מיליאָנען י ח י ד י ם, ווען מען פּאַסט זיי ניט אויף ווי א געשלאָסענע איינהייט, ווען מען ערקענט ניט אָן זייער רעכט, ווי די רעכט פון אן איינהייט?

גרויס איז די אחריות, וואָס די אידישע פּערטרעטער וועלען איצט נעהמען אויף זיך, זיי מוזען גוט מהרהר בתשובה זיין, איידער זיי וועלען מאַכען דעם ערשטען פּראַקטישען שריט.

13 אָקטאָבער, 1914.

די אידיש־פוילישע בעציהונגען.

I.

די טראגישע ראלע פון די אידען אין פוילען.

שוין נאך די ערשטע פאגראמען, וואס זיינען געקומען אויף די רוסישע אידען ווי א קאטאסטראפע מיט עלעמענטארער קראפט אין די אכציגער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט, האט זיך אנגעהויבען גלייך מיט דער מאסען־אויסוואנדערונג נאך די פערשיעדענע וועלט־טיילען אויך אן אונבעדייטענדע אינוועניגסטע אידישע אויסוואנדערונג אין רוסלאנד גופא. צום בעדויערען האבען מיר אפילו קיין סימן ניט פון א סיסטעמאטישער גרונדלאגע וועגען דיעזער אינוועניגסטער אויסוואנדערונג, און מיר מוזען יוצא זיין, ווען מיר רעדען פון איהר, מיט השערות, און דעריבער איז אויך שווער אבצושעצען איהר בעדייטונג און איהר איינפלוס אויף די ווייטערע ענטוויקלונג און געשטאלטונג פון דעם רוסיש־אידישען לעבען. גלייך נאך די ערשטע פאגראמען האבען זיך אנגעהויבען שטארקערע רדיפות אויף די אידען, וואס האבען געלעבט אויסער דער „טשערטא“ אהן זכיות, אויף די צעהנדליגע טויזענדע פאמיליען פון די אידישע ישוב'ניקעס, אויף די, וואס האבען ארענדירט „אימעניעס“, וועלדער, מיהלען, מילך־ווירטשאפטען און אזוי ווייטער. דיעזע אלע עלעמענטען, — מיר וויסען אפילו ניט די בערך'דיגע צאהל פון די משפחות, — זיינען געווען געצוואונגען אויסצוואנדערען פון זייערע אלטע ערטער און זוכען פאר זיך א נייע היים. און מערקווירדיג, גראד דיעזע עלעמענטען זיינען ניט געגאנגען נאך אמעריקא, וואוהין עס האט געפלייצט דער הויפט־שטראם פון דער אידישער אויסוואנדערונג. אמעריקא איז צו יענער צייט נאך ניט געווען אזוי פאפולער, און א נסיעה איבער'ן „ים אוקינוס“ האט נאך געשראקען דעם געוועזענעם ישוב'ניק און

דעם אידישען האנדווערקער, וואס האט ביז אהער געלעבט אין א פרעמדער ניט אידישער סביבה. די אויסוואנדערונג אין אמעריקא האט אין די ערשטע יאהרען פערכאפט צום גרעסטען טייל די גרע־סערע שטעדט און די שטעדטלעך ארום גרענעץ, וואו דער עולם איז געווען „וועלטליכער", וואו ער איז געקומען אין בעריהרונג מיט דער גרויסער וועלט.

א גרויסער חלק פון דיזע עלעמענטען הויבט אן צו דער־זעלבער צייט אויסצוואוואנדערען פון די „רוסישע" געגענדען נאך רוסיש־פוילען; הויפטזעכליך נאך די גרויסע שטעדט, ווארשא, לאדז, פיעטריקאוו א. א. וו. ערשטענס, איז פוילען שוין צו יענער צייט געווען ענטוויקעלטער אין אינדוסטריע און האנדעל, און צווייטענס האבען זיך די אידען דארט געקאנט פיהלען אין מאנכע הינזיכטען פיעל פרייער, ווייל די רוסישע רעגיערונג האט זיי דארט פיעל ווייניגער אונטערדריקט און האט זיי געגעבען פיעל מעהר בעוועגונגס־פרייהייט. די רוסישע רעגיערונג האט זיך ארומגעזעהן, אז זי קאן אויסנוצען די נייע אידישע עלעמענטען צו איהרע צוועקען. דער הויפט־צוועק פון דער רעגיערונג איז בע־שטאנען אין דער רוסיפיצירונגס ארבייט פון פוילען, זי האט זיך בעמיהט מיט אלע מיטלען צו שאפען אין פוילען א „רוסישע אטמא־ספערע". זי האט רוסיפיצירט די פערוואלטונג, די אייזענבאהנען, די קרעדיט אנשטאלטען, און מעהר פון אלעם די שולען. א מחנה פון רוסישע בעאמטע, גרויסע און קליינע, און דוקא ניט די בעסטע, האבען פערנומען אלע פלעצער, וואו די רעגיערונג האט נאר געקאנט זאגען א דעה. די בעאמטע האבען בעקומען העכערע שכירות ווי אומעטום, ווייל די רעגיערונג האט זיי געוואלט מפצה זיין פאר זייער עקסטרא ארבייט צו רוסיפיצירען דאס לאנד. די ארבייט איז אבער אנגעגאנגען זעהר לאנגזאם און אהן גרויסען ערפאלג, ווייל מעהר ווי די רוסישע בעאמטע האבען געווירקט אויף דער סביבה, האט אומגעקעהרט די פוילישע סביבה געווירקט אויף זיי. זי האט זיי שטארק בעאיינפלוסט און מיט דער צייט האט זי זיי פערוואנדעלט אין אנדרוגינוס'ען: האלב רוסיש האלב פויליש. א ריינע, הארבע און קרעפטיגע רוסישע שפראך מיט אלע תגין האט

מען געקאָנט הערען נאָר אין „אוטשאַסטאָק", ווייטער איז אַלץ געוועזן פערדאָרבען, געמישט, ניט עכט.

נאָך שווערער, פיעל שווערער איז עס צוגעגאַנגען מיט דער רוסיפיציזירונג פון דעם האַנדעל, פון דער געזעלשאַפט און פון דער גאַס. אין האַנדעל איז דאָך יעדער פריי, מען קאָן דאָך ניט צווינגען דעם סוחר, אַז ער מוז רעדען מיט דעם קונה דוקא אין אַ בעשטימ־טער שפראַך, און ווען מען זאָל איהם שוין יאָ צווינגען דורך אַ געזעץ, קאָן מען דאָך איהם ניט קאָנטראָלירען. אין די געזעלשאַפט קאָן מען אויך קיין בעאַמטע ניט שיקען, און די גאַס הענגט אָב פון דעם האַנדעל און פון דער געזעלשאַפט, וואָס פאַר אַ גייסט עס הערשט דאָרט, הערשט אויך אין גאַס.

די רוסישע רעגיערונג האָט גערעכענט, אַז עס וועט זיך איהר איינגעבען אַריינצוטראָגען די רוסישע אַטמאָספערע אין די געזעל־שאַפט דורך די טויזענדע אָפיצירען, וועלכע פערנעהמען געוועהנליך אַ העכערע געזעלשאַפטליכע שטעלונג. די אָפיצירען האָבען דאָך ליעב אַ לעב צו טהאָן, און די „געזעלשאַפט" וועט געוויס ניט קאָנען ביישטעהן אַנטקעגען דעם רוסישען אָפיציר. בפרט נאָך אין צייטען פון שלום, ווען דער רוסישער אָפיציר האָט זיך תמיד אַרומ־געוויזען ווי אַ העלד. מען האָט נאָך פוילען דוקא געשיקט די שעהנ־סטע און רייכסטע אָפיצירען, כדי זיי זאָלען קאָנען אָנגעבען דעם טאָן. אָבער אויך דאָ האָט די רעגיערונג אַ טעות געהאַט. זי האָט געמאַכט דעם חשבון אָהן דעם בעל־הבית, אָדער ריכטיגער — אָהן די בעל־הבית׳טע. אין די פיינערע, העכערע געזעלשאַפט האָבען די רוסישע אָפיצירען אין פוילען קיין צוטריט ניט געהאַט, זיי האָבען דאָרט שטענדיג געפונען פאַר זיך פערשלאָסענע טהירען. זיי האָבען געמוזט פערקעהרען אין די מיטעל־קלאַס קרייזען, צווישען געפאַלענע „פריצים" און עהנליכע קרייזען. און אויך אין דיעזע קרייזען האָבען זיי געהאַט גליק אין פערשיעדענע הינזיכטען, אָבער ניט אין דער הויפט־הינזיכט, אין וועלכער די רעגיערונג איז געוועזן פעראינטע־רעסירט. אַנשטאָט צו נעהמען אויף זיך די ציוויליזאַטאָרישע אַרבייט פון אַ לעהרער און זעהן, אַז די פוילישע „פאַניענקעס" זאָלען זיך אויסלערנען רוסיש, האָבען די אָפיצירען זיך אויסגעלע־

רענט פויליש. דער רבי האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ תלמיד און האָט פלייסיג שטודירט.

בקיצור, די רוסישע רעגיערונג האָט אָנגעשטרענגט אַלע איהרע כחות צו מאַכען פון פוילען אַ רוסישע פּראָווינץ, אָבער די מיטלען, וועלכע זי האָט אָנגעווענדעט, האָבען זיך אַרויסגעשטעלט אַלס צו שוואַך. היינט שטעלט זיך פאָר, אַז מיט אַמאָל פאַלט אַראָב פאַר דער רוסישער רעגיערונג אַ מציאה פשוט פון הימעל. עס וואַנדע־רען אויס נאָך פוילען עלעמענטען, וועלכע האָבען זייער גאַנצעס לעבען צוגעבראַכט אין אַ רוסישער אָדער אין אַ האַלב רוסישער סביבה. די מייסטע פון זיי דרינגען אַריין אין רעכטען צענטער פון פוילען, אין וואַרשאַ, עפענען דאָרט געשעפטען און טראָגען אַהין אַריין ניט ווילענדיג דעם גייסט, די מנהגים און די אופנים פון לעבען, צו וועלכע זיי זיינען צוגעוועהנט פון פריהער. אמת, אין רוסלאַנד גופא האָט מען דיעזע עלעמענטען פעראַכטעט, מען האָט זיי גערעכענט פאַר „פּרעמדע", אָבער דאָ אין פוילען און פאַר פוילען זיינען זיי געווען „רוסיש" דרעסירט און מען קאָן מיט זיי דערווייל יוצא זיין. דערצו נאָך ברויכט מען זיי קיין שכירות ניט צאָהלען, זיי זיינען פשוט אַ ריינער געווין.

דיעזע ערקלערונג און דיעזע אויפפאַסונג פון דער ראַליע פון די נייע איינגעוואַנדערטע אידישע עלעמענטען אין רוסיש־פוילען קאָן מען געפינען אין די אָפיציעלע בעריכטען, וואָס דער וואַרשויער גענעראַל־גובערנאַטאָר פלעגט צושטעלען דער צענטראַלער רעגיע־רונג אין פעטערבורג, און דעם אָבקלאַנג פון דיעזער אויפפאַסונג האָט מען נאָך געהערט אין די דעבאַטען פון דער רוסישער דומע, ווען מען האָט גערעדט מכח נייע געזעצען אין דער פוילישער פער־וואַלטונג. מפורסמ'דיגע אַנטיסעמיטען זיינען דערויף בעשטאַנען, אַז מען זאָל דוקא אין פוילען צולאָזען די אידען צו דער שטאָדט־פערוואַלטונג, ווייל זיי זיינען דאָרט זעהר ניצליך. מען קאָן בעגרייפען, וויפיעל גיפט, וויפיעל פּראָוואָקאַ־ציאָן עס שטעקט אין אַזאַ מין בעגרינדונג פון אידישער גלייכ־בערעכטיגונג אין פוילען.

מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט עטוואָס אויספיהרליכער אויף

דער כאראקטעריסטיק פון דער ראליע, וועלכע עס האבען געשפיעלט די איינגעוואנדערטע רוסישע אידען אין רוסיש־פוילען, ווייל דא ליעגט דער שליסעל, וועלכער עפענט אונז דעם וועג צו די בעציהונגען, וואס האבען זיך אין דער לעצטער צייט געבילדעט צווישען דער פוילישער און דער נייער אידישער בעפעלקערונג, אז מיר זאלען זיי ריכטיג תופס זיין און מיט פערשטענדעניס אורטיילען איבער זיי.

אין דעם אומשטאנד, וואס די איינגעוואנדערטע רוסישע אידען אין פוילען זיינען געוועז *ניט ווילענדיג* א ווערקצייג אין די הענד פון דער רוסישער רעגיערונג, א ווערקצייג, וואס איז געווען געריכטעט געגען די גייסטיגע פוילישע אינטערעסען, ליעגט די גאנצע טראגעדיע פון די נייע אידישע עלעמענטען אין פוילען. די נויט האט זיי געצוואונגען, די רוסישע רדיפות האבען זיי געטריבען צו דיענען אגב אורחא אנדערע אינטערעסען. אין דער איבערגאנגס־צייט האבען די איינגעוואנדערטע רוסישע אידען געמוזט בעדינען זיך, אין פערקעהר מיט ניט אידישע עלעמענטען, מיט דער רוסישער שפראך, ניט אוים ליעבע צו איהר, נאר ווייל זיי האבען די פוילישע שפראך ניט פערשטאנען. און ווען זיי האבען זיך אפילו בעמיהט וואס שנעלער צו לערנען פויליש, איז עס ערשטענס ניט לייכט פאר ערוואקסענע אויסצולערנען שנעל א נייע שפראך, צווייטענס האבען די פוילען דאס ניט געמערקט. די פוילישע אויערען האט נאר געקראצט די רוסישע שפראך פון די ניי איינגעוואנדערטע, די פוילען האבען ניט געוואלט אריינגעהן אין תוך פון דיעזער ווירקליך משונה׳דיגער ערשיינונג, פאר זיי איז געווען גענוג די טהאט־זאך, און די שנאה איז געוואקסען פון טאג צו טאג צו די „פרעמדע“, צו די „פערדערבער“, צו די וואס שטערען זיי אין זייערע נאציאנאלע אויפגאבען.

מיר ווילען דערמיט ניט זאגען, אז ווען דער אומשטאנד וואלט ניט געווען, וואלטען די פוילען זיך פערוואנדעלט אין אידען־פריינד, די פוילען בעזיצען דעם געוועהנליכען אנטיסעמיטיזם ניט וועניגער ווי די אומות העולם פון א גאנץ יאהר. איינס איז אבער זיכער, די שנאה צו די אידען וואלט אין פוילען ניט אנגענומען אזעלכע שרעקליכע פארמען, ווען די פוילישע בעפעלקערונג וואלט ניט געווען

אזוי געקרענקט דורך די אידיש־רוסישע איינוואנדערונג אין איהרע בעסטע נאציאָנאַלע געפיהלען.

אין אָנהויב פון די נײַנציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט קומט די צווייטע קאטאסטראָפע אויף די רוסישע אידען, עס קומט דער גירוש־מאָסקווע. דאָ הויבט זיך אָן א נייער קאפּיטעל אין דער אידישער אינערער אויסוואנדערונג. זי ווערט אינטענסיווער, און פוילען, הויפּטזעכליך ווארשוי און לאָדז, ווערט פון איהר נאָך שטארקער בעאיינפלוסט און צוליעב דעם הויבט זיך אויך אָן א נייער דף אין די פויליש־אידישע בעציהונגען.

II.

געשמיסען דעם פּאָלאַק מיט דעם איד.

אין פאָריגען קאפּיטעל האָבען מיר געזוכט אויפצודעקען די טיעפע סבות, וואס האָבען געפיהרט צו געשטייגערטע אנטיסעמיטישע בעציהונגען פון דער פוילישער געזעלשאפט אין רוסיש־פוילען צו די נייע איינגעוואנדערטע אידישע עלעמענטען. נאָר דאָך האָט זיך נאָך דער אנטיסעמיטיזם געהאלטען אין בעשטימטע גרעניצען און האָט ביז די נײַנציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט נאָך ניט אָנגענומען די שרעקליכע פאָרמען, וועלכע ער האָט אָנגעהויבען אָנצונעהמען פון די נײַנציגער יאָהרען און ווייטער. די פוילישע געזעלשאפט איז געווען אויפגעבראכט געגען די נייע, פרעמדע, ניט־געבעטענע אידישע עלעמענטען, און ווען עס וואָלט געווען פון איהר אָבהענגיג, וואָלט זי זיי געוויס ניט אריינגעלאָזען אין פוילען. די פוילישע געזעלשאפט וואָלט אין דעם פאל געהאנדעלט ווי עס האָט געהאנדעלט פרייסען צום ביישפּיעל. זי וואָלט געשלאָסען די גרעניץ פאר די פרעמדע. די רוסישע רעגיערונג איז אָבער דוקא געווען צופריעדען דערמיט, וואָס זי האָט געקענט דורך די אידישע איינוואנדערער פערזעצען א קלאַפּ אזוי זיך, ווי גאָר אָהן א שום כונה, דער פוילישער בעפעלקערונג, מיט וועלכער זי פיהרט א שטענדיגע מלחמה, זינט פוילען איז צוטיילט געוואָרען צום דריטען מאָל.

נאָך אַלעמען אָבער זיינען די אידישע אימיגראַנטען אין רוסיש־פּוילען בעשטאַנען פון עלעמענטען, וועלכע האָבען געהערט צו די שוואַכע עקאָנאָמישע קלאַסען. דאָס זיינען געווען מייסטענס קליינע קרעמער, האַנדווערקער און קאָמיסיאָנערען. מען האָט זיי געהאַסט, מען האָט זיי בעטראַכט ווי איבערפליסיג, שעדליך, אָבער פון נאַציאָנאַלער קנאה האָט נאָך ניט געקאָנט זיין די רעדע, ווייל זיי האָבען נאָך ניט דערגרייכט צו דער געזעלשאַפטליכער מדרגה, וואו עס הויבט זיך אָן די אמת'ע קנאה, האָס פערבונדען מיט נייד, מיט ניט פערגינען. אויך מוז מען פערשטעהן, אַז גראַד די שוואַכערע געזעלשאַפטליכע קלאַסען זיינען ניט געווען אזוי געפעהרליך פאַר די נאַציאָנאַלע קולטור, ריכטיגער, מען האָט זיי ניט בעטראַכט פאַר זעהר געפעהרליך. די פּוילישע געזעלשאַפט האָט צו יענער צייט נאָך גאָר קיין פאַרשטעלונג ניט געהאַט, אַז גראַד די נייע אידישע מאַסען טראָגען אריין אין לעבען אויסער די אָ ב ע ר פ ל ע כ־ ל י כ ע רוסישע קולטור, וואָס בעדעקט זיי מעהר ניט ווי אַ דינע הייטעל, אַן אנדער קולטור, אַן אייגענע, וועלכע געהט פיעל טיעפער, וועלכע האָט וואָרצלען אין דער אידישער נשמה. די פּוילישע געזעל־שאַפט האָט צו יענער צייט נאָך ניט בעגריפען, אַז אויב עס וועט מיט דער צייט יאָ קומען צו אַ צוזאַמענשטויס, וועט דאָס ניט זיין צווישען די איינגעוואַנדערטע עלעמענטען אַלס טרעגער און פער־מיטלער פון דעם רוסענטום און פּוילענטום, נאָר צווישען אַ שטאַרק אויסגעשפּראָכענעם אידישען גייסט, וועלכער אָפּענבאַרט זיך אין דער ליטעראַטור, אין דער קונסט און אזוי ווייטער, און צווישען דעם פּוילישען גייסט, וועלכער וויל זיין דער אַליין־הערשער און וויל ניט דולדען, אַז נעבען איהם זאָל זיך ענטוויקלען עטוואָס אַנדערעס, וואָס האָט צום פּוילענטום גאָר קיין שייכות ניט.

און דאָ הויבט זיך אָן אין אָנפאַנג פון די נײנציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט גאָר אַ נייער קאַפּיטעל אין די פּויליש־אידישע בעציהונגען. אין יאָהר 1891 הויבט מען אָן צו רייניגען די שטאָדט מאָסקווע פון די אידישע עלעמענטען. די רעגיערונג געהט פאָר מיט שרעקליכער גרויזאַמקייט. אין מאָסקווע רעגיערט דעם קיסר'ס אַ ברודער, ער ווערט דאָרט ניט בעטראַכט ווי אַ גענעראַל־

גובערנאטאָר, געגען וועמען מען קאָן נאָך אָפּטמאָל אויפטרעטען — ניין, ער איז דאָרט דער קיסר אליין, זיין וואונש איז אַ געזעץ, ער איז אַזוי שטאַרק ווי פּעטערבורג, ער ווייס, אַז קיין מיניסטער וועט ניט האָבען די העזה צו אונטערזוכען, אויב ער האָט ריכטיג געהאנדעלט אָדער ניט.

און דער גירוש מאָסקווא איז אין אמת געווען איינער פון די שרעקליכסטע אפילו אין דער געשיכטע פון די אידישע רדיפות אין רוסלאַנד. די פּאָליציי האָט געהאנדעלט אָהן ערבארמען. פאמי־ליעס, וועלכע האָבען געלעבט אין מאָסקווא מקדמת דנא, זיינען ארויסגעוואָרפען געוואָרען אין 24 שעה. מען האָט זיי אויסגעזוכט אין אלע פערבאָרגענע ווינקלען מיט אַ שטרענגקייט, ווי דער פרו־מער איד זוכט אויף די ברעקלעך ערב פסח ביי בדיקת חמץ.

דער ביישפּיעל פון מאָסקווא האָט געווירקט ווי אַן אנשטע־קענדע קראנקהייט אויף די אנדערע געגענדען. עס האָבען זיך געפונען אַנדערע גענעראל־גובערנאטאָרען און גובערנאטאָרען, וואָס האָבען זיך געוואָלט „אויסדיענען" און האָבען נאָכגעטאנצט זייער „חבר", דעם גרויס־פירסטליכען הערשער פון מאָסקווא. די אידישע אויסוואנדערונג האָט אָנגענומען גרויסע דימענזיאָנען, און ווי גע־וועהנליך, זיינען די אָרימערע קלאסען געגאנגען מיט זייער הוילער הויט און מיט דעם וואנדער־שטעקען אין דער האנד נאָך אמעריקא, און די בעמיטעלטערע און די רייכע האָבען געזוכט פאַר זיך נייע מעגליכקייטען אין רוסלאַנד גופא.

אין מאָסקווא האָבען געלעבט עטליכע צעהנדליג טויזענד אי־דען, וועלכע זיינען געווען פערבונדען מיט דער גרויסער סוחרישער וועלט, הויפּטזעכליך אין דער געוועב־אינדוסטריע. די מאָסק־ווער סוחרים, די עכט רוסישע, האָבען זיך צו זייערע אידען גאנץ גוט פערהאַלטען, ווייל זיי האָבען אָהן די אידען פשוט ניט געקאָנט אויסקומען. זיי האָבען זיך פערוועגדעט פאַר די נרדפים, אָבער אויך זייערע שתדלנות האָט ניט געהאָלפען, און דער רוב פון די אידישע סוחרים האָט געמוזט אויסוואנדערען און איז געגאנגען נאָך פּוילען, אַם מייסטען נאָך ווארשא און לאָדז.

דאָס זיינען שוין געווען גאנץ אַנדערע עלעמענטען, און קולטור־

רעל פיעל שטאַרקערע און איינפלוסרייכערע, ווי די פריהערדיגע. די פריהערדיגע עלעמענטען האָבען גערעדט רוסיש נאָר אין נויט, על פּי הדחק, די נייע אידען פון מאָסקווא און די אנדערע אינ־ווענינסטע גובערניעס האָבען טאַקע גערעדט עכט רוסיש אין געשעפטליכען און געזעלשאַפטליכען פערקעהר, זיי האָבען טאַקע גערעדט רוסיש מיט דער „הברה הספרדית", געקוועטשט דעם פּתח און אויפגעפּאַסט אויף דעם רוסישען דקדוק. די פריהערדיגע עמיגראַנטען האָבען זיך פעררוקט נאָך די נאַלעווקעס, זיי האָבען אין ווארשא געבילדעט די ווארשויער „איסט־זייט", די נייע זיינען פערקראָכען אויף „מאַרשאַלקאָווסקי", „נאָווי־סוועט", און אַזוי ווייטער, אין די שעהנסטע און אַריסטאָקראַטישסטע שטראַסען פון דער פּוילישער רעזידענץ.

אמת, פּוילען האָט אָנגעהויבען ריזיג צו וואַקסען צוליעב דעם אונטערנעהמונגס גייסט פון די נייע אידישע עלעמענטען. ווארשא און לאָדז זיינען ניט נאָר געוואָרען שטאַרקע אינדוסטריעלע צענטרען, נאָר זיי האָבען אָנגעהויבען צו קלאַפּען מאָסקווא און פּעטערס־בורג אין פיעלע הינזיכטען. די אידען פערשטעהען בעסער דעם אינטערנאַציאָנאַלען פערקעהר, זיי האָבען אויך פערשטאַנען בעסער צו בעהאַנדלען די גרויסע געגענדען פון סיביר, קאַווקאַז און מיטעל־אַזיען, און האָבען מיט דער צייט איבערגעצויגען צו זיך די גרעס־טע קונדשאַפט. די פאַבריקאַנטען פון מאָסקווא זיינען געווען גע־צוואונגען צו גרינדען פיליאַלען פאַר זייערע סחורות אין ווארשא. די פערוואַלטער זיינען געווען די אידען, זייערע אַלטע בעקאַנטע פאַר דעם גירוש.

אָבער אין איינעם מיט דעם עקאָנאָמישען וואוקס פון פּוילען, פאַר וועלכען די פּוילען האָבען געדאַרפט זיין טיעף דאַנקבאַר גראָד די נייע איינגעוואַנדערטע אידישע עלעמענטען, איז אויך געוואַק־סען דער געזעלשאַפטליכער אַנטיסעמיטיזם. דער אַלטער פּוילישער האַס האָט געפונען נייעם ברענמאַטעריאַל, און עס האָט אויפגע־פלאַקערט די נאַציאָנאַלע קנאה.

און וויפיעל די אידען האָבען זיך ניט בעמיהט צו ערקלערען, אַז זיי זיינען ווייט פון יעדער כונה צו שאַדען דער פּוילישער קול־

טור, וויפיעל זיי האָבען זיך ניט בעמיהט צו צייגען אדרבא, אַז זיי זיינען גרייט אַנצופּאַסען זיך דער נייער סביבה — אַלעס האָט ניט געהאָלפען. דער יונגער דור, די קינדער, האָבען פלייסיג שטו־דירט פּויליש, בעזוכט פּוילישע שולען, זיך בעמיהט צו פערדרענגען די רוסישע שפּראַך — דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען. די פּוילישע געזעלשאפט איז געבליבען הארטנעקיג, זי האָט ניט געוואָלט אָנ־נעהמען קיין שום תירוץ. זי האָט געקוקט אויף די נייע אידען ווי אויף דעם שונא, וואָס האָט מחלל געווען די היילינקייט פון ווארשא.

פון דעםביישפּיעל פון די פּויליש־אידישע בעציהונגען קען מען בעשיינפּערליך זעהען, אַז דער נאַציאָנאַלער האַס געהט ניט תמיד ארויס פון עקאָנאָמישע גרינדען. עס טרעפט זיך זאָגאר פערקעהרט, אַז מען איז מקריב דעם עקאָנאָמישען נוטצען צוליעב גאַנץ אַנדערע גרינדען.

לאַנגזאַם אָבער זיכער האָט די רוסישע פאַרבונג פון דער נייער אידישער געזעלשאַפט אין פּוילען אָנגעהויבען בלאַסער צו ווערען, דער צווייטער דור האָט זיך שוין גוט אָנגעפּאַסט דעם פּוי־לישען כאַראַקטער פון לאַנד. אָבער דאָ איז אויסגעוואַקסען אַ נייע קולטור, ניט רוסיש און ניט פּויליש. ווארשא האָט אָנגעהויבען צו ווערען אַ צענטער פון אידישער בילדונג און אידישער קולטור, אין ווארשא ענטוויקעלט זיך אַם שטאַרקסטען די העברעאישע און די אידישע ליטעראַטור, אין ווארשא הויבט אָן צו פּולסירען דער אי־דישער דופק.

דאַכט זיך, אויך די פּוילען האָבען גערדאַרפט זיין צופריעדען מיט דער ענדערונג. ווארום ווען די פּוילען האָבען מורא געהאַט איינגעשלונגען צו ווערען פון רוסלאַנד, האָבען זיי זיך דאָך ניט גערדאַרפט שרעקען פאַר דעם נאַציאָנאַלען אידישען גייסט. אָבער עס איז ניט אַזוי געשעהן. דער געשטייגערטער אידישער גייסט האָט נאָך מעהר אויפגערייצט די פּוילישע געזעלשאַפט. דאָס איז געווען אַ היסטאָרישע ערשיינונג. די פּוילען זיינען געווען געוואָהנט צו „מה־יפית" אידען און האָבען גאָר ניט געקאָנט צולאָזען, אַז די אידען האָבען אויך אַן אייגענעם גייסט, אַן אייגענע קולטור, אַן

אייגענעם לעבענס־אינהאלט. דאָ זיינען מיר אָנגעלאַנגט צום אינטערעסאנטסטען פונקט פון די פויליש־אידישע בעציהונגען.

III.

דאָס נייע אידישע צענטרום אין ווארשא.

אין פוילישען לעבען האָט ווארשאָ שטענדיג פערנומען דעם ערשטען פּלאַץ. ניט קוקענדיג דערויף, וואָס גאליציען איז געווען כמעט ווי זעלבסטשטענדיג, וואָס קראָקוי און לעמבערג האָבען גע־האט די פוילישע אוניווערזיטעטען און האָכשולען און רוסיש־פוילען איז סיסטעמאַטיש אונטערדריקט געוואָרען פון דער רוסישער הער־שאַפט, איז דאָך ווארשא געבליבען דאָס גייסטיגע צענטרום פאר גאַנץ פוילען. פון ווארשא זיינען ארויס אלע גייסטיגע שטרעמונגען ווי אויך אלע פּאָליטישע לאָזונגען. ווארשא איז געווען מאסגעבענד פאר מאָדע, געשמאַק, קונסט, ליטעראַטור און וויסענשאַפט. ווי דער פרומער איד ווענדט זיך מיט זיין פּנים אין דער ריכטונג נאָך ירושלים אין אלע זיינע וויכטיגע תפלות, אזוי האָט זיך געווענדט דער נאַציאָנאַל געזאָנענער פויל אין אלע זיינע בענקענישען, האָפ־נונגען און ערוואַרטונגען אנקעגען ווארשא. דאָרט האָט ער גע־פיהלט דעם ברענפּונקט פון זיין נאַציאָן, דעם גלאַנץ אין דער פער־גאַנגענהייט און דעם רוהם אין דער צוקונפט, ווען פוילען וועט בע־פרייט ווערען פון דעם גלות־יאָך. מיט איין וואָרט — ווארשא איז מיט טויזענד פיינע פעדים פערבונדען מיט דעם פוילישען משיח.

דעריבער איז עס אויך בעגרייפליך, אז אלע נאַציאָנאַלע ריי־בונגען און צוזאמענשטויסען זיינען געווען אין ווארשא עמפּפינד־ליכער ווי אומעדום, ווייל זיי האָבען אָנגעריהרט דעם פוילישען נערוו. דעריבער איז אויך דער אַנטיסעמיטיזם אין ווארשא גע־שטיגען אין די לעצטע צעהנדליגע יאָהר אונגעהייער און האָט אָנגענומען שרעקליכע פאָרמען. ער האָט זיך אויסגעברייט איבער אלע געביעטען פון מענשליכען לעבען, ער האָט פער׳סם׳ט דאָס דאזיין, די אידישע עקזיסטענץ, ער האָט ארומגענומען מיט איי־

זערנע קייטען אלע געזעלשאפטליכע קרייזען, אָהן אן אויסנאהמע און זיך פּאָרגענומען צו פערניכטען די אידען, סיי עקאָנאָמיש, סיי מאָראליש.

מיר געהען דאָ ניט אריין אין תוך פון דער פראגע, צו אנאלי־זירען, ווי ווייט די פּוילען האָבען געזינדיגט אנקעגען דין און יושר, ווי ווייט זייער שאָוויניזם איז ניט בערעכטיגט. מיר קאָנסטאטירען נאָר די טאטזאכען, כדי מיר זאָלען פערשטעהן, וואָס די אידישע בעפעלקערונג האָט צו ערווארטען, ווען אין רוסיש־פּוילען זאָלען פּאָרקומען ענדערונגען, ווען די פּוילישע געזעלשאפט זאָל אין גאנ־צען ווערען זעלבסטשטענדיג, אָדער בעקומען מעהר רעכט צו קאָנט־ראָלירען דאָס לעבען פון די אנדערע נאציאָנאלע גרופּען אין פּוילען.

די אידישע בעפעלקערונג אין ווארשא האָט אין די לעצטע דרייסיג יאָהר דורכגעמאכט א שנעלע ענטוויקלונג, וועלכע קען איינגעטיילט ווערען אין צוויי עפּאָכען. די ערסטע עפּאָכע איז די העברעאישע, און די צווייטע איז די אידישע.

נאָך אין דער צייט פון דער ערשטער אידיש־נאציאָנאלער בע־וועגונג, וועלכע איז בעקאנט אלס די „חבת־ציון" תקופה, האָט ווארשא שוין געשפּיעלט א בעדייטענדע ראָלע. ביסלעכווייז האָ־בען זיך אָנגעהויבען צו קלייבען אין ווארשא די אידישע משכילים און זיי האָבען דאָרט מיט דער צייט געשאפען א העברעאישען צענטר. אין ווארשא איז געגרינדעט געוואָרען דער ערשטער מאָ־דערנער העברעאישער פערלאג „תושיה", דער שטרענג־נאציאָנאלער העברעאישער פערלאג „אחיאסף". אין ווארשא איז געווען א צייט לאנג דער מרכז פון דעם „בני משה" אָרדען. אין ווארשא איז גע־גרינדעט געוואָרען „מנוחה ונחלה", א געזעלשאפט וואָס האָט גע־מאכט דעם אָנפאנג צו גרינדען קאָלאָניען אין ארץ ישראל אויף א געזונדען ניט פילאנטראָפּישען פונדאמענט. אין ווארשא האָבען געלעבט די אידישע שריפטשטעלער, וועלכע האָבען אָנגעגעבען דעם הויפּטטאָן אין דער העברעאישער ליטעראטור צו יענער צייט.

דער גאנצער כאראקטער פון דיזער עפּאָכע איז געווען א ריין העברעאישער. די אידישע ליטעראטור האָט נאָך ערשט גע־האַלטען אין אויפבליהען, א א י ד י ש ע פּרעסע אין מאָדערנעם זין

פון וואָרט האָט נאָך ניט עקזיסטירט. ווער עס האָט געוואָלט זיין פערטרויט מיט דעם אידישען לעבען, פערפאָלגען די געשעהעניסען און די גייסטיגע שטרעמונגען אין אידישען לעבען, האָט געמוזט לעזען די העברעאישע צייטונגען און העברעאישע ביכער. די אידישע ליטעראטור איז בעשטאַנען הויפּטזעכליך פון ראָמאַנען און נאָוועלען, דער פּובליציסטישער עלעמענט האָט נאָך אין איהר כמעט ווי אין גאנצען געפעהלט. פון צייט צו צייט פלעגען ארויסגעהן אידישע זאַמעלביכער, וועלכע קענען נאָך ביז אויף דעם היינטיגען טאָג געצעהלט ווערען צו די בעסטע פּראָדוקטען פון דער אידישער ליטעראַטור, אָבער זיי זיינען נאָר זעלטען ערשיענען און האָבען ניט געהאַט די אונאונטערבראָכענע השפעה, וואָס אַ פאָלקס ליטעראַטור מוז האָבען.

כל זמן ווארשא איז געווען אַ צענטרום מעהר ניט פאַר די העברעאישע ליטעראַטור, האָט דאָס די פּוילישע געזעלשאַפט ווייניג אויפגערעגט. די פּוילישע פּרעסע האָט זיך ווייניג וואָס אינטערעסירט מיט די נייע שטרעמונגען אין אידישען לעבען אין ווארשא. פאַר די אויסען-וועלט איז העברעאיש שטענדיג פערבונדען מיט דער אידישער רעליגיאָן. די אויסען-וועלט האָט קיין מאָל ניט ריכטיג אָבגעשאַצט די בעדייטונג פון דער ניי-העברעאישער ליטעראַטור, זי האָט זיך ניט געקימערט פאַר איהר אינהאַלט, זי האָט זי אימער בעטראַכט ווי אַ האַלב טעאָלאָגישע ליטעראַטור, וועלכע קען ניט האָבען קיין איינפלוס אויף פּאָליטישע אידעען. אגב האָט די פּוילישע געזעלשאַפט מיט דעם געזונדען אינסטינקט גאַנץ גוט פערשטאַנען, אַז די העברעאישע בעוועגונג וועט קיינמאָל אין פּוילען ניט קענען ארומנעהמען די אידישען מאַסען, אַז זי וועט שטענדיג בלייבען אַ בעוועגונג פון „אויסערוועהלטע", פון בעגרענצטע געזעלשאַפטליכע קלאַסען. זי, די פּוילישע געזעלשאַפט, האָט דעריבער קיין מורא ניט געהאַט פאַר קאָנקורענץ. זי האָט קיין מורא ניט געהאַט, אַז דורך העברעאיש זאָל אין פּוילען דערוועקט ווערען אַ גרויסע אידיש-נאַציאָנאַלע בעוועגונג, אַז דורך העברעאיש זאָל מיט דער צייט ענטשטעהן אין פּוילען אַ גרויסע קולטורעלע בעפעלקערונג, אַ זעלבסטבעוואוסטע בעפעלקערונג, וועלכע האָט

איהר אייגענעם געשמאק און וועלכע זוכט נאָך דיעזעם געשמאק איינצוריכטען אַן אייגענעם און אייגנאַרטיגעם לעבען.

אַ וויכטיגע און אַ גרויסע ראָלע האָבען דערביי געשפּיעלט די אסימילירטע פּוילישע אידען, וועלכע זיינען, מערקווירדיגערוויז, אין פּוילען בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „דייטשען". זעלבסט־פערשטענדליך זיינען זיי פּוילישער ווי די פּוילען, שאָוויניסטישער אין זייער פּוילישען נאַציאָנאַליזם ווי די שלימסטע שאָוויניסטען. זיי האָבען זיך געפיהלט ווי מענשען, וואָס האָבען אַ בעזונדערע מיסיאָן, ווי די שומרים פון דער פּוילישער קולטור. און אויך זיי, די אידיש־פּוילישע אסימילאַנטען, האָבען זיך פערהאַלטען גלייכגילטיג צו דער העברעאישער בעוועגונג אין וואַרשא און האָבען זיך וועניג וואָס געקימערט וועגען איהר. זיי האָבען אויף די העב־רעער געקוקט פון אויבען אַראָב און זיי מבטל געווען. זיי האָבען זיך לוסטיג געמאכט איבער דעם אידישען נאַציאָנאַליזם, זיי האָ־בען איהם בעטראַכט ווי אַ שפּיעלצייג פון עטליכע איינגעוואַנדער־טע, פרעמדע רוסישע אידען, וואָס עס איז אפילו ניט כדאי צו בעקעמפפען זיי.

מיט דעם אָנפאַנג פון׳ם נייעם יאָהרהונדערט הויבט זיך אָן די צווייטע עפּאָכע אין דער ענטוויקלונג פון דער אידישער בעפעל־קערונג אין רוסיש־פּוילען, הויפּטזעכליך אין וואַרשא. אין אמת׳ען גערעדט, זיינען דאָס ניט צוויי בעזונדערע עפּאָכען. די צווייטע אידישע עפּאָכע איז מעהר ניט ווי די ווייטערע נויטווענדיגע ענט־וויקלונג פון דער ערשטער העברעאישער עפּאָכע. דער נאַציאָנאַלער אידישער געדאַנק איז געוואַקסען און האָט זיך געשפּאַרט דורכצו־דרינגען וואָס ווייטער און ווייטער אין די ברייטע אידישע מאַסען, עס איז איהם, דעם נאַציאָנאַלען געדאַנק, ענג געוואָרען צו פער־בלייבען אין די שמאָלע גרענעצען פון די מעהר געבילדעטע אידישע קלאַסען. די העברעאישע שפּראַך און די העברעאישע ליטעראַטור זיינען אָבער די הויפּט־מאַסען געווען אַזוי גוט ווי פרעמד, און מען האָט זיי געמוזט „פערדייטשען". די אידישע פּרעס איז גע־באָרען געוואָרען אין אַ גויט שטונדע, זי איז געוואַקסען אַזוי שנעל, ווייל זי האָט געמוזט אָניאָגען די בעדערפניסען, וואָס דאָס לעבען

האָט אין זיך ענטהאַלטען. ניט די אידישע צייטונגען האָבען מיט איין מאָל געשאפען דעם אידישען לעזער, נאָר אומגעקעהרט, די אידישע לעזער האָבען שוין עקזיסטירט פריהער, זיי האָבען געביל־דעט אַ גרויסע מחנה פון הונגעריגע און דורשטיגע נאָך אַ אידיש וואָרט, נאָך אַ לעבעדיג וואָרט, וואָס זאָל קענען זיי בעפרידיגען. די נויט האָט אַרויסגעבראַכט די אונטערנעהמער, און דער עולם האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף די אידישע פרעסע, געשלונגען יעדעס וואָרט און פריי אויפגעאטעמט. דער העברעאישער לעזער איז דערפון ניט קלענער געוואָרען, וואָרום צווישען דער העברע־אישער און דער אידישער בעוועגונג בעשטעהט איין אינטימעס פערהעלטניס, זיי ציהען השפעה איינע פון די אַנדערע. מעהר ניט קינסטליך האָט מען פערזוכט צו שאפען אַ געגענזאַץ צווישען דיעזע בעוועגונגען, וואָס ציהען זייער יניקה פון איין וואָרצעל. די אידישע פרעסע איז אויפגעבויט געוואָרען אויף דעם חשבון פון דער פּוילי־שער. הונדערט טויזענדע לעזער זיינען פריהער געווען געצוואונ־גען בעפרידיגען זייער פּאָליטישען דורסט דורך די פוילישע פרעסע, ווייל העברעאיש איז זיי געווען פרעמד און פויליש האָט איט־ליכער פון זיי פערשטאַנען מעהר אָדער וועניגער, לכל הפחות אַזוי פיעל, אום דורכצוקריכען די צייטונגס דעפעשען. אַט דיעזע לעזער האָבען בפועל ממש פריי אויפגעאטעמט, ווען מען האָט זיי געגעבען אַ פרעסע אין זייער שפּראַך, אין אַ שפּראַך, וואָס זיי דאַרפען זי ניט „פערדייטשען“.

און די גאַנצע אידישע פרעסע אין ווארשא, און אויך די גאַנצע אידישע ליטעראַטור, וואָס אויך איהר צענטרום איז געוואָרען ווארשא, איז שטאַרק דורכגעדרונגען פון דעם אידישען נאַציאָנאַלען גייסט. אין די צייטען איז זי אידיש־נאַציאָנאַל און צווישען די צייַלען איז זי זאָגאַר ציוניסטיש. עס מאַכט ניט אויס, וואָס מאַנ־כעסמאָל געהט זי אַרויס אַנטקעגען דעם ציוניזם, עס מאַכט ניט אויס, וואָס אָפטמאָל פערשטעלט זי זיך זאָגאַר ווי אַנטי־נאַציאָ־נאַל. די איינצעלנע אויפטרעטונגען שפּיעלען גאָר קיין ראָלע ניט. ווען מיר מאַכען דעם סך הכל פון אַ היסטאָרישער ערשיינונג, מוז שוין דער פאַקט אַליין פון דער עקזיסטענץ פון דער אידישער

פרעסע בעטראכט ווערען אלס איינער פון די וויכטיגסטע נאציאָ־נאַלע פאַקטאָרען פון דעם אידיש־נאַציאָנאַלען לעבען.

דער מורא׳דיגער אויפשוואונג פון דער אידישער פרעסע און ליטעראטור האָט אויך געמאכט אַ גרויסען און טיפען רושם אויף דער פוילישער געזעלשאפט. דאָ האָט זי פאַר זיך געזעהען אַ נייע קראַפט, אַ קראַפט פון וועלכער ס׳האָט זיך איהר ביז איצט ניט געַחלומ׳ט. דאָ הויבט זיך אויך אָן די ביטערע מלחמה פון דער פוילישער געזעלשאפט געגען דעם נייעם שונא, געגען דעם ערוואכטען אידען, וועלכער וויל זיך זעלבסטשטענדיג אויסלעבען און וועט מעהר ניט פעהיג זיין צו זינגען „מה יפית“, כדי „צו געפינען לייטזעליגקייט אין די אויגען פון זיין האר“.

דער אנטיסעמיטיזם איז געוואקסען פון טאָג צו טאָג און האָט אויף זיין וועג געפונען זעהר פיעל ברענשטאָף.

דאָ איז געקומען די צייט פון דער „רוסישער פרייהייט“, און פוילען האָט געמוזט שיקען פערטרעטער אין די רוסישע „דומא“. די פוילישע געזעלשאפט האָט אפילו אין געדאנקען ניט געקאָנט צולאָזען, אז די אידען, די פרעמדע, זאָלען האָבען אַן איינפלוס אויף די וואהלען. זיי האָבען געוואָלט דיקטירען, בעפעהלען, און אז די אידען האָבען זיך ניט געלאָזט בויגען און טרעטען מיט די פיס, האָט דער פוילישער צאָרן דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה און האָט ערקלערט דער אידישער בעפעלקערונג אַ מלחמה אויף לעבען און טויט, אַ מלחמה ביז פערניכטונג. די אידען האָבען געשיקט אין די דריטע רוסישע דומא ניט קיין אידען חלילה, זיי האָבען געשיקט אַ כשר׳ן פויל, נאָר ניט דעם, וואָס די אנטיסעמיטען האָבען גע־וואָלט, און דאָס איז געווען גענוג ארויפצובעשווערען דעם העכסטען פוילישען צאָרן, דאָס איז געווען גענוג צו שאַפען די באָיקאָט בעוועגונג, וועלכע ווערט דורכגעפיהרט אפילו אין דער מלחמה־צייט.

מיר געהען דאָ ניט אריין אין דער פראגע, אויב די אידען האָבען קלוג געהאנדעלט אָדער ניט. עס איז אָבער אַ סכנה, ווען אַ בעפעל־קערונג מוז שטענדיג נאָר קלוג האנדלען, אין אַזאַ מצב איז מען קיין מאָל ניט זיכער מיט דער עקזיסטענץ.

די אידישע פּראגע איז כמעט אין דער גאנצער וועלט זעהר קאָמפּליצירט, אין פּוילען אָבער איז זי נאָך קאָמפּליצירטער. אין דער גאנצער וועלט האָבען מיר צו טהאָן מיט א שטארקען אנטי־סעמיטיזם, אין פּוילען האָבען מיר צו טהאָן מיט א גערייצטען אנטיסעמיטיזם. אלס **פּרינציפּיעלע נאציאָנאליס־טען** מוזען מיר סימפּאטיזירען מיט יעדער נאציאָן, וועלכע זוכט זיך צו בעפרייען, מיר מוזען יעדער נאציאָן ווינשען זעלבסט־שטענדיגקייט, ווען מיר ווייסען אפילו, אז מיר וועלען האָבען צו ליידען פון אזוינע ענדערונגען. דערינען גראד בעשטעהט דאָס טראגישע פון אונזער שיקזאל. אונזערע העכסטע אידעאלען מוזען מיר גאנץ אָפט דיענען מיט שמערצען צו אונזער אייגענעם שאדען.

29 אָקטאָבער, 1914.

די חלוקה.

ווער האָט ניט געשריבען איבער די „חלוקה“ און וואָס האָט מען ניט געשריבען איבער די „חלוקה“. יעדער, ווער ס'איז נאָר געווען אין ארץ ישראל און האָט געזעהן ירושלים, חברון, טבריה און צפת, האָט עס געהאלטען פאר א חוב ארויסצוזאָגען זיין מיינונג וועגען די אַלטע און פעראַלטעטע אידישע איינריכטונג, וואָס פערשלינגט נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג אזוי פיעל מיליאָנען פראַנקען יאָהר איין, יאָהר אוים, און אזוי פיעל אידישע ענערגיע. און ווי עס שיינט, נאָך דער אלגעמיינער מאָדערנער וועלט אנשויאונג, ווערען די מיליאָנען און די ענערגיע אויסגעגעבען גאנץ אומזיסט, זיי געהען לבטלה און ברענגען קיין שום נוטצען ניט. צעהנדליגע און הונדערטע פון כלל טהוער האָבען זיך בעמיהט אריינטראָגען עטוואָס אָרדנונג אין דיעזע גרויסע פערפלאָנטערטע צדקה איינריכטונגען, און עס האָט זיי ניט געהאָלפען. מען האָט פריהער פערזוכט מיט בייזען, מען האָט שארף קריטיקירט די כוללים, די גבאים און די משולחים. דער גרויסער עולם אָבער, די פרומע און די פשוט'ע אידען, וועלכע אונטערשטיצען די חלוקה, זיינען וועניג וואָס נתפעל געוואָרען פון דער קריטיק און האָבען ווייטער געגעבען און געשטיצט. מען האָט פערזוכט מיט גוטען, און דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען. און די חלוקה פיהרט זיך נאָך אין אַלגעמיין ווי זי האָט זיך גע־פיהרט פאר צוואַנציג, דרייסיג און פופציג יאָהר צוריק.

געוועהנליך קומט פאָר די חלוקה דעם מאָדערנעם מענשען ווי אַן אוננאַטירליכע ערשיינונג, ווי אַן ערשיינונג, וואָס שטעהט אין ווידערשפרוך צום לעבען. דער מאָדערנער מענש שעצט צו הויך די זעלבסטשטענדיגקייט, די אייגענע איניציאַטיווע, דעם פאָרטשריט. ער האסט די אָבהענגיגקייט, דאָס אייביגע אויף קעסט זיין, דאָס

פערגליווערט ווערען. און עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אז די בלייבע, אויסגעוואייקטע חלוקה־פּנים'ער, די טויזענדע אָבגע־ריסענע לעדיגגעהער, יונגע און אַלטע, אין די ארץ ישראל'דיגע חלוקה שטעדט, מאַכען אויף דעם אייראָפּעאישען טוריסט דעם טרויעריגסטען איינדרוק, און ווען ער האָט נאָר אינטערעס פאר אידישע כלל אנגעלעגענהייטען און פאר ארץ ישראל, בעטראַכט ער עס אַלס פליכט צו מאַכען אַ פאָרשלאַג, ווי מען זאָל די חלוקה אויסבעסערען, ווי מען זאָל זי רעאָרגאַניזירען, אַז זי זאָל לכל הפחות אויסערליך שעהנער אויסזעהן, זי זאָל זיך ניט אַזוי וואַרפען אין די אויגען. זאָל זי קיין נוצען ניט ברענגען, אָבער לכל הפּחות אונז קיין חרפּה ניט אָנטהאָן, וואָרום די חלוקה שטעדט ווערען בע־זוכט ניט נאָר פון אידען אליין. ניינציג, אָדער אפשר פינף־און־ניינציג פּראָצענט, פון די ארץ־ישראל'דיגע טוריסטען זיינען דוקא ניט־אידען, און וואָס פאר אַ פאָרשטעלונג קענען זיי בעקומען פון די „היטער פון אידישקייט", ווען זיי וועלען אורטיילען נאָך דעם מוסטער פון אַלטען ישוב.

און דאָך, זאָלען מיר מוחל זיין אַלע אונזערע מאָדערנע טור־ריסטען, בערוהט די גאַנצע קריטיק פון דער חלוקה נאָר אויף אַן אָבערפלעכליכען אורטייל פון אַ היסטאָרישער ערשיינונג. איך ריזקיר דערביי אַלס אונמאָדערן בעטראַכט צו ווערען, און דאָך וויל איך פערזוכען צו בעטראַכטען די גאַנצע חלוקה ערשיינונג פון אַן אַנדער זייט.

איך טהו עס גראַד איצט, אין דעם מאָמענט, ווען די אידישע וועלט איז בעזאָרגט וועגען דעם גורל פון ארץ ישראל, ווען דער נייער ישוב האָט אַ וועלט אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע שטעהט הינטער איהם און זוכט מיט אַלע כחות צו געבען איהם שוטץ און הילפע, ווען אפילו טויזענדע ניט ציוניסטען האָבען איינגעזעהען וואָס פאַר אַ גרויסען ווערט דער נייער ישוב קאָן האָבען פאַר די אידישע צוקונפט — גראָד אין דעם מאָמענט וואָלט איך דאָס געהאַלטען פאַר זעהר בעדויערליך, ווען מען וואָלט זיך פערגעסען אָן דעם אַל־טען ישוב, אָדער מען וואָלט איהם בעהאַנדעלט ווי אַ שטיף־קינד. און טאַקע מחמת די חלוקה איז ניט אויפגעבויט אויף אַ מאָדערנעם

פונדאמענט, טאקע מחמת זי האָט ניט קיין מאָדערנע אָרגאניזאַ־ציאָן, וועלכע זאָל זי שיטצען און דאגה׳נען פאר איהר, וואָלט דאָס געווען שטארק ניט יושר׳דיג לאָזען זי אויף לעצט, אָבזאָגען איהר אין אונזערע סימפאטיען, נאָר דערפאר ווייל זי האָט פיעל שאָטען־זייטען, ווייל זי איז ניט מאָדערן.

מען טאָר ניט צוגעהן צו א היסטאָרישער ערשיינונג מיט דעם מאסשטאב פון היינטיגען טאָג. מען טאָר ניט צוגעהן צו א נאציאָ־נאלער איינריכטונג און בעאורטיילען זי נאָר פון שטאנדפונקט פון איהר ניצליכקייט, פון איהר מאטעריעלען ווערט.

און די חלוקה איז א היסטאָרישע און א נאציאָנאלע ערשיי־נונג. דער אלטער ישוב, ווי דער נייער, איז ניט געבאָרען געוואָרען דורך דעם ווילען פון איינצעלנע, אָדער דורך דעם ווילען פון איינ־צעלנע גרופען; זיי ביידע, אי דער אלטער, אי דער נייער ישוב, פלייצען ארוים פון א פאָלקס ווילען. אין זיי האָט זיך אָפּגעבאָרט די בייגקעניש פון א גאנצער נאציאָן, פון א נאציאָן, וואָס איז צו־זעעט און צושפּרייט און וויל דאָך פאר זיך שאפען א שותפות׳דיגען ברענפונקט, וואו עס זאָלען זיך צוזאמענטרעפען לכל הפחות די האָפנונגען און די ערוואַרטונגען. זיי, דער אלטער און דער נייער ישוב, זיינען קינדער פון איין טאטען און פון איין מאמען, נאָר זיי זיינען געקומען אויף דער וועלט אין צוויי פערשיעדענע עפּאָכען, און יעדער פון זיי טראָגט דעריבער אויף זיך אן אנדער שטעמפּעל, דעם שטעמפּעל פון זיין עפּאָכע.

דאָס אידישע פאָלק, אין גאנצען גענומען, האָט קיינמאָל ניט אויפגעגעבען די האָפנונג אומצוקעהרען זיך צוריק אין דאָס איי־גענע לאנד. די גרעסטע, די עדעלסטע, די שעפּפערישע גייסטער פון דער אידישער נאציאָן האָבען זיך אין פערלויף פון דער לאנגער גלות־געשיכטע זעהר שטארק בעשעפטיגט מיט דעם פּראָבלעם פון א פרייער אידישער צוקונפט. פון רבי יהודה הלוי ביז מאָזעס העס און פון דעם רמב״ם ביז ד׳איזראעלי, געהט דער וואונש פון א בעפרייטען אידישען פאָלק דורך ווי א רויטער פאָדעם דורך אונ־זער גאנצע ליטעראטור. דער איינער האָט א דיכטערישע נאטור און דריקט אויס דעם הייסען פאָלקס־וואונש אין די ערהאבענסטע

ליעדער. דער אנדערער איז א געלעהרטער און א געזעץ־סיסטעמאַ־טיקער און שטעלט אוועק די מצוה פון ישוב ארץ ישראל אויבען־אַן, און זאָגט אז זי וועגט אזוי שווער ווי אלע מצוות אין איינעם. דער דריטער איז א גרויסער פּאָליטיקער און דענקער, און געהט צו צו דער פראגע פון שטאַנדפּונקט פון דער וועלט־פּאָליטיק און זאָגט כמעט נביאות, אז די אלגעמיינע וועלט־פּאָליטיק וועט דערצו פיה־רען, אז די אידען זאָלען זיך אומקעהרען צוריק אין ארץ ישראל. דער פיערטער איז נעביך קליין געטויפט און ווערט נעביך ענגלישער פּרעמיער און זעצט ארויף דער ענגלישער מלכה די אינדישע קרוין. דאָך טראַגט ער אין זיך אַן אלטע ירושה, פון וועלכער ער קען זיך נים בעפרייען. ער קען זיך נים גאַנץ אויסלעבען אין דער פּרעמדער געגענוואַרט און גיט אָב „מעשר" זיין איינענער פּערזאַנליכקייט און שרייבט א ציוניסטישען ראָמאַן לאַנג לאַנג איידער דער אָרגאַ־ניזירטער ציוניזם ווערט געבאָרען. דאָס זיינען נאָר איינצעלנע ביישפּיעלע, נאָר אַנדייטונגען.

דאָס אידישע פּאָלק איז אָבער נים אָרגאַניזירט, עס איז אונ־טערדריקט און שוואַך און גלויבט נים אין די איינענע קראַפט צו גרינדען דורך די איינענע כחות א נייעם לעבען. עס האָט נים די נאַציאָנאַלע דרייסטקייט צו אָנהויבען בויען אויף דעם איינענעם חשבון, עס איז נאָר שטאַרק אין וואַרטען, עס פערליערט נים דעם בטחון. און דיעזער צושטאַנד האָט געבאָרען די חלוקה. חלוקה הייסט טיילען, דאָס הייסט נדבות אויסטיילען, אָבער נים דערפון שטאַמט דער נאָמען חלוקה. חלוקה הייסט אויך איינטיילונג. די אידען אין זייער געזאַמטהייט האָבען שלום געמאַכט מיט דעם גלות, נאָר א חלק פון זיך האָבען זיי אוועקגעשיקט אהין, פון וואַנען די גאולה מוז קומען. אין דעם חלק האָבען זיי אלע געמאַכט שותפות. זיי זיינען געווען גליקליך, וואָס צו יענע צייטען האָבען זיך געפונען בעלנים נעהמען אויף זיך דעם חוב פון גאַנצען פּאָלק און זיין לעבעדינערהייד „גוטע בעטער" פאַר דעם כלל ישראל. זיי האָבען זיי נים געשטיצט מיט נדבות, זיי האָבען זיי געצאָהלט א חוב. די חלוקה לייט זיינען געווען קעסט־קינדער פון דער נאַציאָן. דערפאַר האָבען זיי געטראָגען אויף זיך א שווערע מיסיאָן, דורך

פרומקייט און תפילות האָבען זיי געדאַרפט נעהנטער ברענגען, מקרב זיין דעם קץ.

מיט דער געגענגוואַרט האָבען די חלוקה לייט ניט געהאַט וואָס צו טהאָן, וואָרים ניט צוליעב דער געגענוואַרט האָבען זיי מפקיר געווען זייער לעבען און געלאָזען זיך אויף יענער זייט ים. זיי האָבען געדיענט דער צוקונפט, א פערקלערטער, א משיח׳דיגער צוקונפט. וועגען א געגענוואַרט האָבען זיי ניט געקלערט, זיי האָבען זי מבטל געווען און האָבען אין ארץ ישראל גאָר נישט ערוואַרבען. איין פּלאַטץ האָבען זיי גאָר געקויפט — א חלק פון הר הזיתים. זיי האָבען גאָר גע׳דאַנה׳ט פאַר אן אייגענעם קבר. ווייטער — וואָס דאַרף מען זאָרגען, עס וועט קומען די גליקליכע שעה, וועלען זיי ארויס פון די קברים און זיין די ערשטע.

מען קאָן זיך פערהאַלטען צו דער חלוקה ערשיינונג ווי מען וויל, זי האָט אָבער אַן אינהאַלט, א שטאַרקע אמונה און פיעל פּאָעזיע. דער ווילען פון פאָלק האָט זיך אין איהר אויסגעדריקט פּאַסיוו, זיין קראַפט איז בעשטאַנען אין ענטזאָגונג. מען האָט מוחל געווען דאָס לעבען אין דער געגענוואַרט צוליעב א גרויסע האָפנונג אין דער צוקונפט.

די חלוקה איז די טהעזע. און דאַן איז געקומען איהר געגענ־זאַץ, די אנטיטהעזע.

מיר ווילען לעבען, מיר ווילען פול געניסען דאָס לעבען. מיר ווילען ניט פערניפּטען די געגענוואַרט דורך צוקונפטס־חלומות, וואָס ווער וויים, צו וועלען זיי זיך קאָנען פערווירקליכען ווען עס איז. מיר ווילען ניט איינשטעלען אונזער היינט צוליעב א דונקעלען היסטאָ־רישען מאָרגען, מיר ווילען ניט פיהלען דעם גלות, מיר ווילען ארויס פון גלות און בלייבען אין דער סביבה, וואו מיר געפינען זיך איצט.

פון דער אנטיטהעזע איז ארויס די אסימילאַטאָרישע בעווע־גונג. פאָלקסטימליך האָט זי ניט געקאָנט זיין, ווייל נאָר דער יחיד קאָן פערנייגען דעם אייגענעם „איך". א פאָלק טהוט דאָס ניט. די אסימילאַציאָן האָט אויפגעהויבען איהר האַנד געגען ארץ ישראל, ווייל ארץ ישראל האָט זי געשטערט אין איהר ענטוויק־לונג. די רעפאָרם־בעוועגונג איז די אסימילאַציאָן אויף דעם רע־

ליגיעזען געביט, און די ערשטע זאך וואס זי האט געטהאן, איז בעשטאנען דערין, וואס זי האט אויסגעמעקט ציון און ירושלים פון אלע תפילות. ניט ווייל די נעמען ציון און ירושלים האבען איהר ניט געפאסט, נאר דער געדאנק פון צוריקקעהרען זיך נאך דעם אמת'ען ציון און ירושלים האט געשראקען די רעפארמער. זיי האבען געוואלט זיך בעפרייען פון דער נאציאנאלער צוקונפט, כדי צו האבען א רוהיגערע געגענווארט. דעריבער האבען זיי פעריאגט אלעס, וואס דערמאנט אן דעם אריענט און קלינגט אריענטאליש, פון דעם ווייס־בלוי געשטרייפטען טלית ביז צו די פון וועהמוט דורכגעדרונגענע „סקארבאווע" ניגונים.

פון דיעזעביידע בעוועגונגען, וואס האבען בשום אופן ניט געקענט בעפריעדיגען א געזונדעם פאלק, איז ארויס א דריטע בעוועגונג. די טהעזע און די אנטי־טהעזע האבען מיט נויטווענ־דיגקייט געשאפען די סינטהעזע. דאס אידישע פאלק איז מיט דער צייט געווארען ארגאניזירטער, עס האט בעקומען א געזונדערען נאציאנאלען אפעטיט, און אלס אויסדרוק פון דיעזען צושטאנד איז געבארען געווארען די ציוניסטישע בעוועגונג. איהר קראפט בע־שטעהט דערין, וואס זי זוכט שלום צו מאכען צווישען דער געגענ־ווארט און דער צוקונפט. זי וויל זיי ברענגען צו א הארמאניע, זי וויל זיי ביידע פערשמעלצען צו אן איינהייט.

און די ציוניסטישע בעוועגונג האט געפונען איהר העכסטען אויסדרוק אין דעם נייעם ישוב.

פון איין זייט מענשען, וואס זעהען אויס „ווי לעבעדיגע מצבות אויף זייערע אייגענע קברים", פון דער אנדער זייט מענשען, וואס דיענען נאר דער שעה, און די דריטע מאכען די פשרה און בויען א מאדערנע געגענווארט און שמידען א נאציאנאלע צוקונפט.

זעליש פערוואנדט זיינען די דריטע מיט די ערשטע. דער נייער ישוב וואלט אפשר געווען אין גאנצען אונמעגליך, ווען דער אלטער ישוב וואלט ניט עקזיסטירט, ווען עס וואלטען ניט געלעבט אין ארץ ישראל די עלעמענטען, וועלכע האבען דורות־לאנג אונטער־געהאלטען די פערבינדונג צווישען פאלק און לאנד.

די חלוקה וועט מיט דער צייט פערשווינדען, אבער אויף אן

אנדער אופן, זי וועט אסימילירט ווערען פון דעם נייעם ישוב. אויך אין די אלטע קווארטאלען פון ירושלים און חברון, טבריה און צפת וואקסט א נייער דור, וועלכער בעקומט דורך די השפעה פון דעם נייעם ישוב מאָדערנע בעגריפען פון לעבען. דאָס זיינען עלעמענטען, וואָס זיינען אויפגעוואקסען אין לאנד און האָבען ליעב דאָס לאנד און וועלען דאָס לאנד ניט פערלאָזען, ווען זיי זאָלען זעהן פאר זיך א בעסערע צוקונפט.

מיט א געפיהל פון דאנקבארקייט מוזען מיר זיך אָנגעהמען פאר די אלטמאָדישע פּיאָנירען, דען אויך זיי האָבען ניט געהאנדעלט ווי א י י נ צ ע ל נ ע, אויך זיי זיינען געוועזן געטראָגען פון א פאָלקסווילען. מיר טאָרען זיי ניט פערלאָזען אין קריטישען מאָמענט.

31 אָקטאָבער, 1914.

א ביטערע נחמה

איך האָב די גאַנצע לעצטע צייט געליטען זעהר פיעל זעעלישע יסורים. איך האָב ניט געקאָנט צוזעהן, ווי אונריכטיגע, פאַלשע בעהויפּטונגען ווערען פערברייט אין דער גרויסער געזעלשאַפט אויף טויזענדערליי וועגען, ווי זיי ווערען פערפלאַנצט און לאָזען וואָרצ־לען אין מענשליכען בעוואוסטזיין, און ווי ס'איז שווער געגען זיי אויפצוטרעטען, ווי ס'איז שווער אָבצולייקענען זיי אויפ'ן גרונד פון לאָגיק און פאַקטען. איך האָב געזעהן ווי די געשיכטע וועבט א שפּאָגעל נייע לעגענדע, א ריעזיגען שקר, אַז די שרעקליכע מלחמה ווערט געפיהרט פון דעם איינעם אָדער אנדערן צד ניט חלילה צוליעב איינגענומען, נאָר פאַר די העכערע פּרינציפּען פון מענש־ליכקייט, פאַר יושר און אמת. מיך האָט אָנגענומען א גרויסע תשוקה צו צושטערען די לעגענדע כל זמן זי איז נאָך פריש, כל זמן זי איז נאָך ניט אריין אין פלייש און בלוט פון דעם נייעם דור. איך האָב אָבער אויך געזעהן, אַז די מאַכט פון דער לעגענדע וועגט איבער די קראַפט פון לאָגיק, ווייל דער וואונש איז עלטער ווי דער געדאַנק, איז דער פאָטער פון דעם געדאַנק.

ווי עס האָט נאָר אויסגעבראָכען די מלחמה האָבען די, וואָס קענען די אמת'ע לאַגע פון אונזער פאָלק אונטער די הערשענדע נאַציאָנען, גלייך בעגריפען וואָס פאַר א מין מורא'דיגע קאַטאַ־סטראָפע האָט זיך אָנגערוקט אויף דעם אידישען הימעל. ווער עס האָט נאָר א קוק געטהאָן אויף די אייראָפּעאישע קאַרטע פון מזרח־זייט פון דער מלחמה, האָט גלייך געקאָנט זעהן, אַז דער אשמדאי אליין מאַכט איצט א בעזוך די פּוילישע און די גאַליצישע און א גרויסען חלק פון די ליטווישע אידען. די אונבעגרינדעטע קלאַנגען וועגען נייע ישועות, אין דער לופט שוועבענדע הבטחות,

וואָס קיינער האָט ניט געוואוסט, פון וועמען מען האָט זיי צו־ערשט געהערט, האָבען אונז בשום אופן ניט געקענט בערוהיגען.

און עס זיינען אריבער די ערשטע דריי חדשים, און ערשט איצט קומען צו אונז די ערשטע פליטים, די אנטלאָפענע און די ענטרונענע, וועלכע האָבען מיט זייערע אויגען געזעהן א טהייל פון דעם אידישען חורבן, און עס שטעלט זיך ארויס, אז מיר אלע, אפילו די וואָס האָבען בעגריפען דעם מצב אין אלגעמיינעם, האָבען נאָך אויך געלעבט אין טעות. עס שטעלט זיך ארויס, אז אפילו די פעסימיסטען זיינען נאָך געווען אָפּטימיסטיש, וואָרים די ווירק־ליכקייט, די שוידערהאפטע, געדאנקען און געפיהלען אבטוימענדע ווירקליכקייט, האָט נאָך איבערטראָפען די שווארצע פאנטאזיע פון אונזערע פעסימיסטען, זי שטייגט איבער אלע בילדער, וועלכע דער שרעק האָט אונז געמאָלט פון וויטען מיט זיין פערניפּטעטען פּינזעל.

איך האָב געלעזען די בעשרייבונג פון לעמבערג'ס חורבן אין דער „ווארהייט“, פון מ. ריכטער. די נייע קינות ווערען געשריבען אין דער פאָרם פון צייטונגס־בעריכטען. איך וויים ניט ווי עס ווירקט אויף אנדערע. מיר איז אָבער פאָרגעקומען, אז דער אלטער מקונן ירמיהו הנביא אליין איז אויפגעשטאנען פון קבר און האָט געהייסען דעם שרייבער: „שרייב! שרייב, אפשר וועט דאָס וועקען דעם עולם, שרייב אייגענע ווערטער, שילדער אייגענע בילדער, ווי נאָט האָט דיר געהאָלפען, שרייב קורצע פסוקים. אמאָל אז איך האָב געהאט מיין ברוך בן נריה, פלעגט ער שרייבען פאר מיר, און ווען איך האָב אנגעהויבען דעם דריטען קאפּיטעל פון מיינע קינות: „איך בין דער מאן, וואָס האָט געזעהן דעם גאנצען פיין דורך דער רוט פון זיין גרימצאָרן“, האָב איך אויך געמוזט אָנהויבען שרייבען קורצע פסוקים. מיינע געדאנקען האָבען מעהר ניט געקאָנט פליעסען, איך האָב זיי ניט געקאָנט מעהר שלייפען, איך האָב זיי געלאָזען, זיי זאָלען ארויסגעהן ווי א קרעכץ פון א צובראָכענער נשמה, ווי די שברים פון א צושפּאָלטענעם שופר. שרייב, שיק דאָס אין די צייטונגען, ווייל די שוהלען זיינען דאָך געשלאָסען, מען דארף נעביך אויף זיי אליין זאָגען: איכה ישבה בדד. טאָמער עפענט מען זיי שבת און יום־

טוב, טאָר מען דאָך אָבער אום שבת און יום־טוב ניט זאָגען קיין קינות, גאָט האָט געהייסען דערשטיקען אין זיך אין די הייליגע טעג יעדען צער און קומער".

און אז איך בין געקומען צו דער שטעלע, וואו דער נייער מקונן — בעריכטערשטאַטער דערצעהלט פון די לאַנגע שורות פערד, פערמאַטערטע און אָנגעלאָדענע, ווי זיי האָבען זיך געצויגען דורך די גאַסען פון לעמבערג, און ווי זיי האָבען אויסגעזעהן נאָך מעהר רחמנות'דיג, ווי די מענשען, וואָס האָבע זיך נאָך זיי געשלעפּט — ערשט דאַן איז מיר אויפגעגאַנגען א ליכט, ערשט דאַן האָט זיך עפּעס ווי אויפגעוועקט אין מיין בעוואוסטזיין און איך האָב בעגריפען וואָס די אומגליקליכע האָבען דורכגעלעבט בשעת דעם חורבן.

און דאָס איז דאָך כמעט די ערשטע סקיצע, די ערשטע מאָנאָגראַפיע, געשריבען נאָך דער ווירקליכקייט, היינט וואָס וועט שוין קומען שפּעטער?

און אין אזא ערנסטען מאָמענט ווילט זיך ניט אָננעהמען קיין טרייסט, ניט פון נאָהענטע, ניט פון ווייטע. מען איז נאָך ווייט פון סוף, עס ברענען נאָך די חלב'ענע ליכטלעך, די קינות זיינען נאָך ניט צו ענדע און ס'איז נאָך פריה אויסצושרייען אויפ'ן הילכיגען קול „השיבנו... חדש ימינו כקדם". דער צער איז נאָך פריש, מען מוז איהם אויספּיהלען ביז צום סוף, מען וויל ניט ער זאָל אויסגעוועבט ווערען דורך פריהצייטיגע, באַנאַלע, וואָכעדיגע טרייסט־ווערטער.

און ווען איך הער איצט, ווי אידען זיינען זיך מפלפל, איינע שטעהען שטאָל און אייזען פאַר דייטשלאַנד, אין די אַנדערע פאַר ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד, ווען איך הער איצט גאָר זאַנגוויל'ס שטימע, ווי ער צופלאַקערט זיך און זאָגט גאָר נביאות וועגען דעם רוסישען צאַר און וועגען זיין כשוף־שטעקעלע, ווען איך הער, ווי ער רופט די אידען זיי זאָלען איצט אָרגאַניזירען אייגענע מחנות חיל, כדי צו שלאָגען דעם שונא, — זאַנגוויל'ס שונא, — כדי צו ליעפערען נאָך א שטאַרקערען בעוויז

פון דעם אידישען פאַטריאָטיזם פאַר ענגלאַנד — ווען איך הער דאָס אַלעס, פערגעהען מיר אַלע מיינע פינף חושים.

גרעהעם, דער בעריכט־ערשטאַטער פון לאָנדאָנער „טיימס“, ניט קיין אידען־פריינד אָפילו, אָבער איינער פון די בעסטע זשור־נאַליסטען, צו וועמעס מיינונג מיר מוזען זיך צוהערען, קומט מיט נייע ידיעות פון פוילען, וואו ער געפינט זיך איצט און שטודירט די נאַציאָנאַלע בעציהונגען צווישען פוילען און אידען. ער זאָגט אַרויס אָפען זיין מיינונג: די צוויי און א האלב מיליאָן פוילישע אידען מעגען בייצייטענס זוכען פאַר זיך א נייעם פּלאַץ אויף גאָט'ס ערד... מיר דארפען אָבער גאָר ניט אָנקומען צו גרעהעם'ס מיינונג, עס איז גענוג פאַר אונז וואָס מיר לייענען אין אונזער פּרעסע...

און איך בין זיך מודה. אין דער גרעסטער פערצווייפלונג, וועלכע האָט אונז אַלע אָנגעזאָפּט, האָט פאַר מיר דורכגעשימערט איין נחמה־שטראַהל, איך האָב אין מיר עמפּפונדען א געפיהל פון א שטיקעל נקמה.

ווערט ניט אין כעס און הערט מיך אויס.

ניט די נקמה האָב איך אין מיר געפיהלט, וועלכע שטאַמט פון ווילדעסטען מקור פון אונזער נשמה, וועלכע איז נאָך איבער־געגאַנגען צו אונז בירושה פון די ווילדע תקופות, איידער גאָט האָט נאָך אָבגעשליפט די נשמה אין מענשען, איידער גאָט האָט נאָך געמאַכט הבדלה און אָבגעשיידט ליכט פון פינסטערניש, הימעל פון ערד און מענש פון חיה. ניט די נקמה האָט מיך ערפילט, וועלכע איז בעהערשט נאָר פון איין געפיהל — זעהן דעם שונא'ס מפּלה, ווען דערביי איז אָפילו ניטאָ קיין נוצען פאַר עטוואָס העכערעס, היילינערעס. מיך האָט אָנגעפילט אַן אַנדער גייסט פון נקמה, דער גייסט, וואָס געהט אַרויס פון דעם אמת'ען „אל נקמות“, וועלכען די מענשען האָבען נאָך ניט בעגריפען און זיין נקמה־כאַראַקטער וואולגאַר פערשטאַנען. זיי האָבען זיין נקמה פערשטאַנען ווי א קאָנטראַסט, ווי א געגענזאַץ צו דער מדה פון אַבסאָלוטער גוטסקייט, בארמהערציגקייט און אַלגעמיינער מחילה. זיי האָבען ניט פערשטאַנען, אַז דער גאָט פון אמת קאָן ניט זיין

א גוטינקער און קוקען גלייכגילטיג, ווי עס איז זיך גובר דער שקר, ער קאָן ניט מוחל זיין פאַלשקייט, חניפה און צביעות, ער קאָן ניט דולדען, אז נעבען איהם זאָל זיין א פּלאַץ פאַר אָבגעטער, וואָרום עמאָלס וואָלט ער צושטערט זיין אייגענעם אמת.

און שוין כמעט צוויי טויזענד יאָהר, ווי מען שטעכט אונז די אויגען מיט א נייער תורה, געגרינדעט אויף אַבסאָלוטער גוטס־קייט און אַלגעמיינער מחילה. שוין צוויי טויזענד יאָהר אַן ערך ווי מען ווארפט אונז פאָר, אז מיר זיינען די צוריקגעבליבענע, די עקשנים פון דער געשיכטע, וואָס ווילען ניט אנערקענען דעם פּ אָ ר ט ש ר י ט פון דער ציוויליזירטער מענשהייט. מיר זיינען די הארטנעקיגע, וועלכע האָבען פערשטויסען גאָט, ווען ער האָט פערלאָזען זיין כסא הכבוד אויפ'ן הימעל און איז געקומען צו אונז נאָהענט אויף דער ערד.

א גרעסערען פּאטש אין פּנים ווי די איצטיגע מלחמה האָט גאָט אליין ניט געקאָנט געבען די בעריהמער מיט די הויך־פער־ריסענע קעפּ. ווי שעהן האָבען געקלונגען די קאָמפּלימענטען, מיט וועלכע עס האָבען זיך געגעגזייטיג מכבד געווען די געקרוינטע קעפּ פון די אייראָפּעאישע מלוכות, ווי זיי האָבען אויף אמאָל אנגעהויבען אויסצוזאָגען פון חדר, וואָס זיי דענקען איינער פון דעם אנדערען.

זייער תורה פון אַלגעמיינער מחילה האָט געמאַכט באַנקראָט. מען האָט אויסגעשטעלט איינע אויף די אנדערע וועקסלען, גע־חתמ'עט מיט דעם שטעמפּעל פון קריסטען־ליעבע, און ווען עס איז געקומען צום צאָהלען, האָט מען גאָט און זיין תורה אָבגעלייגט אַן א זייט, מען האָט ערקלערט א מאָראַטאָריום אויף די העכסטע מענשליכע אידעאַלען און מען האָט ארויפגעזעצט אויפ'ן טהראָן דעם ווילדען אָבגאָט פון מלחמה, ער זאָל פאַנאַנדערנעהמען דעם סכסוך מיט אייזען, פייער און בלוט.

איך בעט ביי דיר מחילה, דו גוטער בארמהערציגער „מולך“. איך האָב געזינדיגט געגען דיר, איך האָב דיך געהאַסט מיט אַלע פיבערען פון מיין נשמה פאַר די אונשולדיגע קרבנות, וואָס דו האָסט דערשלונגען. דעם גרויסען אידישען גאָט איז אָנגע־

שטאַנען נעהמען שעפּסען־פליייש אַנשטאַט יצחק׳ען, און דו האָסט אַנדערש ניט געקאָנט אויסקומען, סיידען אַ מענשליכען קרבן צו יעדער סעודה. היינט אָבער זעה איך, אַז דו אַליין, דער פרעסער פון אונשולדיגע קינדער, ביזט געווען אַן אונשולדיגעס קינד אין פערגלייך מיט דעם אָבגאָט, צו וועמעס פּיס עס האָט איצט זיך אַ וואָרף געטהאָן די גאַנצע קריסטליכע אייראָפּאַ.

אָט דאָס איז געווען מיין נקמה־געפיהל. זאָל צושטערט ווערען דער טעמפּעל, זאָלען שטירצען די געטער, וועלכע האָבען ניט געקאָנט אין פיעל צעהנדליגע דורות מאַכען דעם מענשען מענש־ליכער, וועלכע זיינען געווען שוואַך אָבצוטוימען אין מענשען די ווילדע חיה. איך האָב זיך געטרייסט, „כהנה וכהנה תאכל חרב“, זאָל דאָס שווערד פרעסען וויפיעל עס וויל, זאָלען די הארמאַטען שפּייען מיט גהינום־פייער, אַבי דער שקר זאָל פאַלען. די מענש־הייט וועט זיך אפשר ארומזעהן און וועט קריגען די גרויסע חרטה...

אי וואָס איז, עס ליידען דערביי אויך די אונשולדיגע ? נו, מסתמא קען אַנדערש ניט זיין און איך האָב מיך דערמאָנט אָן אַן אַנדער נקמה, אָן די נקמה פון שמשון.

דלילה, דו האָסט שעהנע אויגען, וואָס דריקען אויס פלאַמען פון ליעבע, אָבער דו האָסט מיך גענאַרט און פערראַטהען. צו־ערשט האָב איך מיך געלאָזען בלענדען פון דיר און צום סוף האָסט דו דורך דיינע פלשתים מיר אויסגעשטאָכען די אויגען. איך וועל נעהמען איין נקמה פאַר מיינע ביידע אויגען, איך וועל ערשיטערן די זיילען, אויף וועלכע עס שטיצט זיך דיין גאַנצער בנין, דיין הייליגער טעמפּעל, איך וועל פאַלען צוזאַמען מיט דיר, מיט דיינע פלשתים...

און ד אָ ס איינציגע שטיקעל נחמה וויל מען פון מיר אויך אוועקנעהמען. מען קומט און מען דערצעהלט מעשיות, אַז אין דער מלחמה איז דאָ אַ צד, וואָס פערטהיידיגט די העכערע פּרינציפּען פון מענשליכקייט, מען וויל מיך איינשמועסען, אַז אין דער מלחמה איז דאָ אַן אומה, זאָל זיין די אָדער יענע, וואָס שיצט דעם אמת.

און אַ צימער פאַסט מיך אָז און געהט דורך דורך אַלע מיינע גליעדער. הייסט דאָס, די פעלקער וועלען זיך געגעגזייטיג אויס־

קוילען, זיי וועלען אפילו ניט מאכען די ברכה „על השחיטה“, דערנאָך וועלען זיי מקבר זיין די מיליאָנען הרוגים, זיי וועלען אפילו ניט זאָגען קיין קדיש, און ווען עס וועט ווידער ווערען שטיל נאָכ׳ן שטורם, וועלען די אומות וואָס האָבען געפיהרט די מלחמה זיך פערזאמלען אין די טעמפלען און פון טויזענד גלאָקען וועט ווידער ערשאַלען דער פערפיהרערישער קלאַנג: „ע ה ר ע ג אָ ט א י ן ד ע ר ה ו י ך א ו ן פ ר י ע ד ע ן א ו י ף ד ע ר ע ר ד א ו ן ד ע ם מ ע נ ש א נ ח ת ר ו ח.“

לאָכט ניט פון די יסורים, שפּאָטעט ניט פון די זעעלישע ענויים, ווען מען זעהט ווי דער שקר איז גובר דעם אמת, און מען מוז נאָך דערביי שטעהן און מאכען א פריינדליך פּנים, דען צוגעבען די אייגענע אָהנמעכטיגקייט וויל קיינער ניט, און וואו מיר פיהלען זיך האָפנונגסלאָז שוואך, פערציהען מיר נאָך א מינע פון אויסערער גבורה.

17 נאָוועמבער, 1914.

די קריעגס־געפֿאַנגענע נשמות

אײן גאָט ווײס דעם אמת: איך וואָלט טהייער בעצאָהלט צו קריגען אַ מיטעל, וואָס זאָל מיך בעפֿרײען, און ווען נאָר אויף אַ ווײלע, פֿון די שרעקליכע, פֿינסטערע מלחמה־געדאַנקען. נאָר אויף אַ ווײלע וואָלט איך זיך געוואָלט אומקעהרען צו דער פֿאַר־מלחמה וועלט, צו די בליהענדע לענדער, צו די פֿריעדליכע מענשען, צו די שפּרינגענדע קינדער, אָהן דאגות און אָהן צער, געפֿיהרט פֿאַר'ן האַנד פֿון די אײגענע טאַטעס און מאַמעס, צו דער פֿריעה־ליכער יוגענד, וואָס זוכט זיך אויסצולעבען אין לערנען, אין טאַנץ און אין געזאַנג, צו די עהרליכע און ערנסטע ערוואַקסענע, וואָס געהען טאָג־טעגליך צו זײער בעשעפֿטיגונג און העלפֿען בויען דורך עהרליכע אַרבײט די מענשליכע געזעלשאַפֿט. איך וואָלט זיך געוואָלט אומקעהרען, און ווען נאָר אויף אַ ווײלע, צו דער פֿאַר־מלחמה ליטעראַטור, צו די שעהן געשליפֿענע גײסט־פּראָדוקטען פֿון די וויסענשאַפֿטלער און קינסטלער און אַנוואַרימען די נשמה פֿון דעם ליכט, וואָס זײ פֿערברײטען. איך וואָלט, מיט אײן וואָרט, געוואָלט אַברײסען זיך, און ווען נאָר אויף אַ ווײלע, פֿון דער פֿער־פֿלאָנטערטער, מיט טויזענד מלאך־המות־אויגען קוקענדער געגענ־וואַרט און פֿערזינקען זיך אין די פֿאַר־מלחמה וועלט, וואָס אָט נאָר מיט עטליכע חדשים צוריק איז זי נאָך געשטאַנען אַזוי פֿעסט אויף איהרע זײלען און אַזוי צופֿערזיכטליך־שטאָלץ געקוקט אין די צו־קונפֿט.

און נאָך מעהר וואָלט איך זיך געוואָלט אומקעהרען, און ווען נאָר אויף אַ ווײלע, צו מײן אײגענער פֿאַר־מלחמה וועלט, וואו טויזענדע און טויזענדע פֿון אונז האָבען געזוכט טרייסט און האָפֿ־נונג, ליכט און וואַרימקײט, וואו אונזערע פּיאָנירען, „די לעצטע אין דער קנעכטשאַפֿט און די ערשטע אין דער בעפֿרײאונג", האָבען

געאַקערט, געזייט און געפלאַנצט, און צוגעגרייט דעם באָדען פאַר דעם קומענדען, פאַר דעם בעפרייטען. איך וואָלט זיך געוואָלט אומקעהרען, אין געדאַנק לכל הפחות, צו די וויינבערגער פון רחובות און ראשון, צו די פּרדסים פון פתח־תקוה, צו די נייע שולען פון ירושלים, חיפה און תל אביב, צו די גרינע פעלדער אַרום ים כנרת, צו אונזערע אַרבייטער, ווען זיי קומען מיט פערברוינטע פנים'ער פון פעלד און זינגען דאָס נייע ליעד, פול האָפנונג און בטחון, מוטה און שטאָלץ, אָדער גאָר צו אונזערע שומרים, ווען זיי רייטען אַרוים אין דער דונקעלער נאַכט צו היטען און צו שיצען דעם אידישען בעזיץ מיט דער אייגענער ברוסט. ערשט ווען די מזרח־זייט פון הימעל ווערט רויטליך געפאַרבט און די בערג־שפּיצען פון יענער זייט ירדן זיינען זיך טובל אין די ערשטע ליכט־שטראַהלען, קעהרען זיך אום די רייטער צוריק אהיים, און אָפטמאָל טרעפט אַז אַ חבר פרעגט אַ חבר: „שומר מה מלילה — שומר, וואָס פאַר אַ סוד האָט די נאַכט דיר דערצעהלט?" ענטפערט דער חבר: „אתה בקר ונם לילה — דער פריהמאָרגען איז געקומען, פרעג ניט ברודער, דאָס איז געווען איין מאָל אַ נאַכט!" אָט אַזוי לערענט מען דאָרט אויפ'ן אָרט די אַלטע פסוקים מיט די אַלטע סודות, וואָס זיינען אין זיי איינגעשלאָסען.

ווי גערן וואָלט איך זיך אומגעקעהרט צו אונזער אייגענער פאַר־מלחמה וועלט. איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז איך האָב זי אַזוי שטאַרק ליעב, אַז זי האָט מיך געפאַנגען מיט איהר נייעם פריהלינג, וואָס ווינקט צו אונז פון וויימען.

חלומות! די פאַר־מלחמה צייט ליעגט אַזוי וויים הינטער אונז. מיר מוזען זיך אָנשטרענגען, כדי צו דערמאָנען זיך, ווי דאָס לעבען האָט אויסגעזעהן מיט אייניגע חדשים צוריק. „אמאָל איז געווען אַ צייט", אַזוי מוזען מיר אָנהויבען די מעשה, אמאָל איז געווען אַ צייט און די מענשען זיינען נאָך געווען מענשען און די פעלקער זיינען נאָך געווען פעלקער און די גאַנצע תקופה האָט געהייסען די פריעדענס־תקופה. פונקט אַזוי האָט נח דערצעהלט זיינע אייניקלעך פון דער תקופה איידער עס איז געקומען דער מבול און האָט אָבגעווישט אויף אמאָל די אַלטע וועלט. עס איז

א מאָל געווען א צייט, ווען די ערוואַקסענע האָבען געאַרבייט, יעדער אין זיין פאַך, און די קינדער האָבען פלייסיג געלערענט. איצט איז עס אַנדערש. נאָר די זיידעס אָדער די טאַטעס, וואָס זיינען שוין כמעט אַלט ווי זיידעס, זיי זיינען געבליבען אין דער היים. די שולען זיינען געשלאָסען, די לעהר־ביכער פערלעגט, פעדער און בליישטיפט צוּבראָכען, די קליינע געהען ארום לעדיג, די מאַמע איז געבליבען אויפצופאַסען אויף זיי, און די האַלב־דערוואַקסענע האָבען אַ נייע בעשעפטיגונג, זיי לערנען מלחמה. וואָרום ווער ווייס, עס קאָן זיין, די שורות פון די קעמפפער וועלען ווערען שיטער, וועט מען פערשטאָפען די לעכער מיט די האַלב־דערוואַקסענע... און זיי לערנען מלחמה מיט אַלע תגין. אויס לעהרער, אויס תלמידים, סאָלדאַטען זיינען דאָ, פערשיעדענע מדרגות, געמיינע אנשי־חיל, אונטער אָפיצירען, אָפיצירען און העכערע איבער זיי און נאָך העכערע איבער די העכערע, אַ גאַנצער לייטער, לאַנג ווי דער לייטער, וואָס יעקב האָט געזעהן אין חלום. און אַלע הענד זיינען אויסגעשטרעקט, און אַלע אויגען פלאַמען, און פון קליין ביז גרויס בליקט מען אַרויף צו די סאָלדאַטען, מען איז מתפלל צו זיי, זיי זיינען הייליג געוואָרען, וואָרום אין זייער האַנד ליעגט דער גורל פון לאַנד און פאָלק.

אַלעס איז שטום געוואָרען. וויסענשאַפט, קונסט, ליטעראַטור — זיי זיצען אַלע שבעה. עס מאַרשירען די סאָלדאַטען. דער סאָלדאַט איז טרומף און די האַרמאַטען האָבען דאָס וואָרט.

און מיר אַלע זיינען קריעגס־געפאַנגענע. אַלעס איינס, אויב דער שונא האָט אונז געפאַקט, אַראָבגענומען פון אַ פריעדליכען שיף און פערזעצט אין תפיסה, אָדער דורך צופאַל זיינען מיר ניצול געוואָרען פון דעם שונא׳ס האַנד. מיר זיינען קריעגס־געפאַנגענע, וואָרום די מלחמה האָט איינגענומען אַלע אונזערע געדאַנקען. זי איז אַריינגעקראָכען טיעף אין אונז און האַלט אונז פעסט, זי האָט אויסגעקעהרט אונזער טראַכטען און דענקען אויף׳ן לינקען זייט, און מיר מערקען אַליין ניט, אַז מיר זיינען געוואָרען לינקע ברואים.

און זאָלען זיך ניט איינרעדען די שטאַרקע נאַטורען און די נייטראַל געבליבענע פעלקער, אַז זיי האָבען זיך ניט אונטער־

געגעבען, אז זיי זיינען נאָך די אַלטע, מיט דער זעלבער פּסיכאָ־לאָגיע ווי פאר דער מלחמה. א טעות אין פשט, אַפּטישע טוישונג. זיי זיינען ווייט פון ענגלאַנד און דייטשלאנד, רוסלאנד און טערקיי, מיינען זיי, אז זיי זיינען די זעלבע בעלי־בתים ווי געווען. די גאנצע וועלט בעשטעהט איצט פון קריעגסגעפאנגענע. ניט ענגלאַנד, ניט דייטשלאנד — די מלחמה, די אידעע פון דער מלחמה האָט גע־פאנגען די וועלט און האָט זי אַרומגעדרעהט מיט טויזענד שטריק. רעדען דען ניט איצט אַלע פעלקער אָהן אן אויסנאהם אן אנדער שפּראך? ניינציג פּראָצענט פון אַלע מחשבות זיינען פערנומען מיט אידעען וועגען נייע ארמעען, נייע קאנאָנען, נייע קריעגס־און לופט־שיפען, די גאנצע אינדוסטריע הויבט אָן צוגעשניטען צו ווערען נאָך מלחמה צייטען. באלד וועלען די מאַמעס אַנהויבען צו דערקלערען זייערע עופ׳לעך, פאר וואָס מען מוז עסען: מען מוז גוט עסען, ווארום ווען ניט וועט מען שפּעטער ניט קענען שיסען.

מיליאָנען שטעהען אין קריעגס־פעלד און זיינען מקריב דאָס לעבען, און הונדערטע מיליאָנען זיינען קריעגס־געפאנגענע, און עס איז שווער צו זאָגען, וועלכע קאטאסטראָפע איז גרעסער.

קומען די דיפּלאָמאטען, די געשוואָרענע פּאָליטיקער, די גע־לעהרטע און די זשורנאַליסטען און זוכען דעם שולדיגען. נאָט זיי דאנק, מען האָט איהם געפאקט. דאָס איז דער דייטשער מיליטאַ־ריזם, ער האָט דאָס אַראָבגעפיהרט די וועלט פון דרך הישר, דער פּרייסישער יונקער האָט משוגע געמאכט די גאנצע וועלט. א צו גרויסער כבוד פאר דעם פּרייסישען יונקער, און ווען דאָס איז אמת, קאָן זיך די וועלט בעגראָבען לעבעדיגערהייד.

ענדליך איז געקומען איינער און האָט אויסגעשפּראָכען דאָס ערלעזענדע, בעפרייענדע וואָרט. ניט זאנגוויל האָט דאָס אויסגע־שפּראָכען, דער הונדערט און צוואנציג פּראָצענטיגער ענגלענדער, ניין, דאָס וואָרט האָט אויסגעשפּראָכען בערנהארד שאָו, ער האָט קיין מורא ניט געהאט אַרויסצוגעהן מיט דעם נאקעטען אמת. ער, אַלס ענגלענדער, ווארנט די וועלט, אז מען זאָל ניט קוקען אויף דייטשלאַנד אַליין ווי אויף א וואָלף און אויף ענגלאַנד ווי אויף א

פרומע שעפסעלע, ווייל אין זייער עראָבערונגס־גייסט שטעהען זיי ניט אָב איינע פון די אַנדערע. דער מיליטאריזם בעשטעהט ניט אין די גאָלדענע קנעפּ און געפלאָכטענע עפּאָלעטען, דער מיליטאַריזם בעשטעהט אין דעם אונערזעטליכען אַפּעטיט, אין דעם דראַנג צו עראָבערען אַלעס, וואָס איז שוואך און ניט גוט געשיצט. עס איז גאַנץ גלייך, צו מען שמיעדט הארמאטען צו דעם צוועק, מען בויט קאזארמען און מען שאפט א גרויסע ארמעע, אָדער מען בויט א פלאָטע און מען שיקט ארויס קריעגס־שיפען צו עראָבערען די וועלט.

איך האָב געהאט א פריינד. ער האָט געהאט א צארטע נאטור און האָט ניט געגעסען קיין פלייש. א רחמנות אויף די היהנער, א רחמנות אויף די בהמות, זיי צאפּלען זיך געבאך אזוי פאר דער שחיטה. פיש האָט ער אָבער יא געגעסען. א פיש — אזוי פלעגט ער זאָגען, — שרייט ניט לכל הפחות. עס איז אַן אמת'ע מעשה. זעהען מיר דעם שרייענדען, דעם הילכיגען מיליטאריזם, זעהען מיר די פּרייסישע יונקער מיט די פעררימענע קעפּ און די מארשירענדע ארמעע — פערשטעהען מיר וואָס עס בעדייט. די פלאָטע איז אָבער דער שווימענדער מיליטאריזם — זי שרייט ניט, און ווען זי שרייט, און די שיפס־קאנאָנען עפענען די מיילער, אויך דענסט־מאָל דערגרייכט ניט דאָס געשריי צו אונזערע אויערען. מיר זיינען אַלע אין א געוויסען גראד נאאיוו און מיר לאָזען זיך איינשמועסען. בערנהארד שאָו האָט אויסגעשפּראָכען א טהייל פון דעם ביטערען אמת, ער זאָגט אויך נביאות, אז דער פריעדען קאָן ניט צוריק קומען אויף לאנגע צייט, כל זמן ענגלאנד, פראנקרייך און דייטש־לאנד וועלען ניט שליעסען א שלום־בונד. עס ליעגט אין דעם א פיינער וואונק, מעהר ווי אין די שורות איז דאָ געזאָגט געוואָרען צווישען די שורות.

נאָוו. 21.

אידישע פערטרעטונג

אין איצטיגער בעוועגטער צייט געהען אָפטמאָל דורך די פּרעסע נאכריכטען, וועלכע האָבען אַ גרויסע בעדייטונג, אָבער צו־ליעב דעם אלגעמיינעם מלחמה רעש בעאכטעט מען זיי ניט, ווייל די גאנצע אויפמערקזאמקייט פון דעם לעזענדען פּובליקום איז פערנומען מיט די ידיעות פון שלאַכטפעלד. איינע פון דיעזע נאכ־ריכטען איז געווען געדרוקט מיט עטליכע טעג צוריק כמעט אין אַלע אידישע צייטונגען, מען האָט זי אָבער דורכגעלאָזען אָהן פּירושים, גלייך מיט די אונגעצעהלטע אנדערע ידיעות, וועלכע האָבען נאָר דעם צוועק צו אינפאָרמירען דעם לעזער.

די ידיעה איז אָנגעקומען פון לאָנדאָן, אַז די „אנגלאָ־דזשואיש־אסאָסיאיישאָן" מאַכט הכנות צו פערטרעטען די אידישע אינטע־רעסען ביי דעם פריעדענס קאָנגרעס, וועלכער וועט איינבערופען ווערען, ווי מען רעכענט, נאָך דער מלחמה. די ידיעה טראָגט ניט דערוויייל אויף זיך קיין זיכערען שטעמפעל, זי איז אָנאָנים, אויך וויסען מיר ניט אין וואָס בעשטעהען די פאָרבערייטענדע שריט פון דער אויבען דערמאָנטער „אסאָסיאיישאָן" און ווי רעכענט מען דאָרט אין לאָנדאָן צו אָרגאניזירען די פערטרעטונג פון די אידישע אינטערעסען אויף דעם קינפטיגען פריעדענס־קאָנגרעס. מיינט דער אַריסטאָקראַטישער אָדער ריכטיגער דער פּלוטאָקראַטישער ענגליש־אידישער מנין, אַז ער אַליין קאָן מוציא זיין אויפ'ן קאָנגרעס דעם כלל ישראל, ווי ער האָט דאָס ניט איין מאָל שוין פערזוכט ביי אנדערע קלענערע געלעגענהייטען, אָדער האָט ער אפשר בדעה איינצולאַדען נאָך אנדערע פערטרעטער? און ווען זיי ווילען שוין איינלאַדען אויך אנדערע פערטרעטער, וועלען זיך די ענגלישע מיוחסים ווענדען צו די אידישע עקזיסטירענדע פאָלקס־אָרגאני־זאציאָנען, אָדער צו זייערע מקורבים פון די אנדערע לענדער, דאָס

הייסט צו די וואָס שטעהען אויפ'ן שפּיץ פון די כלומר'שטע אָר־גאַניזאַציאָנען און וואָס זיינען נאָהענט צו די מיטגליעדער פון דער „אַנגלאָ־דזשואיש־אַסאָסיאיישאָן" אי נאָך זייער גייסט, אי נאָך זייער געזעלשאַפטליכע שטעלונג?

עס איז כדאי, אַז די אידישע עפענטליכע מיינונג זאָל ביי־צייטען אויפמערקזאַם געמאַכט ווערען אויף די וויכטיגקייט פון די שריט, וועלכע וועלען אונטערנומען אָדער קאָנען איצט אונטערנומען ווערען פון פערשיעדענע זייטען אין דער אידען־פראַגע, כדי עס זאָלען בעצייטענס פערמיעדען ווערען די פעהלער, פון וועלכע די אידישע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק האָט שטענדיג געליטען, ווען עס זאָל נאָר זיין ערלויבט אָנצורופען שתדלנות מיט דעם נאָמען פּאָליטיק.

אין די לעצטע צוואַנציג יאָהר האָבען פיעלע פון אונזערע כלל־טהוער און פּובליציסטען געשפּראָכען פון אַן אַלגעמיין־אידישער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע זאָל האָבען דאָס רעכט צו רעדען אין נאָמען פון געזאַמטען אידישען פאָלק און פערטרעטען זיינע אינטערעסען אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען אָדער קאָנפערענצען, וואָס קומען פאָר פון צייט צו צייט. מען האָט געפיהלט, אַז די בעשטעהענדע אידישע אָרגאַניזאַציאָנען, ווי גרויס זיי זאָלען ניט זיין און ווי ברייט עס זאָל ניט זיין זייער פּראָגראַם, זיינען ניט געניגענד בעפאָלמעכטיגט פון גאַנצען פאָלק אַלס געשלאָסענע נאַציאָנאַלע איינהייט. מען האָט גע'חלום'ט פון אַ פאָלקס אומ־פּאַסענדער אָרגאַניזאַציאָן, וואָס זאָל ארומנעהמען אַלע געזעלשאַפט־ליכע קלאַסען נאָך זייער עקאָנאָמישער סטרוקטור און אַלע גייסטיגע ריכטונגען נאָך זייערע פערשיעדענע וועלט־אַנשויאונגען און ציעלען.

אַ שעהנער געדאַנק! מיר זיינען זיכער, אַז קיין נאַציאָנאַל־געזינטער איד קען ניט זיין געגען דיעזען געדאַנק. לײדער אָבער איז ער ניט אויספיהרבאַר, ווייל ער רעכענט זיך ניט מיט דער בעשאַפענהייט פון דעם גלות. דער געדאַנק פון אַן אַלגעמיינער אידיש־נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציאָן איז געבויט אויף „גובר זיין דעם גלות", דאָס הייסט אויף דער פערניינונג פון דעם גלות אין גלות גופא. דער גלות בעשטעהט דאָך ניט נאָר אין דער געאָגראַפישער

צערשטרויטהייט, ער בעשטעהט הויפּטזעכליך דעריןֹ, וואָס פערשיעדענע חלקים פון פאָלק האָבען די מעגליכקייט אָבצוקעהרען זיך פון זייער נאַציאָנאַלער איינהייט. דער דייטש, דער פראַנצויז, דער ענגלענדער א. ז. וו. קאָן זיין קאָנסערוואַטיוו געזאָנען אָדער פריידיניג, אָרטהאָדאָקס אָדער רעפאָרמער אין רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען, ער האָט אָבער ניט דעם ווילען און ניט די מעגליכקייט אויסצושליסען זיך פון זיין אומה. ער בלייבט שטענדיג א דייטש, א פראַנצויז, אַן ענגלענדער א. ז. וו.; ער קען אפילו זיך קאָכען פאר קאָסמאָפּאָליטישע אידעען, זיין קאָסמאָפּאָליטיזם קאָן אָבער קיין מאָל ניט ארוים פון דעם אידעען־קרייז. אין פּראַקטישען לעבען מוז ער זיך אונטערגעבען דער נאַציאָנאַלער סביבה. די שולע, די ליטעראַטור, דאָס טהעאַטער, די קונסט־גאַלערעען, די מוזעען און די גאַנצע געזעלשאַפט זיינען ניט פּאַרבלאָז, זיי טראָגען אויף זיך אין דער גאַנצער וועלט אַ נאַציאָנאַלען שטעמפּעל. גאַנץ אַנדערס איז דאָס אָבער ביי אַ גלות פאָלק, וואָס האָט ניט קיין געשלאָסענע מאַיאָריטעט. די סביבה — ניט נאָר וואָס זי העלפט ניט אויסבילדען זיין נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, זי איז אדרבא אנקעגען איהם, זי זוכט איהם אָבצושמד'ען פון קינדווייז אויף, ניט נאָר אויף דעם רעליגיעזען געביט. זי גיט איהם אַ פרעמדע שפּראַכע, אַ פרעמדע פערגאַנגענהייט, אַ פרעמדען אינהאַלט אין דער געגענוואַרט. די שוואַכע נאַטורען קאָנען ניט אויסהאַלטען דעם שטאַרקען דרוק פון דער פרעמדער סביבה און גיבען זיך אונטער, זיי לעגען אוועק די כלי־זין, וואָס זיי האָבען בעקומען בירושה און קאַפּיטולירען. עס געהערט פיעל גבורה פאר דעם איינצעלנעם בייצושטעהן ביי דעם נסיון און פיהרען אַ שטענדיגע מלחמה מיט דעם שטאַרקערען געגנער, און בפרט נאָך אַז דער געגנער האָט פערנומען דעם גאַנצען „עולם הזה". נאָר די שטאַרקערע נאַטורען רעטען זיך און שאַפען פאר זיך אַ אינטימע אינווענינסטע וועלט, אין וועלכער זיי זוכען זיך אויסצולעבען. דאָרט, וואו דאָס לעבען שפּיעלט זיך אָב אין מאַסען ערשיינונגען איז די מלחמה פיעל לייכטער, עס ווערט געשאַפען אַ גהעטאָ, מיט מויערן ארום אָדער אָהן מויערן, אַן אייגענע סביבה מיט אייגענע לעבענסמעגליכקיי־

טען. דעריבער בעג'נט די אסימילאציאָן דוקא אין די שפּיטצען פון דער געזעלשאפט, ניט מחמת יענע מענשען, וואָס פערנעהמען דעם אויבען־אָן אין דער געזעלשאפט זיינען רייכער און געבילדעטער, און זיי ווילען האָבען א לייכטערעס לעבען, מיט וועניגער מלחמות און וועניגער התנגדות, נאָר הויפּטזעכליך וויל אויבען־אָן לעבען די מענשען ווי איינצעלנע, זיי זיינען אינדיווידועלער, און דער איינצעלנער איז צו שוואך מלחמה צו האלטען אנקעגען א גאנצער סביבה. די אסימילאציאָן איז די **נאציאָנאלע שווינדזוכט**, און ווי יעדע שווינדזוכט הויבט זי זיך אָן מיט א שפּיטצען־קאטאר. וואָס העכער די געזעלשאפטליכע קלאסע איז, איז זי אַלץ שוואכער אין דער מלחמה מיט דער סביבה.

אַן אלגעמיינע אידישע אָרגאניזאציאָן, וועלכע זאָל האָבען דאָס מאָראלישע, ניט נאָר דאָס פאָרמאלע רעכט צו רעדען און אויפצוטרעטען אים נאָמען פון גאנצען פאָלק, מוז זיין נאציאָנאל, ווארום ווען ניט לייקענט זי אָב איהר אייגענע עקזיסטענץ־בערעכטיגונג. איינצעלנע אידען, ווי שטארק זיי זאָלען ניט זיין דורך זייער געלד־מאכט אָדער דורך זייער אינטעליגענץ, אָדער גאנצע גרופּען אָדער אָרגאניזאציאָנען, וועלכע אנערקענען דעם נעגאטיווען אידעאל פון נאציאָנאלער שווינדזוכט, וועלכע זאָגען ארויס אָפען, אַז די אידען זיינען קיינע נאציאָנאלע איינהייט מעהר, אַז אידען מוזען טראכטען וועגען א פאָלשטענדיגעס אויפגעהן אין אינטערנאציאָנאלען שמעלץ־טאָפּ — אזוינע אידען קאָנען אפשר אָפטמאָל דערגרייכען זייער אייגענע גלייכבערעכטיגונג אין דער פרעמדער סביבה, וועלכע זיי דיענען, זיי האָבען אָבער פערלאָרען זייער אידישע גלייכבערעכטיגונג. עס איז ניט לאָגיש און אויך ניט יושר'דיג צו וועלען פערטרעטען די אינטערעסען פון א פאָלקס־איינהייט, אין וועלכער מען גלויבט ניט, אָדער וועלכער מען ווינשט קורצע יאָהרען.

און צו וואָס זאָלען מיר טרייבען שטרויס־פויגעל־פּאָליטיק? דער גלות האָט אונז צופרעסען אין אלע מדינות, אפילו דאָרט, וואו מיר האָבען נאָך ניט עררייכט די בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג. מיר האָבען מוחל געווען אויף אונזער נאציאָנאלען „איך“ אלס אַן

אויפגאָב פאר די מעגליכקייט פון קינפטיגער גלייכבערעכטיגונג. א שטאַרקער חלק פון אונזער פאָלק איז אסימילירט און האלט זיך פעסט פאר די אַסימילאטאָרישע אידעאָלאָגיע. מיר געפינען אַסי־מילאטאָרען אויף אלע געביעטען: וויסענשאפטלער, קינסטלער, פּאָליטיקער און מיליאָנערען. מיר קאָנען זיי פערזענליך אפילו ניט בעשולדיגען, זיי זיינען א פּראָדוקט פון דעם אידישען גלות, זיי זיינען די קרבנות, וואָס א גלות־פאָלק מוז שענקען דער פרעמדער סביבה.

דערין ליעגט די גרעסטע שוועריגקייט, וועלכע לאָזט ניט צו די שאַפונג פון אַן אַלגעמיינער אידישער נאַציאָנאַלער וועלט־אָרגאניזאציאָן. העכסטענס קענען מיר נאָר פעראייניגען אלע אי־דישע אָרגאניזאציאָנען, וועלכע האָבען א נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. זיי וואָלטען געבילדעט א גרויסע קראַפט, א סך א גרעסערע ווי דער סך הכל פון זייערע כחות, ווען זיי ווירקען בעזונדער. דערצו איז נויטיג, אז מען זאָל זיך פעראייניגען אויף א נאַציאָנאַלען פּראָ־גראַם־מינימום, צו וועלכער אלע זאָלען קענען מסכים זיין. די ארבייט האָט מען געקענט אויספיהרען אָהן בעזונדערע שוועריג־קייטען.

אזא אָרגאניזאציאָן וואָלט אויך געהאַט די מעגליכקייט מבטל צו זיין דעם איינפלוס פון די גאַנץ קליינע אידישע אָרגאניזאציאָ־נען, וועלכע ציהען חיונה נאָר פון זכות אבות און וועלכע האָבען אין די לעצטע יאָהרען נאָך קיין מאָל ניט בעוויזען אז זיי פערשטעהען אין מאָדערנעם זינן דאָס אידישע פּראָבלעם און אז זיי בעזיטצען גענוג קראַפט אום געהאלטען צו ווערען פאר א וויכטיגען פאַקטאָר.

די אידישע עפענטליכקייט האָט איצט דאָס רעכט צו וויסען, וואָס קלייבט מען זיך פאַרצושלאָגען. די קאַטאַסטראָפע איז צו גרויס און דער חולה וויל וויסען וואָס פאר א רפואה זיינע פריינד שלאָגען איהם פאָר.

נאָוו. 29.

דער פסוק

פון מיין קינדהייט אן האב איך א שוואכקייט פאר פסוקים. איך ווייס, די אויפגעקלעהרטע לאכען דערפון. איהר מעגט אויסדריקען דעם בעסטען, טיעפסטען געדאנק, נאר אויב איהר אילוסטרירט איהם דערנאך דורך א פסוק, זייט איהר פערלארען. מען איז אייך חושד, אז איהר האט גישט צוגעפאסט דעם אלטען פסוק צום אייגענעם געדאנק, נאר אומגעקעהרט, איהר האט צוגעשניטען א געדאנק צום פרעמד געווארענעם אלטען פסוק.

מען זאגט ווייטער, אז פסוקים קויפען אונטער די לאגיק, זיי דיקטירען אונז אין וועלכער ריכטונג מיר זאלען דענקען. עס קען זיין. דאס איז אבער ניט נאר די אייגענשאפט פון פסוקים. עס בעאיינפלוסען אונז ביז צו א געוויסען גראד אלע ספרים פון גרויסע מענער און אלע גרויסע קונסט־ווערק. דערין בעשטעהט אויך זייער דויערנדער ווערטה. האבען זיי עטוואס פון דער אייביגקייט אין זיך, דריקען זיי אוים אן איינפאל, א חידוש, האבען זיי אויפגעדעקט עפעס א סוד, אויסגעזאגט עטוואס פון יענעם וואונדערבארען חדר, וואו דער בורא כביכול זיצט ביים וועב־שטוהל און בויט נייע וועלטען און מאכט זיי חרוב און בויט ווידער נייע — דענסטמאל פערשווינדען זיי ניט אזוי שנעל, זיי קריצען זיך איין אין אונזער געדאנקען־וועלט און בויען זיך א נעסט אין אונזער זכרון. מיט דער צייט פערשמעלצען זיך די פרעמדע געדאנקען מיט אונזערע אייגענע. מיר האבען זיי פערדייהעט, און עס איז ניט מעהר ווי רעכט פון אונזער זייט, אז ווען מיר פארמולירען אונזערע אייגענע געדאנקען, און דורך אונזער זכרון געהט עטוואס דורך ווי אן עלעקטרישער פונק און דערמאנט אונז פון וואנען מיר האבען זיי געשעפט, זאלען מיר מיט א געפיהל פון דאנקבארקייט מאכען אן אזכרה דעם דענקער אדער דעם קינסטלער, וועמען גאט האט געבענשט מיט טאלאנט

צו בעפרוכטען די מענשליכע מחשבה און איבערצולאָזען א רושם אין דער געשיכטע.

און איך בעדויער עס זעהר טיעף, וואָס מיר האָבען פערלאָזען דעם פסוק, וואָס אונזער נייע ליטעראַטור האָט פערלאָזען דעם מקור, וועלכער האָט אונז אין דעם משך פון אונצעהליגע דורות געגעבען אזא אייגענטימליכען, כאראקטעריסטישען רייכטהום, גלאַנץ און חן, וועלכער האָט אונז פערבונדען מיט אונזער היסטאָרישער קינדהייט, מיט די שעהנסטע פעריאָדען פון אונזער אויפבליהען און פון אונזער שעפּפערישער פאָלקס־קראַפט. א פאָלק מוז האָבען א הייליגען ספר, און דער ספר מוז דורכדרינגען זיין גאַנצעס לעבען, און דער גייסט פון דיעזען ספק מוז שוועבען איבער אונזער טראַכטען און דענקען, איבער אונזער ווירקען און האנדלען.

איך מיין נים, אז מיר זאָלען אָנהויבען ווידער שרייבען מיט האַלבע פסוקים, ווי עס האָבען א צייט לאַנג געטהאָן אונזערע בעלי מליצה. א דאנק גאָט וואָס מיר זיינען שוין איבערגעקומען דיעזע פעריאָדע אין אונזער ליטעראַטור. דאָס איז געווען א פעריאָדע פון שוואַכקייט און פון אונבעהאָלפענהייט. מיר זיינען אָבער איצט אריבערגעגאַנגען צום אַנדער עקסטרעם, מיר האָבען זיך עמאַנציפּירט פון אונזערע קלאַסישע ווערק. מיר זיינען געוואָרען נייע מענשען פון נעכטען און עס שוועבט איבער אונז א סכנה צו ווערען גאַנץ שפּאָגל נייע פון היינטיגען טאָג. מיר פערגעסען, אז אלע נאַ־ציאָנען האָבען זייערע קלאַסיקער, און אז יעדער געבילדעטער מענש לערענט צוערשט זיינע קלאַסיקער, דען קלאַסיקער קען מען נים אויסבאָרגען ביי פרעמדע נאַציאָנען, און עס איז זעהר א שאָדע, וואָס מיר פערגעסען אונזערע קלאַסיקער און דערווייטערען זיך פון פסוק. אונטער פסוק פערשטעה איך אין ערשטער שורה די נביאים, אָבער אויך די משנה, די גמרא און דעם מדרש. ווען איך לעז עטוואָס פון זיידען, פון פרץ, פון שלום עליכם, פון אש, פיהל איך נאָך דעם טעם פון פסוק. איך פיהל, אז זיי האָבען א יניקה פון אַלטען מקור. דערין ליעגט אויך דער סוד פון זייער בעזונ־דערער אָנציהונגס־קראַפט. נים נאָר דער אינהאַלט, אויך די פאָרם האָט עטוואָס מאַגנעטישעס אין זיך. איך דערמאָן זיך עפּעס אָן

שיר השירים: משכני אחריך נרוצה — ציה מיך, איך וויל דיר נאָכלויפען. פון טיעפסטען הארצען בין איך דאַנקבאר דעם זיידען פאר זיין אויסטייטשען א פסוק. איך וועל קיין מאָל ניט פערגעסען זיין „הבן יקיר לי אפרים". איך וועל ניט פערגעסען שלום עליכם׳ס פסוק וועגען דעם, וואָס דער תרגום אונקלס מאכט אויף לבן הארמי, איך וועל ניט פערגעסען אש׳ס פירוש אויף רחל מבכה על בניה. און פרץ — ער איז דאָך אין גאנצען א לעבעדיגער מדרש, א מדרש אויף דאָס אידישע לעבען.

איך וויל היינט אויך איינטייטשען א פסוק. און איך שווער, אז דער פסוק איז מיר נעקומען גאָר צולעצט. עס איז נאָר א ריינער צופאַל. איך טהו דאָ ניט אויף קיין חדושים. איך לערען נאָר פשט. אָבער מערקווירדיג, טויזענד מאָל געהען מיר פארביי א פסוק, און ער ריהרט אונז ניט אָן. דער פסוק איז גלאַט, מיר מערקען אין איהם ניט קיין טיעפען געדאנק און מיר לאָזען איהם רוהיג ליעגען. מאכט זיך אָבער א וויכטיגע געשעהענים און מיר הויבען אָן טראכטען און דענקען, ביז מיר האָבען א גאנצע שנור פון רעיונות, און מיט א מאָל דערמאָנען מיר זיך אָן דעם אלטען פסוק, און מיט א מאָל בעקומט ער פאר אונז א נייעם אינהאלט, פיעל טיעפער ווי מיר האָבען גערעכענט.

דאָס האָט מיר אויך פאַסירט ביי דער איצטיגער מלחמה־צייט.

נאָך קיין מאָל אין לעבען האָב איך ניט געלעזען אזוי פיעל צייטונגען, ווי דאָ אין אמעריקא, זייט די מלחמה האָט זיך אָנגע־ פאנגען. ערשטענס איז מען דאָך נייגיעריג, מען וויל אַלעס וויסען, און ווען מען איז אפילו זיכער, אז אַלע צייטונגען האָבען די זעלבע נייעס, וויל מען דאָך לעזען פיעל צייטונגען, ווייל מען איז דאָך ניט יוצא מיט דעם וואָס שטעהט אין די שורות, מען זוכט דאָך ארוים אויך דאָס, וואָס שטעהט צווישען די שורות. און צווישען די שורות זיינען כמעט אַלע צייטונגען פערשיעדען. צווייטענס האָב איך געמוזט פיעל לעזען, ווייל איך האָב דאָך געמוזט וויסען וועגען וואָס נ י ט צו שרייבען. אין מלחמה־צייט איז א מלחמה אויך צווישען די שרייבער. מען כאפט אָפטמאָל, לא עליכם, א

פרעמדען געדאנק און מען מאכט פון איהם אן ארטיקעל, און ווייל מען אויף זיך ניט האבען קיין חשד, מוז מען זיין זעהר פארזיכטיג.

בין איך פון פיעל לעזען צוטומעלט געווארען. פון אנהויב איז פאר מיר אלעס געווען גאנץ קלאר. די ענגלענדער, די דייטשען, די פראנצויזען, די רוסען און אזוי ווייטער, האבען אנגענומען יעדער פון זיי זיין אייגענעם שטאנדפונקט און פערטהיידיגט איהם מיט אלע כחות. מוזען מיר, אלזא, האבען אונזער אידישען שטאנדפונקט און האלטען זיך פאר איהם פעסט. איך האב געציטערט מען זאל ניט צוברעקלען דעם אידישען שטאנדפונקט, ווייל דעמאלט וועלען מיר גאר ניט קאנען ארויסקריכען פון פלאנטער. הויפטזעכליך האט זיך דא געהאנדעלט וועגען די לאגע פון די רוסיש-פוילישע און די גאליצישע אידען, וואס זיי האט געטראפען די גרעסטע קויל. גע-וועהנליך פערשטעהט מען גאנץ גוט, אז פון אונזערע אידישע סימ-פאטיען הענגט ניט אב דער אויסגאנג פון דער מלחמה, נאר עס ליעגט שוין אזוי אין דער טבע פון מענשען, ער האט ליעב צו מאכען חשבונות אפילו ווען ער וויס, אז ער מאכט דעם חשבון אהן דעם בעל-הבית.

איז דער חשבון פאר מיר געווען קלאר. איך וויים ווי עס לעבען די אידען אין רוסיש-פוילען אין דעם צווייענדיגען גלות, אין דעם אונערטרעגליכען רוסישען און אין דעם נאך אונ-ערטרעגליכערען פוילישען גלות. איך וויים, ווי עס לעבען די אידען אין גאליציען, אדער ריכטיגער, ווי עס האבען געלעבט די אידען אין גאליציען און איך קען אויך גאנץ גוט דעם מצב פון די אידען אין דייטשלאנד. דא האט זיך נאר געהאנדעלט וועגען אן אויס-וואהל פון דריי גלות'ען, און מיין געזונדער, פשוט'ער מענשען-פערשטאנד האט מיר דיקטירט וואס איך זאל אויסקלייבען, איך מיין, וואס איך זאל ווינשען, לכל הפחות, ווארום מעהר ווי ווינשען קאנען מיר דאך ניט. האט מען אבער אנגעהויבען צו פילאזא-פירען, אנגעהויבען מיט א מאל צו ריידען פון די בעהאלטענע אויסגעצייכענטע סלאווישע מדות, וועלכע וועלען זיך מוזען ענט-פלעקען נאך דער מלחמה און פון וועלכע עס וועט מוזען קומען די ישועה אויף אידען. מען האט אנגעהויבען צו שאפען איין טהעאריע

נאָך דער אנדערער, מען האָט פערלאָזען דאָס איינפאַכע, פערוואָרפען דעם פשט און אָנגעהויבען צו פשט'לען זיך און פערקראַכען אין חכמת הנסתר.

האָב איך זיך דערמאָנט אָן יענעם מגיד, וואָס האָט זיך גע־שטעלט אויף אַ פסוק, און דער פסוק איז דוקא געווען גלאַט, איין פּגימה'לע ניט געהאַט, איינער פון די גלאַטע פסוקים, ווי למשל: אלה תולדות נח, שם חם ויפת, דאָס זיינען די תולדות'ען פון נח, שם חם און יפת. האָט דער מגיד אַזוי געזאָגט: זעהט, רבותי, דער פסוק איז גלאַט, דרעהט איהם אויף אַלע זייטען, ער ליעגט גאַנץ רוהיג, וועל איך אָבער איהם אַ ביסעל מ ר ח י ק מ ן ה ש כ ל זיין, וועט איהר זעהן, אַז עס קלעפּט זיך ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. און דער מגיד איז טאַקע געווען אַ גרויסער בריה אויף מרחיק מן השכל זיין, און נאָך צוויי מינוטען האָבען אַלע געפיהלט בעשיינ־פערליך, אַז דער פסוק איז גאָר משונה'דיג.

אין די היינטיגע צייטען האָט מען ניט צו טהאָן מיט פסוקים און מען פערדרעהט זיי ניט מעהר. וואָס טהוט מען אָבער? פער־דרעהט מען די אייגענע גערדאַנקען. מען קעהרט אוים די לאָגיק אויף דער לינקער זייט, קומט ממילא אוים אַלעם פערקעהרט, דער אונ־טערשלאַג פון אויבען און די קנעפּ פון אונטען.

אַט שמועסענדיג וועגען דער א י ב ע ר ג ע נ י צ ע ו ו ע ט ע ר לאָגיק אין אַ געזעלשאַפט ביי מיינעם אַ פריינד, האָט מיך איינער פון די געסט אַ פרעג געטהאָן, וואו שטעהט דער פסוק „משיב חכמים אחור ודעתם יסכל" — ער קעהרט אום די חכמים נאָך הינטען און מאַכט זייער וויסען פערקעהרט. איך האָב געגלויבט, אַז דער פסוק שטעהט אין איוב, עס לאָזט זיך אָבער אוים, עס איז אַ פסוק פון ישעיה. ערשט אַז איך בין געקומען אהיים און נאָך אַמאָל אַ טראַכט געטהאָן וועגען דעם פסוק, איז מיר איינגעפאַלען, אַז דער פסוק איז דאָך מערקווירדיג אָנגעפּאַסט צו אונזער מלחמה־פילאָזאָפיע.

ווען גאָט וויל אמאָל שטראָפען דעם חכם, וואָס טהוט ער מיט איהם, ער קעהרט איהם אום נאָך הינטען, ממילא קעהרט זיך אוים זיין שכל, זעהט ער אַלעס מיט'ן קאָפּ אראָב.

לאַכט ניט פון אַ פּסוק. ער איז גוט אין פריעדענס־צייטען, ער קומט אָבער אויך צונוטץ אין מלחמה־צייט.

10 דעצעמבער, 1914.

צווייערליי פעסימיסטען

עס זיינען דאָ צווייערליי פעסימיסטען, וועלכע מען פערוועקסעלט זעהר אָפט אין לעבען. אין אמת'ען אָבער זיינען זיי זעהר ווייט איינער פון דעם אַנדערען אי נאָך דער בעשאַפענהייט פון זייער נאַטור, אי נאָך דעם תכלית, וואָס יעדער פון זיי האָט פאַר זיינע אויגען.

עס זיינען דאָ פעסימיסטען, וועלכע וואָלטען וועלען מיט זייער גאַנצער נשמה, אַז דער הימעל זאָל זיין בלוי, די זון זאָל שיינען העל און די מענשהייט זאָל זיך פיהלען גליקליך, נאָר עס פעהלט זיי דער גלויבען אין אַ גליקליכע צוקונפט. אָפטמאָל ווערט זייער גלויבען צושטערט דורך די טרוקענע חשבונות פון אַן אַנאַליטישען פערשטאַנד, וועלכער האַקט אונטער די פליגעלען פון יעדער פאַנטאַזיע. אָפטמאָל קומט דער פעסימיזם פון אַן אינוועניגער שטימונג, ניט אַלס פּראָדוקט פון שכל. עס זיינען דאָ מרה־שחורה־דיגע נאַטורען, וועלכע קאָנען זיך ניט בעפרייען פון דער אייגענער דונקעלהייט. אָבער ווי דאָס איז, זיינען דאָס פעסימיסטען, וועלכע ליידען פון זייער איינענעם פעסימיזם. צווישען זייער וואונש און זייער גלויבען הערשט אַ שטענדיגער קאָנפליקט, זיי טראָגען אין זיך אַן אייביגעס בעגעהרען אָהן האָפנונג אויף בעפריעדיגונג, זיי זיינען פול מיט צער, זיי עמפּפינדען דעם גרויסען שמערץ פון אַ שעהנער וועלט, וועלכע קאָן ניט אויפגעבויט ווערען, זיי ציהען זיך צו אַ משיח, וועלכער וועט קיין מאָל פאַר זיי ניט קומען.

עס זיינען אָבער דאָ פעסימיסטען פון אַ גאַנץ אַנדער מין. דאָס זיינען די טרוקענע פעסימיסטען. זיי האָבען איין מאָל פאַר אַלע מאָל שלום געמאַכט מיט זייער אייגענעם פעסימיזם, זיי האָבען זיך צו איהם צוגעפּאַסט, צוגעשניטען זייער לעבען נאָך דער פעסימיסטישער שיטה און פיהלען זיך דערביי זעהר בעקוועם. יעדע

פאנטאזיע איז זיי פון לכתחלה פערהאסט, זיי ווילען זיך אפילו ניט מטריח זיין און אונטערזוכען אויב זי האט עפעס א ממשות'דיד גען שטיצפונקט אדער ניט. זיי שפיעלען געוועהנליך אין לעבען די ראלע פון די קלוגע, זיי לאזען זיך ניט איינשמועסען, זיי לאזען זיך ניט בעגייסטערען, זיי געהען תמיד ארום מיט'ן פונט און מיט'ן מעטער אין דער האנד און וועגען און מעסטען און געפינען שטענדיג ארויס, אז דער חשבון שטימט ניט. זוכט ביי זיי ניט קיין צער, דער זעעלישער שמערץ איז זיי פרעמד. זיי האבען איהם אין גאנצען פערטריבען.

די פעסימיסטען פון דער ערשטער קאטעגאריע געהען ארום שטענדיג אומעדיג, זיי טראגען אויף זיך א שווערע משא, זיי קלאגען אויף גלות השכינה. די פעסימיסטען פון דער צווייטער קאטעגאריע קלאגען ניט און טרויערען ניט, זיי זיינען ניט בעזאנדערס פרעהליך אבער אויך ניט אומעדיג, זיי האבען א פער־גליווערטע שטימונג, כמעט שטענדיג גלייך, אהן בערג און אהן טהאלען, שטענדיג בעזאנען, שטענדיג שכל'דיג.

אייגענטליך איז דאס אן עולה, וואס מען רופט זיי ביידע אן מיט דעם זעלבען נאמען „פעסימיסט“, דען נאר די ערשטע פער־דיענען דיעזען נאמען, די אנדערע זיינען ניט קיין פעסימיסטען, זיי זיינען ש װ א ר ץ ־ ז ע ה ע ר. ביי די ערשטע שטעלט זיך אוועק א שווארצער פארהאנג צווישען זייער וואונש און זייער גלויבען, ביי די אנדערע איז די נשמה זעלבסט אבגעפארבט אויף שווארץ. די ערשטע האבען נאך עולם־הבא, זיי זעהען דעם גן־עדן, נאר זיי גלויבען ניט, אז די כרובים מיט די אויסגעשטרעקטע שווערדען וועלען ווען עס איז ווידער ארייגלאזען אהין דעם איין מאל ארויס־געטריבענעם מענשען. די אנדערע זיינען עולם־הזה'ניקעס. פאר זיי עקזיסטירט ניט קיין עולם הבא, ניט קיין גן־עדן, ניט קיין כרובים. זיי קאנען דעריבער ניט קלאגען אויף גלות השכינה, ווייל זיי גלויבען אין דעם עצם שכינה ניט. זיי האבען אויסגע־לערענט דעם פסוק „הבל הבלים הכל הבל“ און מיינען, אז זיי זיינען אליין געווארען קהלת'ען.

דער פעסימיזם אין גאנצען האט אין זיך ניט קיין שאפענדע

קראפט. די שכינה רוהט ניט, — אזוי זאָגען די אַלטע, — ניט פון אומעדיגקייט, און ניט פון פערצווייפלונג, נאָר פון פרייד און האָפנונג. ווען מען וואָלט ניט געשאַפען פאַר די ארבייטענדע קלאַסען דעם „צוקונפט־שטאאט", וואָס איז די ווערטליכע איבערזעצונג פון „עולם הבא", ווען זיי וואָלטען אליין אין זיך ניט געטראָגען דעם גלויבען אז עס קאָן געשאַפען ווערען א נייע, א בעסערע און א שעהנערע געזעלשאפטליכע אָרדנונג — וואָלטען זיי בשום אופן ניט געקאָנט אויספיהרען דאָס, וואָס זיי האָבען אויסגעפיהרט אין דעם לעצטען האלבען יאָהר־הונדערט. מען קאָן איינווענדען און טענה'ן, אז דער „צוקונפטס־שטאאט" איז „ניט אויפ'ן הימעל און ניט אויף יענער זייט ים", דעריבער איז געווען לייכטער צו גלויבען אין איהם — דאָס איז אָבער מעהר ניט ווי א טעות. ווען איך ארבייט פאר א אידעע, וואָס קאָן פערווירקליכט ווערען ערשט אין דורות ארום, בין איך א בן־עולם־הבא, אלעס איינס ווי מיין צוקונפטס־שטאאט איז בעשאַפען. קוק איך אין די צוקונפט, פערשמעלצען זיך ביי מיר הימעל און ערד און איך שאַף פאַר מיר „נייע הימלען און א נייע ערד". עס איז ניט גענוג צו פערשטעהן מיט'ן שכל, אז די אָרדנונג איז שלעכט און יענע אָרדנונג איז גוט. פון שכל אליין איז נאָך ניט געדרונגען, אז איך זאָל זיין א שונא פון דער שלעכטער און א הייסער בעגעהרער פון דער גוטער אָרדנונג. די צדיקים האָבען געמוזט וועלען שאפען זייער עולם הבא. מיר רעדען פון די וועלטען און זאָגען „אין די וועלטען, וואָס דער בורא האָט געשאַפען נאָך זיין ווילען און נאָך דעם ווילען פון זיינע יראים". ווען עס פעהלט דער גלויבען אין די מעגליכקייט פון א בעסערער וועלט, ווערט אָבגעהאקט די פערבינדונג צווישען מיין וואונש און צווישען מיין אייגענעם כח. דער וואונש ווערט שוואך און דער כח ווערט ניט אויסגענוצט, ער געהט לבטלה.

נאָר פון דעסטוועגען קאָן מען די פעסימיסטען פון דער ערשטער קאַטעגאָריע ניט נאָר אין גאנצען מבטל זיין. מען קאָן מיט זיי מיטפיהלען. אָפטמאָל מאַכען זיי דורך אַן ערשיטערונג אין לעבען און געווינען ווידער זייער גלויבען און דאַן ווערען זיי די פלייסיגע מיטארבייטער פון דעם מענשליכען פראָגרעס. שלעכט שטעהט עס

מיט די פעסימיסטען פון דער צווייטער קאטעגאָריע. פאַר זיי איז ניטאָ קיין תרופה, זיי זיינען אַ נעגאַטיווע קראַפט אין דער געזעל־שאַפט, וואָרים כמעט תמיד זיינען זיי ניט צופריעדען מיט זייער אייגענעם פעסימיזם. זיי האָבען טאַקע פיינט דעם אָפּטימיסט תכלית שנאה. זיי האָבען אָפּטמאָל אויך ליעב צו שיטען זאַלץ אויף די וואונדען, זיי פערדריסט, טאָמער געפינט נאָך וואָער עס איז אַ שטיקעל טרייסט, אַ האָפנונגס־שטראַהל.

קום איך, למשל, און רעד אָב שעה'ן לאַנג מיט אַזאַ מין פעסי־מיסט וועגען דעם בילד פון צושטערונג, וואָס איך האָב געפונען אין אונזער אַלטער היימאַטה, איך דערצעהל איהם פון דעם כותל המערבי, צום ביישפּיעל, און פון די שטיינערנע קינות, — ענטפערט ער מיר: אויף וואָס האָסט דו דאָ צו קלאָגען, זייט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען ביז אויף היינטיגען טאָג, איז פלאַץ מורא'דיג געשטיגען אין מקח, און דער היילער פלאַץ איז איצט ווערטה דאָס געלד, וואָס האָט אַ מאָל געקאָסט דער בית המקדש. דערצעהל איך איהם ווייטער מכח דעם ענין פון „תחית המתים“, ווי ביי אַן אַלט פאָלק איז וויעדער ערוואַכט געוואָרען דער ווילען צו נייעם לעבען, ווי נעבכטיגע קרעמער און לופט־מענשען זיינען געוואָרען אַקער־בויער און פלאַנצער, ווי מענשען, וואָס האָבען געקוקט מיט זייערע אויגען נאָר אַראָב און האָבען קיין שייכות ניט געהאַט ניט צום הימעל ניט צו דער ווייטער נאַטור, זיינען נעהנטער געוואָרען אי צו גאָט אי צו נאַטור, — ענטפערט ער מיר: אַלעס וועט צו־נעהמען דער טערק. ער וויל האָבען גאַראַנטיען, ער וויל ארבייטען מיט צעהנפאַכער זיכערהייט, ער גלויבט ניט אין די קראַפט פון זיין אייגענעם גלויבען, ער האָט ניט קיין גלויבען אין די אייגענע קראַפט.

קום איך למשל, און ווייז איהם אָן אויף די צוויי און פערציג טויזענד דריי הונדערט און זעכציג נפשות, וועלכע זיינען אַרויס פאַרצייטען פון בבל און וואָס נאָר זיי האָבען מיר צו פערדאַנקען אונזער אייגענעם קיום ביז אויף היינטיגען טאָג, — ענטפערט ער מיר: און וואָס וואָלט מיך געאַרט, אַז איך וואָלט ניט געהאַט קיין קיום? דאָס לעבען אַליין האָט אויפגעהערט צו זיין פאַר איהם

עטוואָס הייליגעס, עס איז ניט מעהר ווי אַ געשעפט, אַ אַנגעלע־גענהייט, וואָס מוז ערלעדיגט ווערען.

קום איך צו איהם חנוכה און רעד מיט איהם וועגען די חשמונאים, וועגען זייער העלדענמוטהה און זייער מסירת נפש — ענטפערט ער מיר: און וואָס האָבען זיי אויסגעפיהרט מיט זייערע גבורות? וואָלט אפשר ניט גלייכער געווען, אז דער גלות וואָלט זיך אָנגעהויבען מיט עטליכע הונדערט יאָהר פריהער, מען וואָלט זיך אפשר צו איהם מעהר צוגעוואוינט און זיך ניט אזוי געצאַפּעלט. דאָס איז אַ מענש, וואָס עראינערונגען שטערען איהם, ער וויל ניט קיין אויפמונטערונג.

ווער קען ניט דעם וויץ פון דעם זיד רוסישען „חאָחאָל". ער געהט און זעהט ווי איינער טרינקט זיך, פון צייט צו צייט שטרעקט ער נאָך ארויס דעם קאָפּ פון וואסער, ער ראַנגעלט זיך מיט דעם נאַסען עלעמענט. דער חאָחאָל רופט איהם צו: הער זיך אויף צו בונטעווען, לאָז זיך אראָב אויפ'ן גרונד.

צוגעוואוינען זיך צו אַ גלות, גלייך ווי ניט יעדען טאָג געהט אויף די זון און פרעדיגט פרייהייט, גלייך ווי ניט יעדען טאָג ווערט געשאַפען אַ נייע וועלט, און עס ווילט זיך אזוי ניט זיין געקנעכטעט, זיין צוגעשמידט און זיך ניט קענען פריי בעוועגען.

די שוואַרץ־זעהער — דאָס זיינען די ערגסטע שונאים פון מענשליכען פּאָרטשריט. מעהר פון אַלעמען ליידען מיר אידען פון זיי. דאָס איז די שלימסטע ירושה, מיט וועלכער דער גלות האָט אונז בעשענקט. און ווען מיר הויבען אָן צו קלעהרען וועגען אַ נייער, ליכטיגערער, שעהנערער צוקונפט, טאָרען מיר ניט פערגעסען, אז מיר מוזען אָנהויבען בעקעמפּפען דעם גלות אין גלות גופא. שווער איז דער וועג, וואָס ליעגט פאַר אונז, דאָך טאָרען מיר ניט פערצווייפלען, און ווען פיעלעס פון דעם, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרען אין די לעצטע יאָהרען מיט אזוי פיעל קרבנות, קאָן חלילה צושטערט ווערען פון דעם גרויסען וועלט־שטורם, מוזען מיר זיין ענטשלאָסען אָנהויבען אויף דאָס ניי, ווידער בויען, ווידער לעגען אַ שטיין אויף אַ שטיין און ציגעל אויף ציגעל, ביז דער בנין וועט ווערען גענוג שטאַרק אום ביייצוקומען אַלע שטורמס.

דער ווילען צום שעהנעם און ערהאבענעם האָט ארויסגערופען דעם גלויבען, דער גלויבען האָט ארויסגערופען דעם בטחון, די צור פערזיכט. דער בטחון האָט געשטארקט דעם כח און דער כח האָט אויפגעטהאָן גבורות. דאָס איז דער פראָצעס פון דער מענשליכער ענטוויקלונג.

17 דעצעמבער, 1914.

אַן ענטפער צו אידישע פּעסימיסטען

איז דאָס טאַקע אמת, אַז אַמאָל האָבען די אידען געהאַט גבורים, און היינט זיינען זיי אין גאַנצען פערשוואונדען? איז דאָס טאַקע אמת, אַז דער לאַנגער, פינסטערער, ביטערער גלות האָט בערויבט דאָס אידישע פאָלק און פון איהם אַוועקגענומען דעם העלדענמוטה, דאָס טהייערסטע, דאָס עדעלסטע, וואָס אַ פאָלק בעזיצט? איז דאָס טאַקע אמת, אַז דאָס אידישע פאָלק איז אינערליך צושטרייט געוואָרען און האָט זיך פערוואַנדעלט אין פאָלקס־שטויב, אין קליינע אַטאָמען, וועלכע האָבען פערלאָרען זייער געגענזייטיגע אַנציהונגס־קראַפט, אין בעזונדערע חלקים, וועלכע דרעהען זיך אַרום אין ווירבעל־שטורם פון לעבען און האָבען מעהר קיין שייכות ניט איינער צום אַנדערען?

מיר האָבען פּעסימיסטען גענוג, וועלכע ענטפערען מיט „יאַ" אויף אַלע דיעזע פראַגען. זיי גלויבען ניט מעהר, אַז דאָס אידישע פּאָלק קאָן האָבען אַ תקומה אַלס אַ פּאָלק און גיבען אונז אַן עצה, אַז מיר אַליין זאָלען אויך פון אונזער זייט זעהן וואָס שנעלער דורכצומאַכען דעם צערזעצונגס־פּראָצעס, וועלכער האָט אונז אַרומגענומען, וואָס שנעלער פערשווינדען, וואָס שנעלער מגולגל ווערען אין אַ נ ד ע ר ע. זאָל יעדער פון אונז, אַלס אַן איינצעלנער, זוכען רעטונג ווי ווייט ער קאָן, זאָל ער זיך פרייוויליג, אָהן סתיר'דעם און ווידערשטאַנד, איבערגעבען אין די האַנד פון דעם אונבאַרעמהערציגען גורל און איבערגעהן אין אַן אַנדער וועלט, לאָזען זיך איינשלינגען פון דער פרעמדער סביבה און שליעסען פריעדען מיט די נייע לעבענס־בעדינגונגען.

מיר האָבען גענוג פּעסימיסטען, וועלכע בעהויפּטען, אַז די איצטיגע מלחמה, אין וועלכער די אידישע בעפעלקערונג פון די פערשיעדענע לענדער איז אַזוי שטאַרק בעטהייליגט, וועט האָבען אַ

גרויסע ווירקונג אויף דעם אידישען צערזעצונגס־פּראָצעס. זיי זאָגען נביאות, אז אויך נאָך דער מלחמה וועט ניט פערשווינדען די געגנער־שאַפט, וועלכע האָט זיך ארויסגעוויזען בשעת דער מלחמה צווישען די פערשיעדענע אידישע לאַנדסמאַנשאַפטען. די ענגלישע, די פראַנצויזישע און די רוסישע אידען, דאָס הייסט „די אליאירטע", וועלען ניט וועלען מעהר האָבען צו טהאָן מיט די דייטשע און די עסטרייך־אונגאַרישע אידען. דער נאַציאָנאַלער באנד, וואָס האָט זיי ביז איצט צוזאַמענגעהאַלטען, איז צוריסען געוואָרען, און זיי וועלען מעהר ניט קאָנען זיצען ביי איין טיש. דאָס איז נאָך וועניג. דער אַנטאַגאָניזם צווישען דיעזע גרופּען וועט אויך פערזעצען א טויט־קלאַפּ, — אזוי בעהויפּטען די נייע נביאים, — אפילו צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע איז אויפגעבויט אויף דער גרונדלאַגע פון דעם נאַציאָנאַלען געדאנק. די ציוניסטישע קאָנ־גרעסען זיינען אונמעגליך געוואָרען און דאָס שעהנע בילד פון דער אַלוועלטליכער אידישער איינִיגקייט וועט פון איצט אָן געהערען דער פערגאַנגענהייט, דער געשיכטע.

וואָלט דיעזע נבואה ענטהאַלטען אין זיך אָן אמת, וואָלט זי מקוים געוואָרען, וואָלט דאָס געוועזען דער שטאַרקסטער בעוויז, אז די אידישע אומה איז חרוב געוואָרען אַלס אומה און האָלט ביים אַראָבגעהן פון דער וועלט־סצענע. דאָס וואָלט בעוויזען, אז דעם אידישען פאָלק פעהלט דער צעמענט, די אינערע אָנציהונגס־קראַפט, די בעהאַלטענע גבורה, וואָס אָהן איהר קאָן א נאַציאָן ניט אויס־קומען. די ציוניסטישע בעוועגונג אין די לעצטע צעהנדליגע יאָה־רען וואָלט דאַן געוועזען גלייך צו דעם אויפפלאַקערען פון א וואולקאַן איידער ער ווערט פערלאָשען.

צום גליק אָבער איז דיעזע נבואה א פאַלשע און זי וועט קיין מאָל ניט פערווירקליכט ווערען. דער נביא, וועלכער האָט זי ארויס־געזאָגט, לעבט ווייט פון זיין פאָלק, ער קען ניט זיין פאָלק, צו וועמען ער ווענדעט זיך מיט זיינע הארבע פּאָראָויסזאָגונגען. ער פערשטעהט ניט זיין נשמה און פיהלט ניט זיין דופק, און זיינע ווערטער שפּיעגלען דעריבער אָב בלויז מרה־שחורה'דיגע שטי־מונגען פון א גאַנץ קליינער אידישער גרופּע, פון א גרופּע, וועלכע

האָט אויך ביז דער מלחמה געהאַט נאָר אַ קנאַפּען צוזאַמענהאַנג מיט דעם אידישען פאָלק. דאָס איז איינע פון די קליינע אידישע גרופּען, וועלכע האָבען שוין לאַנג פערלאָרען דעם אידישען פאָלקס־צער און וועלכע פלעגען זיך עטוואָס אויפמונטערען נאָר ווען אַ קאַטאַסטראָפע פלעגט אויסברעכען. דער גלות האָט אונז אויך מיט דער שעהנער מתנה בעשענקט: מיט קאַטאַסטראָפע־יודענטהום. דיעזע קליינע גרופּען האָבען לאַנג פערלאָרען זייער אמונה אין די אידישע פאָלקס־גבורה, און דאָ איז נאָך געקומען די מלחמה און זי האָט זיי נאָך שוואַכער געמאַכט, זי האָט פון זיי צוגענומען דעם לעצטען פונק פון זייער צוזאַמענגעהעריגקייטס־געפיהל. קומט דער נביא פון דיעזע קליינע גרופּען און שרייט אויס אין זיין פערצווייפלונג, אַז די אידישע וועלט איז חרוב און מען זאָל אָנהויבען גרייטען אַ מצבה.

ווער עס האָט פערפאָלגט די אידישע ענטוויקלונג אין די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאָהרען, זיך גוט צוגעהערט צו די גרויסע שטימונגען צווישען די אידישע מאַסען און זיך צוגעקוקט צו די פערענדערונגען צווישען דער האַלב־אַסימילירטער יוגענד אין די מערב אייראָפּעאישע לענדער, דער מוז מודה זיין, אַז דוקא אין דער לעצטער צייט איז געוואָרען דער נאַציאָנאַלער צוזאַמענשלוס צווישען די פערשיעדענע צושפּרייטע חלקים פון אידישען פאָלק ניט אין אַן ערך שטאַרקער און פעסטער ווי אין די גאַנצע פערגאַנגענע דורות פון דער נייער צייט, דאָס הייסט פון די לעצטע פינף יאָהר־הונדערטע. די אידישע ליטעראַטור איןביידע שפּראַכען, אי אין דער העברעאישער אי אין דער אידישער, האָט אין די לעצטע פערציג יאָהר געמאַכט גרעסערע פאָרטשריטע ווי אין דער גאַנצער השכלה־עפּאָכע. זי איז געוואָרען לעבעדיגער, איגהאַלטסרייכער, פיעלזייטיגער, אומפאַסענדער, וויסענשאַפטליכער און קינסטלערישער. און אַזוי ווי די ליטעראַטור מוז האָבען איהר יניקה פון לעבען, קאָנען מיר אין דער ענטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראַטור זעהן דעם בעסטען סימן, אַז דאָס אידישע לעבען איז אין דער לעצטער צייט דוקא געוואָרען פולער און רייכער אין נאַציאָנאַלען זין, ווייל ליטעראַטור־שעפּפונגען אָהן פאָלקס־גייסט און אָהן אַ נאַציאָנאַלען

אנשטאָט צו לאָזן ניט איבער קיין שום רושם. דאָס זיינען טויט־געבאָרענע שעפּפונגען, מען פיהלט ניט זייער עקזיסטענץ און מען מערקט ניט זייער פערשווינדען. און מיר האָבען טאַקע אַ קלאָרען בעווייז. אין דער צייט, ווען די העברעאישע און אידישע ליטעראַטור האָבען דורכגעמאַכט אַ ריעזען־ענטוויקלונג, איז די דייטש־אידישע, די רוסיש־אידישע, די פראַנצויזיש־אידישע און די ענגליש־אידישע ליטעראַטור געזונקען פון טאָג צו טאָג און פון שטופע צו שטופע. די בעסטע שריפטשטעלער און קינסטלער זיינען איבער־געגאַנגען צו די פרעמדע, זיי האָבען זיך אָבגעריסען פון צענטער, יעדער פון זיי האָט דאָס געהאַלטען פאַר אַ גרויס כבוד צו ווערען אַ דייטשער, אַ רוסישער א. ז. וו. שריפטשטעלער. עס זיינען אומעדום געבליעבען כמעט אויסשליסליך די מאָדערנע טהעאָלאָגען, וועלכע האָבען געמוזט בלייבען אויף דעם אידישען געביעט, ווען זיי האָבען אפילו געשריעבען אין פרעמדע שפּראַכען. דעריבער האָט די גאַנצע פרעמדשפּראַכיגע אידישע ליטעראַטור בעקומען אַ טהעאָ־לאָגישען כאַראַקטער, גלייך ווי דאָס אידישע לעבען וואָלט אַריינ־געקראָכען מיט לייב און זעעלע אין די „סינאַגאָגע“, גלייך ווי דאָס אידישע לעבען האָט פערלאָרען אַלע מעגליכע אינטערעסען און האָט זיך אַליין פערשטופּט אין בית־מדרש ווינקעל.

אויך די אידישע גבורה האָט אָנגענומען אין דער לעצטער צייט גאַנץ אַנדערע פאָרמען. זי האָט אָנגעהויבען צו ווערען צו־ריק שעפּפעריש, זיך צו בעפרייען פון איהר איינגענעם גלות. צווי־שען דער גלות גבורה און דער פרייער גבורה איז דאָ אַ גרויסער אונטערשיעד. די פרייע גבורה איז פּראָדוקטיוו, זי שאַפט אין לעבען געוויסע ווערטהען, וועלכע זיינען בולט און קאָנען אָבגעשאַצט ווערען. די גלות גבורה, די געקנעכטעטע גבורה, קאָן בע־זיצען דיזעלבע קראַפט, קיינער מערקט זי אָבער ניט, ווייל איהר קראַפט ווערט אויסגעגעבען, כדי ניט צודריקט צו ווערען פון אַן אַנדער נעגנערישער קראַפט. די פרייע גבורה שאַפט דעם ה ע ל ד, וועלכער אימפּאָנירט און ווערט בעוואונדערט, די געקנעכטעטע גבורה שאַפט דעם מאַרטירער, וועלכער רופט ארויס מעהר מיטלייד ווי בעגייסטערונג, מעהר רחמנות־געפיהל ווי בעוואונדערונג. דער

העלד און דער מארטירער — דאָס איז דער ג ב ו ר און דער ק ד ו ש. דאָס פרייע לעבען בעשענקט אונז מיט גבורים, דאָס גלות לעבען — מיט קדושים. דעם גבור בעזינגען מיר, נאָך דעם קדוש מאכען מיר א הספד. ווען מיר דערמאָנען די גבורים זאָגען מיר „על הנסים ועל הגבורות", ווען מיר דער־מאָנען די קדושים זאָגען מיר „אל מלא רחמים". די ערשטע גיבען אונז צו מוט און האָפנונג, די אנדערע שטימען אונז טרויעריג און צער'דיג. אין דער ווירקליכקייט בעזיטצט דער גבור און דער קדוש דיזעלבע קראפט, אבער די פאָרם אין וועלכער די קראפט אפענבארט זיך העננט אָב פון די בעדינגונגען אין וועלכע מען לעבט. די גבורה מוז האָבען א ן א י י ג ע נ ע ם ב א ד ע ן. אויף א פרעמדען באָדען פערוואנדעלט זי זיך אין קדושה, אין מארטירערטום, זי וויקעלט זיך איין אין זיך זעלבסט און אפענבארט זיך אין דער געשטאלט פון ווידערשטאנד, פון עקשנות. דעם ווידערשטאנד און די עקשנות מערקט מען ניט אזוי לייכט און מען שעטצט זיי ניט ווי די פרייע גבורה.

דעריבער אונטערשעצט מען שטענדיג דעם העלדענמוט פון א גלות פאָלק. שווייגען, דולדען, ליידען און ערטראָגען אימפּאָני־רען ניט, ווען מען ווייס אפילו, אז דערצו געהערט א גרויסער כח. די וועלט האָט ליעב דעם פ ר י י ע ן גבור. עס איז דער־ריבער קיין וואונדער ניט , אז אויך מיר אליין האָבען ביז צו א געוויסען גראד פערלאָרען די אכטונג פאר אונזער אייגען פאָלק. מיר האָבען פערלאָרען די אמונה אין זיין כח, די קדושים האָבען פערדונקעלט די גבורים, קדושים האָבען מיר געזעהען פאר אונזערע אויגען, די גבורים האָבען מיר געמוזט ארויסרופען פון די אלטע, פערגעסענע דורות. מען קאָן ניט אונבעשטראָפט ערציהען א יוגענד אויף ערצעהלונגען פון גזרות און רדיפות, די יוגענד וויל האָבען עטוואָס פרעהליכעס, עטוואָס וואָס גלאנצט און שיינט, וועקט און ווינקט, רופט און מונטערט אויף צו א נייעם לעבען, צו נייער גבורה.

אונזער לאנגע גלות געשיכטע איז זעהר אָרים אין מאָמענטען, וועלכע זאָלען קענען ב ע נ י י ס ט ע ר ע ן א ו ן ע ר מ ו נ־

ט ע ר ן א פרישע און געזונדע יוגענד, און מיר זיינען איבערצייגט אז גראַד די תקופה פון דעם נייעם ישוב ארץ ישראל, וואו די פּאַסיווע אידישע גבורה האָט זיך ווידער פערוואַנדעלט אין אַקטיווע גבורה, וואו די שעפּפערישע קראַפט איז ווידער געוואָרען בולט — מיר זיינען איבערצייגט, אז גראַד דיזע תקופה וועט בעפרוכטען אונזער יוגענד ניט נאָר דאָרט, וואו דאָס נייע לעבען ענטוויקעלט זיך, נאָר אפילו אין די גלות לענדער. פשוט, מען וועט האָבען אויף וואָס אָנצואווייזען, מען וועט קאָנען דער־צעהלען די יונגע קינדער ניט נאָר פון מענשען, וואָס האָבען זיך ניט געלאָזען צודריקט ווערען, נאָר אויך פון מענשען, וואָס זיינען בעזעעלט געוואָרען פון א הויכען נאַציאָנאַלען געדאַנק און האָבען דערפיהלט אין זיך א קראַפט צו בויען א נייע צוקונפט. מיר האָבען נאָך ניט אָבגעשאַצט די נייע תקופה ווי געהעריג, ווייל מיר אליין לעבען אין איהר, זי איז אונז נאָך צו נאָהענט.

דעריבער גלויבען מיר אויך ניט אין די נביאות פון אונזערע פּעסימיסטען. אדרבא, מיר גלויבען, אז אפילו די ענגלענדער און די דייטשען, די פראַנצויזען און די רוסען און די עסטרייכער וועלען ניט זיין אייביג ברוגז איינער מיט דעם אַנדערן, און בשום אופן גלויבען מיר ניט, אז די איצטיגע מלחמה זאָל אָבהאַלטען דעם פּעראייניגונגס־פּראָצעס, וועלכער האָט זיך אַזוי שעהן אָנגעהויבען אין אונזער אידישען לעבען. פּערקעהרט, מיר רעכענען, אז נאָך דער מלחמה, ווען עס וועט אַרונטערגענומען ווערען די שטרענגע צענזור פון אונזער שפּראַך און געדאַנקען, וועלען מיר זיך ערשט רעכט בעזינען און איינזעהען, ווי ווייט מיר זיינען אין גלות מטושטש געוואָרען. אפשר וועלען איניגע אידישע לאַנדען אָדער געהיימראַטהען גלויבען, אז זיי זיינען מחויב צו בלאָזען זיך איינער אויף דעם אַנדערען אויך נאָך דער מלחמה. זיי איבערטרייבען אָבער זייער אייגענעם איינפלוס און מערקען ניט, אז זייער צייט איז

פארביי. עס ארבייטען אין אידישען פאָלק גאנץ אַנדערע כחות, דער שעפּפערישער גייסט איז וויעדער אויפגעוואכט, דער גייסט, וואָס רופט און מאָהנט צו פעראייניגונג. אויף די פּאָזיטיווע אי־דישע כחות וועט די מלחמה מוזען האָבען אַ פערקעהרטע ווירקונג, פערקעהרט צו דער מיינונג פון אונזערע פּעסימיסטישע נביאים.

25 דעצ., 1914.

אויפלעבענדע ימים־טובים

מיר האָבען אַזוי ווייניג נחת אין לעבען, אַזוי ווייניג ליכטיגע מאָמענטען, אַז עס בלייבט אונז ניט אַנדערש איבעריג ווי צו זוכען שטיצפּונקטען אין דער אַלטער, גרויער פערגאַנגענהייט. אַלע אונזערע ימים־טובים שטאַמען פון פאַרצייטען, זיי זיינען אונז דערי־בער דאָפּעלט טהייער, און וואָס דער קאָנטראַסט צווישען זיי און דער געגענוואַרטיגער שטימונג איז גרעסער, אַלץ הייליגער און ערהאַבענער ערשיינען זיי אונז. מיר ציטערען פּשוט איבער זיי, מיר קלאַמערען זיך אָן זיי מיט ליעבע און צערטליכקייט. מיר האָבען מורא, אונזער לעבען זאָל ניט ווערען צו וואָכעדיג, עס זאָל חלילה ניט פערליערען דאָס ביסעלע גלאַנץ, וואָס אונזערע היס־טאָרישע עראינערונגען פערלייהען נאָך איהם. די ימים טובים זיינען אונז אַזוי טהייער געוואָרען אין גלות, אַז מיר האָבען גענומען און פערדאָפּעלט זיי. די טרוקענע ערקלעהרונגען, פאַר וואָס מען האָט אין גלות געמאַכט פון איין טאָג יום־טוב צוויי טעג, האָבען מיך קיין מאָל ניט געקאָנט בעפריעדיגען. עס ליעגט דערין אַ טיעפערער פּסיכאָלאָגישער גרונד. דער רייכער קאָן זיך ערלויבען דאָס פערגניגען צו האָבען נאָר צוויי אָדער גאָר איין קינד. ער האָט די מעגליכקייט גוט אויפצופּאַסען אויף זיין קינד און שאַנ־סען אויסצוהאָדעווען זיין בן־יחיד אָדער זיין בת־יחידה. דער אָרימאַן מוז אפילו קינדער האָבען אויף איינפאַל. דער אינסטינקט זאָגט איהם אונטער ער זאָל זיין פאַרזיכטיג און ניט בלייבען אָהן אַ קדיש. עס איז לייכט צו זאָגען האָב איין טאָג יום־טוב. דאָס קאָן מען זיך ערלויבען ביי זיך אין דער היים, וואו דו ווייסט, אז קיינער קאָן דיר דיין יום־טוב ניט שטערען אָדער גאָר אָוועקנעהמען. אין דער פרעמד מוז מען זיין פאָרזיכטיג. ווער ווייס וואָס עס קאָן

זיך מאכען. עס קאָן קומען אַ פּרעמדער און חרוב מאכען דיין סוכה אָדער צושטערען דיין ערשטען סדר. בלייבט דיר דאָך נאָך אַ האָפנונג אויף דעם צווייטען טאָג.

אַ וואונדערבארע שטעלע איז דאָ אין ירושלמי. עס זיינען זיך מתוכח די גלות־אידען פון בבל און די שטאָלצע ירושלמים. די אידען פון בבל בעריהמען זיך מיט דעם וואָס זיי האָבען צוויי מאָל אזוי פיעל ימים־טובים ווי די ירושלמים, און די ירושלמים בעריהמען זיך מיט דעם, וואָס זייערע ימים טובים זיינען דערפאר קרעפטיגער, זיי האָבען מעהר קדושה, טאקע מחמת דעם, וואָס מען האָט זיי ניט צוגעגעבען נאָך אַ וואָכעדיגען טאָג. און איינער פון די מפרשים ערקלעהרט דאָס אונז אויף אזא אופן: צוויי ברידער האָבען בעקומען צוויי פלאשען וויין, שטארקען, אלטען וויין, פון דעם עכטען „יין המשומר“. דער רייכער ברודער האָט געהאט אַן איינגענעם קעלער און האָט בעהאלטען זיין פלאש וויין אין אַ זיכערען אָרט. דער אָרימער ברודער האָט ניט געהאט קיין אייגען הויז, ער האָט זיך ארומגעשלעפט פון איין דירה אין די אַנדערע. האָט ער מורא געהאט, אז זיין פלאש וויין זאָל ניט צובראָכען ווערען. צו אַ בת יחידה קלעפּט זיך דאָך עפּעס. איז ער געפאלען אויף אַ המצאה, ער האָט צומישט זיין וויין מיט וואסער און געמאכט פון איהם צוויי פלאשען, זאָל זיין איין פלאש אויף איינפאל.

אַ וואונדערבארע ערקלעהרונג. זי קאָן אונז דיענען פאר אַ שליסעל אין פיעלע הינזיכטען, ווען מיר ווילען פערשטעהן אונזער גלות־לעבען.

נאָר דאנקען גאָט, וואָס מען האָט אונז געגעבען אכט טעג חנוכה. מען האָט דאָס געטהאָן בכונה. פון אכט טעג וועט שוין עטוואָס איבערבלייבען. פורים האָט מען דווקא געמאכט נאָר איין טאָג, ווייל פורים מוז מען דאָך זיין שכור, און כידוע זיינען דאָך אונזערע אידען ניט קיין גרויסע בריות אין הלכות שכרות. הלואי זאָלען זיי אויסהאלטען דעם איין טאָג פורים. מעהר ניט פון רחמנות וועגען האָט מען זיי געגעבען נאָך אַ שושן פורים׳על.

חנוכה אָבער איז ניט אַזאַ הארבע גזרה, לאַטקעס קאָן מען דאָך עסען אַ גאַנצע וואָך, און ווער רעדט קאָרטען שפּיעלען. דווקא די שוואַכע נאַציאָנאַליסטען, וועלכע זיינען גאָר ניט אַזוי בעגייסטערט פון די חשמונאים און זייערע גבורות, זיינען מקיים די מצוה פון קאָרטען שפּיעלען מיט אַלע תגין. כדי מען זאָל זיי אָבער ניט חושד זיין, אַז זיי האַלטען פון חנוכה, שפּיעלען זיי אַ פּאָר חנוכה אַ נאָך חנוכה. זאָל זייערס איבערגעהן, אַבי זיי זאָלען זיין ריין פון יעדען פערדאַכט אין אידישען שאָוויניזם.

מען קאָן אָבער זאָגען וואָס מען וויל: עס וואַקסט ביי אונז אַ נייער דור. דאָס קאָן מען זעהן פון דעם, ווי אונזער יוגענד הויבט זיך אָן צו פערהאַלטען צו אונזערע נאַציאָנאַלע ימים־טובים. נאָך אָט גאָר ניט לאַנג, מיט אַ פּאָר צעהנדליג יאָהר צוריק פלעגט חנוכה זיין ביי אונז אַ קנאַפּער יום־טוב. אין די חדרים פלעגט מען נאָר זעהר ווייניג דערצעהלען די קינדער וועגען דעם נס פון חנוכה. מען האָט גענומען די גרויסע היסטאָרישע תקופה און מען האָט זי פּשוט בעהאַלטען און פון אַלע העלדענטהאַטען פון די חשמונאים האָט מען אויסגעפּרעסט אַ קליינע מעשה׳לע מיט דעם קריגעלע בוימעל. די קינדער האָבען נאָר געוואוסט, אַז חנוכה געהט מען צום זיידען און צום רייכען פעטער און מען בעט חנוכה־געלד. די יוגענד האָט געשפּיעלט אין קאָרטען. די עלטערע האָבען מחנך געווען די אינגערע אין דער מצוה. וואו ניט וואו פלעגט מען מאַכען אַ חנוכה־באַל און מען האָט געטאַנצט. מען האָט אויך גענעסען לאַטקעס. ערשט אין די לעצטע יאָהרען איז חנוכה אויפגעשטאַנען תחית־המתים, חנוכה האָט בעקומען אַן אינהאַלט, חנוכה איז געוואָרען אַ פאָלקס־יום־טוב, אָדער ריכטיגער — **דער** פאָלקס־יום־טוב.

דער שיקזאַל האָט מיך פערוואָרפען אין אַ פרעמדע מדינה, ווייט פון מיין היים, ווייט פון מיין פאַמיליע. איך בעקלאָג זיך ניט. הלואי וואָלטען אַלע מיינע ברידער, וואָס ריכטען איצט אָב גלות אין דער פרעמד, געהאַט אַזאַ גלות ווי איך האָב איהם איצט, הלואי וואָלטען זיי געהאַט נאָר אַ קליין חלק פון דער אינערער בעפריעדיגונג, וואָס איך האָב דאָ געהאַט, בעזאָנדערס אין דער פער־

גאַנגענער חנוכה־וואָך. לאַטקעס האָב איך ניט געגעסן, ווייל קיינער האָט מיך ניט איינגעלאַדן, קאָרטן האָב איך ניט גע־שפּילט, טאַקע מחמת דעם זעלבן טעם. נאָר איך האָב אויף מיינע פריינד קיין פאַראיבל ניט. עס וואָלט געווען קאָמיש איינ־צולאַדן אויף לאַטקעס אין אַ מדינה, וואו אפילו גויים זיינען גע־קומען צום שכל און עסן לאַטקעס כמעט אַלע טאָג צום פריה־שטיק. מיינער אַ חבר, וואָס איז געקומען אַהער דאָ ניט לאַנג פון ארץ־ישראל האָט דערגאַנגען דעם סוד פון די אַמעריקאַנער לאַטקעס און מאַכט טאַקע חנוכה אַלע טאָג. צום קאָרטן־שפּיל האָט מען מיך ניט איינגעלאַדן, ווייל מן הסתם קוקט מען ניט דערויף דאָ ווי אויף אַ נאָווינע, עס איז וואַהרשיינליך די זעלבע געשיכטע ווי מיט די לאַטקעס.

און איך בין צופריעדן, וואָס מען האָט מיך ניט איינגעלאַדן. האָב איך געהאַט די אָוועגדען פריי און געקאָנט צוקוקן זיך, ווי מען פייערט דאָ אין אַמעריקאַ דעם ניי־ענטדעקטען יום־טוב חנוכה. בעזונדערס האָבן מיר פערשאַפט פיל פערגניגען אונזערע יונגע קינדערלעך. איך האָב זיי בעאָבאַכטעט אין עטליכע אספות. אויף די יונגע פּנים'לעך האָט מען געקאָנט לעזען, אַז זיי ווייסן, וואָס חנוכה איז. זיי זיינען געקומען צום יום־טוב אין ווייסע קליי־דעלעך. זיי האָבן מבטל געווען דעם פראָסט אין דרויסן. גוט, קינדערלעך, אַט אזוי הויבט מען אָן מבטל צו זיין דעם גלות פון צאַרטען אַלטער אָן. עס איז קאַלט, די יונגע ביינדעלעך טרייסלען זיך, טהוט מען אָן אַ מאַנטעלע. דער מאַנטעל געהערט דעם גלות, אונטער דעם מאַנטעלע זאָל אָבער זיין יום־טוב'דיג, ווייס, העל, ליכטיג.

איין חנוכה איז מיר בעשערט געווען צוצובריגנען אין „תל אָביב“, אין ארץ־ישראל. די קינדער זיינען אַלע געווען געקליידעט אין ווייס און געטאַנצט האָבן זיי אויף דעם גרויסן הויף פון דעם בית־הספר־לבנות. מאַנטלען האָבן זיי ניט געטראָגען, ווייל עס איז ניט געווען קאַלט. די קליינע מיידעלעך אין די ווייסע קליי־דעלעך האָבן געטראָגען ווייס־בלויע פאָהנען און ברענענדיגע הבדלות, זיי האָבן געזונגען און געטאַנצט, און די שטערען פון

אויבען, די גרויסע, העלע, ליכטיגע ארץ־ישראל שטערן האָבען גע־פונקעלט און געזאָגט שירה. דאָס איז געווען אַ וואונדערבאַרער אָוונד; ווער עס האָט איהם געלעבט, וועט איהם קיינמאָל ניט פערגעסען.

איך ווייס ניט, וואָס מאַכען זיי איצט דאָרט אין „תל־אָביב“? נאָך זיעבען אַ זייגער אין אָוונד דאַרפען זיי ניט ארויס פון די וואָהנונגען. און וואָס מאַכען זיי אין די וואָהנונגען? האַלטען זיי די ווייס־בלויע פאָהנען און די ברענענדע הבדלות? האָבען זיי אָנגעטהאָן זייערע יום־טוב׳דיגע קליידעלעך לכבוד חנוכה? אָדער — איך וויל ניט קלעהרען. איך וויל זיי זאָלען בלייבען ביי מיר אין זכרון, ווי איך האָב זיי געזעהן אויף דעם הויף פון זייער איינענער שולע. איך וויל זיי זעהן אונבעזאָרגט ווי די קינדהייט, שטראַהלענד ווי די האָפנונג.

אין קלינטאָן האַלל איז דאָס געווען, אין ניו יאָרק. די קינדער האָבען געגעבען אַ פאָרשטעלונג אין דער העברעאישער שפּראַך. מען האָט געמערקט, זיי האָבען געפּיהלט די ווערטער, זיי האָבען אריינגע־טראָגען לעבען אין דעם שפּיעל. אייניגע פון זיי זיינען שוין האַלב דערוואַקסען, און האָבען געשפּיעלט זאָגאַר מיט טאַלענט. דער דיאַלאָג צווישען ניקנור און יהודה מכבי איז רייצענד, ער האָט געווירקט בעגייסטערענד. נאָר אַ אידען איז ניט בעשערט הנאה האָבען אין גאַנצען. דאַכט זיך אַלעס גוט, דאַרף זיך אָבער מאַכען, אַז ניקנור האָט אַ בעסערע העברעאישע אויסשפּראַכע ווי יהודה מכבי. יעדעס וואָרט האָט ער אויסגעשפּראָכען מיט אַ וואונדער־באַרער קראַפט, און איך האָב געפּלאַצט פון פערדרוס און קנאה. נאָר דאַנקען גאָט, וואָס דער יונגער ניקנור איז סוף כל סוף אויך אַ איד. דאָס האָט מיך אַ ביסעל בערוהיגט.

ווער ווייס, אפשר וועלען מיט דער צייט אייניגע פון די יונגינקע שוישפּיעלער שפּיעלען אויף דער גרויסער ביהנע. וואָס פאַר אַ שפּראַך וועלען זיי דאַן פיהרען? איך וויל אָבער ניט אריין אין חקירות. איך בין זיי דאַנקבאַר פאַר די שעה פון אמת׳ען פערגניגען, וואָס זיי האָבען מיר פערשאַפט.

ווער האָט אָבער ענטדעקט דעם נייעם יום־טוב חנוכה? האָט מען ווירקליך ערשט אין די לעצטע יאָהרען זיך דערוואוסט פון זיין אינהאַלט? האָט דען אַ געלעהרטער געמאכט נייע אויסגראָבונגען, געפונען אלטע כתבים, אַלטע קיילשריפטען?

נייע געלעהרטע האָבען גאָר נישט אויסגעגראָבען, פערבאָרגענע סודות האָט מען ניט ענטדעקט. איך וויים אָבער, וואו עס ליעגט דער סוד, איך וויים דעם חידוש.

זייט פערציג יאָהר האַלטען מיר אין ערוואַכען. עס געהען פיאָנירען, חלוצים, און גראָבען אויס די שטיינער פון דער פער־נאַכלעסיגטער ערד, אַקערען אויף דעם באָדען, דעם היילינגען באָדען און זעען און פלאַנצען. עס גרינען די פעלדער, עס בליהען די וויינבערגער און עס שפּראָצט אַ נייער דור, אַ דור פון וועקער, פון אויפמונטערער.

זיי, אונזערע פיאָנירען, ברענגען אונז נעהנטער צו אונזערע אַלטע העלדען. חנוכה האָבען זיי ניט ענטדעקט, די חשמונאים זיינען אָבער אונז פערשטענדליכער געוואָרען.

וואָס איז צייט, וואָס זיינען דורות, וואָס איז ענטפערנונג? — אין יענעם שעהנעם וואונדערבאַרען חנוכה אָוועגד אין „תל אָביב" האָט מיר די שטערן־נאַכט איינגערוימט דעם סוד.

אין גאַנצען קאָן איך איהם נאָך ניט אויסזאָגען, בלויז עטוואָס, **א רמז.**

29 דעצעמבער, 1914.

די טויזענד געהאנגענע אידען אין פוילען.

דאָס, וואָס איך וויל דאָ איצט דערצעהלען, שטיצט זיך אויף פאַקטען. די צאָהלען, וועלכע איך וועל אָנפיהרען, בערוהען ניט אויף השערות, זיי זיינען ארויסגענומען געוואָרען פון דער אמת'ער, ביטערער ווירקליכקייט. איך נעהם אויף מיר די גאַנצע אחריות פאַר דאָס, וואָס איך וועל מיטטהיילען. אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, איך נעהם אויף מיר די גאַנצע אחריות פאַר די, וואָס האָבען דאָס מיר מיטגעטהיילט.

אין פוילען האָט מען די אידען ניט געשאָסען, אין פוילען האָט מען זיי געהאַנגען איינציגווייז, צעהנדליגווייז און הונדערטע־ווייז. די צאָהל פון די אויפגעהאַנגענע אידען שטייגט איבער א גאַנצען טויזענד. מען האָט זיי ניט דערשאָסען, ווייל נאָך די דינים פון קריעגס־געריכט טהוט מען אָן דעם כבוד פון שיסען נאָר א סאָלדאַט, ווען מען געפינט איהם שולדיג אין פער־ראַטה. א פשוט'ען מענשען הענגט מען אויף. הענגען איז אויך ביליגער ווי שיסען. פולווער און קוילען ווערען געשפּאָרט אין דער מלחמה־צייט.

די פוילען האָבען זיך פון שטענדיג אָן אויסגעצייכענט אין פערשטעלען זיך פאַר גוטע פריינד. זיי פערשטעהען אַזוי זיס, אַזוי גלאַט צו רעדען, די ווערטער געהען ארויס אָהן א פגימה'לע און גנב'ענען זיך אַריין אַהין, וואוהין זיי ציעלען זיך. די פוילישע שפּראַך איז דערצו זעהר געאייגנעט, זי איז פול מיט חניפה'לעך, יעדעס דריטע וואָרט איז: מיין טהייערער, מיין ליעבער הערר. דער פויל זאָגט: איך טרייב דיך ניט, מיין הערר, איך בעט נאָר דו זאָלסט ארויסגעהן. דיעזע אָנגעבאָרענע אייגענשאַפט האָבען די פוילען אויסגענוצט אין זייער אייגענער מלחמה, וואָס זיי פיהרען אין די לעצטע יאָהרען מיט אַזאַ ביטערקייט, מיט אַזאַ אכזריות

אנטקעגען די אידיש־פּוילישע בעפעלקערונג. זיי האָבען געאַרבייט נאָך אַ בעשטימטען פּלאַן, קאַלטבלוטיג און מיט איבערלעגונג, און דער פּלאַן האָט זיך זיי פּאָלשטענדיג איינגעגעבען. טויזענד און אפשר נאָך מעהר ווי טויזענד אידישע קרבנות זיינען אויפגעהאַנגען געוואָרען אין אַ משך פון אַ פּאָר חדשים צייט. דער טייוועל אליין קען זיין צופריעדען מיט אַזאַ ערפאָלג, ער קען זיך רייבען פון שמחה די הענד. מסתמא טהוט ער דאָס.

אָנגעהויבען האָט עס זיך אין קאַליש. די שטאָדט איז איבער־געגאַנגען שוין ביי דער ערשטער דייטשער אינוואזיאָן אין די דייטשע הענד. די דייטשען האָבען פון אָנפאַנג אָן פערשטאַנען, אַז מיט דער איינגעבאָרענער בעפעלקערונג טאָר מען זיך ניט רייצען, אדרבא, מען מוז איהר צייגען פריינדשאַפט, מען מוז איהר זאָגאַר מאַכען אַפּעטיט, אַז זי זאָל זיך גלייך צוגעוואוינען צו דעם נייעם הערשער. די דייטשען האָבען אין די ערשטע טעג נאָך זייער נצחון געטרונקען ברודערשאַפט מיט דער א י י נ ג ע ב אָ־ ר ע נ ע ר בעפעלקערונג.

ביי אַ כוס שאַמפּאַניער וויין האָבען די „איינגעבאָרענע" דערצעהלט אַזוי זיך, אגב אורחא, אַז ניט אויף אַלעמען קען מען זיך דאָ פערלאָזען, וואָרים צווישען די „איינגעבאָרענע" לעבט דאָ נאָך אַ ן א י י נ ג ע װ א נ ד ע ר ט ע בעפעלקערונג, און איהר טאָר מען ניט גלויבען פון דאנען אהין... דאָס איז ארויסגעזאָגט געוואָרען אַזוי אינטים, אַזוי פערטרויען דערוועקענד, ניט ווי אַ פּשוט׳ע מסירה, נאָר ווי אַ פריינדליכער וואונק — און דער צוועק איז דערגרייכט געוואָרען. די קאַלישער אידען וועלען האָבען אַ סך צו דערצעהלען פון דער דייטשער אינוואזיאָן.

זיי, די קאַלישער אידען, זיינען אין די ערשטע עטליכע טעג צוטומעלט געוואָרען. זיי האָבען אפילו ניט געוואוסט, פון וואַנען די קויל שיסט. אַזוי איז אויך געווען אין אַנדערע פּונקטען: אַ פריינדליכער סוד ביי אַ גלאָז וויין, אַ וואונק, אָן עצה׳לע. דאָס ווייטערע וועט שוין קומען ממילא, פון זיך אליין. און דאָס ווייטערע איז געקומען. מען האָט יעדען אידען חושד געווען, אַז ער העלפט די רוסען. עס האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט,

האָבען די דייטשען איינגעזעהן זייער טעות, זיי האָבען איינגעזעהן, אַז די אידען פערהאַלטען זיך רוהיג נאָךביידע זייטען, אַז זיי זיינען פערזאָרגט מיט שונאים געגוג און דאַרפען גאָר ניט זוכען קיין נייע שונאים.

דאָס ראָד האָט זיך געדרעהט, און אַנדערע פּוילישע שטעדט, וועלכע זיינען געווען פערנומען געוואָרען פון די דייטשען, זיינען ווידער איבערגעגאַנגען אין רוסישען רשות. די פּוילישע חניפה איז אויסגעוואַקסען אין די שווידערהאַפטעסטע מסירה. דאָס איז ניט געווען מעהר אַ מסירה אויף איינצעלנע פּערזאָנען. ניין, דאָס איז געווען אַ נאַציאָנאַלע מסירה. ניט ראובן אָדער שמעון, ניין — די אידען זיינען שפּיאָנען. זיי זיינען אַנטקעגען רוסלאַנד, זיי העלפען די דייטשען. און אומעדום, וואו עס איז דאָ אַ וועלדעלע ניט ווייט פון שטעדטעל, האָבען זיך אָנגעהויבען צו צאַפּלען אונ־שולדיגע אידישע קרבנות, און וואו מען האָט ניט געהאַט קיין פּאַרטיגע בוימער, האָט מען געבויט תליות. עס האָבען געפלאַ־טערט גרויע בערד, אַטלעסענע קאַפּאָטעס און אונטער די קאַפּאָטעס די ווייס־בלויע ארבע־כנפות'ען מיט כפול־שמונה'דיגע וואָלענע ציצית. דאַרע, מאָגערע, אויסגעהונגערטע פּנים'ער, מלמדים, שמשים, בעלי מלאכות. מען האָט ניט פיעל איבערגעקליבען — זיי האָבען דאָך אַלע אַ דייטשע אויסשפּראַכע.

איהר געדענקט די בעראַטהונג, וואָס איז אָבגעהאַלטען גע־וואָרען פון דעם ערשטען אַנטיסעמיט? איהר געדענקט דעם „הבה נתחכמה" און ווי מען האָט גוזר געווען, אַז מען זאָל דערטרינקען די אידישע זכרים? דענסטמאָל האָט מען זיך נאָר געוואָלט פער־זיכערען אויף אַ פאַל, ווען אַ מלחמה וועט קומען, און מען האָט אָנגעהויבען פון די קליינינקע. איצט איז די מלחמה דאָ און מען האָט זיך גענומען צו די דערוואַקסענע.

און דאָס זיינען ניט נאָר די טויזענד אויפגעהאַנגענע. דאָס גיפט איז דורכגעדרונגען פיעל ווייטער. איבער די גאַנצע אידישע בעפעלקערונג אין רוסלאַנד שוועבט די שווידערהאַפטע מסירה, וועלכע איז אַרויס פון פּוילען. צו די אַלגעמיינע פערפאָלגונגען איז נאָך צוגעקומען דאָס שרעקליכסטע. עס איז נאָך אַ גליק, —

אזוי שרייבט מען, — וואָס מען האָט אין רוסלאַנד גוזר־תענית געווען אויף משקה. שכור'ע „פּאָגראָמען" וואָלטען חלילה געקענט אין אזא צייט חרוב מאכען א האַלבע וועלט. מען ציטערט און מען בעט גאָט, די רוסען זאָלען זיך חלילה ניט אָבפּאַסטען מיט אמאָל...

און אין דער זעלבער צייט שטעהען איינציגע הונדערט טויזענד אידען אין דער רוסישער אַרמעע און צייגען גבורות. אפילו די אַנטיסעמיטישע צייטונגען קאָנען עס ניט פערלייקענען אין גאַנצען און פון צייט צו צייט ברענגען זיי ידיעות וועגען אידישע טאַפּפער־קייט, וועגען אידישע העלדען. דאָס זיינען אָבער נאָר די סאָל־דאַטען, די אַנדערע זיינען פּעררעטהער...

עס בלייבט איין עצה פאַר די רוסישע אידען. זאָלען זיי אַלע אַריינטרעטען אין דער אַרמעע, זאָלען זיי לאָזען אין דער־היים נאָר די ווייבער און די עופה'לעך. אפשר וועלען זיי דערמיט אַראָבנעהמען פון זיך דעם שוידערהאַפטען חשד.

זאָל מען אפשר שרייען? — צו וועמען! מען טאָר זיך ניט לאָזען נאַרען. די עפענטליכע מיינונג איז איצט שטאַרק פער־נומען. דער גרעסטער חלק פון דער ציוויליזירטער וועלט איז פער־נומען מיט זיך אַליין, און דער נייטראַלער חלק האָט אויך נעהנ־טערע קרובים, בילכערע ווי די רוסישע אָדער די פּוילישע אידען.

איך בין געזעסען אין טהעאַטער אין סט. לואיס. דאָס טהעאַ־טער איז געווען פול געפּאַקט. מען האָט געצייגט דעם גרויסען עולם די מלחמה־שרעקען און דעם חורבן פון בעלגיען, די צושטער־טע שטעדט און שטעדטלעך, די אַנטרונענע און אַנטלאָפענע. א שוידער געהט דורך דורך דעם גאַנצען קערפּער. אויפ'ן לייווענט זיינען די בילדער נאָך בלייבער ווי אין דער ווירקליכקייט און עס גיט זיך אויס, ווי דער מלאך־המות האָט אַלעם בעשטריכען מיט א טויט־פאַרב. א האַלבע שעה איז גענוג. לענגער קען מען דאָס ניט אויסהאַלטען. די בילדער ווערען געצייגט אין גאַנץ אַמעריקא, און מענשען געהען און מענשען קומען און בעטראַכטען די בילדער, און זיי ווערען דערשיטערט אין זייער נשמה. דערביי זיצט איינער און האַלט א פאַרלעזונג, ער ערקלעהרט די בילדער. די פּאַר־

לעזונג איז מאַנאַטאַן, זי ווערט דאָך איבערגע'חזר'ט עטליכע מאָל א טאָג, און דאָך פּאַסט זי זיך פאר די בילדער: זיי שילדערען ביידע, אי די בילדער, אי די פּאַרלעזונג, דעם קאַלטען טויט פון די געפאַלענע און דעם טויט־שרעק פון די לעבעדיגע.

איך בין חלילה ניט מקנא די בעלגיער. פון גאַנצען הארצען וואָלט איך זיי געוואונשען, אז זייערע וואונדען זאָלען זיך פערהיילען וואס גיכער, און זיי זאָלען פּטור ווערען פון דער זכיה, וואס די גאַנצע וועלט רעדט מכח זיי און אינטערעסירט זיך מיט זייער שיקזאַל. דאָך פּערדריסט עס מיך, פאר וואס מיר האָבען אפילו די מעגליכקייט ניט צו צייגען דער וועלט אונזער חורבן. ניט פאַר פרעמדע וואָלט איך איהם געצייגט, נאָר פאר אונזערע אייגענע קינדער. אין די בעלגישע בילדער, — אזוי האָט דערצעהלט דער פּאַרטראגענדער, — האָט איינע אַן אמעריקאַנערין דערקענט צווישען די אַנטלאָפענע איהרע א לייבליכע שוועסטער, פון וועלכער זי האָט די גאַנצע צייט פון דער מלחמה קיין איינציג וואָרט ניט בעקומען. אפשר וואָלט איינער פון אונז דערקענט אין די אידיש־פּוילישע בילדער א זיידען, א ברודער, א פעטער, סתם א קרוב אָדער א פריינד. פון אונזער פערגאַנגענהייט גיבען מיר איצט אונזערע קינדער אזוי קנאפּ, זאָלען זיי עטוואס האָבען פון דער געגענוואַרט.

דאס זיינען דאָך ט ה י י ע ר ע בילדער, ה י י ל י ג ע בילדער.

6 יאנואר, 1915.

אַ נאַציאָנאַלע הלוואה צו רעטען דאָס אידישע פאָלק

איך ווייס, אַז דער פאָרשלאַג, וועלכען איך וויל דאָ איצט מאַכען, וועט ניט זיין פּאָפּולער. מען וועט איהם אויפנעהמען אָדער מיט אַ פּעסימיסטישען קאָפּ־שאָקלען אָדער מיט אָפענער געגנערשאפט. מען וועט זוכען צו בעווייזען מיט אותות ומופתים, אַז ער האָט קיין פונדאמענט ניט, אַז ער איז ניט דורכפיהרבאַר צוליעב אַזוי פיעל און אַזוי פיעל טעמים און אַז עס איז גאָר אַן עבירה צו פּטר׳ען די צייט אויף פּראָיעקטען, וואָס קענען ניט פערווירקליכט ווערען. מיר האָבען גענוג קלוגע, ערפאַהרענע און ניכטערע מענשען, וועלכע האַלטען וואַך, אַז נייע געדאַנקען זאָלען ניט אַריינדרינגען אין אונזער אידיש־קאָנסערוואַטיווער וועלט, וועלכע בעמיהען זיך צו פערצוימען דעם וועג פאַר מאָדערנע שטרע־מונגען און מאָדערנע מעטהאָדען, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען גרויסע פּראָבלעמען.

לאָמיר קוקען דעם אמת גלייך אין פּנים אריין, זאָלען מיר זיך ניט דערשרעקען פאַר איהם, ווען ער איז אַפילו זעהר שרעקליך, דען דער שרעק איז אַ שלעכטער ראַטה־געבער און נאָך אַ שלעכ־טערער וועג־ווייזער.

די אידישע וועלט איז דורך דער מלחמה חרוב געוואָרען. ביז איצט זיינען צוגעקומען שפּאָגעל נייע צעהנדליגע טויזענדע אלמנות און נאָך מעהר נייע יתומים. די אידישע גבירים זיינען געוואָרען אוים גבירים און די בעלי־בתים אוים בעלי־בתים, הויפּטזעכליך אין פּוילען און אין גאַליציען. דאָס וויל זאָגען, אַז אַן ערך דריי מיליאָנען אידען זיינען אין גאַנצען רואינירט געוואָרען. די אַנ־דערע פינף מיליאָנען אין רוסלאַנד און אין עסטרייך זיינען אויך

מעהר אָדער ווייניגער האַרט געטראָפען געוואָרען פון דער מלחמה אָדער צוליעב דער מלחמה. דאָס איז דער סך הכל פון די ערשטע זעקס חדשים. וואָס וועט נאָך ווייטער פּאַסירען, קען מען ניט וויסען.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער אידישער בעפעלקערונג אין די אויבען־דערמאָנטע לענדער איז אין די בעסטע יאָהרען ניט געווען פעסט. א גרויסער חלק פון איהר האָט שטענדיג געלעבט פון נסים. פאַר'ן היינט האָט מען געהאַט א שטיקעל ברויט און פאַר'ן מאָר־גען — א שטיקעל בטחון, און זעהר אָפט האָט דער בטחון אויף מאָרגען געמוזט שטילען דעם הונגער פון היינט. איצט פעהלט אי ברויט, אי בטחון.

די גליקליכערע אין די מלחמה־לענדער שטרענגען אָן אַלע זייערע כחות צו העלפען זייערע ברידער. אין ניקאָלסבורג, צום ביישפּיעל, א שטאָדט אין מעהרען, מיט זיעבען הונדערט אידישע נפשות, לעבען איצט זעקס טויזענד אַנטלאָפענע פון גאַליציען. אין פּראַג האַלטען זיך איצט אויף איבער דרייסיג טויזענד ניי־צוגע־קומענע פּליכטלינגע, ד. ה. מיט פינף טויזענד מעהר ווי די צאָהל פון די בעשטענדיגע אידישע איינוואָהנער אין דיעזער שטאָדט. מען טהיילט זיך דאָרט מיט דעם לעצטען ביסען, אַזוי בעריכטעט מען פון דאָרט, נאָר עס האַלט שוין ביים לעצטען ביסען. א פּוילען איז דאָס בילד נאָך טרויעריגער.

זעלבסטפערשטענדליך איז אויך צוטרייסעלט געוואָרען די אידישע וועלט אין די אַנדערע לענדער, און זעלבסטפערשטענדליך פערנעהמט די אַמעריקאַניש־אידישע בעפעלקערונג דעם ערשטען פּלאַץ אונטער די אידישע גרופּען, וועלכע זיינען נאָך אימשטאַנד צו לייסטען הילפע.

ווען מען בעטראַכט אָבער, ווי ווייניג עס איז ביז איצט גע־לייסטעט געוואָרען, מוז מען קומען צו זעהר טרויעריגע רעזולטאַטען. מען מוז צוגעבען, אַז אין פערגלייך מיט דעם מאָס פון דער נאַציאָ־נאַלער קאַטאַסטראָפע, וועט די הילפע זיין צו קליין, זי וועט זיין ווי א טראָפּען אין ים. און דאָס איז ניט קיין צופאַל, ניט וויל

מען גיט זיך ניט אָב קיין חשבון, ווי גרויס די קאַטאַסטראָפע איז, ניט ווייל עס פעהלט דער ווילען צו העלפען. די אורזאַכע ליעגט פיעל טיעפער. זי ליעגט אין דער בעשאַפענהייט, אין דער נאַטור פון גלות. דער גלות איז ניט איינגעריכטעט פאַר גרויסע קאַטאַסטראָפען, איהם פעהלט די אָרגאַניזירטע פאָלקס־קראַפט, איהם פעהלט דער שוואונג צו געבען אַ תשובה אויף גרויסע פּראָבלעמען.

דאָס הויפּט־פערמעגען פון אַ נאָרמאַלען פאָלק בעשטעהט ניט נאָר אין זיינע בעוועגליכע און ניט־בעוועגליכע גיטער, נאָר אויך אין דעם, וואָס דאָס פאָלק איז אַ פאָלשטענדיגער בעל־הבית איבער זיין אייגענער צוקונפט. איהם געהערט ניט נאָר דער „היינט“, איהם געהערט אויך דער מאָרגען און דער איבערמאָרגען. און דאריבער, ווען עס ברעכט אויס אַ קאַטאַסטראָפע, האָט דאָס פאָלק די מעגליכקייט צו פער׳משכנ׳ען אַ חלק פון זיין אייגענער צוקונפט. מען רופט דאָס אַן אנלייהע.

איך וויים גאַנץ גוט, אַז אונז, ווי אַ גלות־פאָלק, פעהלען אַלע בעדינגונגען, וועלכע זיינען נויטיג פאַר אַן אנלייהע. אונזער פאָלק האָט ניט וואָס צו פער׳משכנ׳ען, וואָרים עס האָט ניט קיין פאָלקס־פערמעגען. איך פערשטעה גאַנץ גוט אונזער טיעפע טראַגיק. ביי אַנדערע פעלקער האָט מען אפשר ניט פיעל יחידים, וועלכע מען זאָל קענען באָרגען גרויסע סומען, אָבער דאָס פאָלק אין אַלגעמיין האָט אַ בעשטימטען קרעדיט. ביי אונז איז דאָס פערקעהרט. מיר האָבען יחידים, וואָס איטליכער פון זיי איז אַ גוטער בטוח אויף אונצעהליגע מיליאָנען, אונזער כלל אָבער קען ניט קריגען קיין הלואה אפילו פון צוויי גראָשען. דאָס איז דער חילוק צווישען דער אָרגאַניזירטער נאַציאָנאַלער איינהייט און צווישען דער ניט אָרגאַניזירטער. די אָרגאַניזירטע איינהייט פערשלינגט די קראַפט פון דעם יחיד, די ניט־אָרגאַניזירטע פערטהיילט איהר קראַפט אונטער די יחידים.

דאָס אַלעס איז מיר קלאָר. און דאָך קום איך — ניט מיט אַ פאַרטיגען פאָרשלאַג, נאָר מיט אַן אָנרעגונג. אפשר וואָלט דאָך מעגליך געווען צו מאַכען אַן אנלייהע און ניט צולאָזען, אַז גאַנצע

אידישע געמיינדען זאָלען אונטערגעהן. מיר קענען ניט מאַכען אַ אַנלייהע אין נאָמען פון אונזער פאָלק, מיר האָבען דאָך אָבער פער־שיעדענע אָרגאַניזאַציאָנען, וועלכע האָבען די רעכט פון יוריסטישע פערזאָנען און וועלכע האָבען אויך, אין געוויסע גרעניצען, אַ זיכערע הכנסה. ווען יעדע פון דיעזע אָרגאַניזאַציאָנען וואָלט געמאַכט אַן ענטשפּרעכענדע הלואה אויף איהרע אייגענע אחריות, און אָבצאָה־לען צוריק דעם חוב אין אַ משך פון צוואַנציג אָדער דרייסיג יאָהר, וואָלט מען קענען בעקומען אויף איין מאָל גרעסערע קאַפּיטאַלען און רעטען אויף אַזאַ אופן טויזענדע און הונדערטע טויזענדע פון אבסאָלוטען אונטערגאַנג. מיר האָבען קרעדיט־פעהיגע אָרגאַניזאַ־ציאָנען, מיר האָבען אויך קרעדיט־פעהיגע געמיינדען, וועלכע האָבען כח צו לייסטען עטוואָס מעהר ווי געוועהנליכע נדבות. דאָס זיינען, אמת, הערואישע מיטלען, אָבער מיר טאָרען ניט פערגעסען, אַז אַזאַ גרויסער חורבן ווי דער איצטיגער קען טהיילווייז נאָך גוט געמאַכט ווערען נאָר דורך הערואישע מיטלען.

די דורכפיהרונג פון אַזאַ פּלאַן שיינט אויפ'ן ערשטען בליק אַזוי שווער, ווייל ער איז ניי, ווייל מיר האָבען נאָך קיין ערפאַה־רונג ניט אויף דיעזען געביעט. דאָס דאַרף אונז אָבער ניט אָב־שרעקען. די לעצטע געשעהעניסע וועלען אונז צווינגען מיט איי־זערנער נויטווענדיגקייט, אַז מיר זאָלען זוכען נייע וועגען און אַנ־ווענדען נייע מעטהאָדען ווי צו לעזען דאָס אידישע פּראָבלעם. דער מאַסשטאַב פון נדבות איז אַ צו קורצער, ער רייכט קוים אויס פאַר היינטיגען טאָג. דער פאָרטשריט בעשטעהט אָבער אין דעם, וואָס דער מענש און די פעלקער ווערען ווייטזיכטיגער און זיי בליקען טיעפער אין די צוקונפט.

9 יאַנואַר, 1915.

די הקדמה פון פייער און בלוט

ווי גערן וואָלט איך דיר וועלען שרייבען וועגען אַלעס, וואָס שפּיעלט זיך איצט אָב ביי אונז, דו זאָלסט בעקומען אַ ריכטיג בילד פון די געשעהעניסען און די שטימונגען, אָבער מען האָט מיך בפירוש אויפמערקזאם געמאַכט, אַז אויב איך וויל, אַז מיינע בריעף זאָלען דערגרייכען זייער ציעל, זאָל איך זיך אָבזאָגען פון טרוקענע פאַקטען און נאַקעטע געשעהעניסען. זעהסט דו, פילאָזאָפירען איז דוקא ערלויבט, נאָר דו זאָלסט קיינעם ניט אָנריהרען. אַזוי, דריק אויס געדאַנקען גלאַט אין דער וועלט אַריין, אָבער דערצעהל קיין מעשיות.

די צענזור איז זעהר שטרענג. זי האָט מורא פאַר אַלץ וואָס געהט אַריין, פאַר אַלץ וואָס געהט אַרויס, און פאַר זיך אַליין. איז וואו עס איז נאָר אַ שטיקעל ספק, פּסק'ענט זי לחומרא, ווי אַ פערביסענער קליין־שטעדטעלדיגער רב, וואָס בעקומט מיט יסורים זיינע קליינע שכירות און האָט נאָך דערצו אַ רבי'צין אַן ארורה. אַזאַ רב איז שטענדיג אַן אכזר, יעדע שאלה איז ביי איהם טרפה. דעריבער בעט איך דיך, דו זאָלסט אויף מיר קיין פאַראיבעל ניט האָבען. מלחמה־צייט איז מלחמה־צייט. מיר זיינען כמעט אַלע געוואָרען וועגעטאַריאַנער, מיר קומען אָב מיט „שאר ירקות", מיט גראָז און קרייטעכצער. פליישיגס און מילכיגס ווערט בעטראַכט ווי קאָנטראַבאַנדע.

איין זאַך נאָר וועל איך טהאָן. איך וועל ניט שרייבען גע־דיכטע שורות, ווי שטענדיג, איך וועל לאָזען צווישען די שורות אַ גרויסען בלויז. די שורות וועל איך אָנפילען מיט ווערטער און דעם בלויז — מיט געדאַנקען. איך וועל טראַכטען מיט אָנ־שטרענגונג, מיט כונה, און ווען עס איז בעשערט, אַז מיין בריעף זאָל אָנקומען אין דיינע הענד, זאָלסט דו איהם לייענען אויך מיט

כונה. אויף אזא אופן וועט צווישען אונז געשאפען ווערען א דראַמאַטישע טעלעגראפיע, און מיר וועלען זיך געפינען אין שטענ־דיגער פערבינדונג.

לאַבען דארפסטו ניט פון מיר. פון מיסטיק בין איך ווייט, איך גלויב ניט אין איבערנאַטירליכעם. די מלחמה האָט אָבער געמאַכט אַן איבערקעהרעניש אין אַלע מחות און אין מיינעם אויך. מיר האָבען אַלע אָנגעהויבען צו פ י ה ל ע ן, אַז עס זיינען דאָ כחות, פערבאָרגענע, בעהאַלטענע, פערשטעקטע, פון וועלכע עס האָט זיך אונז פריהער גאָר ניט גע'חלומט. די מאַשינע, וועלכע מיר רופען אַן מענש, געזעלשאפט, פאָלק, שטאַאַט, האָט אָנגעהויבען מאַכען מערקווירדיגע בעוועגונגען. עס זיינען דאָ, מסתמא, נאָך שרייפּ־לעך, וועלכע זיינען גאָר ניט אריינגעגאַנגען אין אונזער פריהער־דיגען חשבון. וואָלסטו נאָר געזעהן, ווי מענשען, איינפאַכע, פשוט'ע, מיט קליינע השגות, מיט א קליינעם גייסט און כמעט גאָר אָהן א וועלט-אַנשויאונג, זיינען אויסגעוואַקסען אין די לעצטע טעליכע חדשים. זיי האָבען אָנגעהויבען צו פיהרען אַן אַנדער שפּראַך. זיי זיינען ווי דורך א כשוף ארויסגעשפרונגען פון זייער ענגען געדאַנקען־קרייז און געוואָרען מיט אַמאָל וועלט-מענשען, בעגייסטערטע מענשען, גלייך ווי זיי וואָלטען נאָר וואָס געגעסען פון עץ־הדעת, גלייך ווי עס האָבען זיך נאָר וואָס געעפענט זיי די אויגען און א נייע וועלט האָט זיך זיי ענטפּלעקט.

אַלע האָבען אָנגעהויבען רעדען מכח עולם הבא. מיין ניט, אַז מען איז פרימער געוואָרען, ניין, מען רעדט וועגען א גאַנץ אַנדער עולם הבא, מען רעדט וועגען די וועלט, וואָס וועט קומען נאָך אונז. מען האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבען שטאַרק צו דאגה'ן וועגען די ניט געבאָרענע אייניקלעך, מען וויל פערזיכערען זייער צוקונפט, און דעריבער, — אַזוי טענה'ט מען, — מוז מען מלחמה האַלטען. אַלע געפינען א טיעפען זין אין דער מלחמה, זי האָט גאָר ניט קיין געגנערשאַפט.

אָט נאָך מיט א פּאָר חדשים פאַר דעם אויסברוך פון דער מלחמה האָבען אונזערע סאָציאַלדעמאָקראַטען און אויך די לינקע ליבעראַלען געהאַלטען גאַנץ אַנדערע דרשות. זיי האָבען געהאַט א

צוזאמענפאהר אין דער גיטראלער שווייץ מיט זייערע פראנצויזישע חברים, זיי האבען געזוכט א פשרה מכח עלזאס און לאטרינגען. ביידע צדדים האבען בעוויזען מיט טויזענדע ראיות, אז יעדע מלחמה איז געריכטעט אנטקעגען די ארבייטענדע קלאסען. דאס זיינען נאר די קאפיטאליסטען, וואס זוכען צו שלאגען קאפיטאל פון פאלקס־קאטאסטראפען. און דעריבער פערשפרעכען זיי, די פיהרער פון די ארבייטענדע קלאסען, אנצואווענדען אלע כחות און ניט צולאזען, אז דאס שווערד זאל ארויסגעצויגען ווערען פון זיין שייד.

און וואלסטו נאר געהערט, וואס דיזעלבע פיהרער פרעדיגען איצט. ממש דעם היפך. אמת, זיי זוכען א הכשר, איטליכער צד טענה'ט, אז ער זוכט צו שיצען די העכסטע גיטער פון דער מענשליכער ציוויליזאציאן, אבער עס איז דאך מערקווירדיג, אז יעדער פון זיי בעהויפטעט, אז נאר ער קאן זי שיצען, און ניט קיין אנדערער. ענגלאנד, פראנקרייך און בעלגיען שיצען די מענשהייט פון דעם דייטשען מיליטאריזם, דייטשלאנד שיצט די מענשהייט פון דעם רוסישען בארבאריזם, רוסלאנד — פון דעם טערקישען באקשיזם און דער טערק — פון ענגלישען און פראנצויזישען אימפעריאליזם.

דו פערשטעהסט, עס איז ניט א לייטער מיט פערשיעדענע מדרגות, וואו יעדע אומה האט איהר פלאץ, העכער אדער נידעריגער, נאר עס איז ענטשטאנען א קנויל, פערפלאנטערט און פערוויקעלט, ווי דער לויתן, וואס האלט אין מויל זיין אייגענעם עק. דרעהסטו זיך אין פער'כשופ'טען קרייז און קענסט ניט ארויס, ווייל אין אמת'ן זיינען זיי טאקע אלע גערעכט. די צרה איז נאר, וואס זיי זיינען גערעכט נאר אין איין העלפט, וואו זיי רעדען מכח דעם שונא. קומען זיי צו דער אנדער העלפט, צו זיך אליין — זיינען זיי אזוי פערנארט. מען קאן דאס אפילו ניט אנרופען חוצפה, עס איז פשוט בלינדהייט. זיי האבען זיך אלע מיט אמאל פערליעבט אין זיך אליין, ווייל אזוי רעדען קאנען נאר פערליעבטע.

און מען טאר א ווארט ניט רעדען אנטקעגען. ערשטענס ווער

מען דיך ניט פערשטעהן, צווייטענס איז עס פשוט א סכנה. דו ווייסט ניט, ווי עס איז לייכט אין מלחמה־צייט צו ווערען מיט א קאפ קירצער. בקצור, האלטען מיר אלע אין איין שרייען „הורא!“. זיידעס און באבעס זעגענען זיך מיט אייניקלעך און שרייען הורא, טאטעס זעגנענען זיך מיט קינדער און שרייען הורא, יונגע פרויען זעגנענען זיך מיט זייערע מענער און שרייען הורא, און די קליינע קינדערלעך האבען דאך שטענדיג ליעב נאכצומאכען די גרויסע, האלטען זיי אויך אין איין שרייען הורא. עס איז פרעהליך, לעבעדיג. פון אנהויב איז עס צוגעגאנגען גאר פרעהליך, ווארום טויזענדע און טויזענדע פלעגען זיך זעגענען אויף אמאל. עס האט ממש געהילכט פון הורא. איצט איז אביסעל אומעטיגער געווארען, ווייל די וואס האבען זיך געזעגענט, קומען ניט לעת־עתה צוריק, און פרישע צו שיקען האט מען ניט זעהר פיעל.

דאס לעבען געהט ווי געוועהנליך, נאר דער יקרות מאכט אן צרות. מיר האבען איצט זעהר פיעל פרעמדע קעסט־קינדער און מען מוז זיי געבען עסען. נאך דער מלחמה, זאגט מען, וועט מען בעצאהלען פאר די קעסט־קינדער, אבער דערווייל מאכען זיי אן א דוחק אויף אלץ. א מערקווירדיגע ערשיינונג: די איינפאכע לעבענסמיטעל שטייגען אין מקח פון טאג צו טאג און די אימפאר־טירטע ארטיקלען, וואס קומען פון שונא'ס לאנד, זיינען ניט נאר ניט געווארען טהייערער, מען קען זיי נאך בעקומען צו ביליגערע פרייזען ווי פאר דער מלחמה. צום ביישפיעל, מען קאן איצט קריגען א גוטע פלאש שאמפאניער, וואס האט געוועהנליך געקאסט 20 מארק, מיט גאנצע צעהן פראצענט ראבאט. אויך רוסישען קאוויאר פון בעסטען סארט, עכט אסטראכאן, קריגט מען איצט שוין פאר 22 מארק א פונט. זיי שרייבען, אז דער קאוויאר איז פריש, נאר אזוי ווי די פערבינדונג צווישען רוסלאנד און דייטש־לאנד מיט דער אייזענבאהן איז אינגאנצען אבגעבראכען, מוז מען אננעהמען, אז דעם קאוויאר האבען אריינגעפיהרט די רוסישע קאזאקען, וועלכע זיינען געקומען מיט'ן שיף פון אסטראכאן איבער ענגלאנד נאך בעלגיען. איהר געדענקט, מיט אייניגע חדשים צוריק

האָבען איינינע אַמעריקאַנער, וואָס האָבען זיך אומגעקעהרט פון איירָאָפּאַ, עדות געזאָגט, אַז זיי האָבען אַליין געזעהן מיט די איינענע אויגען די קאָזאַקען שווימענדיג נאָך בעלגיען.

פּשוט'ע וואָלענע קליידער קאָן מען זיך ניט דערקויפען, דער־פּאַר אָבער איז ביליגער געוואָרען בלוי־פּוקס און קאַמטשאַטקער ביבער, און ווי עס איז נאָר ארויס דער קלאַנג, אַז רוסלאַנד האָט געמאַכט אַ בייט מיט יאַפּאַן די צווייטע העלפט פון קאַמטשאַטקא און גענומען דערפאַר האַרמאַטען און קוילען, איז קאַמטשאַטקער ביבער נאָך מעהר געפאַלען אין מקח, וואָרום מען האָפט, אַז די יאַפּאַנער וועלען ניט אַזוי בערייסען דעם עולם, ווי דאָס האָבען געטהאָן די רוסישע סוחרים. אין אויסשטעלונגס־פענסטער פון אַ פיינעם געשעפט האָב איך געזעהן אַ קאַמטשאַטקע־קראַגען. די ווייסע הערעלעך צווישען די דונקעל־ברוינע זעהען אויס ווי בע־בלעטערטע צווייגלעך, ווען עס כאַפּט זיי דאָס ערשטע פרעסטעל און די זון־שטראַהלען שפּיעלען זיך אין זיי מיט אַלע פאַרבען פון רעגענבויגען. דער קראַגען האָט פריהער געקאָסט דריי טויזענד מאַרק. דו קאָנסט איהם איצט קריגען פאַר 1,800 מאַרק. אַזאַ כשר'ע מציאה, און דאָך יאָגט זיך קיינער ניט נאָך איהר.

דאָס קומט דערפון, וואָס מזומן איז דאָ זעהר ווייניג, און האָט איינער אַ גראָשען, ציטערט ער איבער איהם. די מיטעלע בעלי־בתים זיינען איצט תקיפ'ער פאַר די גבירים. דו ווייסט דאָך, די גבירים האָבען די טבע צו האַלטען זייער פערמעגען אין פערשיע־דענע אַקציען, און אַקציען, ווייסטו דאָך, זיינען להבדיל ווי אַ מענש. וואָס איז דער מענש? אַ בשר ודם, איז דאָך די הויפּטזאַך די נשמה. געהט אָבער ארויס די נשמה, איז „שטויב ביזטו געווען און צו שטויב קעהרסטו זיך אום“. אַזוי איז אויך אַן אַקציע: אַ שטיקעל פּאַפּיר. מעהר ניט דער אונטערנעהמער בלאָזט אין איהר אריין אַ נשמה, קריגט זי היות, און זי וואַקסט און זי וואַקסט. הערען זיך אָבער אויף צו דרעהען די רעדער אין דער פאַבריק אָדער אין געשעפט, שטאַרבען די אַקציען, זיי קעהרען זיך אום צו זייער מקור: פּאַפּיר זיינען זיי געווען און צו פּאַפּיר קעהרען זיי זיך אום. וואָלסטו נאָר געוואוסט, וויפיעל אבלים עס געהען ארום.

איך רעד ניט פון די אמת'ע אבלים, איך מיין די אבלים פון די געשטאָרבענע אקציען.

מען זאָגט, אַז ביי אונז איז נאָך אַ גן־עדן אין פערגלייך מיט די אַנדערע לענדער. איך קען מיר פאָרשטעלען, ווי דער גיהנום זעהט אויס נאָך אַזאַ גן־עדן. איך פערשטעה ניט, וואָס עס טהוט זיך אין דער וועלט: מקריב זיין דעם לעבעדיגען דור צוליעב אור־אייניקלעך — מיין מוח איז דאָס ניט תופס. איך קען ניט בעגרייפען די איבערקעהרענים, וואס איז איצט פאָרגעקומען, און דאָך פיהל איך, אַז איך בין אויך אָנגעשטעקט געוואָרען פון דעם נייעם גייסט. עפּעס איז מיאוס געווארען צו לעבען אזוי ווי מען האָט געלעבט ביז איצט, צו וויסען זיכער, אַז דער מאָרגען וועט אויס־זעהן ווי דער היינט. צוליעב וואָס ברויכט מען אַ מאָרגען, וואָס ברייננט ניט קיין חידוש מיט זיך? עפּעס ציהט זיך דער מענש נאָך אַ נייער צוקונפט. די ערשטע אויפלאַגע פון לעבען האָט איהם דערעסען, וויל ער שאַפען אַ צווייטע אויפלאַגע, אַ פערבעסערטע, אַ פערשענערטע. ד ע ר ו ו י י ל ש ר י י ב ט ע ר ד י ה ק ד מ ה מ י ט פ י י ע ר א ו ן ב ל ו ט.

אַז גאָט האָט געוואָרפען אַן אום־חן אויף דעם מענשען, וואָס ער האָט בעשאַפען, האָט ער געבראַכט דעם מבול. אַז דעם מענשען איז נמאס געוואָרען דאָס זאַטע, בעל־בית'שע לעבען, האָט ער געבראַכט די מלחמה. זאָל אָבער גאָט אויסהיטען, אַז עס זאָל זיך אָנהויבען דיזעלבע סדרה ווי נאָך דעם מבול. וואָס פאַר אַ גליק קען זיין פאַר שם און יפת, ווען חם זאָל בלייבען ווייטער אַ חם, און וואָס קענען מיר דערוואַרטען פאַר שם'ען, ווען יפת און חם מאַכען גאָר יד־אחת? אָט דאָס איז די הויפּט־פראַגע, וועלכע לאָזט מיך ניט רוהען.

קיין פאַקטען האָב איך דיר ניט דערצעהלט, איך האָב אַזוי געלאָזען געהן מיינע גערדאַנקען און איך האָף, אַז מיין בריעף וועט אָנקומען אין דיינע הענד. איך געדענק ניט, אין וואָס פאַר אַ ספר איך האָב דאָס געזעהן, עס איז אָבער געבליבען ביי מיר אין זכרון פון מיין קינדהייט. מען האָט מיר דערקלערט, פאַר וואָס באַמקעט אונטער דער חזן ראש השנה און יום־כפור צו יעדען וואָרט. דער

תירוץ איז, ווען די תפילות וואָלטען ארויס ריינע, וואָלט דער שטן זיי איבערגענומען און ניט געלאָזען געהן ווייטער. באַמקעט אונטער דער חזן, און דער שטן פערטראַכט זיך און די תפלות קומען אָן.

14טען יאַנואַר, 1915.

די צייט פון העלדען און דער חלום פון נסים

גראד אין די שווערסטע צייטען, ווען דער האריזאנט איז בעדעקט מיט בלייענע וואלקען און דער באדען אונטען הויבט אן צו ציטערען און צו וואנקען און די וועלט שיינט אונטערצוגעהן — גראד אין אזעלכע מאמענטען ענטפלאמט זיך די מענשליכע פאנטאזיע, זי צינדט זיך אן און פלאקערט אויף און הויבט אן צו שוועבען אין די „עולמות העליונים". מען וויל ניט חרוב ווערען, דער אינסטינקט פון לעבען ראנגעלט זיך אין מענשען, מען זוכט אן אויסוועג, מען זוכט רעטונג. „צו די בערג הויב איך אויף מיינע אויגען, פון וואנען וועט קומען מיין הילף", מען ערווארטעט ניט די הילף פון טהאל, מען ערווארטעט זי פון העכסטען פונקט, פון די בערג־שפיצען.

און וואס גרעסער די צרה איז, וואס טיעפער די קאטאסטראפע, אלץ וואונדערליכער מוז זיין די רעטונג. די נאטור קען אויך היילען וואונדען, זי איז אבער א לאנגזאמער רופא, די נאטור היילט דאך אויפ'ן נאטירליכען וועג, זי קען ניט שפרינגען, זי געהט בהדרגה. קיין כח צו ווארטען איז ניטא, מוז געשעהן א וואונדער. אונגעריכטערהייד מוז קומען א נס, וואס וועט אויף איין מאל מאכען א סוף צו אלע צרות. דער נס, דער וואונדער זיינען איבער־נאטירליך, אבער דאס ערווארטען פון וואונדער און נסים זיינען גאנץ נאטירליך, דאס איז טיעף איינגעווארצעלט אין דער נאטור פון דעם מענשען. זיינען דאך דא קאטאסטראפען, וואס ברעכען אוים פלוצלונג, גאנץ אונערווארטעט, ווארום זאל אויך די רעטונג ניט קענען קומען גאנץ אונערהאפט?

דיעזע מענשליכע פסיכאלאגיע האט געבארען דעם גלויבען אין גרויסע מאמענטען. דער גרויסער מאמענט ווערט ניט ערווארטעט ווי א רעזולטאט פון א לאנגזאמער, סיסטעמאטישער ענטוויק־

לונג, ניט ווי א קופעל, וואָס בעקרוינט דאָס געביידע, נאָכדעם ווי מען האָט דאָס געבוים ציעגעל ביי ציעגעל און שורה ביי שורה מיט מיה און אָנשטרענגונג. דער גרויסער מאָמענט ווערט ארויסגע־ריסען פון זיין גאנצען היסטאָרישען צוזאַמענהאנג מיט די טויזענד קליינע מאָמענטען, וועלכע זיינען איהם פאָראויסגעגאנגען, און ווערט בעטראַכט אָהן שום שייכות צו זיין אייגענער פערגאנ־גענהייט. ער ווערט געשאפען, — אזוי גלויבט מען, — פון זיך אליין, ווי די געטער אין די אלטע צייטען, ווי די ווענוס, וועלכע איז ארויסגעשפרונגען פון דעם שוים פון די טאַנצענדע וועלען.

דעם גלויבען אין גרויסען מאָמענט האָט אויף דער אנדרער זייט ענטשפּראָכען דער גלויבען אין דעם גבור. אזוי ווי דער גרויסער מאָמענט אזוי איז אויך דער גרויסער העלד. ער איז ניט א פּראָ־דוקט פון א היסטאָרישער און א סאָציאַלער ענטוויקלונג, ער איז א זעלבסטשטענדיגע ערשיינונג, ער געפינט זיך, אזוי צו זאָגען, אין זיין אייגענעם רשות. ניט די פערהעלטניסע האָבען איהם ארויס־גערופען, נאָר, אומגעקעהרט, ער שאפט די פערהעלטניסע, ער איז דער בעל הבית, אלעס איז איהם אונטערגעאָרדנעט, אונטערטהעניג. דער גרויסער מאָמענט און דער העלד — זיי זיינעןביידע א צופאַל, מען ווייס ניט פון וואנען זיי וועלען קומען, זיי זיינען ביידע די אונערוואַרטעטע געסט אין דער געשיכטע, ווילקאָמענע געסט, העלפער אין דער נויט, רעטער פון דער מענשהייט. מיט זיי הויבט זיך שטענדיג אָן א נייע עפּאָכע, זיי דריקען ארויף זייער שטעמפּעל אויף זייער צייט און אויף זייער דור, און די קומענדע צייט און דער קומענדער דור לעבען דורך זייער זכות, ביז וואַנען די קראַפט און די השפעה פון דעם גרויסען מאָמענט און דעם גבור ווערט אויסגעוועבט, און מען הויבט אָן צו האָפען אויף א נייעם מאָמענט, אויף א נייעם גבור, מען איז מתפלל עס זאָל קומען א נייער יום־טוב. און אזוי געהט די געשיכטע, איין עפּאָכע אָנגעגלידערט אָן די אנדערע, ווי די איינצעלנע רינגען אין א קייט. יעדע עפּאָכע הויבט זיך אָן מיט א גרויסען מאָמענט, מיט א װענדע־פּונקט און דאָס פּראָגראַם ווערט אויסגעפיהרט פון דעם איינצעלנעם אָדער פון די איינצעלנע העלדען.

און מערקווירדיג, וואָס עלטער די געשיכטע איז, אַלץ מעהר האָבען מיר דאַרט צו טהאָן מיט גרויסע מאָמענטען און מיט העל־דען. נעהמען מיר די יוגענד געשיכטע פון אַלע פעלקער כמעט, — ביי אונז הייסט זי די תקופה פון די שופטים, — זעהען מיר פאַר אונז די העלדען־געשיכטע. די העלדען קומען און געהען ווי דורך אַ כישוף, אַזוי ווי איינער וואָלט שטעהן בעהאַלטענערהייד הינטער דעם פאָרהאַנג פון דער וועלט־געשיכטע און קאָמאַנדירט די גרויסע מאָמענטען און די העלדען ווי דער רעזשיסאָר די שוישפּיעלער אויף דער ביהנע. עס פעהלט אָבער די פערבינדונג צווישען עפּאָכע און עפּאָכע, די שייכות צווישען דעם דור און דעם העלד, און אין דער קייט פון געשעהעניסען זעהען מיר ניט דעם צוזאַמענהאַנג. אויפ׳ן הימעל אויבען לייכטען די שטערן, איטליכער פאַר זיך, צווישען זיי איז גאָר נישט. אויף דער ערד פון אונטען פינקלען די מאָמענטען און די העלדען, צווישען זיי איז וואָכעדיג, אַלעס אָהן שום בעדייטונג.

און לאַנגע, לאַנגע דורות האָט דער מענש געמוזט קעמפּפען מיט זיין שכל, כדי צו בעגרייפען די איינהייט אין דער גרויסער אונענדליכער וועלט, אין וועלטאַל, און נאָך לענגער האָט ער גע־מוזט פאָרשען און זיך פערטיעפען אין דעם זין פון די געשעהע־ניסען, כדי צו פערשטעהן זייער צוזאַמענהאַנג, כדי צו פערשטעהן די איינהייט אין דער געשיכטע פון דער מענשליכער ענטוויקלונג. אַ גאַנצע וועלט, אַ גאַנצער הימעל און אַ גאַנצע געשיכטע, ניטאָ קיין רים, ניטאָ קיין הפסק. די געטליכע מאַשינע ארבייט אָהן אונטערברעכונג. עס זיינען נאָך דאָ סודות, עס זיינען נאָך דאָ אונגעצעהלטע רעטעניש, אָבער איינס איז קלאָר פאַר דעם מאָ־דערנעם מענשען: קיין זאַך קומט ניט מיט אַמאָל, קיין זאַך קומט ניט מיט אַ שפּרונג, אַלעס וואָס קומט, מוז צוגעגרייט ווערען. מיר גיבען צו, עס זיינען דאָ וואָכעדיגע טעג און יום־טוב׳דיגע אין דער געשיכטע, געוועהנליכע דורכשניטס־מענשען און אויסערגע־וועהנליכע העלדען, אָבער עס איז אויך קלאָר פאַר אונז, אַז דער יום־טוב ווערט צוגעגרייט דורך די ארבייט פון די וואָכעדיגע טעג

און אז דער העלד קאָנצענטרירט אין זיך די גבורה פון גאַנצע גרופּען.

אין דער לעהרע פון וואקסטהום, אין דער ביאָלאָגיע, איז אָנ־גענומען, אז די נאַטור אַליין חזר'ט איבער אין איטליכען איינצעל־נעם אקט די גאַנצע געשיכטע פון איהר ענטוויקלונג. צום ביי־שפּיעל: אונצעהליגע תקופות זיינען אריבערגעגאַנגען ביז עס האָט זיך ענטוויקעלט פון אַ ניעדריגען אָרגאַניזם אַ העכערער אָרגאַניזם. די ענטוויקלונג איז געגאַנגען בהדרגה, שטופּענווייז, און ווען איהר וועט זיך צוקוקען צו דעם העכערען אָרגאַניזם און פערפאָלגען זיין אינדיווידועלע ענטוויקלונג פון איי ביז צום פערטיגען אָרגאַניזם, וועט איהר קענען בעמערקען אַלע שטופען, וועלכע עס האָט דורכ־געמאַכט דער גאַנצער מין, שטייגענדיג פון ניעדריגען צום העכערען. מעהר ניט ביי דער ענטוויקלונג פון מין האָט דער פּראָצעס גע־דויערט תקופות לאַנג, ביי דעם אינדיווידיאום אָבער געהט עס זעהר שנעל, אַ טאָג פאַר אַ תקופה, אַ שעה פאַר אַ יאָהר. אין דער ענטוויקלונג פון מין שאַפט די נאַטור אַ נייעם חבור, זי מוז אַליין שוויצען און זיך מישב זיין, ביי דעם אינדיווידיאום דרוקט זי איבער איהר אייגענעם חבור פון סטערעאָטיפּען און זי ברויכט ניט צו דענקען און אָבצושטעלען זיך.

דיזעלבע ערשיינונג זעהען מיר אויך, ווען עס ענטשטעהען נייע פּאָליטישע פּארטייען, נייע סאָציאַלע גרופּירונגען מיט נייע אידעען. זיי מאַכען דורך די זעלבע ענטוויקלונג, וועלכע די ציווי־ליזירטע מענשהייט איז דורכגעגאַנגען, פון פּרימיטיווען צושטאַנד ביז צום העכסטען. מעהר ניט, דער פּראָצעס דויערט ניט אַזוי לאַנג, דען ער איז מעהר ניט ווי אַן איבערגע'חזר'טער.

איך וויל זיך אָבשטעלען אויף צוויי ביישפּיעלען, ארויסגע־נומען פון דער פרישער פערגאַנגענהייט. צוערשט נעהם איך די גרעסטע נייע וועלט־אָרגאַניזאַציאָן, די סאָציאַל דעמאָקראַטישע, אַן אָרגאַניזאַציאָן וואָס איז אויפגעבויט געוואָרען אויף אַ נייער וועלט־אַנשויאונג, און וואָס איז פונדאַמענטירט אויף דער היסטאָ־רישער נויטווענדיגקייט. דאַכט זיך, אַזאַ אָרגאַניזאַציאָן, וואָס

זעהט פאַראויס די קינפטיגע געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג און וויל אַלעס בויען מיט פעסטען צעמענט, האָט זיך נעדאַרפט אָבזאָגען פון פערלאָזען זיך אויף נסים, אויף גרויסע מאָמענטען, אויף פּלוצ־לונגע איבערקעהרעגישען. זי האָט געדאַרפט האָבען געדולד און אויסדויער און פערלאָזען זיך אין גאַנצען אויף דעם נאַטירליכען היסטאָרישען פּראָצעס. וואָס זעהען מיר אָבער אין די ערשטע יאָהרען פון איהר וואקסטהום? זי האָט אין זיך אריינגענומען די עלעמענטען פון נביאות און זי האָט ערוואַרטעט קאַטאַסטראָפען, וועלכע וועלען מיט איין קלאַפּ אומענדערען די גאַנצע קאָנסטרוק־ציאָן פון דער געזעלשאַפט. נאָך מיט צוואַנציג יאָהר צוריק איז דער בעריהמטער, פּאָליטיש־קלוגער און אַבסאָלוט עהרליכער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער פיהרער בעבעל אַרויס מיט זיין בעריהמטער רעדע: „אין צעהן יאָהר וועלען מיר האָבען דעם צוקונפטס־שטאַאט“. קיינער וועט ניט זאָגען, אַז בעבעל האָט אין זיך אַ ברעקעל פון דעמאַגאָגיע, קיינער וועט איהם ניט חושד זיין, אַז ער האָט געוואָלט פאַקען די מאַסען מיט פּראָפעצייאונגען, אין וועלכע ער האָט אַליין ניט געגלויבט. אלא וואָס דען, דער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיזם האָט זיך נאָך געפונען אין דער אָנפאַנגס־תקופה פון זיין ענטוויקלונג און האָט געמוזט דורכמאַכען די העל־דען־פּעריאָדע. איצט וועט איהר שוין אין דער גאַנצער וועלט אַזעלכע נביאות ניט הערען, ווייל די אָרגאַניזאַציאָן איז אויס־געוואַקסען. אדרבא, דער „רעוויזיאָניזם“ נעהמט צו פון טאָג צו טאָג. מען וויל ניט מעהר די מאַסען ענטפלאַמען, מען וויל ניט אַז זיי זאָלען אויפפלאַקערען אויף איין מאָל, מען וויל זיי זאָלען זיך דערוואַרעמען לאַנגזאַם אָבער זיכער.

דער צווייטער ביישפּיעל. איך נעהם די גרעסטע אידישע נאַציאָנאַלע און אינטערטעריטאָריאַלע אָרגאַניזאַציאָן, די ציוניס־טישע. דער שעפּפער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן, הערצל, איז אויך אין די ערשטע יאָהרען אָפּט אַרויס מיט גרויסע הבטחות פאַר די נאָהענטע צוקונפט, בעזונדערס אין זיין בעריהמטער לאָנ־דאָנער רעדע. ער האָט אויך קיינעם חלילה ניט געוואָלט פער־פיהרען, ער האָט קיינעם ניט געוואָלט פערנאַרען. אלא וואָס דען,

דער ציוניזם אַלס אָרגאַניזאַציאָן האָט געלעבט די העלדען־תקופה פון זיין ענטוויקלונג, און דער גרויסער פיהרער האָט נאָך אליין געגלויבט אין גרויסע מאָמענטען, אין פּלוצלונגע אומוועלצונגען. פון דיעזער תקופה איז ארויסגעשפּרונגען דער „טשארטעריזם", פון וועלכען דער שעפּפער אליין האָט זיך געמוזט מיט דער צייט אָבּ־זאָגען. דער ציוניזם האָט דורכגעמאַכט זעהר שנעל אַ מערקוויר־דיגע ענטוויקלונג. מען האָט אויפגעהערט צו גלויבען אין ציוניזם, מען האָט איהם אָנגעהויבען צו פערשטעהן. דער שווער־פּונקט איז פערלעגט געוואָרען פון דעם איינצעלנעם העלדען אין דאָס פאָלק גופא, פון דעם צופעליגען איינצעלנעם „גרויסען מאָמענט" אין די לאַנגזאַמע היסטאָרישע ענטוויקלונג. ערשט דאַן האָט מען ריכטיג איינגעשעצט די בעדייטונג פון דעם נייעם ישוב, פון יעדער צוגעקומענער קאָלאָניע, פון יעדער נייער העבּרעאישער שולע, פון יעדער איינצעלנער שאפענדער קראַפט, וואָס זי האָט אויסגעקליבען ארץ ישראל אַלס שטיצפּונקט.

דערמיט האָט מען אבסאָלוט ניט אָבּגעלייקענט די מעגליכקייט פון גרויסע מאָמענטען, דערמיט האָט מען נאָר אויפגעשטעלט אַ ריכטיגע, שטרענג וויסענשאפטליכע בעהויפּטונג, אז אויך דער גרויסער מאָמענט מוז צוגעגרייט ווערען, אז ער קען נאָר קומען ווי אַ רעזולטאַט פון אַ גאַנצער שורה פון קלענערע מאָמענטען.

מיר לעבען איצט אין אַ שרעקליך בעוועגטער צייט. אָפטמאָל איז אונזער פערשטאַנד צו קורץ, און מיר קענען זיך ניט אָבּגעבען קיין קלאָרען חשבון פון די געשעהעניסען, וועלכע פליהען און ענ־דערען זיך ווי די בילדער אין קאַליידאָסקאָפּ. עס הויבּט אונז אָן צו שווינדלען און מיר קעהרען זיך אום ניט ווילענדיג צו דער פּסיכאָלאָגיע פון דער יוגענד־תקופה, וועלכע מיר האָבען שוין דורכ־געלעבט. וויעדער ערוואַרטען מיר וואונדער, וויעדער זיינען מיר מתפּלל עס זאָל קומען דער גרויסער מאָמענט, און מיר ווערען שוואַך אין אונזער אייגענער אַקטיוויטעט.

מען דאַרף ניט און מען קען ניט קעמפּפען אַנטקעגען גלויבען און האָפען, אָבער מיר מוזען, מיר זיינען מחויב שטענדיג צו גע־

דענקען אַז די קראַפט פון אונזער ענטוויקלונג ליעגט אין אונזער אַלטעגליכער לייסטונג, אין אונזער אונאונטערבראָכענער אַרבייט. אַן אָרגאַניזאַציאָן טאָר ניט צולאָזען קיין האַזאַרד־שפּיעל, זי טאָר ניט צולאָזען די מעגליכקייט פון ענטטוישונגען. איהר פונדאַמענט מוז שטענדיג שטעהן פעסט אין בעוועגטע ווי אין רוהיגע צייטען.

16 יאַנואַר, 1915.

צו אונזערע נייע מקוננים.

I

די לעצטע ידיעות, וואָס זיינען אָנגעקומען פון ארץ־ישראל, זיינען געווים ניט קיין פרעהליכע, און ווען מען וויים אפילו דעם מקור, פון וואנען זיי שטאַמען, ווען מען וויים אפילו, אז זיי זיינען אָבגעשטעמפּעלט געוואָרען, איידער זיי האָבען אונז דערגרייכט, מיט דער חתימה פון אַ פיינדליכער צענזור, מיט אַ שווארצער ענגלישער חתימה — ווערט דאָך דערציטערט אונזער נשמה. מיר פיהלען, אז אייזען, קאַלט און שאַרף, מאַכט אַ טיעפען שניט אין אונזערע בעסטע און הייליגסטע האָפנונגען.

און גראַד אין דער לעצטער צייט האָט ארץ־ישראל, דאָס נייע, פעריונגטע, אויפבליהענדע ארץ ישראל אויסגעגאָסען איהר השפעה אויף די אידישע וועלט. אָנהענגער און געגנער, חסידים און מתנגדים פון דעם אידיש־נאַציאָנאַלען געדאַנק, האָבען געמוזט ריכ־טען זייער בליק צום מזרח, פון וואנען עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו ציינגען די ערשטע שטראַהלען פון אַן אויפגעהענדער ישועה. עס האָט געוואונקען פון וויימען אַ נייע צוקונפט, העל און ליכטיג, שפּראָצענד פון יוגענדליכער קראַפט, שעהן אין איהר פאַרבען־שפּיעל: גרינע פעלדער, בליהענדע וויינגאָרטענס, פּרעכטיגע פּרדסים, נייע שטעדט, העברעאישע שולען און איבער דאָס אַליין אַ לעבעדיגער גייסט, אַ גייסט, וואָס מונטערט אויף און רופט און מאָהנט און רייצט צו פרעהליכער שעפּערישער ארבייט.

דער ערשטער קאַפּיטעל צו אַ נייעם שיר השירים.

דאָ איז אויסגעבראָכען די מלחמה. די האַלבע אידישע וועלט אין די גלות־לענדער איז מיט איין מאָל חרוב געוואָרען. גאַנצע אידישע שטעדט און שטעדטלעך זיינען אָבגעווישט געוואָרען פון

גאָט'ס ערד, הונדערטע טויזענד אידען האָבען געמוזט ווידער נעהמען דעם וואַנדער־שטאָק אין האַנד און אָבריכטען, האלב נאַקעט, האלב הונגעריג, א נייעם גלות, א גלות אין א גלות, פון גאַליציען אין בעהמען און אין מעהרען, פון פוילען אין ליטא און אין די אַלע קליינע מדינה'לעך, וואו דער אייביגער וואַנדערער האָפט נאָך צו געפינען רוה און רעטונג.

ארץ־ישראל איז דורך די מלחמה אָבגעשניטען געוואָרען פון דער גאַנצער וועלט. אין מזרח — דער גרויסער מדבר און אין מערב — דער גרויסער ים. אין דעם מדבר וואַקסט ניט קיין תבואה, און אויפ'ן ים שווימען ארום ניט קיין האַנדעלס־שיפען, וואָס ברענגען גרוסען פון איין מדינה צו דער אַנדערער, נאָר קריעגס־שיפען, וואָס מעלדען טויט און פערניכטונג.

און מערקווירדיג איז געווען דאָס געפיהל, וואָס האָט אויפ־געפלאַמט אין דער גאַנצער אידישער וועלט. מען האָט אָנגעהויבען צו דענקען וועגען ארץ־ישראל שטאַרקער, אינטענסיווער, מיט מעהר צערטליכקייט, מיט מעהר פיינקייט. פון די בעהאַלטענע ווינקעלעך פון דער אידישער נשמה האָבען אָנגעהויבען ארויס־שווימען אַלטע, פערוואַלגערטע, היסטאָרישע עראינערונגען, זכרונות פון שמערץ און האָפנונג, פון פיין און טרייסט. באַלד האָבען זיך די זכרונות פערדיכטעט, צוזאַמענגעשמאָלצען, געוואָרען עפּעס ממשות'דיגס און אָנגעהויבען צו שפּריטצען מיט פונקען, גליהענדע, לייכטענדע פונקען. דאָס האָט אויפגעפלאַקערט די אַלטע פאָלקס־בענקעניש.

מיר האָבען נאָך אַלץ געהאָפט, אפשר וועט נאָך דער גורל בעשיצען לכל־הפּחות ארץ ישראל, אפשר איז אונז נאָך בעשערט אָבצוקומען מיט דעם שרעק אַליין.

די טערקיי האָט זיך אָבער סוף כל סוף אויך איינגעפלאָנ־טערט אין דעם וועלט־סכסוך און אריינגעשפּרונגען אין מלחמה. ארץ־ישראל האָט זיך פערוואַנדעלט אין א פּלאַץ, פון וואַנען די טערקיי רעכענט צו מאַכען אַן אַנגריף אויף מצרים. גרויסע מחנות פון סאָלדאַטען, גאַנצע ארמעען, זיינען דאָרט אויפגעזאַמעלט. ווי א היישעריק האָבען זיי בעלאַגערט דאָס לאַנד.

און דאָ איז געקומען, וואָס עס האָט געמוזט קומען.

טויזענדע אידען, וועלכע זיינען ביז איצט ניט געווען און האָבען איצט נ י ט געקאָנט ווערען טערקי־ש ע אונטערטהאנען, האָבען געמוזט פערלאָזען דאָס לאַנד אויף איין מאָל, אין אַ בהלה. די טערקישע רעגיערונג האָט געהאַנדעלט ניט בעסער און ניט ערגער ווי איהרע ציוויליזירטע שוועסטער אין אייראָפּאַ. האָט דאָך ניט געהאָלפען אַ מאקס נאָרדוי, אַן אַלכסנדר מארמאָרעק ניט זייער יחוס, ניט זייער זכות, וואָס זיי לעבען אין פּאַריז שוין צעהנדליגע יאָהרען. זיי האָבען געמוזט לויפען. האָט דאָך איינגעשפּאַרט דייטשלאַנד די ענגלישע און די רוסישע, און ענגלאַנד די דייטשע און די עסטרייכישע אונטערטהאַנען. האָט מען דאָך געהאַלטען טויזענדער אונשול־דיגע מענשען אין קאָנצענטראַציאָנס־לאַגערען און זיי מכבד געווען מיט האַקען האָלץ און שיילען קאַרטאָפּעל און מיט אַלע בזוי'דיגע מלאכות. די טערקיי טענה'ט, אדרבא, אַז זי האָט געטהאָן אַ ח ס ד מיט איהרע פרעמדע אידישע אונטערטהאנען, וואָס זי האָט זיי געלאָזט פריי אויסוואַנדערען אין מלחמה־צייט. ווי דאַנקבאַר וואָלטען געווען צום ביישפּיעל די געפאַנגענע ענגלענדער אין דייטש־לאַנד אָדער די געפאַנגענע דייטשען אין ענגלאַנד פאַר אַזאַ פּריי־הייט.

ווענען די קאָלאָניסטען, ווענען די פּיאָנערען פון דעם נייעם ישוב בכלל האָט מען ביז איצט פערקעהרטע ידיעות, אַז ניט א י י ן א י י נ צ י ג ע ר פון זיי האָט פערלאָזען דאָס לאַנד. עס קאָן זיין, אַז עס איז עטוואָס צושטערט געוואָרען אויך פון דעם נייעם ישוב. אַ מלחמה איז אַ שעת חירום. בשעת מלחמה קאָן אַ רעגיע־רונג, ווען זי וויל אפילו, ניט אַזוי גוט אויפפּאַסען אויף אָרדנונג ווי אין פריעדליכע צייטען. אָבער עס איז איינפאַך אַ פ ע ר־ב ר ע כ ע ן, ווען מען געהט ארוים מיט פאַרטיגע קינות, איידער מען האָט נאָך קאָנטראָלירט די ריכטיגקייט פון די אָנגעקומענע ידיעות, און בפרט ווען מען ווייס נאָך ניט, פון וואַנען די ידיעות שטאַמען.

דער נייער ישוב איז אונז אונענדליך טהייער, ווייל ער איז

אונז אָנגעקומען מיט זעהר פיעל שמערצען. ער האָט זיך ענטוויקעלט און איז געוואקסען אויף צר־להכעיס זיינע געגנער. זיינע גוטע פריינד זיינען געווען געצעהלטע און שונאים האָט ער געהאַט פון אַלע זייטען. דער נייער ישוב איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרען ווי אַ ציטעריג קינד, מען האָט שטענדיג געמוזט מורא האָבען פאַר עין־הרע און פאַר פערשיעדענע קינדער־קראַנקהייטען. און וואָס מעהר סכנות עס האָבען איבער איהם געשוועבט, אַלץ מעהר זיינען צוגעבונדען געוואָרען צו איהם זיינע שעפּפער און זיינע פריינד.

און איצט קומען גראָד די, וועלכע האָבען דעם נייעם ישוב קיין מאָל ניט געגלעט, וועלכע האָבען פאַר איהם קיין מאָל קיין פריינדליך וואָרט ניט געהאַט — גראד זיי קומען, ווי אונגעבעטענע חברה־קדישא־לייט, און ווילען איהם פיהרען צו דער קבורה. זיי האָבען קיין צייט ניט, עס האָט ביי זיי געפּלאַצט די געדולד, זיי קאָנען נאָר ניט וואַרטען, ביז מען וועט ערהאַלטען ריכטיגע ידיעות וועגען דעם וואָס איז געשעהן דעם נייעם ישוב, און זיינען שוין מחבר קינות אויף דעם דריטען חורבן. און ווי ריהרענד זיי פערפאַסען די קינות! וואו האָט זיך ביי זיי גענומען אויף אַמאָל אַזוי פיעל פּאָעזיע, פון וואַנען מיט אַמאָל אַזוי פיעל פאַרבען צו שילדערען די האָפנונגען און די ערוואַרטונגען, וועלכע דער נייער ישוב האָט געוועקט אין יעדעם? איז דאָס אַלץ מעהר ניט, כדי דער חורבן זאָל זיין בולט'דיגער?

פּאַמעליך! מיר האָבען נאָך אין ארץ־ישראל וועכטער, און מיר ווילען צוערשט הערען, וואָס זיי האָבען צו זאָגען. מיר האָבען אייגענע שומרים, צו וועמען מיר האָבען צוטרויען, וועמען מיר גלויבען, וואָרום זיי האָבען מיר אָנפערטרויט אונזער בעסטעס: אונזער האָפנונג, אונזער גלויבען.

מיר זיינען איבערצייגט, אז זיי וועלען פון אונז ניט בע־האַלטען דעם אמת. מיר זיינען אָבער ווייטער איבערצייגט, אז זיי וועלען זיך קיין מאָל ניט פערוואַנדלען אין חברה־קדישא־לייט; זיי וועלען אונז ווייטער רופען און הייסען בויען.

און מיר וועלען זיי פאָלגען.

II.

דאָס איז געווען אויף איינער פון די פיעלע אסיפות, וועלכע זיינען אָבגעהאלטען געוואָרען אין ניו יאָרק אין דער לעצטער צייט. עס איז בעגרייפליך, אז פון צעהן מאָל איז אויסגעקומען צו רעדען ניין מאָל „מכח דער מלחמה און די אידען", „מכח דער מלחמה און דעם ציוניזם". איך מוז זאָגען, אז דאָס זיינען געווען פאַר מיר די שווערסטע פערזאמלונגען. די הויפט־שווערקייט איז בעשטאַנען ניט אין דער שאלה, וואָס זאָל מען זאָגען, נאָר אין דער פיעל הארבערער שאלה: וואָס זאָל מען ניט זאָגען, וואָס זאָל מען פערמיידען צו זאָגען, וואָס זאָל מען ארומגעהן, יוצא זיין עפּעס מיט אָנשפּיעלונג, מיט א רמז. מען איז דאָך א לעבעדיגער מענש, און עס גלוסט זיך אָפּטמאָל אויסרעדען דאָס הארץ, אויסגיסען דעם צאָרן, פּיהלען זיך פריי, ניט טראָגען אויף זיך דעם יאָך פון אחריות. אָבער איך האָב דאָס מיר קיין מאָל ניט ערלויבט. אפילו וועגען רוסלאַנד האָב איך מיר ערלויבט נאָר דאָס צו זאָגען, וואָס עס זאָגען ארוים פריי און אָפען די רוסישע צייטונגען אליין. איך האָב אויסגעדריקט מיין צווייפעל וועגען די פאַלשע פאַבריצירטע הבטחות, וואָס דער ווינד האָט געבראַכט אהער פון יענער זייט ים, איך האָב גערעדט וועגען די פרישע פּאָגראָמען, ערשט נאָכדעם ווי איך האָב געהאָט וועגען זיי דאָקומענטען אין האנד.

נאָר איין מאָל האָב איך מיר ערלויבט ארויסצוזאָגען איינינע סימפּאַטישע ווערטער וועגען די טערקיי, און עס דוכט מיר, אז אויך דאָס איז געווען נאָך איידער די טערקיי איז אריין אָפיציעל אין דער מלחמה. דער עולם ווייס, אז איך האָב א שוואַכקייט צו פּסוקים, און נאָט האָט מיר געהאָלפען און איך האָב געפונען א פּסוק ווי געשאַפען פאַר דער איצטיגער לאַגע, גלייך ווי ער וואָלט געווען בעשטעלט נאָך מאָס. איינער פון מיינע ציוניסטישע חברים האָט אָנגעהויבען בויען קאָמבינאַציאָנען און האָט עובר געווען אויף די ניי־געשאַפענע גזירה פון נייטראַליטעט, איבער־געהענדיג גאַנץ אָפען אויף איין בעשטימטען צד. איך האָב מיר ערלויבט צו פערטרעטען מיין שטאַנדפּונקט, וועלכער האָט אין

זיך קיין שום חידוש ניט ענטהאלטען. דאָס איז געווען דער הערשענדער שטאַנדפּונקט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן און ער קאָן פאַרמולירט ווערען אין איינינע ווערטער: זאָל בלייבען אַלעס ביים אַלטען.

און אַזוי ווי מען האָט גערעדט מכח ארץ־ישראל, און אַזוי ווי ארץ־ישראל געפינט זיך נאָך לעת־עתה אין טערקישע הענד, האָב איך זיך אויסגעדריקט: לוא ישמעאל יחיה לפניך, דאָס הייסט זאָל זיך ישמעאל לעבען אָהן צער. איך רעכען, אַז דאָס וואָלט געווען פאַר אונז גלייכער (אגב אורחא בעמערק איך, אַז „לוא ישמעאל בני אָדער ישמעאל אחי יחיה לפניך", ווי עס ציטירט מיך דר. זשיטלאָווסקי, האָב איך קיין מאָל ניט געזאָגט, וואָרום איך האָב די טבע צו זיין פאָרזיכטיג מיט פסוקים). איך רעכען, אַז אויב מען וואָלט קענען אומקעהרען זיך צו דעם שטאַנד, וואו די וועלט האָט געהאַלטען פאַר דער מלחמה, וואָלטען אַלע דערויף מסכים זיין, אַ סברא, אַז אפילו ענגלאַנד און דייטשלאַנד אויך.

ליידער אָבער איז חרטה ניט מעשה סוחר און אויך ניט מעשה היסטאָריע. דאָס ראָד דרעהט זיך ניט צוריק און דער חורבן בלייבט אַ חורבן. זיינען אַלע חרוב געוואָרען, אי דער זיעגער, אי דער בעזיעגטער, אי דער וואָס האַלט אין אָנפאַלען, אי דער וואָס פערטהיידיגט זיך נאָר. איז חרוב געוואָרען בעלגיען, איז חרוב געוואָרען גאַליציען, פוילען און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער. עס איז אָנצונעהמען, אַז אויך ארץ־ישראל בכלל און דער אידישער ישוב בפרט האָט שטאַרק געליטען פון דער מלחמה. איך זאָג, דער אידישער ישוב בפרט, ווייל די אידען זיינען נאָך אין ארץ־ישראל אַ שוואַכער עלעמענט, וואָס האָט נאָך ניט קיין כח בייצושטעהן אַנטקעגען עלעמענטאַרע קאַטאַסטראָפען.

און דאָך, ווען מען פרעגט מיך: וועל איך נאָך אויך היינט זאָגען „לוא ישמעאל יחיה לפניך", וועל איך נאָך אויך היינט זיך פערלאָזען אויפ'ן טערק. אויך היינט, נאָכדעם ווי דר. זשיטלאָווסקי, דער ראש המקוננים, האָט פערעפענטליכט זיין אַרטיקעל וועגען דעם „דריטען חורבן", וועל איך דערויף ענטפערען מיט פולען בעוואוסטזיין, אַז אַלס ציוניסט און אַלס איד האָב איך מיין

מיינונג ניט געענדערט אין דיעזען פונקט, וואָרום זי איז געגרינדעט ניט אויף איינצעלנע מאָמענטען און שטיצט זיך ניט אויף די ערפאַה־רונג פון די לעצטע געשעהעניש. עס זיינען דאָ סימפּאַטיען, וועלכע האָבען טיעפע וואָרצלען. עס זיינען אויך דאָ היסטאָרישע חשבונות צווישען פאָלק און פאָלק, און מען קאָן זיי ניט מיט לייכטיגקייט אויסמעקען. דאָס פערהעלטניס צווישען די אידען און די מחמד'ישע אָטאָמאַנען דאַטירען ניט פון היינטיגען טאָג. די אידען פערגעסען ניט פריינדשאַפט און הכנסת אורחים און זיי געדענקען גאַנץ גוט, ווי די טערקיי האָט זיך צו זיי פערהאַלטען, ווען שפּאַניען האָט זיי פערטריבען.

אין די בעציהונגען צווישען די אידען און מחמדאַנער זיינען אפשר דאָ נאָך פיעל בעדייטענדערע מאָמענטען ווי דאַנקבאַרקייט פאַר פריינדשאַפט און הכנסת אורחים. עס איז געווען אַ צייט, ווען די אידען האָבען זיך געפיהלט מיט די אַראַבער טאַקע פער־וואַנדט, און די צייט געהערט גראַד צו די שעהנסטע און איידעלסטע תקופות פון אונזער גלות־געשיכטע. דאָס איז די אַראַביש־שפּאַנישע עפּאָכע. זי האָט אונז געגעבען די גרעסטע דיכטער נאָכ'ן תנ"ך און מאַנכע פון די פיינסטע שעפּפונגען פון אונזער פאָלקס־גייסט.

איך וועל ניט עובר זיין אויף די געצוואונגענע נייטראַליטעט און זאָג אַ וואָרט ניט, מיט וועמען עס ל ו י נ ט פאַר אונז צו האַלטען אין דער איצטיגער מלחמה. עס זיינען אָבער דאָ שאלות, וועלכע מען ריהרט גלייכער ניט אָן, וואָרים די נאַטור איז ניט אַ וואַארען־הויז, דאָס לעבען איז ניט אַ שטיקעל סחורה און פּאָליטיק איז ניט אָן אַריפמעטישע אויפגאַבע. עס זיינען דאָ סודות אין לעבען, עס זיינען דאָ בעהאַלטענע גאָרטענס, וואו עס וואַקסען אונזערע סימפּאַטיען און אויך אונזערע אַנטיפּאַטיען. דאָס איז דער נאַציאָנאַלער „פּרדס", מען לאָזט ניט איטליכען אַריינגעהן אין פּרדס און טרעטען די בייטען.

דאָס אַלעס זאָג איך אַלס סתם אַ איד. אַלס פעראַנטוואָרט־ליכער ציוניסט געפין איך זיך ניט אין אַזאַ גינסטיגער לאַגע ווי די קריטיקער פון ציוניזם. אַלס ציוניסט פערגעס איך אויף איין מינוט ניט, אַז דער נייער ישוב האָט זיך ענטוויקעלט אין ארץ־ישראל

אונטער דער טערקישער הערשאַפט. אונטער דער טערקישער הערשאַפט זיינען ענטשטאַנען עטליכע צעהנדליג קאָלאָניען, נייע שטעדטישע קוואַרטאַלען און העברעאישע שולען. אונטער דער טערקישער הערשאַפט האָט זיך אויסגעבילדעט אַ ניי אידישעס לעבען, פון וועלכען די קריטיקער האָבען זי מיישב געווען צו קומען אין התפעלות ערשט נאָכ'ן דריטען חורבן.

פאַר וואָס האָט זיך ניט אויסגעבילדעט אַזאַ ריינעס אידישעס לעבען אין די אַנדערע לענדער? עס איז דאָ דערויף אַ תירוץ, נאָר דער „פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער שטאַנדפּונקט" האָט פאַר איהם מורא.

צוויי מינים פון גלות האָבען מיר. אין איין גלות ליידען מיר פון „מיתת חניקה", מען ווערגט אונז פשוט, מען שטיקט אונז. אין אַנדערן גלות ליידען מיר פון „מיתה נשיקה". מען קושט אונז אָפּטמאָל, אָבער קיין געזונד קומט דעם „פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט" דערפון ניט צו. עס איז אַ וישקהו מיט פינגטעלעך.

דר. זשיטלאָווסקי, דער קריטיקער פון ציוניסטישען געדאַנק און דער מקונן פון דעם דריטען חורבן, פערפעהלט קיין מאָל ניט צו מאַכען אַ „מי שברך" דעם „פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט". מיר פערגינען דאָס איהם, דר. זשיטלאָווסקי'ן, פון גאַנצען הארצען, אָבער ער האָט אַ טעות, ווען ער מיינט, אַז דער ציוניזם איז צו פערפּלאָנטערט. ניט פערפּלאָנטערט איז ער, נאָר טיעף, ער האָט זיין יניקה טיעף, טיעף פון דער פאָלקס נשמה, און ווען מען וויל איהם פערשטעהן, מוז מען זיך גרונטעווען. דער ציוניזם איז געבויט דוקא אויף דעם פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלען געדאַנק, פון וועלכען דר. זשיטלאָווסקי איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע אַפּאָסטעל. דער ציוניזם האָט זיך אָבער ניט אָבגעשטעלט ביים פונדאַמענט, ער איז געווען און איז געבליבען קאָנזעקוועגט, ער איז ניט פויל און בויט ווייטער. און דוקא וויל ער בויט, האָט ער געמוזט דורכמאַכען אַן ענטוויקלונג און אַריינגעהמען אין זיך אַ העברעען אינהאַלט.

און דאָ קום איך צו דעם הויפּט־אַנגריף וואָס דר. זשיט־

לאַווסקי מאַכט אויף דעם ציוניזם. ער זאָגט, אז „קיין איד, — סיידען דער, וואָס וויל בלינדערהייט גיהן אויף מסירת נפש, — וועט מעהר ניט געהן קיין ארץ־ישראל, כל זמן ארץ־ישראל וועט זיין אין די הענד פון דער טערקיי און כל־זמן די אידישע קאָלאָ־ניזאַציע וועט ניט ארומגעשטעלט ווערען מיט זיכערע, פעסטע, רעכטליכע און מאַכטליכע גאַראַנטיען, אויב דאָס איז מעגליך איבערהויפּט".

מיר שיינט, אַז אין לעצטען זאַץ „אויב דאָס איז מעגליך איבערהויפּט" ליעגט דער שווערפּונקט פון גאַנצען אַנגריף.

דער אַנגריף אין אַלגעמיין קלינגט עפּעס ווי אַ מין חרם דרבנו גרשם. היות ווי דער ישוב איז חרוב און מיר האָבען שוין אָבגעזאָגט קינות נאָך איהם, איז מען מתרה דעם עולם, מען זאָל זיך ניט לאָזען געהן. עס פעהלט נאָר דער סוף: ולהשומע יונעם. וועגען דיעזען פּונקט וועל איך נאָך שרייבען.

מיר האָבען זיך דערלעבט צייטען. דר. זשיטלאָווסקי האָט זיך דערשראָקען פאַר „מסירת נפש".

אַמאָל, גאָר אַמאָל, ווען דער חורבן איז טאַקע געווען אַן אמת'ער, ניט ווי ער איז איצט אויסגעמאָלט אין די ענגלישע בעריכטען, האָבען אונזערע זיידעס ניט ארויסגעגעבען קיין חרם, נאָר זיי האָבען געשוואָרען. זייער שבועה איז בעקאַנט אַלע אידען, וואָס קענען די ווערטער פון „על נהרות בבל". אַ היילינע שבועה. פיעלייכט די הייליגסטע, וואָס אַ פאָלק האָט ווען געשאַפען. און דורות נאָך דורות חזר'ען מיר איבער די שבועה, און זי איז אריין אין אונזער פלייש און בלוט און זי וועט אונז צווינגען אויף צו מסירת נפש.

איך וועל אויסזאָגען אַ סוד דר. זשיטלאָווסקי'ן: אויף ביז אַהער האָט מען אָהן מסירת־נפש ניט געקאָנט געהן אין ארץ־ישראל, און די וואָס זיינען געגאַנגען אַהין האָבען דאָס געוואוסט. זיי האָבען דאָס אפשר קיינעם ניט אויסגעזאָגט, וואָרים עס זיינען פאַרהאַנען זאַכען, וועגען וועלכע מען רעדט ניט, מען טהוט זיי.

און נאָך אַ סוד וועל איך אויסזאָגען. טאָמער חלילה וועלען אונזערע שורות שיטערער ווערען נאָך דער מלחמה, האָבען מיר געגוג רעזערוועו, וואָס וועלען פערנעהמען דעם פּלאַץ פון די פעה־

לענדע. מיר וועלען זיי ניט דארפען דינגען, ווי עס טהוען אנדערע מלוכות, זיי וועלען אליין קומען.

ווארום שטארק איז דער ציוניזם. זיין פונדאמענט איז דער פעסטער פראגרעסיוו־נאציאנאלער געדאנק, זיין שטימונג איז די שבועה פון „על נהרות בבל“.

III.

דער לעגענדארער „פעניקס“ ווערט ניי־געבארען פון זיין אייגענעם אש. מען פערברענט איהם און ער שטעהט אויף תחית המתים. דער אגדיסטישער „סאלאמאנדער“ קומט ארויס פון פייער, און דער „טשארטער“ איז אויסגעגראבען געווארען פון אונטער „דעם דריטען חורבן“ פון דר. זשיטלאוסקי. איך מיין פון אונטער דעם דריטען חורבן פון ארץ ישראל, איבער וועלכען דר. זשיטלאווסקי האט געשריבען זיינע קינות־ארטיקעל.

„דער דריטער חורבן איז א צו שרעקליכע טראגעדיע,ביי איינעם זאל זיך הויבען די האנד צו בויען א פערטען“. מיט די ווערטער שליעסט דר. זשיטלאווסקי זיין ארטיקעל. מיט די ווערטער פערקלאפט ער דעם ארון און לאזט איהם אראב אין דער ערד. דעם „רבנן קדיש“ לאזט ער איבער זיין חבר אין דער רעדאקציע, וועלכער הויבט אן זיין נייע קינה מיט דעם, וואס דר. זשיטלאווסקי האט אויסגעלאזען. ער שרייבט איבער „די טראגעדיע פון דעם ציוניזם“. מען לאזט אונז גאר ניט כאפען דעם אטהעם, א קלאפ נאך א קלאפ, א קינה נאך א קינה, א הספד נאך א הספד.

„דער דריטער חורבן איז א צו שרעקליכע טראגעדיע, ביי איינעם זאל זיך הויבען די האנד צו בויען א פערטען“. ווי מען קען בויען א חורבן בלייבט פאר מיר א רעטעניש. א חורבן קען מען מאכען, מען קען פארבערייטען פ א ר א חורבן, אבער א חורבן ב ו י ע ן ענטהאלט אין זיך א ווידערשפרוך, ווארים דער חורבן איז א פראדוקט פון צושטערונגס־ארבייט. איך האב זיך אבגעשטעלט אויף דעם סטיליסטישען פעהלער, ווען איך האב אפילו גאנץ גוט פערשטאנען דר. זשיטלאווסקי׳ס כונה, ווייל איך מיין, אז די גאנצע קריטיק פון דר. זשיטלאווסקי, זיין גאנצע אנשטרענגונג

צו אנאַליזירען איז אויך מעהר ניט, ווי אַ צושטערונגס־ארבייט, און אויב ד אָ ס ווערט ביי איהם בעטראַכט ווי ב ו י ע ן, האָט ער רעכט געהאַט מיט זיין אויסדרוק: ע ר ב ו י ט אַ ח ו ר ב ן.

ער פּרעדיגט צו די אידען, זיי זאָלען זיך ניט פערלאָזען אויף זייער אייגענער קראַפט, זיי זאָלען ניט בויען זייער צוקונפט אויף דעם פּרינציפּ פון זעלבסט־הילפע. ניין, די אידען מוזען זוכען „אַ שטאַרקע מאכט, וואָס זאָל זיין פעראינטערעסירט, אַז די רעכטליכע גאַראַנטיע, ד. ה. דער טשאַרטער זאָל אָבגעהיט ווערען". דר. זשיטלאָווסקי איז אַ הייסער פּאַטריאָט, און ער וויל האָבען ערבות פאר די צוקונפט פון זיין פאָלק. ער וויל שאַפען אַ צוקונפט מיט צווייפאַכער פערזיכערונג, אי פון פייער, אי פון גנבה וגזלה. דער־ריבער מוז דער ערב, דער, ביי וועמען מען פערזיכערט, זיין שטאַרק און מעכטיג, אַז די גאַנצע וועלט זאָל פאַר איהם ציטערען. ער מוז זיין דער עוג מלך הבשן און ניט שמשון הגבור, וואָרים שמשון איז דאָך פאָרט אַ איד, און דר. זשיטלאָווסקי גלויבט ניט אין די ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ג ע אידישע פּאַטענצען. ער זוכט אַ פרעמדען.

איז דאָס ניט די ש י ט ה, אנטקעגען וועלכער דר. זשיט־לאָווסקי אליין האָט זיין גאַנצעס לעבען געפיהרט מלחמה? איז דאָס ניט, אין תוך גענומען, די אַ ל ט ע, לאַנג־פערבראַקירטע פּסיכאָלאָגיע פון דעם אידען, וואָס האָט זיך צוגעוועהנט צו אַ מחיצה, אַ מחיצה צווישען איהם און זיין גאָט — דאָס איז דער פּריץ, אַ מחיצה צווישען איהם און זיין אייגענער צוקונפט — דאָס איז דער שוץ פון דער הערשענדער נאַציאָן?

און ווי קען מען קומען איצט, נאָכדעם ווי בעלגיען איז חרוב געוואָרען, און רעדען מכח פּאַפּירענע גאַראַנטיען? בעלגיען האָט זיך געהאַלטען ניט אויפ'ן גרונד פון אַ טשאַרטער; בעלגיען איז גע־ווען אַ זעלבסטשטענדיגע מדינה, צו מדינות גלייך. אלס צוגאָב האָט בעלגיען געהאַט נאָך אַזאַ מין טשאַרטער, פון וועלכען דר. זשיט־לאָווסקי קאָן גאָר ניט חלום'ען. אלע גרויסמעכטע האָבען זיך גע'חתמ'עט אויף אַ כתב צו היטען און צו שיצען דאָס קליינע, פליסיגע און ארבייטענדע מדינה'לע. דריי גרויסמעכטע האָבען איהר פערשפּראָכען הילפע נאָך אַ מינוט פאר דער מלחמה.

און וואָס האָט דאָס אַלעס געהאָלפֿען?

און פֿאַר וואָס װענדט זיך דר. זשיטלאָװסקי מיט זיין פּרעדיגט דוקא צו די אידען? פֿאַר וואָס איז ער ניט קאָנסעקווענט און וועגדט זיך ניט אויך צו די בעלגיער, למשל:

הערט צו צו מיר, ליעבע בעלגיער, פֿערנעהמט די ווערטער פֿון מיין צונג. פֿריינדשאַפֿט רעדט פֿון מיין אינערען, מיין עצה איז געגרינדעט אויף אמת. איהר האָט איצט דורכגעמאַכט אַ שרעקליכען חורבן. אייערע שטעדט זיינען צושטערט פֿון שונא, אייערע בעסטע זיהן האָבען געפֿונען אַ קאַלטען קבר אויף די שלאַכט־פֿעלדער, און הונדערט טויזענדע פֿון אייך זיינען פֿערוואָר־נעלט געוואָרען. שרעקליך איז אייער ערשטער חורבן, און ביי קיינעם פֿון אייך זאָל זיך ניט הויבען די האַנד צו בויען אַ צווייטען!

סיידען איהר וועט קריגען אַ טשאַרטער פֿון אַ שטאַרקער מאַכט, וואָס זאָל זיין פּעראינטערעסירט, אַז די רעכטליכע גאַ־ראַנטיע זאָל אָבגעהיט ווערען. פֿערלאָזט זיך אָבער ניט אויף ענג־לאַנד, פֿראַנקרייך און רוסלאַנד, וואָרים זייער שטיצע איז די שטיצע פֿון אַ צובראָכענעם ראָהר־שטאָק. זוכט אַ שטאַרקערע מאַכט.

און ניט נאָר צו די בעלגיער אַליין. עס איז דאָ נאָך אַ גוטער צעהנדליג קליינע נאַציאָנען, צו וועלכע דר. זשיטלאָװסקי קען זיך ווענדען מיט זיין פּרעדיגט.

ער וועט זיך אָבער היטען. צו אונז קומט ער מיט איהר.

דר. זשיטלאָװסקי האָט אפשר שטודירט די ציוניסטישע ליטע־ראַטור, ער האָט אָבער דעם ציוניזם ניט געלעבט; ער האָט ניט דורכגעמאַכט די זעעלישע מלחמות, וואָס די ציוניסטען האָבען דורכגעמאַכט. ער האָט זיך ניט געראַנגעלט, ער איז געשטאַנען די גאַנצע צייט ווי אַ צושויער, ווי אַ קאַלטער קריטיקער פֿון אייטען.

מיר ציוניסטען האָבען געלעבט די טשאַרטער־עפּאָכע אין ציוניזם, ווען דער שווערפּונקט פֿון דער גאַנצער אידעע כמעט איז געווען פֿערקראָכען אין טשאַרטער. איך וויל זיך קלאָרער אויס־דריקען: ווען מען האָט געגלויבט, אַז נאָר דורך אַ טשאַרטער קאָן דער ציוניזם פֿערווירקליכט ווערען. מיר האָבען אָבער אויך געפֿיהלט די סכנה, אין וועלכע דער ציוניזם קאָן פֿערוויקעלט

ווערען, ווען מיר זאָלען זיך ניט בעפרייען פון דער אַליין־הערשאפט פון דעם טשארטעריזם. דער טשארטעריזם האָט אָנגענומען דעם כאראקטער פון א פּאָליטישען אָדער ריכטיגער א דיפּלאָמאטישען משיח. און ווי אמאָל פלעגט מען ווארפען די ג א נ צ ע האָפ־נונג אויף דעם צדיק, אז ער וועט מיט ז י י ן זכות אראָבברענגען משיח'ען, אזוי איז אויך איצט ענטשטאנען א געוויסע שוואכקייט אין דער ציוניסטישער ענערגיע. מען האָט אויסגעארבייט א גע־פעהרליכע טהעאָריע: איצט זיצען און ווארטען, ב ו י ע ן וועלען מיר אָנהויבען נאָך דעם טשארטער.

און עס איז געווען א נויטווענדיגקייט פאר דעם גאנצען קיום פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציאָן, אז דער טשארטעריזם זאָל אראָב פון זיין טהראָן, און די אָרגאניזאציאָן זאָל בעקומען אַן אנדער פּלאטץ.

ניט די געגנער פון טשארטעריזם האָבען איהם געפיהרט צו דער קבורה, דאָס האָט דוקא געטהאָן איינער פון זיינע געוועזענע אנהענגער אויפ'ן אכטען קאָנגרעס, דוקא א מאן, צו וועמעס ווארט די טשארטעריסטען האָבען דאָס גרעסטע פערטרויען. מיר האָבען דעם טשארטעריזם ניט בעגראָבען, נאָר אָבגערוקט איהם אויף אַן אנדער פּלאץ.

מיר האָבען גע'טענה'ט: עס איז צו פריה צו רעדען מכח א טשארטער. מיר מוזען צוערשט האלטען עקזאמען, בעווייזען אונז אליין קודם כל און אויך דער איבעריגער וועלט, אז מיר פער־שטעהען די העכסטע קונסט צו שאפען אַן אייגען לעבען. מיר האָבען גע'טענה'ט, אז בויען מוז מען פ א ר א טשארטער און ניט נאָך דעם טשארטער. מיר האָבען פערשטאנען דעם ציוניזם ווי אַן אָרגאנישען פּראָצעס. מיר האָבען זיך געוואָלט שטיצען ניט נאָר אויף דאָס רעכט פון דער היסטאָרישער מסורה, נאָך אויך אויף אונזער רעכט אין דער געגענווארט. מיר האָבען פערשטאנען, אז פאר אונזערע שעהנע אויגען וועט מען אונז ארץ־ישראל ניט שענקען, און מיר האָבען געזוכט ממשות'דיגע זכיות. מיר האָבען זיי אויסגעגראָבען מיט אונזער אקער־אייזען אויף די אידישע פעל־

דער און וויין־גאָרטענס, מיר האָבען זיי ערוואָרבען דורך צעהנדליגע יאָהרען פון פּיאָניר־ארבייט.

און פערשטעהט דען ניט דר. זשיטלאָווסקי, אז ווען רעגיע־רונגען ברענגען איצט אין פערבינדונג דעם אידישען גורל מיט ארץ־ישראל, איז דאָס ניט געשעהן גלאַט אזוי זיך. דאָס קען געשעהן נאָר דורך די ארבייט פון דעם נייעם ישוב. ער האָט געבויט און געשמידט דעם הסכם פון די מדינות.

אלץ, וואָס עקזיסטירט, קאָן חרוב ווערען. ניט נאָר דער נייער ישוב, נאָר אפילו בעלגיען, און נאָך גרעסערע מדינות.

איינס קאָן אָבער ניט חרוב ווערען, אפילו אין דעם נייעם ישוב. דאָס זיינען די היסטאָרישע רעזולטאַטען פון דעם עפּענט־ליכען עקזאַמען, וואָס אונזער אויפלעבענד פאָלק האָט בעשטאַנען. דאָס איז קאַפּיטאַל, דאָס איז ענערגיע, וועלכע האָט זיך פערוואַנ־דעלט אין נ א צ י אָ נ א ל ־ פערמעגען.

איך געדענק, ווען דער ציוניזם איז נאָך געלעגען אין די וויקעלעך, פלעגען איהם זיינע געגנער מקבר זיין אלע מאָנטאַג און דאָנערשטאַג. ערשטענס, פלעגען זיי זאָגען, איז ער אין גאַנצען מעהר ניט ווי א שווינדעל, צווייטענס איז ער צו שוואַך, דריטענס שטערט ער אונז, און פערטענס — לאָמיר איהם מאַכען א לויה, זאָלען זיך די ציוניסטען דערשרעקען. און מערקווירדיג, אויך אמאָל פלעגען צו דער לויה די געגנער פון ציוניזם ווערען מיט אמאָל אזוי צאַרט אין זייערע געפיהלען. זיי פלעגען אָפּטמאָל אפילו דערצעהלען זיינע שבחים.

מיר ציוניסטען האָבען אין דער טאַקטיק געזעהן א בעליי־דיגונג. עס ווערט דערצעהלט, אז צו יעקב אָבינו׳ס לויה האָט מען ניט געוואוסט, אין וועלכען סדר זאָלען די שבטים טראָגען די מטה. און זיי האָבען פערנומען א שטימע: טראָגט אייער טאַטען נאָך דעם גראַד פון אייער ליעבע צו איהם, בשעת ער האָט געלעבט.

איז, חלילה, חרוב געוואָרען דער נייער ישוב, בעטען מיר איך, „פריינד“, פערגיסט ניט קיין טרעהרען, זאָגט ניט קיין קינות.

עס וועלען קומען די קינדער, זיינע א י י ג ע נ ע קינדער, זיי וועלען איהם טראָגען צו זיין אייביגער רוה.

ירמיה האָט מחבר געווען די קינות אויף דעם ערשטען חורבן, און זיי האָבען זייער קראַפט נאָך ניט פערלאָרען עד היום הזה.

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז יעדער, וואָס מאַכט קינות, ווערט אַ ירמיה.

ירמיה איז געווען גרויס אין זיין טרויער, נאָך גרעסער איז ער אָבער געווען אין זיין האָפנונג און נאָך גרעסער אין דער קראַפט פון זיין ערמונטערונג.

ניט נאָר אין ארץ ישראל — די גאַנצע אידישע וועלט איז דורך דער מלחמה דערשיטערט געוואָרען. אַ גרויסער חלק פון דעם וואָס אונזער פאָלק האָט מיט אַזוי פיעל מיה געשאַפען, איז צו־שטערט געוואָרען. מיר האָבען שוין פיעל פערלאָרען און מיר ווייסען נאָך ניט, וואָס עס וועט אונז ברענגען דער מאָרגען.

און עס איז דער הייליגסטער חוב פון אונזערע וואָרט־פיהרער, פון די, וואָס האָבען דאָס גליק משפיע צו זיין אויף אַ געוויסער סביבה, גרעסער אָדער קלענער, זעהן צו דערהאַלטען די האָפנונג אין פאָלק, צו שטאַרקען זיין בטחון אין זיין אייגענער קראַפט און אין זיין א י י ג ע נ ע ר צוקונפט.

אַ שווערע אויפגאַבע, אָבער די איינציג ווירדיגע!

28 יאנואר, 1915.

די צווייערליי מדרגות פון אַ גלות־פּאָלק.

עס שרייבט מיר אַ פריינד פון ענגלאַנד:

„וואָלסט דו נאָר געזעהן, ווי עס פיהרען זיך אויף די רייכע בעלגיער, וועלכע זיינען געקומען איבער ענגלאַנד, הויפּטזעכליך איבער לאָנדאָן, ווי אַ געוויסער. זיי פערנעהמען די פיינסטע האָטעלס און קומען יעדען טאָג צו דער הויפּט סעודה אויסגעפּוצט נאָך דער לעצטער מאָדע, די מענער אין פראַק און לאַקיר־שיך, די פרויען אין זייד און פּלוש, דעקאָלטירט נאָך אַלע תגין, גלייך ווי בעלגיען, דאָס ארבייטענדע, קאָכעדיגע, לוסטיגע און פרעהליכע מדינה'לע וואָלט נאָר ניט דורכגעמאַכט קיין חורבן, גלייך ווי די בעלגישע פּאָהן האָט זיך ניט איינגעבויגען אין צווייען פאַר דעם דייטשען אָדלער, גלייך ווי די פיינסטע פּאַלאַצען פון דער רייצענ־דער שעהנהייט בריסעל און פון דער חנ'עוודיגער שטאָדט ליעזש זיינען גאָר ניט בעזעצט געוואָרען פון פרעמדע אָפיצירען און בע־אַמטע, גלייך ווי אין לאַנד איז גאָר ניט געקומען דער עראָבערער, דער זיעגרייכער שונא. איז דאָס דען ניט שרעקליך. דער עראָבערער איז פרעמד אין דער נייער מדינה. די מדינה, מענשען, זיטען, מנהגים זיינען פאַר איהם פרעמד. פאַר'ן עראָבערער עקזיסטירט ניט די מסורה, די טראַדיציע, וועלכע איז דאָך סוף כל סוף די איינציגע פערבינדענדע קראַפט צווישען דור און דור, תקופה און תקופה. דער עראָבערער ברענגט מיט זיך זיינע דינים, זיינע אייגענע מנהגים, זיין אייגענעם געשמאַק, ער זוכט ווי אומצוגעשטאַלטען, ווי אומ־צוענדערען. איז דאָס דען ניט שרעקליך?

„און די קאַלטבלוטיגע בעלגיער. איך קאָן זיי פשוט ניט בעגרייפען. ווי צושפּרינגט אין זיי ניט דאָס הארץ, ווי ליעגט זיי נאָך אין קאָפּ אָנצוטהאָן די יום־טוב'דיגע קליידער, ווי קענען זיי זיך נאָך פּוצען. זעק האָבען זיי געדאַרפט ארויפציהען אויף

זייערע לייבער, מיט אש בעשיטען די קעפּ, זעצען זיך ווי עס זיצען אבלים און זאָגען קינות אויף זייער גרויסען חורבן.

„דערמאָן זיך נאָר. א ו נ ז ע ר חורבן איז אַלט. מיט טויזענדער פון יאָהרען צוריק איז צושטערט געוואָרען אונזער טעמ־פעל. מיר האָבען זיך שוין כמעט פערגעסען, ווי אונזער הער־ליכקייט האָט אמאָל אויסגעזעהן. ווייסט דו, פריינד, אָפּטמאָל גלויבט עס זיך מיר גאָר ניט, אז מיר האָבען טאַקע באמת געוועלטיגט איבער א ן א י י ג ע נ ע ר מדינה, אז אונזער פאָלק האָט גע־לעבט נאָך דעם וואונש פון זיין אייגענער נשמה, זיך פאַר קיינעם ניט געבוקט, קיינעם ניט נאָכגעמאכט, זיך געליעבט ז י י ן לאַנד אָט ווי גאָט האָט געבאָטען. גאָר אָפּטמאָל דוכט זיך מיר אוים, אז דאָס איז מעהר ניט ווי אַן אַלטער חלום. ער האָט זיך אמאָל גע'חלומ'ט אונזערע עלטער־זיידעס, זיי האָבען זיך אָנגעכאַפּט אָן איהם, אָן דעם חלום, און זיי האָבען איהם דערצעהלט זייערע קינדער, און די קינדער די קינדס־קינדער. דער גלות איז ביטער, טראַכטען זיי זיך, דער חלום וועט וועקען האָפנונג, די האָפנונגען וועלען זיך אָנזאַמלען אין דעם משך פון דורות און צום סוף וועט קומען דער גליקליכער דור מיט זיין אייגענעם בן־יוסף, און ער וועט פותר זיין דעם חלום.

„דערמאָן זיך נאָר. א ו נ ז ע ר צער איז אַלט, דורך דורות איז אויסגעוועפּט געוואָרען זיין קראַפט — און דאָך לעבען מיר נאָך ביז היינטיגען טאָג ווי אבלים. געדענקסט דו די „דריי וואָכען“, די „ניין טעג“ און דעם „תשעה באָב“ אַליין? געדענקסט דו דעם זיידען'ס הויז, דעם גלעזערנעם גאַנעק און די שעהנע, העלע, ליכטיגע חדרים, און אין איטליכען חדר איבער'ן טהיר אַ גרויסער, פיער־קאַנטיגער פלעק, ניט געקאַלכט, ניט בעקלעבט: דאָס איז דער „זכר לחורבן“, דער סימן פון אבלות? היינט געדענקסט דו דעם „שבת חזון“, ווען די שעהנסטע בעלי בתים פלעגען געהן געקליידעט גאָר וואָכעדיג, אפילו קיין העמד ניט איבערגעביטען? היינט געדענקסט דו, וואָס פאַר אַן אומעט עס פלעגט זיך אראָב־לאָזען איבער גרויס און קליין, ווען דער בעל־קריאה פלעגט מיט אמאָל איבערגעהן צו דעם ניגון פון „איכה“ ביים פסוק „איכה

אשא לבדי טרחכם ומשאכם ?" היינט גערענקסט דו דעם הייליגען שוידער, וואָס פלעגט אָנכאַפּן אַלעמען צו „ארזי הלבנון ?"

„אָט אַזוי ברענט ביי אונז דער היסטאָרישער שמערץ. ער־קלעהר־זשע מיר, איך בעט דיך, זיינען מיר טאַקע צולאָזען, זיינען מיר טאַקע אַנדערש ווי די אַנדערע, האָבען אונז טאַקע פּערצוויגען אונזערע נביאים, וואָס פלעגען צווישען איין שטראַף־רעדע און דער אַנדער שטראַף־רעדע אונז אַ גלעט טהאָן פאַר'ן באַק, ווי מען גלעט אַ בן־יחיד'על ? האָבען טאַקע אויף אונז געווירקט פּסוקים ווי „הבן יקיר לי אפרים ילד שעשועים", ווי דער „זיידע" טייטשט דאָס איין: „אַ טהייער זוהנדעל איז ער מיר אפרים, אַ קינד אַ צאַצקע" ?

„זעה קוק אויף די בעלגיער. די וואונדען זיינען פריש, און נאָך וואָס פאַר וואונדען, און זיי, די בעלגיער, פּוצען זיך אויס, און זייערע פרויען זיינען נאָך דעקאָלטירט, גלייך ווי ניט זיי מיינט מען ?"

אַזוי שרייבט מיר מיין פריינד פון ענגלאַנד. ער שטעלט אַ האַרבע קשיא, און דאָך זעהט זי אויס האַרב נאָר אין פלוג.

קאָן מען דען רעדען וועגען אונפּאַטריאָטישע אָדער גאָר קאַלט־בלוטיגע בעלגיער, ווען מיר זעהען, מיט וואָס פאַר אַ מוטה, מיט וואָס פאַר אַ פערצווייפלונג זיי קעמפּפען נאָך איצט. זיי זיינען ענטשלאָסען ניט אונטערצוגעבען זיך ביז צום לעצטען סאָלדאַט, ביז צום לעצטען טראָפּפען בלוט. זיי האָבען זייער „התקוה" און ציהען אין שלאַכט מיט דעם הייליגען פערז: „נאָר מיט דעם לעצ־טען בעלגיער איז אונזער לעצטע האָפנונג!" בעוואונדערען מוז מען זיי, זייער העלדענמוטה, זייער מסירת־נפש.

קאָן מען אפשר מיינען: דאָס זיינען די קעמפּפער, דאָס זיינען די אמת'ע פאָלקס־זיהן, אָבער די אַנדערע, די אַנטלאָפענע, זיינען די שוואַכע עלעמענטען און דעריבער פיהלען זיי ניט אַזוי דעם פאָלק'ס צער, דעריבער זיינען זיי ניט צוזאַמענגעבראָכען געוואָרען אונטער דער משא פון פאָלק'ס חורבן. זיי זיינען די א י י נ־צ ע ל נ ע, און יעדער פון זיי זוכט רעטונג פאַר זיך, פאַר זיך אַליין ?

דאָס וואָלט אָבער אויך געווען אַ טעות. דאָס וואָלט געווען אַ ניט־בעגרינדעטער אורטהייל, אַ ניט־פערדיענטער פאָרוואורף, וועלכען קיינער האָט קיין רעכט ניט צו מאַכען צו די אַנטרונענע בעלגיער. זיי זיינען ניט שוואַכער אין זייערע פּאַטריאָטישע גע־פיהלען פאַר זייערע קעמפּפענדע ברידער, זיי זיינען ניט עגאָאיס־טישער, און ווען דער גורל וואָלט געפאַלען אויף זיי, וואָלטען זיי מיט דעם זעלבען אָפּפער־מוטה מקריב געווען זייער לעבען, ווי עס טהוען דאָס איצט זייערע העלדישע ברידער אויף די שלאַכט־פעלדער.

אָבער מען זאָל ניט מיינען, אַז עס איז אַזוי לייכט צו מאַכען אַ הסכם, אפילו ביי זיך אַליין, אַז מען איז חרוב. מען זאָל ניט מיינען, אַז דער איבערגאַנג פון אַ זעלבסטשטענדיגער, פרייער פּסיכאָלאָגיע צו אַ גלות־פּסיכאָלאָגיע קאָן געשעהן מיט איין מאָל, אָט פון היינט אויף מאָרגען. דער שונא קאָן חרוב מאַכען דאָס לאַנד, צושטערען פּאַלאַצען, פערברענען הייזער, אומברענגען מענ־שען, אָבער עס איז דאָ עטוואָס ביי יעדעם פאָלק, איבער וואָס דער שונא האָט קיין שליטה ניט. עס איז דאָ דער גייסט פון פאָלק, דער איינהייטליכער גייסט, וועלכער דריקט זיך אויס אויף טויזענדערליי אופנים אין אַלע שעפּפונגען פון פאָלק, אין סדר פון לעבען, — מיר רופען דאָס קאָנסטיטוציאָן, — אין קונסט, ליטעראַ־טור, אין מנהג און געשמאַק. זיינען דאָ פּראָדוקטען פון גייסט, וועלכע דער שונא קאָן צושטערען, זיינען דאָ אַנדערע פּראָדוקטען, וועלכע זיינען געשיצט אפילו פון גרעסטען שונא — העכער פון זיי שטעהט דער גייסט אַליין, ער קאָן קיין מאָל ניט איינגענומען ווערען. אייזען קאָן איהם ניט שניידען, קוילען קאָנען איהם ניט דורכ־לעכערן, „וואַסער קאָן איהם ניט אויסלעשען" און „טייכען קאָנען איהם ניט פערפלייצען".

יעדע אומה האָט איהר „שכינה". זי איז די בעשיצערין, די העכסטע בעשיצערין פון פאָלקס־גייסט. און כל זמן די שכינה האָט זיך ניט אָבגעטהאָן, גיט דאָס פאָלק די האָפנונג ניט אויף. דורך דעם „גלות השכינה" קומט ערשט דאָס פאָלק לאַנגזאַם צו דער אַנערקענונג פון איינענעם גלות, צו דער אַנערקע־

נונג פון דעם פשוט׳ען, ממשות׳דיגען גלות. דאָס פאָלק וויל שאַפען, וויל זיך אויסלעבען מיט דער אַמאָליגער אונגעבראָכענער קראַפט, און דאָ פּיהלט עס, עס פעהלט עטוואָס, עפּעס איז דאָ אַ מניעה, עפּעס זיינען דאָ שטערונגען, עפּעס איז דאָ אַ געגענקראַפט. און עס הויבט אָן צו מאַכען הנחות, אַ מדרגה נאָך אַ מדרגה. דאָ הויבט זיך ערשט אָן דער גלות, דאָ הויבען זיך אָן די זעעלישע יסורים, מען פּיהלט זיך געבונדען, אַרומגערינגעלט פון פּלשתים...

אויך די „שכינה" וואַנדערט ניט אויס מיט אַמאָל. זי ראַנגעלט זיך מיט זיך אַליין, איידער זי געהט אין גלות. איידער אונזער „שכינה" האָט אויסגעוואַנדערט מיט אונז, — אַזוי דערצעהלט אונז אַן אַלטע אגדה, — האָט זי געמאַכט צעהן נסיעות: פון דעם אָרון אויף די בדים, פון די בדים אויף די כרובים, פון די כרובים אויף דעם מזבח און אַזוי וויטער, ביז זי איז געקומען צום הר הבית, און פון דאָרט האָט זי צוזאַמען מיט אונז אויסגעוואַנדערט אין די גלות־לענדער...

מיר דאַרפען בשום אופן ניט פעראורטהיילען די בעלגיער אין לאַנדאָן און אין אַנדערע ערטער, וועלכע פיהרען זיך נאָך אויף ווי שטאָלצע קינדער פון אַ שטאָלצען פאָלק און ציהען אויף זיך אין דער פרעמד ניט אַרויף דעם חורבן. מיר טאָרען זיי ניט חושד זיין, אַז זיי פיהלען ניט געגוג טיעף זייער נאַציאָנאַלען שמערץ, מיר טאָרען זיי ניט בעליידיגען. און אַזאַ בעשולדיגונג וואָלט געווען די גרעסטע בעליידיגונג פאַר זיי.

מיר דאַרפען זיי מעהר ניט ווי פערשטעהן און מיטפיהלען מיט זיי אין זייער צער.

ווער ווייס, אפשר האָבען זיך גאָר אַמאָל אונזערע עלטערזיידעס בשעת׳ן חורבן אויך אַזוי בענומען.

בעסער בלייבען שטאָלץ און שמיעדען געדאַנקען ווי אַזוי צו דערלאַנגען די פערלאָרענע פרייהייט.

4 פעברואַר, 1915.

אונזער בילדונגס־נויט

נאָך דעם אופן, ווי אַ פאָלק פערהאַלט זיך צו זיין יוגענד און צו אַלע פראַגען, וואָס זיינען פערבונדען מיט דער פאָרבערייטונג פון דער יוגענד צום פראַקטישען לעבען, קאָן מען אורטהיילען איבער דעם קולטור־שטאַנד פון דעם בעטרעפענדען פאָלק. וואָס העכער דער קולטור־שטאַנד איז, שטייגען אַלץ מעהר די זאָרגען פון פאָלק פאַר די ערציהונג פון דער יוגענד. מען פערלאָזט זיך ניט אויף די ירושה, וואָס דער אַלטער דור גיט איבער דעם נייעם, מען זוכט מיטלען, אַז דער נייער דור זאָל אויפ'ן אייגענעם חשבון און דורך זיינע אייגענע קרעפטען קאָנען פערמעהרען דאָס פאָלקס־פערמעגען. עס טאָר ניט געבען קיין שטילשטאַנד אין דער ענט־וויקלונג, וואָרים יעדער שטילשטאַנד איז אַ ריקשריט, מחמת דעם איינעם, וואָס עס זיינען דאָ פעלקער, וועלכע שטעהען ניט אויף איין אָרט, וועלכע מאַכען שטענדיג פאָרטשריט און בעוועגען זיך אָהן הפסקות אימער פאָרווערטס. וויל מען ניט בלייבען פון הינ־טען, מוז מען האַלטען שריט, מוז מען שטענדיג מאַרשירען און אויסנוצען אלע כחות צו דערגרייכען די העכסט מעגליכע שטופע פון פראָגרעס.

מען קאָן ניט מעהר אָבטהיילען אין לעבען פון די פעלקער די עקאָנאָמישע זייט פון דער ציוויליזאַטאָרישער, און די ציוויליזאַ־טאָרישע פון דער קולטורעלער. דער וואָהלשטאַנד פון אַ פאָלק העננט ניט מעהר אָב פון דעם פליים פון דעם איינצעלנעם אָדער פון די בעשעפטיגונגס־צווייגען, פון וועלכע דאָס פאָלק ציהט חיונה. אין גרויסען וועלט־קריעג, אין גרויסען קאַמפף פון די פעלקער פאַר דאָס דאזיין, פאַר דעם קיום, איז ד ע ר מנצח, ווער עס האָט אַ געבילדעטע יוגענד, ווער עס איז דורכגעגאַנגען אַ בעסערען חדר און ארויסגעטראָגען פון חדר שאַרפערע כלי־זיין.

ניט פון קרופּס קאַנאָנען שטאַמט דייטשלאַנד'ס גרויסקייט, ניט דורך מיליטערישע אויסבילדונג האָט דייטשלאַנד איינגענומען אין די לעצטע פאַר דורות אזא וויכטיגע פּאָזיציאָן צווישען די פיהרענדע מדינות. אזוינע מעשיות קאָן מען דערצעהלען נאָר אין מלחמה־צייט, ווען מען איז פערבלענדעט און מען וויל זעהן נאָר די שטעכעדיגע זייט פון דער געשיכטע. דייטשלאַנד איז גרויס געוואָרען, ווייל דאָס פאָלק האָט זיך פערטיעפט אין די וויסענשאפט, ווייל עס האָט געשטרעבט דורות־לאַנג נאָך א הויכען ציעל, אז די וויסענשאַפט, ווי ווייט מעגליך, זאָל אריינדרינגען אין אלע פאָלקס־קלאַסען, ווייל עס האָט אויסגעבויט די בעסטע פאָלקסשול, און נאָך דער פאָלקסשול די מיטעלשולען און אויך די העכערע בילדונגס־אנשטאַלטען האָבען בעקומען א וועלט־נאָמען, און פון אלע עקען האָבען זיך געצויגען צו זיי יונגע און דערוואקסענע תלמידים. דערין, און נאָר דערין ליעגט דער סוד פון דייטשלאַנד'ס שנעלער ענטוויקלונג.

יעדער, ווער עס האָט נאָר געהאַט צו טהאָן מיט ארבייטער, וויס, אז איין דייטשער ארבייטער בעשטעהט אין זיין לייסטונג פאַר צוויי און אָפטמאָל פאַר דריי רוסישע ארבייטער ביי א קלע־נערער צאָהל פון ארבייטס־שטונדען. דער דייטשער מויערמייס־טער, דער סטאָליאר, דער שלאָסער האָט געלערענט געאָמעטריע און צייכנען, ער קאָן לייענען א פּלאַן, ער מאַכט ניט קיין טעות. דער דייטשער גערטנער האָט געלערענט באָטאַניק, כעמיע און פיזיאָ־לאָגיע פון די פלאַנצען. מיט איין וואָרט, איטליכער איז דאָרט בעשטרעבט צו זיין א געבילדעטער פאַכמאַן. היינט ווער רעדט שוין פון די העכערע בעשעפטיגונגס־צווייגען, פון די אזוי־גערופענע פרייע פעכער.

איך האָב אָנגעפיהרט דייטשלאַנד נאָר אלס א ביישפּיעל, אלס א בולט'דיגען ביישפּיעל, ווייל דייטשלאַנד האָט אין לעצטען האַל־בען יאָהרהונדערט ארויסגעוויזען מעהר ענערגיע און מעהר קראַפט ווי די אנדערע פעלקער, און האָט געשאַפען א בילדונגס־סיסטעם,

וואָס קאָן נאָר דערוועקען קנאה ביי געגנער און נאָכאַהמונג ביי די, וואָס פיהלען ניט קיין שנאה צו דייטשלאַנד.

איך האָב אָבער איצט ניט די אַבזיכט צו שילדערען די גייסטיגע און עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פון דייטשלאַנד. איך וויל נאָר זאָגען איניגע ווערטער וועגען אונזערע אייגענע צרות. איך האָב זיך אָבגעשטעלט אויף דייטשלאַנד, נאָר כדי דער קאָנטראַסט זאָל זיין מעהר ניכר.

וואָס זאָל מען זאָגען. דורך די בעשרענקונגען אין רוסלאַנד, פוילען, גאַליציען, רומעניען און צום טהייל אויך אין אַנדערע מדינות, זיינען מיר געבליבען הינטערשטעליג אויף אַלע געביטען פון פאָלקס-לעבען. מיר מאַכען דורך אין די לעצטע דורות אַ כראָנישען חורבן. אַ צושטערונגס-פּראָצעס פרעסט זיך איין וואָס וויטער אַלץ טיעפער אין אידישען פאָלקס-קערפּער.

געהט אין די אידישע צענטרען, וועט איהר זעהן, אַז כמעט אומעדום ווערט דער אידישער בעל־מלאכה פערדרענגט פון דעם ניט־אידען. אַפילו אין ווילנאַ און אין בערדיטשעוו, אַפילו אין וואַרשאַ און אין ביאַליסטאָק קאָנט איהר בעאָבאַכטען די זעלבע ערשיינונג, און אַפילו דאָרט, וואו די ארבייטסגעבער זיינען אידען, האָט די קאָנקורענץ פון דעם ניט־אידישען אַרבייטער אָנגענומען שרעקליכע דימענזיאָנען. געוועהנליך דערקלעהרט מען דיזע ערשיינונג מיט דעם געזעלשאַפטליכען אַנטיסעמיטיזם, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען ניט אידישע ארבייטגעבער, און מיט מורא און חניפה, וואו מיר האָבען צו טהאָן מיט אידישע ארבייטגעבער. אָבער דאָס איז נאָר אַ האַלבע ערקלעהרונג. עס איז דאָ נאָך אַ טעם: דער אידישער אַרבייטער און האַנדווערקער איז אָבגעשטאַנען אין זיין ענטוויקלונג אַפילו פון זיינע רוסישע און פוילישע קאָנקורענטען. נסים געשעהען ניט, מיט גוטע פעהיגקייטען קאָן מען עטוואָס דערגרייכען, נאָר ווען מען נוצט אוים די פעהיגקייטען און מען ענטוויקעלט זיי. פעהיגקייטען ענטוויקלע קאָן מען אָבער נאָר דורך לערנען.

די אידישע בעפעלקערונג איז אָבער אָנגעוויעזען אויף זיך

אַליין. די רוסישע רעגיערונג בעמיהט זיך דוקא צו דערשטיקען די אי־דישע פעהיגקייטען, זי לאָזט ניט צו די אידישע קינדער אין די אלגע־מיינע פאָלקסשול. און זי לאָזט אין דערזועלבער צייט ניט צו, אז די אידען זאָלען אויף׳ן אייגענעם חשבון לכל הפחות האָבען דאָס רעכט צו גרינדען אייגענע שולען. זי לאָזט אפילו ניט צו, אז דער אידישער חדר, אויף וועלכען די אידישע בעפעלקערונג גיט אויס פון פופצעהן ביז צוואנציג מיליאָן רובעל יעהרליך, זאָל מאָדער־ניזירט ווערען און זיך אָנפּאַסען אָן די צייט־פאָדערונגען. אריט־מעטיק און געאָגראפיע, געשיכטע און נאטור־וויסענשאפט, אפילו די לאנד־שפּראך ווערען בעטראכט ווי קאָנטראַבאַנדע, און זיי בלייבען אויסגעשלאָסען פון אידישען חדר.

דאָס זיינען אלץ בעקאנטע זאכען. נאָר גראד ווייל זיי זיינען בעקאנט, ווייל יעדער ווייס זיי, האָבען מיר כמעט ווי אויפגעהערט צו רעדען וועגען זיי. און דערין טאקע שטעקט די גרעסטע סכנה פאַר אונזער קיום. מיר גיבען זיך נאָך א צאפּעל ביי א קאטאַ־סטראָפע און זיינען געוואָרען גלייכגילטיג צו אונזער כראָנישען חורבן.

איך געה איבער צו די העכערע געביטען, צו די אינטעליגענטע, פרייע פּראָפעסיאָנען, און אויך דאָ מוזען מיר קאָנסטאטירען צו אונזער גרויסען בעדויערען, אז מיט דעם אויבערבוי שטעהט עס ניט בעסער ווי מיט דעם אונטערבוי. זיי זיינעןביידע צופוילט.

רעדט מען מכח די אינטעליגענטע פּראָפעסיאָנען, שטויסען מיר זיך נאָך אָן צו אלע צרות אויף פּאראורטהיילען, וועלכע הער־שען אין דער אידישער וועלט גופא. און מיט א פּאראורטהייל איז תמיד זעהר שלעכט, מען קאָן איהם ניט אויסוואָרצלען, וויפיעל מען זאָל זיך ניט בעמיהען צו בעווייזען, אז ער איז גרונדלאָז.

ווער ווייס ניט די שטענדיגע טענות צו אונזער יוגענד. מען מאַכט איהר צום פּאָרוואורף וואָס זי וויל דוקא שטודירען. מען לאַכט און מען פערשפּאָטעט דעם שוסטער און דעם שניידער וואָס פער׳משכנ׳ט די לעצטע חפצים, אבי זיין זוהן זאָל זיין א דאָקטאָר, אן אדוואָקאט אָדער אן אינזשענער. און מען דערצעהלט ווייטער מעשיות פון א גרויסער איבער־פּראָדוקציאָן אין די אינטעליגענטע

בעשעפטיגונגען, וואָרים והא ראיה — דער מקח פון אינטעליגענטע חתנים איז געפאַלען. און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער.

איבערהויפּט האָבען ליעב ארויסצוקריכען מיט אזעלכע טענות די אידישע גבירים. ערשטענס שטעקט אין יעדען אידען א גרויסער אָדער א קליינער ניצוץ פון א מגיד, צווייטענס אָבער האָט דער גביר בטבע ליעב צו זאָגען מוסר. ווייל ער פיהלט זיך בערופען צו פערבעסערען די וועלט, — ניט אומזיסט האָט איהם גאָט בעשאָנקען מיט רייכקייט — הערען מיר שטענדיג פון דער צולאָזענקייט פון דער אידישער יוגענד, וואָס זי וויל דוקא שטודירען. און ווען מען לאָזט זי ניט צו צום שטודיום אין דער היים, ערלויבט זי זיך נאָך צו פאַהרען אין אויסלאַנד, אַנצופילען דאָרט די פרעמדע אוניווערזיטעטען און צו מאַכען ר ש ע ו ת. רשעות איז א ספּעציעלער אויסדרוק פון די דייטשע אידען. רשעות מאַכט יעדער איד, וואָס פערשטעלט זיך ניט פאר א גוי; רשעות מאַכט יעדער אידישער סטודענט, וועלכער איז ניט אין שטאַנד צו פיהרען אזא רייך לעבען, ווי זיינע ניט־אידישע חברים.

ווי פאַלש און אונבעגרינדעט זיינען אָבער אזעלכע טענות! איך געה ניט אריין אין תוך, צו בעטראַכטען דעם גרויסען פערברעכען, וואָס די אידישע יוגענד בעגעהט, ווען זי שטרעבט אפילו מעהר ווי יעדע אנדערע יוגענד נאָך העכערער בילדונג. מיר וואָלטען זעהר לייכט געקענט בעווייזען, אז אין אזא טענדענץ שטעקט מעהר פ י י נ ק י י ט, מעהר מ ע נ ש ל י כ ק י י ט און אויך מעהר י ו ש ר ווי אין דער מאָדערנער ווילדער יאָגעניש צו ווערען דוקא א מ י ל י אָ נ ע ר. אָבער איך האַלט אזא מין וכוח א י צ ט פאַר איבעריג, ווייל אויב די אידען אין רוסלאַנד, אין פּוילען און אז. וו. ליידען יאָ פון עטוואָס, איז דאָס ניט פון אָן איבערפּראָדוקציאָן אין די אינטעליגענטע פּראָפעסיאָנען, נאָר אומגעקעהרט — פון א מורא׳דיגען ד ו ח ק אין דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, אינזשענערען, לעהרער, טעכניקער און אז. וו.

מיר פערפאַלען אין דעם זעלבען טעות, אין וועלכען עס פערפאַלט די רוסישע רעגיערונג, ווען זי מאַכט דעם חשבון מכח די

אידען. דער אונטערשיעד איז נאָר, וואָס די רוסישע רעגירונג מאַכט דעם טעות מיט אַ כונה, כדי עס זאָל ניט אַרויסשטעקען איהר געמיינהייט, און אונזערע טאַנצען נאָך און אָפּעריר'ען מיט פאַלשע צאָהלען.

די אידישע בעפעלקערונג איז אַ שטאָדטישע בעפעלקערונג, און דעריבער טאָר מען זי ניט פערגלייכען מיט דער אַלגעמיינער רוסישער בעפעלקערונג און אויסרעכענען די פּראָצענטען, וואָס פאַלען אוים אויף דעם אידישען חלק אין בילדונג און אין עהנליכע זאַכען לויט דעם אַריטמעטישען חשבון. דאָס איז דער ערשטער טעות. ווייטער מוז מען געדענקען, אַז די אידישע אינטעליגענטע יוגענד האָט פאַר זיך נאָר ווינציג בעשרענקטע מעגליכקייטען צו וועהלען אַ בעשעפטיגונג אין לעבען, בשעת די ניט־אידישע יוגענד פערטהיילט זיך אויף אונצעהליגע אַנדערע געביעטען. דעריבער מוז מען אויסרעכענען די אידישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען און אַז. וו. נאָך דער צאָהל פון דער געזאַמטער ניט־אידישער אינטעליגענץ, און דאַן וועט ערשט אַרויסקומען, ווי וועניג די אידישע יוגענד איז פּראָצענטואַל פערטרעטען אין די אינטעליגענטע בעשעפטיגונגען.

די רוסישע רעגירונג פערשטעהט אָבער גאַנץ גוט די בעדייטונג פון דער אינטעליגענץ פאַר דאָס פאָלק און דעריבער בעמיהט זי זיך טאַקע אין דער לעצטער צייט אַבצושניידען דער אידישער יוגענד דעם וועג צו די אינטעליגענטע בעשעפטיגונגען, און אויב עס זאָל אַזוי ווייטער געהן, שוועבט איבער אונז איינע פון די גרעסטע סכנות: מיר וועלען ווערען גייסטיג בעטעלאָרים, מיר וועלען ווערען שלעפּער, מיר וועלען נאָר פון ווייטען נאַכהינקען נאָך דער מענשליכער קולטור און מיט דער גייסטיגער אַרימקייט מוז אויך קומען די עקאָנאָמישע געפאַלענהייט און אַבגעלאָזענקייט, צום סוף וועט קומען די נאַציאָנאַלע שוואַכקייט און מיר וועלען ניט האָבען מעהר קיין כח צו קעמפּפען פאַר אַן אַנשטענדיגעס דאַזיין.

עס איז נאַאיוו און איינפאַך עם הארצ'יש לעכערליך צו טענה'ן,

אַז די גאַנצע שאלה איז נוגע נאָר די עטליכע טויזענד סטודענטען, אָדער די רייכערע און די נאָכגעגעבענע קלאַסען. סיידען מיר זיינען געפּלאָגט מיט בלינדהייט און מיר פערשטעהען ניט מעהר דעם אלף־בית פון אַ פאָלקס־לעבען.

אין דעם מאָמענט, ווען די מיליאָנען אידען אין רוסלאַנד, אין פּוילען און אין רומעניען וועלען ניט האָבען מעהר קיין אייגענע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, טעכניקער, פּעדאַגאָגען און אַזוי ווייטער — איך וויל גאָר ניט שילדערען ווי דאָס אידישע לעבען וועט דאַן אויסזעהן.

לאָמיר זיך צוקוקען צו די ציגיינער אין אייראָפּאַ און צו די שווארצע אין אַמעריקאַ...

ווער מען אַזאַ פּערספּעקטיווע איז ליעב, זאָל ער דאָס זאָגען אָפען, אָבער זאָל ער זיך ניט פערבאַריקאַדירען הינטער פאַלשע חשבונות, גבירישען מוסר און עם הארצישע גלייכגילטיגקייט.

מיר ווילען גאָר ניט געהן ווייט. מיר שטעלען נאָר איין שאלה: פאַר וואָס גרינדען אונזערע רייכע, אפילו אין די לענדער וואו די אידען בעריהמען זיך צו האָבען שוין אַלע פּריוויליגיעס, דוקא אייגענע האָספּיטאַלען און אייגענע אַנשטאַלטען פאַר יתומים, פאַר אַלטע און שוואַכע? מען וועט זאָגען: כשרות! דעם תירוץ קאָן מען דאָך געבען אַ פּרעמדען, אָבער זיך אַליין וואָס וועלען זיי זאָגען? ווילען זיי דען ניט, אַז זייערע קראַנקע זאָלען בעהאַנדעלט ווערען פון אייגענע דאָקטוירים? ווילען דען זיי ניט האָבען אויך אייגענע לעהרער, כדי זייערע קינדער זאָלען זיך כאָטש אַ ביסעלע פיהלען היימישער?

פיעל, פיעל הארבע קשיות האָבען מיר געקאָנט שטעלען די קריטיקער פון אונזער רוסישער און פּוילישער, גאַליציאַנער און רומענישער יוגענד. מיר וועלען דאָס נאָך ביי אַ פּאַסענדער גע־לעגענהייט טהאָן.

דאַנקבאַר האָבען מיר געמוזט זיין אונזער שטודירענדער יוגענד, וואָס זי איז זיך מקריב אין דער פרעמד, הונגערט און ליידט, און ווענדעט אָב די שרעקליכסטע קאַטאַסטראָפע פון אַ

גרויסען חלק פון אונזער פאָלק. נאָר לצנים אָדער אונוויסענדע זייגען ניט אין שטאַנד אָבצושעצען דעם ריכטיגען ווערטה פון אונזער שטודירענדער יוגענד. נאָר די, וואָס ווייסען ניט, וואָס אונזער יוגענד האָט דורכצומאַכען אין די פרעמדע אוניווערזיטעטען און האָכשולען, אויף וויפיעל זאַכען זי מוז מוחל זיין, וועלכע א נאָרמאַלע, היימישע יוגענד קאָן ניט מוחל זיין — נאָר די וואָס ווייסען דאָס ניט, קאָנען זיך פערהאַלטען גלייכגילטיג צו דעם גרויסען פּראָבלעם פון אונזער יוגענד.

די יוגענד פון א פאָלק, ווען זי ווערט ניט ריכטיג געשטיצט אין איהרע בעשטרעבונגען נאָך וויסען און בילדונג, איז א י ת ו מ ד י ג ע יוגענד. א פאָלק אָהן א יוגענד, וועלכע שטרעבט נאָך וויסען און בילדונג, איז א גייסטיגער עקר.

אונזער שטודירענדע יוגענד, וועלכע איז צווייט און צושפּרייט אין פערשיעדענע פרעמדע מדינות, ליידעט איצט דאָפּעלט. מען קאָן זיך גוט פאָרשטעלען איהרע נייע ליידען צוליעב דער מלחמה, ווען עלטערען און פריינד זיינען חרוב געוואָרען אין דער היים, און זי איז געבליבען אין מיטען וועג, ניט אַהין, ניט אַהער.

מיר ריזיקירען איצט צו פערליערען דאָס ביסעלע יוגענדליכע אינטעליגענץ, וואָס מיר בעזיצען נאָך, ווען מיר זאָלען זיך פער־האַלטען גלייכגילטיג צו דער פראַגע פון אונזער יוגענד. עס ווילט זיך אָבער מיר ניט גלויבען, אַז מען וועט נאָך מוזען מסביר זיין דעם עולם אין וואָס עס בעשטעהט זיין חוב.

דאָס איז ניט א פּראָבלעם פון אן איינצעלנער גרופּע אָדער פון אן איינצעלנער קלאַסע, דאָס איז א פאָלקס־פּראָבלעם אין פולען זין פון וואָרט.

11 פעברואר, 1915.

דער קריעגער.

כמעט יעדע גרויסע בילדער־גאַלעריע האָט לכל הפּחות איין בילד פון א „קריעגער“. אין לעבען פון די פעלקער שפּיעלט דאָך די מלחמה א גרויסע ראָליע, און דער „קריעגער“ קאָן ניט פעהלען, דאַרף ניט פעהלען, וואו די פאָלקס זעלע ווערט פערעביגט אין פאַרבען. האָט זיך יעדע בילדער גאַלעריע איהרע „קריעגער“ אדער איהר „קריעגער“.

איך געדענקט ניט וועלכען „קריעגער“ איך האָב צוערסט געזעהען, איך געדענק אויך ניט מעהר וואו איך האָב איהם צוערסט געטראָפען. איך געדענק נאָר, אז ער האָט אויף מיר געמאַכט א שטאַרקען רשם. און איצט, צוליעב דער מלחמה, זעה איך איהם ווידער, ער שטעהט פאַר מיר ווי לעבעדיג.

ווי וואונדערבאַר איז שוין דער העלם אליין, וועלכען „דער קריעגער“ טראָגט אויפ׳ן קאָפּ: קאַנטיג און שאַרף און פיין אויסגראַווירט, שפּריצט ער פונקען, גליהענדע פונקען נאָך אלע ריכטונגען, גלייך ווי ער האָט גובר געווען דעם קאַלטען מעטאַל, פון וועלכען ער איז געשאַפען, און אריינגעלאָזען אין זיינע קופּערנע אָדערן לעבענס־גלוט, וואַרימע חיות.

עס איז בעקאַנט, אז די חנ׳עוודיגע, אומעטיגע פּערלען ערהאַלטען ערשט זייער ריכטיגען גלאַנץ, ווען זיי האָבען א צייט לאַנג גערוהט אויף א שעהנעם, געזונדען פרויען־האַלז. און עס זיינען דאָ פרויען, וואָס זיי האָבען א לעבענס־בערוף: *אויסצוטראָגען* פּערלען. זיי בעזיצען א מערקווירדיגע אייגענטימליכקייט ארויסצו׳כשופ׳ען פון די פּערלען זייער פערבאָרגענעם חן. צווישען זיי און די פּערלען זיינען דאָ אינטימע בעציהונגען, זיי אָפּענבאַרען זיך איינע די אנדערע. איז אָבער די וועלט שוין אזוי איינגעריכטעט, אז די, וואָס האָבען פּערלען צו טראָגען, בעזיצען ניט די אייגענ־

שאַפֿט זיי אויסצוטראָגען, און די, וואָס קענען זיי אויסטראָגען, האָבען ניט קיין פּערלען צום טראָגען. דערפֿון איז ענטשטאַנען די נייע פּרנסה פֿון די פּערלען־אויסטראָגערינען.

אויך דער העלם פֿון קריעגער וואָלט געווען ניט מעהר ווי אַ שעהנע כלי פֿון קופּער, ווען ער וואָלט ניט געזעסען אויף דעם „קריעגער'ס" קאָפּ, ווען דער קאָפּ פֿון דעם „קריעגער" וואָלט ניט אויסגעשטראַהלט אַזוי פֿיעל גבורה, אום צו בעזעעלען דעם לעב־לאָזען העלם.

אונטער דעם העלם זיצען אַ פּאָר אויגען. מיין גאָט! אונ־צעהליגע מאָל האָב איך געקוקט אויף זיי, איך האָב אָנגעשטרענגט אַלע מיינע געפֿיהלען, כדי צו בעגרייפֿען דעם סוד, וואָס שטעקט אין די פּאָר אויגען. איך האָב נאָר געפֿיהלט, אַז פֿון וועלכער זייט איך בליק ניט אויף זיי, בליקען זיי און ווינקען צו מיר, איך וויל זיי דורכדרינגען, טהוען זיי מיר אויף צו־להכעיס און דרינגען מיך דורך. שטעה איך און בעוואונדער זיי אַ שעה, די אַנדערע און געה אַהיים אַ פֿערשעמטער. אויפֿ'ן וועג אַהיים בעגלייטען מיך נאָך אַלץ די פּאָר אויגען און איך הויב אָן צו פֿערשטעהן, אַז אייגענטליך האָב איך מיך גאָר ניט וואָס צו שעמען. דער „קריע־גער" וויל מיך גאָר ניט מבייש זיין, דאָס איז אָבער זיין נ א ט ו ר. ער איז אַ קריעגער, ער איז די פֿערקערפּערונג פֿון מ ל ח מ ה, און ער דאַרף ניט צולאָזען, ער טאָר ניט צולאָזען, אַז מען זאָל איהם אין גאַנצען פֿערשטעהן. פֿערשטעהט מען איהם מיט אַלע זיינע כונות, בעהערשט מען איהם; בעהערשט מען איהם, האָט מען איהם מנצח געווען. ער איז דאָך אָבער אַ ל י י ן דער א י י ב י־ג ע ר קריעגער. ער איז אַ ל י י ן נצחון. און איך הויב אָן צו פֿערשטעהן ווייטער, אַז עס וועט זיך מיר קיינמאָל ניט איינגעבען צו דערגרייכען דעם גרונד פֿון די פּאָר טיעפֿע אויגען, ווייל זיי האָבען גאָר קיין גרונד ניט, ווייל זיי זיינען אַנדערש בעשאַפֿען ווי די אויגען פֿון אַ פּשוט'ען בשר ודם. מיט אונזערע אויגען קאָנען מיר קוקען נאָר אין די אויסען־וועלט, און אויך נאָר דאָרט, וואו אונזער בליק ווערט ניט געשטערט פֿון אַ מחיצה. רעמבראַנדט'ס „קריעגער" האָט אָבער גאַנץ אַנדערע אויגען. צווייערליי שטראַה־

לען געהען ארוים פון זיי, שטראהלען פערטיעפט אין גבורה־געדאנקען, וועלכע דרינגען אריין אין די טיעפעניש פון דער קליינער פ א ר ־ ז י ך ' י ג ע ר וועלט, וואס מיר רופען אן: מ ע נ ש, און שטראהלען, וועלכע בליקען ווייט אין די גרויסע, אויסגעדעהנטע וועלט, וואס מיר רופען זי אן: שלאכטפעלד פון לעבען.

און ווי די אויגען אזוי אויך דאס גאנצע געזיכט פון רעמבראנדט'ס „קריעגער". אין יעדען קנייטש איז איינגעגראבען גבורה, אין יעדען פעלטעלע — א שטיק נצחון, און דער גאנצער אויסדרוק דערצעהלט אונז פון מוט און ענטשלאסענהייט, פון זיכערהייט און גרענצלאזען בטחון. עס רעדט צו אונז דער „איש־מלחמה": האט ניט קיין מורא, דאגה'ט ניט פאר מיר, איך קען מיין וועג און איך וועל איהם בעטרעטען, איך קען די סכנה און איך וועל זי בעזייטיגען, איך קען מיין ציעל און איך וועל עס דערגרייכען!

און דער „איש־מלחמה" רעדט צו אונז ווייטער: קומט מענשען־קינדער און בעטראכט מיך. האב איך דען אזא בייז פנים? דריקט דען מיין געזיכט אוים נאר שנאה און נקמה? האב איך דען פערלארען אלע מענשליכע געפיהלען? האב איך זיך דען פערוואנדעלט אין א ווילדע חיה? איהר דערקאנט מיך ניט, איך בין דאך א י י ע ר ע ר, פ ל י י ש פ ו ן א י י ע ר פלייש און בלוט פון אייער בלוט. און פאר ועמען געה איך דען פיהרען מלחמה, פאר וועמען ציעל איך זיך דען מיט אלע כחות צום נצחון, אויב ניט פאר אייך? איך בין אן אכזר? גיט מיר א קינד, וועל איך דאס בעדעקען מיט מיינע קוסען, גיט מיר א ברודער, א שוועסטער, וועל איך זי האלזען, גיט מיר א פריינד, וועל איך איהם אומארמען, און זעה איך א בערויבטע אלמנה אדער א בעליידיגטען יתום שטעלען זיך ביי מיר טרערען אין די אויגען פון מיטלייד און צארן. איהר שמעהט פון ווייטען און איהר רעדט אזוי גלאט יושר'דיג, אייער צונג איז בעשמירט מיט רחמנות און אייערע ווערטער זיינען אזוי ווייך, גלייך ווי די וועלט האט זיך צוטיילט אין צוויי: איהר און איך — די מענשען און „דער קריעגער". האט דאס זיך דען ניט געקענט טרעפען פערקעהרט, אז איך זאל בלייבען מענש און איהר זאלט ווערען קריעגער? מיין העלם איז ניט צוגעוואקסען

צו מיין קאָפּ, איך קאָן איהם היינט מאָרגען אראָבנעהמען און אומ־קעהרען זיך צוריק, און איהר וועט איהם אָנטהאָן, וועל איך ווערען „א י ה ר", און איהר וועט ווערען „א י ך". מיך האָט געמאַכט מיין גרויסער שעפּפער, און בשעת ער האָט מיך געמייסטערט, בין איך נאָך ניט געווען איך, איך בין געלעגען אין א י ך. מיין שעפּפער האָט מיך געמאַכט, ניט ווייל ער האָט מיך געקענט, נאָר ווייל ער האָט א י ך געקענט.

מענשען־קינדער אָהן א העלם! זייט ניט אזוי בעל־גאוה'דיג און טרייבט ניט קיין צביעות. זידעלט ניט דעם „קריעגער" און בעשיט איהם ניט מיט קיין קללות. קללות זיינען ביליג, אין זיי שטעקט ניט קיין שכל, ניט קיין חריפות, ניט קיין איידעלע געפיה־לען, ניט קיין אינערע עהרליכקייט. איך, „דער קריעגער" פון גרויסען מייסטער, בין מעהר ניט ווי א בילד, א סימבאָל. היינט הענג איך אין בערלין, מאָרגען קאָן איך הענגען אין דער לאָנדאָנער נאַציאָנאַל־גאַלעריע, אין פּאַריזער לואוור, אין פּעטערבורגער ער־מיטאַזש, און איבערמאָרגען קאָן מיך גאָר אָבקויפען א ר י י כ ע ר א מ ע ר י ק א נ ע ר, און די „נ י י ע ו ו ע ל ט" וועט מיך אויפבאַפען אַלס נאַציאָנאַל געשענק.

בין איך דען „דער קריעגער"? איך בין דאָך דער מ ע נ ש. דער מענש ל ע ת ־ ע ת ה, דער מענש, ווי ער וועט נאָך אויס־זעהן לאַנגע, לאַנגע דורות. און איהר קומט צו מיר, און איהר ווילט מיך פערשטעהן. א סימן, ווי פערנאַרט איהר זייט אין זיך אליין. בין איך דען אַן אַנדערער, שטאַם איך דען פון אַן אַנדער וועלט? איהר מאַכט זיך בלומרשט, ווי איהר דערקענט מיך ניט. זייט איהר דער חבור, בין איך אייער פירוש, בין איך א חיבור, זייט איהר מיין פירוש. פאַר וואָס קוקט איהר עפּעס אויף מיר מיט פרעמדע בליקען, מיר זיינען דאָך נאָהענטע קרובים, מיר זיינען מעהר ווי קרובים!

איהר רעדט מיט גאַל, מיט ביטערקייט און האַס. דורך דעם פערגיפטעט איהר אייער אייגענע צוקונפט. איהר פעראונרייניגט דעם ברונען, פון וועלכען אייך אָדער אייערע קינדער קאָן אויס־קומען צו טרינקען.

קעהרט זיך אום צו זיך אליין.

עס וועט נאך קומען די צייט, — ווען, קאן מען ניט וויסען, עס ווענדט זיך אן אייך, — און דער מענש וועט ווערען מענשלי־כער. און שפעטער, גאר שפעטער וועט ער ווערען א י ן ג א נ־צ ע ן א מענש. דאן וועל איך זיך דורכרעדען מיט מיין מייסטער. איך האב מיט איהם א שטענדיגע פערבינדונג, ווייל א חלק פון זיין גייסט האט ער אריינגעגעבען אין מיר. איך וועל דאן זאגען מיין גרויסען מייסטער בזה הלשון:

גרויסער מייסטער! וואס בין איך אין גאנצען? לייניוואנד און פארב. נאר דו האסט אין מיר אריינגעבלאזען א נשמה. בין איך געהאנגען צווישען מיינע ברידער און שוועסטער, און אונצעה־ליגע מענשען־קינדער האבען א דור נאך א דור צו מיר עולה־רגל געווען. איז כל זמן איך האב געפיהלט א שייכות צו די מענשען־קינדער, האב איך זיך בעמיהט צו דערהאלטען די נשמה, וואס דו האסט מיר געגעבען. איצט איז אבער אנגעשטאנען א נייער דור, א נייער מענש טראגט די קרוין. ניטא מעהר קיין בעציהונגען צווישען מיר און דעם נייעם מענשען. איך וייס אבער, גרויסער מייסטער, דו גלויבסט אין השארת הנפש. איך גלויב אויך. איז געקומען די צייט, איך זאל מגולגל ווערען. מיין קראפט וועט ניט פערלארען געהן, זי וועט נאר פערוועגדט ווערען פאר אנדערע צוועקען.

„און עס וועט זיין אין סוף פון די טעג, פעסט וועט זיין דער בארג פון גאט׳ס־הויז איבער אלע בערג און ער וועט זיך דערהויבען איבער אלע בערג־שפיצען.

13 פעברואר, 1915.

צו די פאָרשער פון איצטיגער געשיכטע

אין רוסלאַנד, אין פוילען, מסתמא אויך אין דייטשלאַנד און עסטרייך, האָבען זיך געבילדעט איינציגע אידישע פעראייגען, וועלכע פערפאָלגען דעם צוועק צו זאַמלען מאַטעריאַל פאַר די קינפטיגע בעשרייבונג פון דער מלחמה. זעלבסט־פערשטענדליך וועלען זיי זאַמלען נאָר דעם שטאָף, וואָס איז נוגע ספּעציעל צו די אידען, ווארום הלואי זאָלען זיי קענען בעפריעדיגענד אויספיהרען לכל הפחות דיעזע בעשרענקטע אויפגאַבע. עס וואָלט געווען אַן אונבע־שרייבליכער היזק, ווען מיר זאָלען פערזוימען דעם מאָמענט, ווען די שפּורען פון דעם אידישען חורבן זיינען נאָך פריש, און ניט פערצייכענען די וויכטיגסטע געשעהענישען אויפ'ן אָרט. מען טאָר זיך ניט פערלאָזען אויף די מפרשים, וועלכע וועלען קומען דערנאָך, ווען אַלעס וועט שוין זיין אָבגעווישט, און זיי וועלען אָנהויבען אויסגראָבען די „פאַקטען" פון פרעמדע ארחיוועו. מיר ווייסען גאַנץ גוט, אז אונזער געשיכטסשרייבונג הינקט אונטער אין אַלגעמיינעם, אז זעהר זעלטען ווערען די טהאַטזאַכען ריכטיג בעלויכטען, אז פון הונדערט היסטאָרישע חבורים טראָגען ניין־און־ניינציג פון זיי אויף זיך דעם שטעמפּעל פון זייער פערפאַסער.

ניט נאָר אויף דעם געביעט פון היסטאָרישע פאָרשונגען, נאָר אפילו אין דער נאַטור־וויסענשאַפט, וואו גלויבען איז אויס־געשלאָסען, וואו מען קאָנטראָלירט אַלעס מיט די אייגענע אויגען, און וואו אונצעהליגע מאַטעמאַטיש־אויסגערעכענטע אינסטרומענטען ווערען אָנגעווענדעט — אפילו אין דער נאַטור־וויסענשאַפט איז אויך זעהר שווער צו בעפרייען זיך אינגאַנצען פון דער אייגענער סוביעקטיוויטעט. אין פלוג דיענט מען נאָר דער וואַרהייט, מען זוכט זי אַליין, מען וויל זי ענטפּלעקען, שייערן און ריין מאַכען פון אַלע זייטיגע מאָמענטען, אין אמת'ען אָבער טראָגט יעדער פון אונז

אין זיך ז י י ן פּאַרטיגען אמת, נאָך איידער ער האָט אונטערזוכט זיין אמת׳קייט. מיר האַלטען זיך פאַר אַזוי ווייט אמת׳דיג, אַז מיר זיינען זיך אַליין ניט חושד אין זייטיגע, פערבאָרגענע פּניות און פּניות׳לאַך, ווייל די פּניות און די פּניות׳לאַך געהערען צו אונזער אייגענעם „איך“, זיינען זיי דאָך, הייסט דאָס, אַ חלק פון א ו נ ז ע ר אמת.

מיר ריידען דאָ ניט פון ו ו ע ל ט - א נ ש ו י א ו נ ג ע ן, פון ש י ט ו ת, וועלכע גיעבען אונז דעם שליעסעל אויפצופאַסען די געזאַמטהייט פון דער נאַטור און פון דעם מענשליכען גייסט. די פילאָזאָפישע שיטות מוזען זיין סוביעקטיוו, דען אפילו אין דער נאַטור־וויסענשאַפט בעגניגען זיי זיך ניט נאָר מיט דעם, וואָס איז אונטערטהעניג אונזערע פינף חושים. זיי געהען ווייטער, זיי ווילען וויסען וואָס טהוט זיך „מאחורי הפּרגוד“, אויף יענער זייט פּאָרהאַנג, זיי ווילען דורכדרינגען די „מעשי מרכבה“, דעם סוד פון דער צוזאַמענזעצונג פון דער וועלט. „אויף יענער זייט פּאָרהאַנג“ אָבער קאָן מען ניט אַלעס צעהלען אָדער לעגען אויפ׳ן וואָגשאַל. דאָרט הויבט זיך אָן דאָס צויבער־לאַנד פון השערות און גלויבען... און וואו דער געלעהרטער אַפילו לאָזט שפּיע־לען זיין פאַנטאַזיע, פערוואַנדעלט ער זיך אין אַ פּשוט׳ען בשר ודם. ער הערט אויף צו זיין אַ קנעכט פון דער וויסענשאַפט, וואָס דאַרף טהאָן זיין מלאכה און ניט קימערען זיך וועגען די אבזיכטען פון דעם, וואָס בעפעהלט איהם. ער ווערט אַ ח ס י ד פון אַן אונבעקאַנטען וואונדער־רבי, וועלכער געפינט זיך טאַקע אָט „הינטער דעם פּאָרהאַנג“, ער קריעגט התלהבות, מען רופט עס פאַנ־טאַזיע, און הויבט אָן צו שוועבען אין דער לופט. עס איז פּשוט אַ פערגניגען צו זעהן, ווי טרוקענע מאַטעמאַטיקער, איינגעמאַרינירטע מ ת נ ג ד י ם, קוקען אויף אייך מיט צוויי אויגען ווי פון שטאָהל, אַלעס איז זיי קלאָהר, אויף אַלץ האָבען זיי אַ פאַרטיגע תשובה — און מיט אַמאָל דערגרייכען זיי צום פערבאָטענעם ווינקעל. אין זייערע אויגען פלאַמט אויף אַ פייערל, און זיי אַליין קריעגען התפשטות הגשמיות און הויבען אָן צו שפּרינגען „קדוש“. ניטאָ מעהר קיין קוואדראַט, קיין דרייעק, קיין ווינקעל, עס איז דאָ נאָר

א י י ן גרויסער קרייז. און אין קרייז איז דאָ אַ פּינטעלע, אַ מרכז, אַ צענטרום, אַ „שורש כל השרשים", אַ וואָרצעל פון אַלע וואָרצלען, אַ קוועל פון אַלע קוועלען, און מיר דרעהען זיך אין קרייז און ציעהען זיך צום פּינטעלע, צום שורש, צום מקור.

מיר דאַרפען אָבער גאָר ניט געהן אַזוי ווייט. לאָמיר לאָזען ביי זייט אַלע וועלט־אַנשויאונגען און פילאָזאָפישע שיטות. אין פשוט'ערע זאַכען קאָנען מיר זיך אויך ניט בעפרייען פון אונזערע אייגענע זייטיגע פּניות.

דער בעריהמטער ביאָלאָג הערטוויג פלעגט זיך נוהג זיין שטענדיג צו דערצעהלען אין זיין הקדמה פאר די יונגע תלמידים, וועלכע ער פלעגט אריינפיהרען אין אָנהויב זמן אין טעמפּעל פון נאַטור־וויסענשאַפטליכער פאָרשונג, ווי ווייט מען מוז זיין פאַר־זיכטיג די ערשטע צייט מיט די וויסענשאַפטליכע אינסטרומענטען. אָט נעהמען מיר, למשל, אַ מ י ק ר אָ ס ק אָ פּ. דער מיקראָסקאָפּ איז אויפגעבויט אויף שטרענגע פיזיקאַלישע און מאַטעמאַטישע געזעצען, און ער דיענט דערצו, אַז מיר זאָלען דורך איהם זעהען די קליינע ברואים און דעם פיינסטען בוי פון דעם קלענסטען קער־פּער. אָבער מען מוז זיין פאָרזיכטיג מיט איהם, מיט דעם אינ־סטרומענט, ווייל אין דער ערשטער צייט זעהט יעדער יונגער פאָרשער אין מיקראָסקאָפּ דאָס, וו אָ ס ע ר ז ו כ ט, דאָס, וואָס ער ו ו י ל זעהען. ער זעהט אין איהם ז י י נ ע א י י ג ע נ ע פּ נ י ו ת. ווייל מען אָבער זיין אַ פאָרשער, מוז מען אין זיך צוערשט גובר זיין דעם יצר הרע פון וועלען נ אָ כ ג ע ב ע ן זיך. דעם פאָר־שער איז נאָר ערלויבט צו ו ו ע ל ע ן ד אָ ס, ו ו אָ ס ער ז ע ה ט, אָ ב ע ר נ י ט צ ו ז ע ה ן ד אָ ס, וואָס ער ו ו י ל.

פיעל שלימער איז עס נאָך מיט די וויסענשאַפטען, וועלכע זיינען געגרינדעט אויף צ אָ ה ל ע ן. די סטאַטיסטיק איז אַ גאַנץ יונגע וויסענשאַפט, און אין די הענד פון אַ ניט־געניטען אָדער אַ ניט־עהרליכען, — מיר ריידען דאָ פון אינערליכער עהרליכקייט, — פאָרשער איז זי נאָך אַ פיעל געפעהרליכערער אינסטרומענט ווי דער מיקראָסקאָפּ. די צרה בעשטעהט נאָך אויך אין דעם, וואָס די

צאַהלען אַליין מאַכען געוועהנליך אַן איבערצייגענדען רושם, ווייל צאַהלען שטעהען פעסט, צאַהלען פיהרען אַ האַרטע טרוקענע שפּראַך, צאַהלען רעדען פאַר זיך. מיט קליינע מליצות אָבער אין דער וועלט, מיט קיינע קונציג מאַרקירטע סאַפּיזמען קאָן מען זיך ניט אַזוי לייכט אריינ'גנב'ענען צו דעם לעזער אָדער צו דעם צוהערער ווי מיט געשיקט גרופּירטע צאַהלען. מען ברויכט זיי אַפילו ניט צו קאָ־מענטירען, מען נעהמט נאָר אַרויס פון אַ גאַנצער שורה די פאַ־קטענדע צאַהלען, מען שטעלט זיי אַרויס אויף אַ פּלאַץ, וואו זיי זאָלען זיין מעהר בולט, וואו זיי זאָלען ממש „שטעכען די אויגען", און מען קען זיין זיכער, און זיי וועלען דערגרייכען זייער ציעל. די אמת'ע געלעהרטע, די עהרליכע פאָרשער געהען טאַקע דעריבער אום זעהר פאָרזיכטיג מיט צאַהלען, זיי פערלאָזען זיך ניט אויף זיי, זיי זוכען אַרויסצוגעפינען אויך אַלע זייטיגע מאָמענטען פון אַ גע־וויסער ערשיינונג, אַלע בעגלייטענדע אומשטענדען, און ערשט נאָכ־הער ווענדען זיי זיך אויך צו די צאַהלען. די צאַהלען שפּיעלען נאָר ביי זיי די ראָלע פון אַן עדות, אָבער זיי פערנעהמען ניט ביי זיי דעם פּלאַץ פון אַ ריכטער. זיי האַלטען זיי פאַר גוטע שמשים, אָבער ניט פאַר פּוסקים.

און אַזוי ווי די סטאַטיסטיק שפּיעלט אַ וויכטיגע ראָלע כמעט אין אַלע צווייגען פון דער סאָציאַל־וויסענשאַפט, מוז מען טאַקע גראָד אויף דיעזען געביעט זיין מעהר פאָרזיכטיג. מען מוז זיך נעהמען אין אַכט אַנקענען די אונטערקויפענדע קראַפט פון די אָנגעפיהרטע צאַהלען. מען מוז נעהמען אין בעטראַכט די פערזאָן פון דעם מחבר, ווארום „בעונותנו הרבים" ווערען מיר זעהר אָפט געשטרויכעלט דורך כלומר'שטע וויסענשאַפטלער, וועלכע פערפאָל־גען בעשטימטע טענדענצען און פערזאָרגען די געזעלשאַפט מיט בעשטעלטער וויסענשאַפט. עס זיינען דאָ אונעהרליכע פאָר־שער, וועלכע ווענדען אָן וויסענשאַפטליכע מעטהאָדען, כדי צו בעווייזען דאָס, וואָס מען פערלאַנגט פון זיי. זיי זיינען על פי רוב וויסענשאַפטליכע אַגענטען פון די רעגיערונגען אָדער פון די הערשענדע קלאַסען, און זיי ווייסען די רעזולטאַטען פון זייערע „פאָרשונגען" איידער זיי געהען נאָך צו צו דער אַרבייט,

וואו עס בעט זיך, פערדרעהען זיי אַ ביסעל די פאַקטען, און וואו עס ווערט ענג, זיינען זיי מאנס די צאָהלען, אבי דער צוועק זאָל דערגרייכט ווערען. ניט זיי זיינען די דיענער פון דער וויסענשאַפט. אומגעקעהרט, זיי שפּאַנען איין די וויסענשאַפטליכע מעטהאָדען אין זייער אייגענעם וואָגען, אָדער זיי רייטען אויף דער וויסענשאַפט.

ניט אין אַן ערך געפעהרליכער איז עס נאָך מיט דער היסטאָרישער וויסענשאַפט. אויסער פאַקטען און צאָהלען האָבען מיר דאָ נאָך צו טהאָן מיט שטרעמונגען און אונטערשטרעמונגען, מיט פיינע, קאָמפּליצירטע און אָפטמאָל זעהר פערפּלאָנטערטע בעציהונגען, נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע. שוין ביים מאַטעריאַל זאַמלען מוז מען דאָ זיין זעהר וועהלעריש, מען טאָר ניט הינגעריסען ווערען פון סענסאַציאָנען, פון בליטץ־ערשיינונגען. יעדער פאַקט מוז געפּרופט און איבערגעפּרופט ווערען, איידער ער ווערט אַריינגעטראָגען אין די אַלגעמיינע פאַקטען־רשימה. מען זאָל זיך ניט פערלאָזען אויף צייטונגס־בעריכטען אליין, מען זאָל זיי, די בעריכטען, נאָכאמאָל אונטערזוכען און קאָנטראָליערען, ווען עס איז נאָר מעגליך. ווען ניט, זאָל מען זיי מסדר זיין אין אַ בעזונדער גרופּע פון פאַקטען, וועלכע געהערען צו אַ צווייטער אָדער צו אַ דריטער מדרגה אין בעצוג אויף זייער גלויבווירדיגקייט.

און געהען מיר איבער צו דער איצטיגער מלחמה און צו אונזער אידישען חלק אין איהר, קאָנען מיר גאָר ניט גענוג שטאַרק בעטאָנען, ווי וויכטיג עס איז נויטיג, אַז די זאַמלונג פון די פאַקטען און פון די פרישע געשעהענישען זאָל איבערגעגעבען ווערען אין די ריכטיגע הענד. אַ קלייניגקייט, דער געזאַמעלטער שטאָף זאָל דאָך דיענען אַלס מאַטעריאַל פאַר דעם קינפטיגען היסטאָריקער, אויף גרונד פון דיעזען שטאָף זאָלען דאָך בעלויכטען ווערען די בעציהונגען צווישען די אידען און די אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּען אין די פערשיעדענע מדינות. דאָס זיינען צו וויכטיגע, צו בעדייטענדע ענינים און מיר טאָרען זיך ניט פערלאָזען אויף געוועהנליכע בעריכטערשטאַטער, וועלכע ווערען זעהר אָפט געבלענדעט פון צופעליגע

מאָמענטען, ווייל זיי דיענען דאָך דעם טאָג, דער שעה, ווייל זייער הויפּט־ארבייט בעשטעהט דאָך אין פאָטאָגראַפירען די רגע.

עס איז ניט גענוג צו זאַמלען טרוקענע פאַקטען, ארויפציהען זיי אויף איין שנור און לאָזען זיי ליגען, ביז דער היסטאָריקער וועט קומען און וועט זיי סאָרטירען. עס איז נויטיג, אַז אויך דער צוזאַמענהאַנג צווישען סבה און געשעהעניש זאָל בעריקזיכט ווערען ביי דעם זאַמלען פון מאַטעריאל, כדי דער וואָס וועט זיך אָבגעבען מיט דער בעאַרבייטונג פון דעם מאַטעריאל זאָל ניט זיין געצוואונגען צו שטיצען זיך נאָר אויף אייגענע השערות.

26 פעברואַר, 1915.

אַסימילאַציאָן, נאַציאָנאַליזם און ציוניזם.

I.

ווער האָט איצט צייט צו רעדען מכח אנדערע ענינים, וואָס האָבען ניט קיין שייכות צו דער מלחמה; ווער קאָן זיך בעשעפ־טיגען מיט פּראָבלעמען פון אַ גאַנץ יאָהר, ווען דער מאָמענט בעהערשט אונז און אונטעריאָכט אַלע אונזערע מחשבות און האנד־לונגען?

און דאָך זיינען דאָ פראַגען און פּראָבלעמען, וואָס מען טאָר ניט מסיח דעת זיין פון זיי, ניט אויף אַ ווייַלע, ענינים, וואָס טאָרען ניט פערהילכט ווערען אפילו פון דעם רעש פון דער מלחמה און פון דעם געשריי פון די נויט־ליידענדע, וואָרום זיי זיינען אונז נוגע אין נפש, וואָרים זיי ריהרען אָן אונזער לעבענס־נערוו, אונזער עקזיסטענץ־בערעכטיגונג.

עס איז אמת, די געשיכטע האָט איהרע אייגענע אייזערנע געזעצען און זי וועט אונז סוף־כל־סוף ברענגען צו דעם רעזול־טאַט, צו וועלכען זי מוז אונז פיהרען לויט די נויטווענדיגקייט, וואָס זי טראָגט אין זיך. עס איז אמת, אַז ניט נאָר דער „בעל כרחך אתה מת“, „דו שטארבסט אנטקעגען דיין אייגענעם ווילען“, נאָר אויך דער „בעל כרחך אתה חי“, „דו לעבסט אנטקעגען דיין אייגענעם ווילען“, איז ריכטיג פאַר גאַנצע פעלקער און נאַציאָנען ווי פאַר איינצעלנע פערזאָנען. לעבען און שטארבען הענגט ניט אָב פון אַ הסכם. מען לעבט, ווען עס איז אפילו ניטאָ קיין חשבון צו לעבען, מען שטאַרבט זעלטען „זאַט אין טעג“, אין פולען בע־וואוסטזיין, אַז מען האָט שוין „אויסגעפיהרט די וועלט“. מיר רעדען דאָ פון כלל און ניט פון דעם יוצא מן הכלל, וועלכער קאָן

בעטראכט ווערען נאָר אלס א פּאַטאָלאָגישע, קראנקהאַפטע ערשיינונג.

אָבער גראד דערין בעשטעהט טאקע די ראָלע פון דעם פ ר י י ע ן מענשליכען ווילען. מען מוז ארויסזוכען די טענדענץ פון דער געשיכטליכער ענטוויקלונג און זעהן, אז דורך אונזער מיט־ארבייט זאָל דער היסטאָרישער פּראָצעס שנעלער און מיט ווענינער שמערצען פערווירקליכט ווערען. ארביימען מיר אָבער אנטקעגען די היסטאָרישע טענדענץ, ווילען מיר צ ו ו י נ ג ע ן די געשיכטע, אז זי זאָל אננעהמען א וועג, וועלכען מ י ר האָבען מיט אונזער־שכל א ו י ס ג ע ק ל י ב ע ן פאר איהר, דאן געהט אונזער ארבייט גאנץ פערלאָרען, וואָרים זי קאָן נאָר פערלאנגזאמען דעם נאטירליכען פּראָצעס דורך צו־להכעיס׳דיגע כחות, זי קאָן איהם אָבער ניט אָבהאלטען.

דעם מענשען׳ס פרייהייט, ווי אויך די פרייהייט פון דער גאנצער מענשהייט, איז בעגרענצט. די מענשהייט שליעסט איין זיך איין די מענשען, דער מענש איז א חלק פון דער מענשהייט, און זיי ביידע זיינען א היסטאָרישער פּראָדוקט, זייער ו ו י ל ע ן און זייערע האנדלונגען זיינען שוין פאָראויסבעשטימט דורך די פערגאנגענהייט, דורך אַן ענטוויקלונגס־פּראָצעס, וואָס די פריהער־דיגע דורות האָבען דורכגעמאכט. און עס איז נאָר נאאיוו און קינדיש צו גלויבען, אז מען קאָן מבטל זיין די השפעה פון דעם עבר. די געגענוואַרט האלט אין איין פליסען, די צוקונפט איז מעהר ניט ווי אַן עמבריאָ אין מוטערלייב פון דעם עבר, קאָנקרעט, ממשות׳דיג איז נאָר די פערגאנגענהייט אליין. זי איז די מוטער, וואָס האָט אונז געבאָרען, זי איז אונזער דערנעהרערין פון ערשטען טאָג ביז צום קבר.

בעפרייען זיך פון עבר, אָבזאָגען זיך פון דער ירושה פון דער פערגאנגענהייט און בויען א נייע צוקונפט נאָך דעם אייגענעם ווילען, אויף א נ י י ע ם פונדאמענט — דאָס איז א ה י ס ט אָ־ ר י ש ע ר א ו נ ז י ן. דאָס בעדייטעט אָבלייקענען די מציאות און אריבערטראָגען זיך אין א וועלט פון הייליגער פאנטאזיע, אין א וועלט פון נאקעטע, וואָרצעללאָזע, אין אויר שוועבענדע רעיונות־

חלומות, אָהן קיין שום פערבינדונג און צוזאַמענהאַנג מיט דער רעאַליטעט, אָהן קיין שום יניקה פון דער ווירקליכקייט.

איך זאָג רעיונות־חלומות. דאָס שטימט אָבער ניט, וואָרים אַפילו דער חלום מוז אין וועלכען עס איז אופן זיין פערבונדען מיט דער ווירקליכקייט. אָפטמאָל שלעפּט ער זיך נאָך איהר נאָך. און גאָר אָפטמאָל פערלויפט ער איהר דעם וועג פאָראויס און ווייזט אונז אַ צוקונפטס־בילד נאָך מעגליכקייטען, וועלכע זיינען נאָך ניט אַרויס „מן הכח אל הפועל“. אָבער אַ שטיץ־פּונקט אין דעם מציאות׳דיגען באָדען מוז ער, דער חלום, שטענדיג האָבען. די וואָס ווילען אָבער בויען אַ גאַנץ נייע צוקונפט, ניט אויף דעם סמך פון דער פערגאַנגענהייט, זיינען אַפילו קיין טרוימער אויך ניט. זייער דענקען איז אויסדענקען, זייער טראַכטען איז אויסטראַכטען און זייערע שעפּפונגען קאָנען אין בעסטען פאַל דערגרייכען נאָר די מדרגה פון אַ גולם — אַ נאָכגעמאַכטע זאַך, אַ מעכאַנישע כלי. דאָס איז דער האָמונקולוס פון די אַלכעמיקער, דער גולם פון די בעלי־קבלה. אָהן אַ טאַטען און אָהן אַ מאַמען, אַ פּראָדוקט פון אַ צוהיצטער, צושמאָלצענער וועלט־אַנשויאונג, אַ קינד פון אַ קראַנקהאַפטער פאַנטאַזיע.

אין דער לעצטער צייט האָט מען ווידער אַרויסגעשלעפּט ניעטשע׳ן פון קבר, מען האָט זיך ווידער גענומען צום זיין „איבער־מענשען“ און מען וויל אין איהם, אין דעם איבערמענשען פון ניעטשע, זעהן דעם פערפיהרער פון דעם נייעם דור אין דייטשלאַנד. מען האָט געפונען דעם שולדיגען און מען איז צופריעדען, אַז מען האָט דערווישט איינעם, אויף וועמען מען קען אַרויפוואַרפען די אחריות פון דער שרעקליכער וועלט־קאַטאַסטראָפע. מען האָט געזוכט דעם שד, דעם מזיק און מען האָט געפונען דעם איבערמענשען, דעם גולם, וואָס אַ קראַנקער דענקער האָט געשאַפען, וואָרום מעהר ווי אַ גולם איז דער „איבערמענש“ ביז היינטיגען טאָג ניט געבליבען. ניטשע האָט געוואָלט מורד זיין אין די פערגאַנגענהייט, איהם געהערט דער פּאַטענט ווי צו שאַפען אַ נייע צוקונפט, אַ שפּאָגעל נייע, און ער איז דעריבער נכשל גע־

וואָרען, און זיין „איבערמענש" איז גיכער א טראגישע פיגור ווי א געפעהרליכע. דאָס איז ניט קיין מזיק, וועלכער קאָן צושטערען וועלטען, דאָס איז ניט קיין שעפּפער, וועלכער קאָן עטוואָס בויען — דאָס איז א דניאל'ס חלום־געשטאַלט: א גרויסער גולם אויף לעהמענע פיס, פון דעם קלענסטען בלאָז שטירצט ער איין, און עס בלייבען פון איהם נאָר שערבלעך.

איך וואָלט זיך נישט אבגעשטעלט אין איצטיגער צייט אויף טהעאָרעטישע בעטראכטונגען, ווען איך וואָלט ניט געפיהלט, אז זיי, דיזע בעטראכטונגען, האבען פאַר אונז א גרויסע בעדייטונג, א פּראקטישע בעדייטונג, ווארום אונזערע געגנער, די וואָס פיהרען א שטענדיגע און ציעלבעוואוסטע מלחמה אנקעגען דעם אידישען פאָלקס־קיום, שלאָפען נים, זיי קוקען דוקא נים אויף די מלחמה־צייט, זיי נוטצען אוים יעדע געלעגענהיים, כדי צו פערברייטען זייער „תורה". און געלעגענהייטען האבען זיי זעהר פיעל. זיי האבען די טעמפּלען, זיי האבען געמיינדען און געמיינדע־פערבאנדען, זיי האבען די זאָנטאג־שולען, זיי האבען דעם סאלאָן, די קלובס און די העכערע געזעלשאפט. און אין דער לעצטער צייט האבען זיי געקראָגען „מליצי־יושר" גאנץ אונגעריכטערהייד פון אזא זייט, פון וועלכער קיינער האט דאָס גאָרניט געקאָנט ערווארטען. זיי האבען בעקומען „פּראָלעטאריער" אלס פערטיידיגער פון אסימילא־טאָרישע פּאָזיציאָנען. ביז אהער פלעגען מיר זיך אָפט בעגעגענען אין לעבען מיט דעם טיפּ פון א בורזשוי מיט א פּראָלעטארישער פּסיכאָלאָגיע. איצט האבען מיר צו טהאָן מיט א פערקעהרטען טיפּ.

אין דער גאנצער אידישער וועלט, פון רוסלאנד ביז אמעריקא און פון ענגלאנד ביז קאָנסטאנטינאָפּאָל און נאָך ווייטער, טרעט איצט אויף דער געגענזאַץ צווישען די צוויי הויפּט־שטרעמונגען, וועלכע האבען שטענדיג בעהערשט אונזער געשיכטע, פיעל שארפער ווי אין פריעדענס־צייטען. און עס איז א נאטירליכע ערשיינונג. שטענדיג, ווען עס ברעכט אוים א קאטאסטראָפע, הויבט מען אָן צו מאכען דעם חשבון הנפש. דאָס קען מען בעאָבאכטען אין דער געשיכטע, דאָס האבען מיר געזעהען נאָך די ערסטע פּאָגראָמען אין די אכטציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, נאָך דער תקופה

פון קישינעוו, נאָך דער רעאַקציאָן אין רוסלאַנד אין יאָהר 1905, און דיזעלבע ערשיינונג הויבען מיר אָן צו מערקען אויך איצט.

מען קאָן זיך ניט פערהאַלטען גלייכגילטיג. די פראַגע פון „זיין אָדער ניט זיין" טרעט ארויס מיט איהר גאַנצער שאַרפקייט און פאָדערט פון אונז אַ קלאָרע תשובה. און עס האַנדעלט זיך ניט דאָ וועגען פערזענליכע פראַגען. אלס פערזאָן זוכט דער איינצעל־נער צו רעטען זיך ווי ער קאָן, אָבער דורך אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע ווערט קלאָר, אַז דער איינצעלנער קאָן זיך ניט אין גאַנצען בעפרייען, וואָרים ער איז צוגעבונדען צו אַ גרויסען כלל, וואָרים זיין גורל איז אָבהענגיג פון דעם גורל פון כלל. און טרעט מען צו נעהענטער צו דער פראַגע און זוכט מען צו געבען אַ תשובה אויף איהר, מערקט מען באַלד, אַז מיר האָבען דאָ צו טהאָן מיט צוויי שטאַרקע, ענטגע־געגזעצטע מחנות. די איינע איז גרויס אין צאָהל, אָבער שוואַכער אָרגאַניזירט. די אַנדערע האָט ניט די מיליאָנען מענשען, זי האָט אָבער די מיליאַרדען זילבער און גאָלד. די איינע שטעהט אויף דעם פעסטען היסטאָרישען פונדאַמענט, זי איז פ אָ ל ק ס ט י מ ל י ך און שטרעבט נאָך אַ נ אַ ט י ר ל י כ ע ר צוקונפט. די אַנ־דערע האָט זיך אָבגעריסען פון דעם גאַנצען און וויל זיך ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ג מאַכען אלס אַ חלק אויף גרונד פון אַ ק י נ ס ט ל י כ ע ר — אין היסטאָרישען זין — צוקונפט.

עס איז גאַנץ פאַלש, ווען מען טיילט איין די אידען אין אָר־טאָדאָקסען און רעפאָרמער און מען וויל אָבלייטען אלע פערשיעדענע האַנדלונגען פון די פערשיעדענע גרופּען פון זייערע בעציהונגען צו רעליגיעזע צערעמאָניען און מנהגים. דאָס זיינען פאַלשע ברילען, וואָס דער גלות האָט אויף אונז ארויפגעזעצט, די טהעאָלאָגישע ברילען, גלייך ווי די אידישע פאָלקס־זעעלע האָט גאָר קיין אַנדער אינהאַלט ניט אויסער טהעאָלאָגישע פראַגען. דאָס אליין, אזא מין אויפפאַסונג איז דער געפעהרליכסטער פּראָדוקט פון דער אסימי־לאַציאָן. מיר מוזען זיך בעפרייען פון דיזע פאַלשע ברילען, ערסט דאַן וועלען מיר אָנהויבען צו קוקען אויף זיך זעלבסט און אויף גאָט'ס וועלט ווי פרייע מאָדערנע מענשען. טהעאָלאָגישע

פּראָבלעמען פּערנעהמען אין אונזער פ אָ ל ק ס ־ ל ע ב ע ן ניט מעהר און ניט וועניגער פּלאַטץ ווי ביי די אומות העולם.

וויל מען ריכטיג פערשטעהן דאָס אידישע פּראָבלעם און די הויפּט כחות, וואָס ארבייטען אין אידישען פאָלק, מוזען מיר די אידען איינטיילען ניט נאָך זייערע רעליגיעז־סינאַגאָגאַלע אנשוי־אונגען, וועלכע שטעלען פאַר נאַר איין מאָמענט אין לעבען, נאָר נאָך דעם הויפּט־ציעל, וואָס די פערשיעדענע מחנות, האָבען זיך געשטעלט אין זייער ארבייט, נאָך דעם אידעאל פון דער צוקונפט, נאָך וועלכען זיי שטרעבען.

און דאָ האָבען מיר נאַר צוויי מחנות: די נאַציאָנאַליסטען און די אסימילאַטאָרען.

און עס וואָלט געווען א טעות צו מיינען, אַז די אסימילאַציאָן איז האַלב טויט, אַז זי האָט פערלאָרען איהר קראַפט. עס שטימט ניט. איהר פּיטום איז נאָך ניט אָבגעבראָכען, איהר אמביציאָן איז ניט קלענער געוואָרען, און ביי יעדער געלעגענהייט מאַכט זי פאַר זיך פּראָפּאַגאנדא. מיר טאָרען זי ניט מבטל זיין, מיר מוזען זי נאָר פאַנאַנדערנעהמען און צייגען ווי אינהאַלטסלאָז זי איז, ווי ווייט זי איז ניט פונדאַמענטירט און ווי ווייט זי איז פערפיהרעריש.

II

פון צוויי פערשיעדענע זייטען ווערט דער ציוניזם אָנגעגריפען אין דער לעצטער צייט. פון דער אסימילאַטאָרישער גרופּע, וועלכע האָט פיעלע מאָדערנע פעסטונגען, ווען זיי זיינען אפילו געבויט אין דער פאָרם פון טעמפּלען מיט א פערגאָלדעטען מגן־דוד אויפ׳ן שפּיטץ דאַך, און אין דער זעלבער צייט אויך פון דער גאַנץ קליינער גרופּע מיט גרויסע אמביציאָנען, וועלכע בעשטעהט פון א י י נ ־ צ ע ל נ ע נאַציאָנאַליסטען, אונבעפריעדיגטע און אונצופריעדענע, ווייל זיי שאָקלען זיך נאָך אימער, ווי דער פּענדעל אין א וואַנד־זייגער, צווישען גלות־אויטאָנאָמיע און טעריטאָריאַליזם, צווישען טעריטאָריאַליזם און ציוניזם. זיי קאָנען ניט פאַרטיג ווערען מיט זיך אליין, זיי האַלטען אין איין מיישב זיין זיך, זיי מאַכען שטענדיג

רעוויזיאנען אין דער אייגענער קאנסטיטוציאן, זיי זיינען די עביגע „פוסחים על שתי הסעפים“, זיי שפרינגען אויף צוויי געדאנקען. דאס איז ניט קיין אנגענעהמער צושטאנד, דען פון עביגען שפרינגען און ארומטאנצען ארום אידעען און אידעאלען פערלערענט מען דאס איינפאכע געהן, און עס זעהט אויס ווי ביי קידוש־לבנה: „כשם שאני רוקד כנגדך ואיני יכול לנגוע בך,“ — איך שפרינג אנקעגען דיר און איך קאן דיך ניט אנריהרען.

די צוויי דערמאנטע גרופען מאכען זייערע אנגריפען אויף דעם ציוניזם אויף א פערשיעדענעם אופן. די אסימילאטארען גרייפען מעהר אן די ציוניסטישע בעוועגונג ווי די ציוניסטישע ארגאניזאציאן, זיי בעקעמפפען מעהר דעם ציוניסטישען געדאנק ווי די חלק'דיגע פערווירקליכונג פון דעם געדאנק אין דער פראקטישער ארבייט אין ארץ ישראל. בויען קאלאניען, פלאנצען וויינבערגער, אראנדזשען, מאנדלען, גרינדען שולען אפילו — מהיכא תיתי, אנקעגען דעם האבען זיי גארנישט, אזוי טענה'ן זיי לכל הפחות, אבער... דא הויבט זיך אן א לאנגער, כפול שמונה'דיגער על חטא פון דער ציוניסטישער טהעאריע. ערשטענס זיינען די אידען גאר קיין פאלק ניט, אי וואס איז, זיי ווערען געהאלטען פאר א פאלק פון דער גאנצער וועלט — מוז מען טאקע שטעלען זיך געגען דעם שרעקליכען בלבול, וואס אונזערע שונאים האבען אויסגעטראכט וועגען אונז. צווייטענס, ווי באלד מיר זיינען ניט קיין פאלק, טארען מיר גאר ניט רעדען פון אן אייגענע שפראך, אן אייגענע ליטעראטור, אן אייגענע קונסט — דאס, זאגען זיי, זיינען אלץ זאכען, וועלכע מאכען א שטריך אין אונזער גאנצען חשבון, וועלכע גראבען אונטער אונזער גאנצע עקזיסטענץ בערעכטיגונג, און דאס וועלען מיר מיט אלע אונזערע קרעפטען ניט צולאזען.

און זיי, די אסימילאטארען, בעמיהען זיך טאקע צו פערהינדערן יעדע נאציאנאלע ענטוויקלונג, זיי לאזען ניט אויפקומען יעדען נאציאנאלען געדאנק, זיי ווענדען אן אלע מיטעל, אז דער יונגער דור זאל פערגעסען אפילו דאס ביסעלע, וואס איז איבערגעגאנגען צו איהם בירושה, זיי זוכען אויסצומעקען יעדען סימן פון נאציאנאלע געפיהלען און עמפפינדונגען און לעגען ארויף א רעפארמיר־

ט ע ן ח ר ם אויף יעדע ערשיינונג אין אידישען לעבען, וואו עס צאפּעלט זיך נאָך די נאַציאָנאַלע נשמה.

און מיר זאָלען גאָר ניט לאַכען פון אַ רעפאָרמירטען „חרם“. מען זאָל ניט מיינען, אַז פאַנאַטיזם איז פערבונדען נאָר מיט אָרטהאָדאָקסישען קאָנסערוואַטיזם. עס איז פונקט אַזוי פאַלש ווי די בעהויפּטונג, אַז אונטאָלעראַנט קאָנען נאָר זיין מענשען, וועלכע האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן אַ בעשטימטער פּאַרטיי. די פּאַרטיי־לאָזע זיינען זעהר אָפט די אונטאָלעראַנטעסטע מענשען אויף דער וועלט, און רעפאָרמער און פריידענקער די גרעסטע פאַנאַטיקער. דער אונטערשיעד איז מעהר ניט, וואָס דער אַלטער חרם פלעגט אויסגעבלאָזען ווערען פון אַ שופר, און דער נייער ווערט אויסגע־שפּיעלט אויף אָן אָרגעל.

דאָ געלאַנגען זיי, די אַסימילאַטאָרען, צו אַ פּונקט, וואו עס הויבט אָן דער אינערלישסטער סכסוך ביי זיי אַליין. זיי הויבען זיך אָן צו דרעהען, זיי ווילען זיך אויסקערעווען און פערפּלאָנטען זיך אַלץ מעהר און מעהר. די אַסימילאַציאָן שליעסט אין זיך איין דעם געדאַנק פון פערשווינדען, פון איינגעשלונגען ווערען אין דער נייער סביבה, אָבער לחלוטין, אַז קיינער זאָל ניט קאָנען וויסען, וואו איז דער איינשלינגער און וואו דער איינגעשלונגענער. עס מוז פּאָר־קומען דערזעלבער פּראָצעס ווי אין פרעה'ס חלום מיט די פעטע און די מאָגערע בהמות. עס מאַכט ניט אויס אויב די פעטע ווערען פערשלונגען פון די מאָגערע אָדער אומגעקעהרט, דער עיקר איז, אַז עס זאָל ניט זיין קאָנטיג, אַז מען זאָל זיין פ ע ר ש וו א ו נ ד ע ן. אַ האַלבע אַסימילאַציאָן, אַ דריי־פערטעל אַסימילאַציאָן איז מעהר ניט ווי אַ ש פּ י ע ל א י ן אַ ס י מ י ל אַ צ י אָ ן. כל זמן עס שטעקט נאָך אַרויס פון דעם אידען אַ האַנד אָדער אַ פוס, ווען אפילו דער גאַנצער קערפּער האָט זיך שוין אונטערגע'טובל'ט אין דער פרעמדער סביבה, בעשטעהט נאָך אימער די סכנה, אַז איי־נער וועט קומען און וועט נאָך אַרויסציהען דעם ג אַ נ צ ע ן א י ד ע ן. אַ פ אַ ל ש ט ע נ ד י ג ע אַסימילאַציאָן אָהן טויפע און אָהן מיש־עהען איז מעהר ניט ווי אַ חלום, זי פיהרט ניט צום ציעל. די וועלט, די גרויסע וועלט, די פרעמדע וועלט וועט ניט

מאכען קיין אונטערשיעד צווישען א אידען, וועלכער זאָגט נאָך אַלע טאָג זיין „פּטום הקטורת" און צווישען א אידען, וואָס געהט נאָר איין מאָל אין יאָהר אין שול און דאווענט פון א פערטייטשטען סידור.

דער אונטערשיעד האָט א בעדייטונג נאָר פאר די אידישע וועלט אליין, פאר דער פרעמדער וועלט איז דאָס אפילו קיין קליי־ניגקייט אויך ניט. וואָס איז אָבער די פּעולה, ווען איין איד ווערט בעטראכט פון דעם אנדערן אידען אלס אסימילירט, ווען די פרעמדע וועלט וויל דאָס ניט אנערקענען? די גאנצע אסימילאציאָנסזוכט געהט דאָך ניט אָן צוליעב די ניט אסימילירטע אידען. פאר זיי איז דאָך ניטאָ וואָס מורא צו האָבען. זי געהט דאָך אָן צוליעב די אנדערע, צוליעב די פרעמדע, און די אנדערע און די פרעמדע זיינען דוקא זעהר בעשיידען, זיי פערלאנגען ניט דורכאוים א גאנצען אידען מיט אלע תרי"ג מצות, פאר זיי איז גענוג א איד מיט איין מצוה, כדי צו קוקען אויף איהם ווי אויף א אידען און צו בעהאנדלען איהם ווי א אידען. פערקעהרט, די אבשטויסענדע קראפט פון דעם מאָדערנעם אנטיסעמיטיזם הויבט זיך דאָך ערסט אָן מיט דעם האלב אסימילירטען אידען, וועלכער זוכט אריינצודרינגען אין די פרעמדע סביבה מיט אלע כחות, ווארים קיין אייגענע סביבה האָט ער ניט, ער האָט זיך פון איהר אָבגעזאָגט. דעם אסימילירטען אידען ווערט אומעטיגליך און אונ־אינטערעסאנט צו פערברענגען זיין גאנצע פרייע צייט אונטער זיינע גלייכע, אין קלוב פון אסימילירטע, שפּארט ער זיך אהין, וואו ער וויל, אז מען זאָל איהם ניט דערקענען, און מען דערקענט איהם אויף צו להכעים.

אונזערע אסימילאטאָרען מאכען נאָך א טעות. זיי פערגלייכען די אידישע רעליגיאָן מיט די אנדערע רעליגיאָנען. און זיי לערנען א גזרה שוה: אזוי ווי ביי די אומות העולם געהערט דאָך ניט די רעליגיאָן אונבעדינגט צו די נאציאָנאלע סימנים, מען קאָן למשל זיין א פּראָטעסאנט אָדער א קאטהאָליק און געהערען דערביי צו דער דייטשער נאציאָן, אזוי דארף די אידישע רעליגיאָן אויך ניט בע־טראכט ווערען ווי א נאציאָנאלער סימן. בכן קאָן מען זיין א דייטש,

א פראַנצויז, אַ ענגלענדער — צו דייטשען, פראַנצויזען, ענגלענדער גלייך און בלייבען דערביי רוהיג אַ אנהענגער פון דער אידישער רעליגיאָן.

און דאָ ליעגט טאַקע דער גרויסער טעות. די אונהיסטאָ־רישע און אונריכטיגע אויפפאַסונג פון דעם כאַראַקטער און בעשאַפענהייט פון דער אידישער רעליגיאָן. די מאָדערנע פעלקער, אָהן אַ אויסנאַהם, האָבען ניט געשאַפען זייער רעליגיאָן, זיי האָבען אָנגענומען אַ פאַרטיגע רעליגיאָן, זיי האָבען זי מעהר ניט ווי איין וועניג אומגעענדערט יעדער נאָך זיין נאַציאָנאַלען געשמאַק. מיט אַ פאַרטיגער רעליגיאָן בעגעהען זיך נאַציאָנען ווי דער איינצעלנער ווען ער קויפט אַ פאַרטיגען אנצוג. איז ער צו לאַנג, קירצט ער איהם אונטער; איז ער צו שמאָל, זוכט ער צו מאַכען איהם ברייטער. די אידישע רעליגיאָן איז ניט געקויפט געוואָרען פאַרטיג, זי איז דער העכסטער אויסדרוק פון דעם אידישען פאָלקס־גייסט און דעריבער איז זי טאַקע אין איהר ריינער געשטאַלט און פאָרם אויפ'ן ענגסטען אופן פערבונדען מיט דער אידישער פאָלקס זעעלע.

ציהט מען אָבער ארויס פון דער אידישער רעליגיאָן איהרע נאַציאָנאַלע עלעמענטען, פערוואַנדעלט מען זי אין אַ אבסטראַקט פילאָזאָפישעס סיסטעם, ווי עס טהוען די מייסטען אסימילאַטאָרען, נעהמט מען פון איהר אַרויס אַלע פאָלקס־סימנים און מען ענגט זי אריין אין די ד' אמות פון דער „סינאַגאָגע", דאַן הערט אויף די רעליגיאָן צו זיין די לעבעדיגע, די עביג־וואַקסענדע, די בעפרוכ־טענדע, די בעגייסטערענדע, דאַן פערוואַנדעלט זי זיך אין אַ מומיע...

די לעצטע צייט איז געוואָרען אַ מאָדע ארויסצוציהען פון קאַפע דעם קאָפעאין, פון טאַבאַק דעם ניקאָטין און פון וויין דעם אַלקאָהאָל. דער בעריהמטער וואַלדייער האָט געשריבען איבער די נייע מאָדע און האָט זיך איבער איהר לוסטיג געמאַכט. דער רייץ פון דעם קאַפע בעשטעהט אין דעם קאַפעאין, פון דעם טאַבאַק אין דעם ניקאָטין און פון דעם וויין אין דעם אַלקאָהאָל. האָסטו מורא פאַר דיעזע דריי זאַכען, טרינק ניט און רויכער ניט, אָבער נאַר ניט די וועלט און קודם כל נאַר זיך אַליין ניט. וואַלדייער

האָט בעטיטעלט זיין אָבהאַנדלונג איבער דיזען געגענשטאַנד: „די קאַסטרירטען געניסע." מען קאָן דאָס ניט גוט איבערזעצען. איך וואָלט דאָס גערופען: „גע'פּגר'טע הנאות."

דעם אמת זאָגענדיג, האָט מיך וואַלדייער'ס אַרטיקעל געלאָזען קאַלט. און איך האָב נישט געקאָנט בעגרייפען דעם כעס און די ענטריסטונג פון דעם גרויסען געלעהרטען. מילא, ווען מען טהוט מען אַ היזק, אַז מען זופּט אַ ברוין-געפאַרבטע פליסיגקייט און מען שמועסט זיך איין אַז עס איז קאַפע, אָדער מען רויכערט גראָז און מען מיינט אַז עס איז טאַבאַק, אָדער מען טרינקט טרויבען-זאַפט און מען גלויבט עס איז ווײַן? אָבער ווען איך זעה, אַז מען געהט צו די הייליגסטע גיטער וואָס אַ פאָלק פערמאָגט, און מען וויל פון זיי אַרויסציהען זייער ח י ו ת, מען טרעט צו צום היסטאָרישען יודענטהום און מען וויל פון איהם אַרויסרייסען זיינע נאַציאָנאַלע עלעמענטען — דאַן בעקום איך אויך אַ ביסעל ענטריסטונג. ווען מען געהט גאָר צו צו די נביאים און מען וויל פון זיי מאַכען פאַרבלאָזע קאָסמאָפּאָליטען, ווער איך נאָך ברוגז'ער, און ווען מען וויל דעם יודענטהום אָבשניידען די האָפנונג אויף אַ זעלבסטשטענ-דיגע, אייגענע צוקונפט, ווער איך אינגאַנצען אין כעס.

און מיט אַזעלכע טומפּע כלי-זין, מיט אַזעלכע אונהיסטאָרישע און אונוויסענשאַפטליכע מיטלען וויל מען בעקעמפען אַ אידעע, וועלכע געהט דורך ווי אַ ריעגעל דורך אונזער גאַנצע געשיכטע. מיט אַ פּאָר פּסוקים, אַרויסגעריסען פון זייער צוזאַמענהאַנג און נאָך דערצו פ ע ר ט י י ט ש ט ע פּסוקים, וויל מען טויט מאַכען דעם אידיש-נאַציאָנאַלען געדאַנק. דאָס איז שוין אַ מלחמה ניט געגען אַ אידישע פּאַרטיי, דאָס איז אַ מלחמה געגען די מ אָ ד ע ר נ ע אויפפאַסונג פון דעם נאַציאָנאַלען פּראָבלעם. דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם איז ניט קיין ציוניסטישע און אויך ניט קיין אידישע ערפינדונג. דאָס איז פיעלייכט דאָס וויכטיגסטע פּראָבלעם, וואָס דאָס נייאַנצעהנטע יאָהרהונדערט האָט אַרויסגערוקט. די אַרימע מענשהייט מאַטערט זיך צו געפינען אַ לעזונג, אַ ריכטיגע תשובה, קומט מען און מען וויל פערענטפערען אַזאַ הארבע שאלה מיט אָב-געדראָשענע פּשט'לעך.

די אסימילאַציאָן איז אַ פּשט׳יל, דאָס לעבען איז אָבער ערנסט, און די געשיכטע לערנט מיט אונז פּשט.

III.

ציוניסטען און סתם נאַציאָנאַליסטען דאַרפען ניט בעטראַכט ווערען ווי אַנהענגער פון צוויי פערשיעדענע וועלט־אַנשויאונגען אָדער פון צוויי פערשיעדענע פּאָליטישע ריכטונגען. זיי דאַרפען ניט אַזוי בעטראַכט ווערען שוין פּשוט מחמת דעם איינפאַכען טעם, ווייל דער ציוניזם אַליין איז ניט קיין וועלטאַנשויאונג, ער איז פונדאַמענטירט און אויפגעבויט אויף דעם נאַציאָנאַליזם, און ווייל דער נאַציאָנאַליזם איז מ ע ה ר נ י ט ווי אַ וועלט־אַנשויאונג און שליעסט אין זיך ניט איין קיין פּאָליטישעס פּראָגראַם. דער ציוניסט, דער בעוואוסטער, גרינדליכער ציוניסט, מוז זיין אַ נאַציאָנאַליסט אין זיין וועלט־אַנשויאונג. דער אידישער נאַציאָנאַליסט, ווען ער איז ערנסט און טרייבט ניט קיין שפּיעל מיט בעגריפען, קאָן ניט זיין קיין פּ ר י נ צ י פּ י ע ל ע ר געגנער פון ציוניזם, דען דער ציוניזם איז די לעצטע קאָנזעקווענץ פון דעם נאַציאָנאַליזם, ווען מיר ווענדען איהם אָן אויף די פערענטפערונג פון דעם אידישען פּראָבלעם. ווען מיר זאָלען צולאָזען אויף אַ ווײַלע, אַז די אידען קענען בעקומען פּאַלעסטינאַ, און אַז מען קען דאָרט האָבען פּלאַץ פאַר פיעלע, פיעלע מיליאָנען, וועלכע זאָלען דאָרט בעגרינדען אַן אייגענעס, אונאבהענגיגעס פּאָלקס־לעבען — דאַן וואָלט מ ו ז ע ן יעדער אידישער נאַציאָנאַליסט סימפּאַטיזירען מיט אַזאַ פּלאַן. סימפּאַטיזירען איז נאָך ווייניג, ער וואָלט מוזען צושטעהן צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן און מיטאַרבייטען, מיטהעלפען. ווען ניט, פערלייקענט ער זיין אייגענעם נאַציאָנאַליזם.

די נאַציאָנאַליסטען קענען בשום אופן ניט רעכטפערטיגען זייער געגנערשאַפט צום ציוניזם מיט אַ פּ ר י נ צ י פּ י ע ל ע ן גרונד, זיי מוזען דעריבער זוכען אַ גאַנץ אַנדערע בעגרינדונג. און בעגרינדונגען, פאַר וואָס עס לוינט נ י ט צו נעהמען אויף זיך

אזא גרויסע און פעראַנטוואָרטליכע אויפגאַבע, קאָן מען שטענדיג געפינען לרוב. ערשטענס טויג דאָס לאַנד ניט. צווייטענס ווילען די אידען ניט, און דריטענס ווילען די אַנדערע נאַציאָנען ניט צולאָזען אז ארץ ישראל זאָל געהערען די אידען. דאָס לאַנד טויג ניט, ווייל עס איז צו קליין, די אידען ווילען ניט, ווייל זיי האָבען זיך שוין אָבגעריסען פון אָריענט, און די אַנדערע פעלקער ווילען שטערען די דורכפיהרונג פון אזא פּלאַן, ווייל פּאַלעסטינא איז זיי אַלעמען צו טהייער און צו הייליג.

דאָס זיינען בקיצור די טענות פון די נאַציאָנאַליסטען, וועלכע טרעטען אויף געגען דעם ציוניזם. איך האָב זיי, די טענות, פאָר־מולירט נאָר גאַנץ קורץ און ניט אריינגעגאַנגען אין זייערע אייג־צעלהייטען, ווייל די פּרטים אינטערעסירען אונז דאָ ניט. אונז אינטערעסירט אויך ניט אין דיעזען מאָמענט אריינצולאָזען זיך אין וכוחים און צו אַנאַליזירען די טענות, ווי ווייט זיי זיינען ריכטיג אָדער פאַלש. איך האָב נאָר געוואָלט דערמיט בעווייזען, אז די אַלע טענות פון די נאַציאָנאַליסטען זיינען ניט געבויט אויף א פּ ר י נ צ י פּ י ע ל ע ר געגנערשאַפט, נאָר אויף זייטיגע מאָ־מענטען. עס פעהלט ניט ביי די געגנער דער ו ו א ו נ ש, עס פעהלט דער ג ל ו י ב ע ן. זיי פערוואַרפען ניט דעם ע צ ם געדאַנק, זיי לייקענען נאָר זיין ד ו ר כ פ י ה ר ו נ ג, זיין פ ע ר ו ו י ר ק ל י כ ו נ ג. א פּ ר י נ צ י פּ י ע ל ע שאלה אָבער האָט צו טהאָן נאָר מיט דעם ו ו א ו נ ש, א שאלה פון מ ע ג ל י כ ק י י ט האָט א ריין פּ ר א ק ט י ש ע ן כאַראַקטער.

דאָ ענטשטעהט דער פער׳כשופ׳טער קרייז, אין וועלכען עס דרעהען זיך די נאַציאָנאַליסטען און קאָנען פון איהם ניט אַרויס־קריכען. נאָך דעם ו ו א ו נ ש אַליין האָבען אַלע אידישע נאַציאָנאַליסטען געמוזט מודה זיין אין דעם ציוניסטישען אידעאַל. נאָר עפּעס דערלאָזט זיי ניט צו זיין קאָנזעקווענט. עפּעס האַלט זיי אָב אויפ׳ן האַלבען וועג. זוכען זיי א תירוץ און געהען איבער צום מ ע ג ל י כ ק י י ט ס - מאָמענט. דער בעגריף פון מעגליכקייט און אונמעגליכקייט איז אָבער קיין פּשוט׳ער בעגריף, אדרבא, ער

איז זעהר קאָמפּליצירט און צוזאַמענגעזעצט פון פיעלע מאָמענטען, און צווישען דיזע מאָמענטען שפּיעלט דער וואונש אפשר גאָר ניט די הויפּט ראָלע. ווייל זעהר אָפט אין לעבען הענגט אָב די מעגליכקייט פון וואונש, פון דעם גראַד, פון דער שטופע, פון דער אינטענסיוויטעט פון וואונש. ווינשען און ווינשען איז ניט גלייך. פרעגט אפילו אַ רוסישען פּאָפּ אויב ער וויל ווערען אַ בקי אין ש״ס און פוסקים, וועט ער געוויס ענטפערען: אודאי. ווייל מיט אַזוינע קענטניסע וואָלט ער געקאָנט דערגרייכען אַ הויכע מדרגה. אָבער זאָגט איהם ווייטער, אַז כדי צו דערגרייכען אַזאַ ציעל, מוז ער אָנווענדען פיעלע כחות און יאָהרען, יאָהרען לאַנג פלייסיג שטודי־רען, וועט ער אייך געוויס ענטפערען: דאָס איז אונמעגליך. איך האָב טאַקע דעם וואונש, אָבער איך גלויב ניט אין די מעגליכקייט דורכצופיהרען אַזאַ שווערען פּלאַן. די אונמעגליכקייט אָבער ליעגט אין דעם שוואַכען גראַד פון זיין וואונש. זיין וואונש איז מעהר ניט ווי אַ פּלאַטאָנישער. זיין וואונש איז נאָר אַ לאַגישער. מיט זיין פּסיחיקע, מיט זיין נשמה האָט ער גאָר ניט וואָס צו טהאָן. מיר רופען דאָס וואונש, אָבער אין אמת'ען איז דאָס מעהר ניט ווי אַ שטיקעל אויסרעכענונג, אַ שטיקעל טרו־קענער השבון.

זעלבסטפערשטענדליך פּאַלט מיר ניט איין צו פערגלייכען דעם וואונש פון אונזערע נאַציאָנאַליסטען מיט דעם וואונש פון דעם רוסישען פּאָפּ צו זיין אַ תלמוד־קענער. איך האָב געבראַכט אַן עקסטרעמען ביישפּיעל כדי צו בעווייזען, אַז מיט דעם בעגריף וואונש אַליין זיינען מיר ניט יוצא. מיר מוזען אויך אונטערזוכען די שטאַרקייט פון דעם וואונש, אויף ווי פיעל דער ווינשער איז גרייט צו אָפּפּערען כדי זיין וואונש זאָל קענען מקוים ווערען.

און דעריבער האַלט איך טאַקע, אַז די גאַנצע געגנערשאַפט פון די נאַציאָנאַליסטען צו דעם ציוניזם געהט ארויס פון דער פערשידענהייט אין דעם גראַד פון דעם נאַציאָנאַלען ווינשען ביי דיביידע גרופּען. די פאָלקסקלוגהייט האָט געשאַפען אַ שפּריכוואָרט: „דער וואונש איז דער פאָטער פון דעם געדאַנק". איך וואָלט זאָגען:

אַ שוואַכער וואונש איז דער פאָטער פון שוואַכע תירוצים. אויך ווען מיר זאָגן, אַז עס פעהלט דער גלויבען, איז דאָס אַ סימן אַז עס פעהלט דער וואונש. אָבער עס איז זעהר שווער מודה צו זיין זיך אין אַ קראַפטלאָזען וואונש, זוכט מען צופלוכט צו „ניט־גלויבען". ניט־גלויבען מיינט מען איז אַ בעוויז פון אַ קריטישען פערשטאַנד, פון שטרענגער לאָגיק, פון אויפגעקלערטקייט. דאָס איז די אַלטע מייר־נונג, וועלכע שטאַמט ביי אונז אידען ספּעציעל פון דער השכלה עפּאָכע, ווען די ישיבה־בחורים האָבען זיך מיט אַמאָל דערוואוסט פון איינינע עלעמענטאַרע נאַטורגעזעצען — אַן איבערוואונדענער שטאַנדפּונקט.

ווי דאָס איז, די נאַציאָנאַליסטען טראָגען איבער זייערע אָנ־גריפען געגען דעם ציוניזם אויף די שאלה פון מעגליכקייט און אונמעגליכקייט. זיי בעקעמפען ניט, ווי די אַסימילאַטאָרען, דעם ציוניסטישען אידעאַל, זיי האַלטען מלחמה געגען די פּראַקטישע אויספיהרונג פון דעם ציוניזם. און מיר האַלטען דאָס פאַר איינע פון די טרויעריגסטע ערשיינונגען פון אונזער גלות־לעבען.

די ציוניסטען און די נאַציאָנאַליסטען האָבען אַ געמיינזאַמען געפעהרליכען פּ ר י נ צ י פּ י ע ל ע ן געגנער, און דאָס איז די אַסימילאַציאָן אין אַלע איהרע פאָרמען און ערשיינונגען. און אַנשטאָט צו פעראייניגען זיך און פיהרען דעם קאַמפף בשותפות געגען אַ וועלטאַנשויאונג, וועלכע ענטהאַלט אין זיך סם־המות פאַר אונזער פאָלקס־קיום, אין וועלכער עס שטעקט אַ סכנה פאַר אונזער גאַנצע צוקונפט, — געפינען די נאַציאָנאַליסטען קיין בע־סערע ארבייט ניט ווי צו מאַכען אָנפאַלען אויף דעם ציוניזם. אַזוי האָבען זיך אַמאָל געקריעגט אונזערע חסידים און מתנגדים וועגען דער שאלה, וואָס זאָל מען זאָגען צוערשט: „מזמור שיר חנוכת" אָדער „ברוך שאמר", און בשעת זיי זיינען געלעגען איינע די אַנדערע אין די האָר, האָט הינטער זיי אָנגעהויבען צו ארבייטען אַ דריטע גרופּע, וואָס האָט געוואָלט פּטור ווערען אי פון „מזמור שיר חנוכת" אי פון „ברוך שאמר" און האָט גע'טענה'ט, אַז קודם כל דאַרף מען גאָר זאָגען „לחיים". די ווייטקייט צווישען די נאַ־ציאָנאַליסטען און די ציוניסטען איז אַ סך אַ גרעסערע ווי צווישען

די מתנגדים און די חסידים אין דער פראגע פון די תפלות, אָבער די לאָגיק פון דער טאַקטיק איז דיזעלבע.

נעהנטער פון די נאַציאָנאַליסטען זיינען צוגעגאנגען די טעריטאָריאַליסטען צום ציוניסטישען געדאנק. אָבער אויך זיי, א קליין הייפעלע פון קוים א מנין, האָבען זיך מעהר בעשעפטיגט מיט דער קריטיק פון ציוניזם ווי מיט דעם זוכען פון א טעריטאָריע. עס ליעגט אין דער נאַטור פון דעם מענשען, אז ער זוכט שטענדיג אָנצוגרייפען דעם נ אָ ה ע נ ט ע ן און לאָזט צו רוה דעם ווייטען. זאָל צום ביישפיעל איין אָרטאָדאָקסער איד זעהן, ווי זיין חבר שניידט די נעגעל ניט בסירוגין, וועט ער אויף איהם אָנפאלען און מוסר'ן. ווען ער זעהט אָבער ווירקליכע עברות פון „א ווייטען", שווייגט ער. עס איז א פנים לייכטער צו בעשעפטיגען זיך מיט קריטיק פון דעם נאָהענטען ווי צו בעקעהרען דעם ווייטען.

און דערווייל וואקסט ביי אונז א דור „וועלכער האָט יוסף'ן ניט געקאָנט", וועלכער וועט ניט פערשטעהן אונזערע מחלוקות, ווייל מיר האָבען „זעלען־זאָרגער", וואָס דאגה'ן זיך דערפאַר, אז אונזער שפראַך, אונזער שאַפען, אונזער דענקען און אונזער פיהלען זאָלען בלייבען פרעמד אונזערע אייגענע קינדער. מיר וועלען זיך מתוכח זיין, צו קאָן מען שאַפען א נייע הייליגקייט פאר א נייע טעריטאָריע, און אונזערע קינדער וועלען דערווייל זינקען אין די גיין און פערציג שערי טומאה פון גלות. מיר וועלען זיך אַרומקריגען וועגען העברעאיש און אידיש, און אונזערע קינדער וועלען זיך ביסלעכווייז אנטוואוינען פון ביידע לשונות. און מיר וועלען בעקומען א דור, וואָס איז געשטילט געוואָרען ניט פון א מוטער, נאָר פון דער פלאַש, קינסטליך דערנעהרט געוואָרען פון דער פרעמדער סביבה.

מעגליכקייטען און אונמעגליכקייטען ליעגען אין אונז גופא, אין אונזער אָרגאניזאציאָנס־פעהיגקייט. א פ ע ר א י י נ י ג ־ ט ע ר ווילען פון אידישען פאָלק וואָלט פערצעהנפאכט די מעגליכקייטען. פיעלעס, וואָס שיינט די געגנער פון דעם ציוניסטישען געדאנק אונדורכפיהרבאר, וואָלט געקאָנט פערווירקליכט

ווערען, ווען זיי וואָלטען אָנגעשטרענגט זייער ו ו י ל ע ן.
זאָלען זיי זיך ניט פערשאַנצען הינטער אויסרעדען און תירוצים.

וואָס אונז פעהלט, איז דער שטאַרקער ווילען, דער אינטענ־סיווער וואונש, דער געזונדער נאַציאָנאַלער אפּעטיט.

17—14 מערץ, 1915.

בּעוועגונג און אָרגאַניזאַציאָן

קומט מען צו בּעאורטיילען וועלכע עס איז פּאָליטישע פּאַרטיי, אויפגעבּויט אויף א נאַציאָנאַלער אָדער אויף א סאָציאַלער גרונדלאַגע, מוז מען נעהמען אין אנבּעטראַכט צוויי מאָמענטען: בּעוועגונג און אָרגאַניזאַציאָן. נעהמט מען אריין אין חשבון נאָר די אָרגאַניזירטע כּחות, וועלכע האָבּען זיך געשטעלט די אויפגאַבּע צו פערווירקליכען א בּעשטימטען פּאָליטישען פּראָגראַם, און מען לאָזט אויס די הערשענדע שטימונגען, די סימפּאַטהיען, וועלכע זיינען דאָ אין צושטרייטען צושטאַנד אין דער געזעלשאַפט און זיינען פריינדליך גענייגט צו דעם זעלבּען פּראָגראַם — דאַן וועט דער חשבון קיין מאָל ניט זיין א פולשטענדיגער. בּעוועגונג און אָרגאַניזאַציאָן קאָנען זיך קיין מאָל ניט דעקען און קאָנען דעריבּער ניט בּעטראַכט ווערען ווי שמות נרדפים. די אָרגאַניזאַציאָן קאָן קיין מאָל ניט איבּערשטייגען די בּעוועגונג, אָבּער די בּעוועגונג איז שטענדיג אומפּאַסענדער ווי די אָרגאַניזאַציאָן. אָפטמאָל שטעלט פאָר די אָרגאַניזאַציאָן נאָר א קליינעם חלק פון דער בּעוועגונג, זי פערהאַלט זיך צו דער בּעוועגונג נאָר ווי דער מרכּז צום עיגול, ווי דאָס צענטרום צו דער פּעריפעריע.

דאָס פערהעלטניס צווישען אָרגאַניזאַציאָן און בּעוועגונג איז דאָס זעלבּע ווי צווישען א מאַשינע און די קראַפט, דורך וועלכע זי ווערט בּעוועגט. די אָרגאַניזאַציאָן איז די מאַשינע, די בּעוועגונג איז די טרייבּענדע קראַפט. דער אידעאַל פון יעדער פּאָליטישער פּאַרטיי בּעשטעהט דעריבּער דערין: אריינצונעהמען אונטער איהרע פליגלען און קאָנצענטרירען אין זיך אַלע כּחות פון דער בּעוועגונג; ניט צולאָזען, אז א חלק פון זיי זאָל געהן לבטלה. צו דערגרייכען דעם אידעאַל איז אָבּער אונמעגליך, מען קאָן זיך צו איהם נאָר דערנעהנטערען.

אפילו אזא גוט פונדאמענטירטע און פעסט אויסגעבויטע פּאָלי־טישע פּארטיי ווי די דייטשע סאָציאַל דעמאָקראַטיע איז נאָך אויך ווייט פון דעם אידעאַל. עס זיינען נאָך דאָ מיליאָנען דייטשען, וועלכע געהערען מיט אלע זייערע חושים און סימפּאַטהיען צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער בעוועגונג, אָבער דאָך שטעהען זיי „מחוץ למחנה" און האָבען זיך ניט אָנגעשלאָסען אָן דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּארטיי. פיעלע מניעות זיינען דאָ, וועל־כע לאָזען ניט צו, אַז די מענשען זאָלען זיך אָרגאַניזירען נאָך זייע־רע סימפּאַטהיען. עס זיינען דאָ מענשען, וועלכע גלויבען, אַז מיט זייער אריינטריט אין אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן פערקויפען זיי זייער פערזענליכע פרייהייט, און יעדע פּארטיי־דיסציפּלין שרעקט זיי אָב. אַנדערע גלויבען, אַז בלייבענדיג „מחוץ למחנה" וועלען זיי קאָנען דיענען פאַר די אינטערעסען פון דער פּארטיי אין אַ בעסע־רען אופן, ווי ווען זיי וואָלטען זיך געפונען אינווענדיג, אין דער פּארטיי גופא.

מיר דארפען אָבער ניט פערגעסען, אַז די דייטשע סאָציאַל דע־מאָקראַטיע האָט לכל הפּחות אין די לעצטע צעהנדליגע יאָהרען, זייט מען האָט מבטל געווען דעם סאָציאַליסטען־געזעץ, געהאַט די מעגליכקייט אריינצונעהמען צו זיך אַלע עלעמענטען, וועלכע האָבען סימפּאַטיזירט מיט איהרע גרונדלאַגען. זי האָט אויף איהר וועג געהאַט צו טהאָן מעהר מיט דעם ווידערשטאַנד פון די אַנדערע געזעלשאַפטליכע קלאַסען ווי מיט פּאָליציייליכע שטערונגען. און דאָך איז זי נאָך ווייט פון דעם אידעאַלען צושטאַנד, וואו אָרגאַ־ניזאַציאָן און בעוועגונג זאָלען זיך פערשמעלצען צו איין בעגריף.

ווען מיר געהען צו אונזער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן, מוזען מיר פעסטשטעלען, אַז דער מרחק צווישען אונזער אָרגאַניזאַציאָן און דער ציוניסטישער בעוועגונג איז נאָך בעדייטענד גרעסער ווי ביי די אַנדערע פּאָליטישע פּארטייען. ביז איצט האָבען מיר אפילו קיינע ב'ערך'דיגע צאָהלען ניט, וועלכע זאָ־לען קאָנען דיענען אלס אסמכתא, כדי ארויסצוגעפינען די דיסטאַנץ צווישען אָרגאַניזאַציאָן און בעוועגונג.

סבות זיינען דאָ אונצעהליגע, וועלכע האָבען געשטערט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן אין איהר וואוקס, וועלכע האָבען ניט צוגעלאָזען, אז די אָרגאַניזאַציאָן זאָל האַלטען שריט מיט דער בעוועגונג. מיר שטעלען זיך אָב נאָר אויף דער הויפּט סבה.

„אונזער גרעסטער שונא איז די געאָגראַפיע“. דיזער אַפּאָריזם געהערט ניט מיר, איהם האָט צום ערשטען מאָל אויסגעשפּראָכען איינער פון אונזערע אַקטיווע חברים אויף אַ ציוניסטען קאָנגרעס. אין וועניגער ווערטער און אין קירצערער פאָרם וואָלט קיינער ניט געקאָנט אויסדריקען אזוי שאַרף אזא טיעפען און אמת'ען געדאַנק.

ביי אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען זיינען בעוועגונג, אָרגאַניזאַציאָן און ציעל לכל הפּחות ג ע אָ ג ר א פ י ש פעראייניגט. דער אידעאַל קאָן זיין אַ וועלט אידעאַל, אָבער מען דיענט איהם אויף אַ בעשטימטען פּלאַץ. דאָרט איז דער שווערפּונקט פון דער בעוועגונג, דאָרט איז דער שווערפּונקט פון דער אָרגאַניזאַציאָן און אויף דעם זעלבען פּלאַץ ערוואַרט מען אויך די פערווירקליכונג פון דעם אידעאַל.

גאַנץ אַנדערש זעהט עס אָבער אויס אין דער ציוניסטישער פּאַרטיי. דער שווער־פּונקט פון דער בעוועגונג איז דאָרט, וואו עס לעבען די הויפּטמאַסען פון אידישען פּאָלק, דאָס הייסט אין מזרח־אייראָפּא. דער שווער־פּונקט פון דער אָרגאַניזאַציאָן האָט ג ע מ ו ז ט פערלעגט ווערען נאָך מערב־אייראָפּא, און דאָס ציעל געפינט זיך ניט אין מזרח און ניט אין מערב פון אייראָפּא אויך ניט אין אמעריקא, וואו עס לעבט אַ גרויסער חלק פון דער אידישער מאַסע, נאָר אין אזיען. און ווען מען שוועבט אַרום אין געדאַנק צווישען בעוועגונג, אָרגאַניזאַציאָן און ציעל, מוז מען פיהרען אַ שטענדיגע מלחמה מיט דער געאָגראַפיע, מען מוז גובר זיין גרויסע ענטפערנונגען ביז מען געפינט אויס אַ פּשרה'דיגען רוהעפּונקט.

געאָגראַפיע איז אָבער ניט נאָר ענטפערנונג אין רוים. געאָגראַפיע בעדייטעט פיעל מעהר, געאָגראַפיע הייסט פערשיעדענע סביבות, פערשיעדענע לעבענס־פאָרמען, פערשיעדענע אויפפאַסונגען און פער־

שיעדענע ארבייטס־ און אָרגאַניזאַציאָנס־מעטהאָדען. און דאָס אַלעס מוז בייגעקומען ווערען, ביז מען קומט צו אַ מעהר אָדער ווענינער איינהייטליכען סיסטעם, ביז מען געפינט ארויס די פּאַסענדע אָרגאַ־ניזאַציאָנס־פאָרם.

פון די אנדערע מניעות ווילען מיר גאָר ניט ריידען, זיי ליע־גען אויבען אויף. און יעדער פון אונז, וועלכער האָט צו טהאָן מיט אָרגאַניזאַציאָנס־פראגען, ווייס זיי און קען זיי.

מיר שטעלען פעסט דעם אָבשטאַנד צווישען אונזער אָרגאַני־זאַציאָן און אונזער בעוועגונג פון איין זייט מיט בעדויערען, אָבער פון דער אַנדער זייט — מיט צופריעדענהייט און פרייד. מיר בע־דויערען דיעזע ערשיינונג, ווייל אין איהר דריקט זיך אויס דער גלות מיט אַלע זיינע שוועריגקייטען און ביטערקייטען, ווייל זי דערמאָהנט אונז שטענדיג, אז מיר זיינען געבונדען דורך אַ פּ ר ע מ ד ע אָב־הענגיגקייט. אונזער ווילען איז געשמיעדט און אונזער קראַפט איז געבונדען. עס רייטען איבער אונז פרעמדע בעלי־בתים און אַ גרויסער חלק פון אונזער ענערגיע, פיעלייכט דער גרעסטער חלק, מוז פערוועגדעט ווערען אויף מנצח צו זיין דעם פרעמדען איינפלוס.

מיר רעדען אָבער פון דיעזער ערשיינונג אויך מיט פרייד און צופריעדענהייט, ווייל זי לאָזט אונז קלאָר ערקענען, אז מיר זיי־נען ערשט ביים אָנפאַנג פון אונזער אָרגאַניזאַטאָרישער טהעטיג־קייט. עס ליעגט נאָך פאַר אונז אויסגעצויגען אַ ברייט ארבייטס־פעלד, עס איז נאָך דאָ גענוג פּלאַץ פאר אונצעהליגע אַקערער און זעער.

אָבשאַפען אין גאַנצען דעם אָבשטאַנד צווישען אָרגאַניזאַציאָן און בעוועגונג וועט זיך אונז קיין מאָל ניט איינגעבען, וואָרים דאָס וואָלט הייסען א ר ו י ס ג ע ה ן פ ו ן ג ל ו ת א י ן ג ל ו ת ג ו פ א, אָבער מיר קאָנען זיך דערנעהנטערען צו דיעזען אידעאַל. אומעדום, פון אַלע זייטען, פיהלען מיר, און גראָד איצט נאָך מעהר ווי פריהער, אז אונזער בעוועגונג וואַקסט פון טאָג צו טאָג. עס מעל־דען זיך נייע כחות, פרישע, יונגע, ניט פערברויכטע כחות, עס קו־מען צו אונז א ו נ ז ע ר ע ב ע ס ט ע, די אידישע ג י י ס־ט י ג ע אריסטאָקראַטיע קעהרט זיך אום צו אונזערע פאָלקס־אי־

דעאלען. דאָס וואָס מען האָט גאָך נעכטען בעטראַכט אַלס אַ צו־היצטע פאַנטאַזיע בעהאַנדעלט מען היינט ווי אַן עדעלע און ערנסטע אויפגאַבע, דער חלום הערט אויף צו זיין אַ חלום, ער לייטערט זיך אויס און רוקט זיך נעהנטער צו דער ווירקליכקייט. פאַמעליך, פאַ־מעליך קומט אויך דער „הסכם המדינות", יענער פונקט פון אונזער ציוניסטישער פּראָגראַם, וועלכען פיעלע האָבען ניט גוט פערשטאַ־נען. די שטאַרקע און די מעכטיגע, די וואָרט־פיהרער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט, הויבען אָן צו פערבינדען ארץ ישראל מיט דער צוקונפט פון אונזער פאָלק. דאָס איז אַ שפּאָגעל נייע ער־שיינונג אין אונזער געשיכטע, דאָס איז אַ פּראָדוקט פון דער ציוניס־טישער אַרבייט, אָבער נאָך אין גרעסערען מאָס קאָן דאָס בעטראַכט ווערען ווי אַ רעזולטאַט פון דער ציוניסטישער ב ע ו ו ע ג ו נ ג.

עס איז דעריבער אונזער וויכטיגסטע אויפגאַבע איצט, אין די־זען ערנסטען און פיעל בעדייטענדען מאָמענט, אויסצובויען און אויסצוגעשטאַלטען וויטער אונזער אָ ר ג א נ י ז א צ י אָ ן. מיט יעדען טפח, וואָס ווערט פערקלענערט דער אָבשטאַנד צווישען אָר־גאַניזאַציאָן און בעוועגונג, מאַכען מיר אַ ריעזיגען שריט פאָר־ווערטס.

12 מערץ, 1915.

ווי געשיכטע ווערט געמאַכט

די אַלטע און די מיטעלאַלטערליכע געשיכטע וועט קיין מאָל ניט קאָנען דערגרייכען צו אַ מדרגה פון אַ שטרענגער וויסענשאַפט, ווי די געלעהרטע פּערפּאַסער זאָלען זיך ניט אָנשטרענגען אין זייערע אונטערזוכונגען, ווי זיי זאָלען ניט זיין עהרליך אין זייערע כונות. ווייל דער גאַנצער בנין בעשטעהט נאָר חלקים־וויז פון ציעגעל שטיינער, וואָס די דורות אַליין האָבען אונז איבערגעלאָזען בירושה. צווישען איין חלק און דעם אַנדערען זיינען אָבער געבליבען נאָר גרויסע לעכער, און די לעכער מוזען אויסגעפילט ווערען מיט השערות. דאָ ארבייט שוין ניט מעהר דער געניטער בוימייסטער מיט אַ זיכערער האנד, דאָ שפּיעלט די הויפּט־ראָלע די א י י נ־ ב י ל ד ו נ ג ס ־ ק ר א פ ט פון דעם מחבר.

מיר רעדען נאָך לעת עתה ניט פון דעם פּערפּוטץ און פון דער אויסערער אַרכיטעקטור, מיר האַלטען נאָך דערווייל ביי דעם רויהען בוי. פיעל היסטאָרישער מאַטעריאַל איז בעגראָבען געוואָרען אונ־ טער די חורבות פון די צושטערטע מדינות און פעלקער. די כראָניק פון די געשעהעניסען איז געפיהרט געוואָרען ניט פּינקטליך און מיט גרויסע איבערהיפּונגען, און סוף כל סוף זיינען געבליבען נאָר שפּו־ רען, סימנים פון די פערשוואונדענע קולטורען און ציוויליזאַציאָנען. דער געשיכטס־שרייבער, דער היסטאָריקער איז מחמת דעם געווען געצוואונגען צו ר ע ק א נ ס ט ר ו א י ר ע ן דאָס בילד פון דער פערגאַנגענהייט נאָך די ווינציגע אָנהאַלטס־פּונקטען, וואָס ער האָט געפונען. ער האָט ניט געהאַט פאַר זיך אַ שאָסירטען וועג אָדער גאָר אַן אייזענבאַהן, וואו די ריכטונג איז אַ בעשטימטע, ער האָט געהאַט פאַר זיך אַ מדבר אָדער אַ געדיכטען וואַלד מיט איי־ ניגע סטאַציאָנען. דעם וועג צווישען איין סטאַציאָן און די אַנדערע האָט ער אַליין געמוזט זוכען, ער האָט זיך מיט זיין אייגענעם חוש געמוזט ד ו ר כ ש נ י י ד ע ן צו אַ בעשטימטען פּונקט. זיינען

טאַקע די מייסטע פערקראַכען אָן אַ זייט, און אַנדערע זיינען גאָר ניט ארויסגעקראָכען.

ערשט מיט דער עפּאָכע פון די אויסגראָבונגען בעגינט אויף אַ נייע תקופה אין דער היסטאָרישער וויסענשאַפט. מיט די היראָגלי־פען שטעהט אויף מצרים, און מיט די קיילשריפטען — אשור און בבל תחית המתים, און מיט יעדער נייער ענטדעקונג דערוויסען מיר זיך ערשט, ווי ווייט מיר האָבען געטאַפּט אין דונקעל, ווי ווייט מיר זיינען אויך איצט ווייט פון דער ריכטיגער בעלייכטונג פון דער מענשליכער פערגאַנגענהייט. מיר האָבען נאָך ניט קיין זון, וועלכע זאָל בעלייכטען דעם היסטאָרישען נעכטען, מיר האָבען אין בעסטען פאַל נאָר איינצעלנע שטראַהלען, וועלכע ברעכען דורך בליטץ־אַרטיג די דונקעלהייט פון די אמאָליגע דורות.

וואָלט מען דאָך מיינען, אַז דאָס אַלעס האָט אַ שייכות גאָר צו די אַלטע, גרויע צייטען. אָבער די נייע געשיכטע שטעלט שוין פאַר אַ ריכטיגע פאָטאָגראַפיע פון לעבען, אַז לכל הפּחות די נאַקעטע פאַק־טען, די טרוקענע געשעהעניסען זיינען אין איהר רעגיסטרירט גענוי און פּינקטליך, און מיר קאָנען זיך אָהן שום חשד פערלאָזען אויף אַלעס, וואָס ווערט אונז דערצעהלט. דאָס וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער טעות. אונזער אַלטע געשיכטע האָט געליטען, ווייל ס'איז געווען צו ווייניג בוי מאַטעריאַל, און אונזער נייע גע־שיכטע ליידט דערפון, וואָס מיר האָבען צופיעל מאַטעריאַל. מיר האָבען שוין צופיעל שטיינער, צופיעל ציעגעל, מען קאָן זיי ניט אַלע פערווענדען, וואָרים עס וואָלט ארויסגעקומען אַ וואָלקען־קראַ־צער, דער טהורם פון בבל. מוז מען דאָך אויסקלייבען גאָר אַ חלק פון דעם אָנגעזאַמעלטען מאַטעריאַל. דאָס אויסקלייבען, די ברירה העננט אָבער אָב פון דעם געשמאַק פון דעם בוימייסטער.

און מיר זעהען טאַקע דעריבער, אַז די פערשיעדענע ווערק פון די נייע תקופות זיינען ווייט איינע פון די אַנדערע ניט ווענינער ווי די היסטאָרישע ווערק, וועלכע בעהאַנדלען די אַלטע תקופות, ניט נאָר אין דער בעלייכטונג, ניט גאָר אין דער פאַרבונג פון די פאַקטען, נאָר אויך אין דער מיטטיילונג גופא פון די פאַקטען. וואָס איינער האַלט פאַר וויכטיג, האַלט דער אַנדערער פאַר אַ טפל, וואָס

איינער בענוצט אַלס אַ פונדאַמענט, אַלס אַ ווינקעלשטיין, פאַר־ברויכט דער אַנדערער אַלס עטוואָס אונבעדייטענדעס, אָדער ער וואַרפט דאָס אין גאַנצען אַרויס. וועגען די רעפאָרם־בעוועגונג, וועגען די רענעסאַנס עפּאָכע, וועלכע שטעלט פאַר דעם אַבשלוס פון דעם מיטעלאַלטער און די הקדמה פון דער נייער צייט, איז שווער צו געפינען צוויי ווערק, וועלכע זאָלען בענוצען אַ גלייכען מאָס־שטאַב ביי דער אָבשעצונג פון די פאַקטען. נעהמען מיר דעם דרייסיג־יאָהריגען קריעג, אָדער די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, איז וואָס מעהר מען לערנט וועגען זיי, קאָן מען ווערען אַלץ מעהר מטושטש. דער בעסטער סימן, ווי ווייט מיר האָבען נאָך ניט קיינע שטרענג וויסענ־שאַפטליכע מעטהאָדען פאַר די בעשרייבונג און די ערקלערונג פון אונזער פערגאַנגענהייט.

דער בעריהמטער פילאָזאָף צעלער האָט דאָקומענ־טאַרישע בעוויזען אין זיינע פאָרלעזונגען איבער היסטאָ־רישער קריטיק, אַז זאָגאַר אין דער געשיכטע פון דעם פראַנ־צויזיש דייטשען קריעג פון יאָהר 1871 זיינען דאָ אונצעהליגע פעל־שונגען. עס האָבען זיך אין איהר אריינגע'גנב'עט פאַקטען „ניט געשטויגען און ניט געפלויגען“. עס געהט אזוי ווייט, אַז אין אַ שטעדטיל אין פּרייסען האָט מען געשטעלט אַ דענקמאָל אַ גענעראַל אַ גבור פאַר די העלדענטהאַטען, וואָס ער האָט בעוויזען אין אַ בעשטימטער שלאַכט. ערשט נאָך פיעל יאָהרען שטעלט זיך אַרויס, אַז דער בעטרעפענדער גענעראַל האָט אין דער בעטרעפענדער שלאַכט ניט געקאָנט האָבען קיין חלק, ווארום ער האָט זיך אין איהר גאָר ניט בעטייליגט: ער איז אין דער צייט, ווען די שלאַכט איז פאָרגעקומען, געלעגען אין היץ פיעבער.

אָבער אחרי כל אלה איז דאָס ניט קיין אידישע דאגה. זאָלען די געלעהרטע און מאָדערנע היסטאָריקער זוכען מיטלען ווי צובעד־וואָרענען די געגענוואַרט, זי זאָל ניט האָבען דעם זעלבען פסק, ווי די פערגאַנגענהייט, ווען עס וועט קומען די צייט, אַז מען זאָל זי בעשרייבען.

פאַר אונז זיינען גענוג אונזערע אייגענע דאגות. אין דעם פּרט ברויכען מיר ניט צו מאַכען הלואות. אונז מוז אָבער אינטערעסירען אונזער אייגענער חלק אין דער נייער געשיכטע, וועלכע ווערט פאַר

אונזערע אויגען געשריבען מיט פייער און בלוט. מיר זיינען מחויב אליין צו זאמלען מאטעריאל, כדי עס זאלען נאכהער ניט קומען קיין פרעמדע און זאלען אונז ניט אנמאכען נייע צרות.

און דעריבער וויל איך אילוסטרירען דורך א פאר ביישפיעלען ווי ווייט מען מוז זיין פארזיכטיג ביי דער זאמלונג פון מאטעריאל, וועלכער איז קודם כל נוגע אונז אליין.

צום ביישפיעל קומט א קארעספאנדענט און גיט אונז איבער א בילד פון די שטימונגען, וועלכע הערשען אין דער אידישער בעפעלקערונג אין א געוויסער שטאדט, וועלכע איז איבערגעגאנגען פון איין רשות אין אן אנדער רשות. עס איז פיעלייכט אינטערעסאנט, אבער ניט אלעס, וואס איז אינטערעסאנט, מוז גלייך איבערגעגעבן ווערען אין די צייטונגען, בפרט נאך ווען די אידישע שטעדט ווערען ארומגעשליידערט ווי אין כף־הקלע, פון איין הערשער צום אנדערען. צווייטענס, קענען אזעלכע בילדער בשום אופן ניט דיענען אלס היסטארישער מאטעריאל, ווייל פון איטליכער שורה רעדט צו אונז די שטימונג פון דעם שרייבער, ווייל עס קאן זיין, אז בשעת א טייל פון דער בעפעלקערונג האט זיך געפרעהט מיט דעם נייעם בעל־הבית, האט דער אנדערער טהייל געשטיקט אין זיך זיין טיעפען טרויער. טויזענדע האבען זיך דערמאהנט, אז זיי זיינען עקאנאמיש גאנץ רואינירט געווארען, זיי זיינען געוועזן פערבונדען אין זייער מסחר מיט שטעדט און פראווינצען, פון וועלכע זיי זיינען איצט מיט איין מאל אבגעשניטען געווארען. וויל מען יא אורטיילען איבער שטימונגען פון א גאנצער בעפעלקערונג, מוז מען אויפזוכען א גאנצע מאסע פון איינצעלנע פערזאנען, אויספרעגען זיי זעהר אינטים, ווי א גוטער פריינד פרעגט, איבער זייערע פערבארגענע עמפפינדונגען. מען טאר ניט נעהמען קאפע־הייזער שטימונגען און אורטיילען נאך זיי איבער די אלגעמיינע שטימונג פון א גאנצער בעפעלקערונג.

איך האב ניט אנגערופען דעם נאמען פון דעם שרייבער, אויך ניט דעם נאמען פון דער שטאדט, ווארום מיר האבען דא ניט צו טהאן מיט אן איינצעל־ערשיינונג. היינט ווערט נכשל איין קארעספאנדענט און מארגען אן אנדערער. אפילו די „מלחמה־בריעף“ האבען אויך גע־

מוזט געדרוקט ווערן מיט גרעסערער פּאָרזיכטיגקייט. מען מוז זיך היטען פאר א געדרוקט וואָרט, וועלכעס ניט איבער פ א ק ט ע ן, ווען די פ א ק ט ע ן זיינען גיט גאַנץ אומשולדיג פון איין זייט און ניט קאָנטראָלירבאר פון דער אַנדער זייט.

נאָך איין ביישפּיעל, צו וועלכען מיר וואָלטען זיך ניט געוואָלט אומקעהרען, ווייל מען האָט שוין גענוג גערעדט וועגען איהם. דאָך קען איך זיך פון איהם ניט אָבזאָגען.

דאָס מאָל האַנדעלט עס זיך ניט מכח א פאכמאַן א קאָרעספּאָנדענט, וועלכער איז אָפּטמאָל געצוואונגען דורך זיין בערוף צו איבערכאַפּען אביסעל די מאָס. דאָס מאָל האַנדעלט עס זיך מכח אן אונפּערזענליכע אומפּאָרזיכטיגקייט, וואָס האָט בעגאַנגען אייגער פון אונזערע ערנסטע שריפטשטעלער, וועלכער האָט מיט בעריכט־ערשטאַטונג גאָר ניט צו טהאָן. איך רעד דאָ וועגען דעם אראבישען איבערפאַל אין די אידישע קאָלאָניען אין ארץ־ישראל.

שטעלט אייך פאָר. נאָך דער מלחמה וועט קומען א אידישער היסטאָריקער און וועט וועלען געבען אונז א בילד פון דעם, וואָס דער נייער ישוב האָט דורכגעמאַכט אין דער מלחמה צייט. ער געפינט פאר זיך א קינות־בעריכט פון אן ערנסטען מאַן, פון א פּאָפּולערען מאַן און א כשר'ן עדות לכל הדעות. ער געפינט פאר זיך א געגויע בעשרייבונג פון אן אראבישען איבערפאַל, פערפאַסט אין איוב־סטיל, און נאָך מיט א צוגאָב: אהא, איך האָב שוין דאָס פריהער פאָראויסגעזאָגט. וואָרים איך בין געזעסען אין א האָטעל אין חיפה, איז געגאַנגען פארביי אן אראבער און האָט עפּעס געמורמעלט. האָב איך געפרעגט, וואָס מורמעלט דער אראַבער, האָט מען מיר פערטייטשט, דער אראַבער זאָגט: נישקשה זאָלען זיי בויען, מיר וועלען זיך מיט זיי אָברעכענען.

ווען א איד פרעגט, וואָס זאָגט דער ערל, און מען פערטייטשט איהם, זאָל ער זיך קיין מאָל דערויף ניט פערלאָזען וואָרים זעהר אָפט וויים דער פערטייטשטער אויך ניט וואָס דער ערל האָט געזאָגט. נאָר דאָס איז א קלייניגקייט. וויכטיגער איז די בעשרייבונג פון א ג ע ש ע ה ע נ י ש „ניט געשטויגען און ניט געפלויגען".

מילא, ווען די גמרא זאָגט, אַז איוב האָט גאָר ניט געלעבט, און די גאַנצע מעשה איז מעהר ניט ווי א משל — פערלירען מיר דערביי גאָרנישט. דער ספר איוב איז פיעל וויכטיגער אַלס איוב די פערזאָן. אפשר איז דאָס נאָך אַ געווינס: קיינער האָט ניט געליטען, קיינער האָט זיך ניט געקראַצט, קינדער זיינען ניט געשטאָרבען, אפילו די עזעל זיינען גאַנץ געבליבען, און אין סך הכל — אַזאַ פּראַכטוועֶרק, אַזאַ געטליכער ספר.

וואָס האָבען מיר אָבער פון אַן אַראבער איבערפאַל אין איוב סטיל, ווען ער איז נאָר אַ משל? שרעקעניש און הארצוועהטאָג פאַר טויזענדע און טויזענדע, וועמענס דופק קלאַפּט אין איינעם מיט דעם דופק פון דעם נייעם ישוב אין ארץ ישראל, און אלס אַ צוגאָב — אַ שטרויכלונג פאַר דעם קינפטיגען היסטאָריקער.

די שורה פון עהנליכע ביישפּיעלען האָט געקענט אויסגעצויגען ווערען ווייט אין די לענג. איך גלויב אָבער, אַז דורך דיזע פּאָר ביישפּיעלען קען קלאָר ווערען, ווי וויכטיג עס איז אומצוגעהן פאָר־זיכטיג מיט דער זאמלונג פון מאַטעריאַל פון דער איצטיגער מלחמה.

פאַר די פערגאַנגענהייט קען מען אונז ניט שטראָפען. פאַר די געגענוואַרט טראָגען מיר אליין די אחריות.

17 מערץ, 1915.

ירושלים און בית־אל.

פון אלע זייטען לאזען זיך הערען טענות: מיר ציוניסטען זיינען ענגאאיסטען, מיר געפינען זיך אין אן ענגען קרייז, אין וועל־כען מיר האבען זיך ארומגעצוימט, און גלויבען, אז די גאנצע אי־דישע וועלט איז בעשאפען געווארען נאר צוליעב אונז, כדי אונז צו בעדיענען. דער נייער ישוב איז ביי אונז עפעס ווי א מין בן־יחיד'ל, א ציטעריג קינד, און אלץ, אלץ וואלטען מיר וועלען איהם אבגעבען, אונזער אויפמערקזאמקייט, אונזער מיטגעפיהל, אונזערע סימ־פאטהיען, אונזער רחמנות, אונזער ענערגיע, אונזער פערמעגען. מיר האבען צוליעב דעם נייעם ישוב כמעט ווי פערגעסען די גרויסע אידישע וועלט, מיר זיינען מקריב די אינטערעסען פון די מיליאנען צוזייטע און צושפרייטע, געדריקטע און פערפאלגטע, צוליעב דעם הייפעלע אין ארץ ישראל. פאסירט עפעס דעם נייעם ישוב, מאכען מיר א רעש, און מיר זיינען טויב פאר דעם גלות, פאר זיינע צרות און קאטאסטראפען.

די טענות קומען פון דער געגנערישער זייט. די געגנער פון ציוניזם האבען מיט אמאל דערזעהן, וואס פאר א וויכטיגען פלאץ ארץ ישראל פערנעהמט נאך אויך איצט אין אידישען לעבען, מיט וואס פאר א ליעבע און צערטליכקייט א איד רעאגירט אויף די פאסירונגען אין „הייליגען לאנד“, מיט וואס פאר אן אפפער־ווילינקייט ער איז מוכן ומזומן צו טהיילען זיך מיט זיין שטיקעל ברויט מיט די אידישע פיאנערען, וועלכע זיינען געגאנגען „צו מאכען א וועג אין דער וויסטעניש“ פאר דעם „קומענדען“, פאר דעם „אויסגעלייזטען“. דאס האבען זיי מיט אמאל דערזעהן, די געג־נער פון ציוניזם, ניט נאר דערזעהן, זיי האבען דאס דערפיהלט — און זיי האבען די ערשיינונג ניט פערשטאנען, זיי האבען זי ניט תופס געווען. זיי האבען אין זייער נאאיוויטעט געגלויבט, אז די לעבעדיגע פערבינדונג צווישען די אידען און ארץ ישראל איז לאנג

צוריסען, דער היסטאָרישער צוזאמענהאנג לאנג אָבגעהאקט. ניט אומזיסט האָבען זיי דאָך אויסגעמעקט אפילו אין די תפלות אלע שטעלען, וועלכע האָבען אַ שייכות צו ציון און ירושלים און וועלכע קאָנען נאָך וועקען האָפנונגען און ערוואַרטונגען. ניט אומזיסט האָבען זיי דאָך געגרינדעט פּריסטער־שולען, כדי פּאָרצובערייטען כהנים, וועלכע זאָלען משפּיע זיין אויף דעם יונגען דור נאָך דעם גייסט פון דער אַסימילאַציאָן. און די כהנים זיינען באמת געווען טרייע דיענער, זיי האָבען פיין געדוכנ'ט, זיי האָבען אָנגעווענדעט אלע זייערע כחות, זייער גאַנצע אָרימע געלעהרטקייט, אום צו שאַפען אַ מחיצה צווישען דער אידישער פערגאַנגענהייט און דער אידישער צוקונפט. ווי טרייע דיענער זיינען זיי אין זייער קאַמפּף געגען ציון און ירושלים געגאַנגען נאָך ווייטער פון זייערע בעלי־בתים. כדי אָבצושטומפּען די נאַציאָנאַלע צוקונפט, האָבען זיי זיך גענומען אויך צו דער פערגאַנגענהייט, אַרויסגעצויגען פון איהר די גאַנצע קדושה, געמאַכט זי צו קליין־געלד.

מיר רופען זיי אָן כהנים און ניט „פאַלשע נביאים“, ווייל מיט דער נבואה, אפילו מיט דער פאַלשער, האָבען זיי ניט וואָס צו טהאָן, וואָרים זיי האָבען פערוואַנדעלט דאָס גאַנצע יודענטהום אין אַ ט ע מ פּ ע ל ־ י ו ד ע נ ט ה ו ם, און אין טעמפּעל האָט דער ק ו ל ט ו ס געהערשט אַנשטאָט דעם ג י י ס ט. דאָס יודענטהום האָט אויפגעהערט צו זיין אַ געזאַמט־בעגריף פון אַל־דיעזעס, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געשאַפען אויף דעם וועג פון זיין לאַנגער געשיכטע. מען האָט פון גאַנצען יודענטהום אויסגעבאַקען אַ מין פּ אַ ר ע ו ו ע טהעאָלאָגיש־סינאַגאָגאַליש־פילאָזאָפישע לעהרע, בלוט־אָרים און בלייך, אָהן קראַפט און שטאַר־קייט, אַ גלות־געבורט, אַ נעביך־פּראָדוקט.

עס חזר'ט זיך איבער די אַלטע געשיכטע. עס פאַלען אָב חלקים פון אידישען פאָלקס־קערפּער. דער אָבגעפאַלענער חלק וויל שאַפען פאַר זיך אַ זעלבסטשטענדיגע צוקונפט, ניט אין צוזאַמענ־האַנג מיט דעם שותפות'דיגען עבר פון גאַנצען פאָלק. ווי קאָן מען אָבער מבטל זיין די השפּעה פון דעם עבר? הויך און שטאָלץ שטעהט דאָך ירושלים, די פון בערג אומקראַנצטע, פון גאָט גע־

בענשטע שטאָדט, און אַלע אויגען זיינען געריכטעט צו איהר, און אַלע תפלות פעראייניגען זיך אין איין ברענפּונקט, אין דעם בית המקדש. און כל זמן ירושלים און ציון זיינען ניט אויסגעמעקט, כל זמן זיי רופען אַרוים בענקעניש און זעהנזוכט, כל זמן זיי בעפרוכטען דעם דענקער, בעגייסטערען דעם דיכטער און בעפליגעלען דעם קעמפּפער, בעשטעהט נאָך אימער די סכנה, אַז דער חלק וועט זיך צוציהען צום גאַנצען. שטעלט מען אַוועק גאָלדענע קעלבער אין ב י ת ־ א ל און אין דן, און מען הויבט אָן צו פּרעדיגען: דאָס איז דער גאָט, וועלכער האָט דיך אַרויסגעצויגען פון מצרים. וואָצו זאָלסט דו זיך מטריח זיין, וואָצו עולה־רגל זיין, ווען דיין גאָט איז דיר אַזוי נאָהענט. און וואו עס איז דאָ אַ גאָלדענעם קאַלב, געפינען זיך שטענדיג כהנים, וואָס טאַנצען אַרום איהם, בוקען זיך און פאַלען כורעים.

די גאָלדענע קעלבער — דאָס זיינען די בליטץ־אַבלייטער פון דעם נאַציאָנאַלען געדאַנק. מיט דעם גלאַנץ פון גאָלד און אַ פערגאָלדעטען עולם־הזה בעמיהט מען זיך נאָך עד היום צו פערדונקלען אונזער נאַציאָנאַלע אידעע. די געגנערשאַפט צווישען ב י ת ־ א ל און ירושלים איז נאָך עד היום אַזוי שאַרף און העפטיג ווי אין די אַלטע צייטען.

עס איז מעהר ניט ווי נאַאיוו צו בעהויפּטען, אַז מיר ציוניסטען האָבען אַרויסגערופען די סימפּאַטהיען פאַר ארץ ישראל. איך געדענק נאָך ביי אונז אין שטעדטיל פלעגען די עם־הארצים זיין אין כעס אויפ'ן לוח, ווען עס פלעגט צופיעל רעגענען. מעהר שכל שטעקט אויך ניט אין דער בעהויפּטונג, אַז די ציוניסטען מ א כ ע ן די שטימונגען. ווען וועלען שוין אונזערע געגנער קליגער ווערען און בעגרייפען דעם אלף בית פון דער פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, ווען וועלען זיי שוין פערשטעהן, אַז דער ציוניזם איז מעהר ניט ווי די פ אָ ר מ ו ל י ר ו נ ג פון אַ פּסיכישען פּראָצעס, וואָס געהט פאָר אין די טיעפענישען פון דער אידישער נשמה. ווען וועלען זיי איינזעהן, אַז זייערע גאָלדענע קעלבער מיט די כהנים אין איינעם זיינען געבליבען מאַכטלאָז אין קאַמפּף מיט דעם לעבעדיגען גייסט. און ווען זיי וועלען דאָס אַלעס פערשטעהן, וועלען זיי אויפהערען צו

זיין אין כעס, זיי וועלען אליין דערהערען אין דיזער ערשיינונג א ווארנענדע שטימע און וועלען דורכקוקען זייערע אייגענע חשבונות. פיעלעס וועלען זיי מוזען אויסמעקען און פיעלעס ניי ארייננשרייבען.

אבער אויך די צווייטע העלפט פון דער בעשולדיגונג איז גרונד־פאלש. די ציוניסטען און די ציוניסטישע ארגאניזאציאן האבען בשום אופן ניט געצייגט ווייניגער אינטערעס פאר אונזערע ברידער אין די מלחמה לענדער, ווי די ניט־ציוניסטען. אדרבא, די ציוניסטען האבען זיך אלס ערשטע אבגערופען אויף דעם נויט־שריי אין דער גאנצער וועלט, און אין פיעלע, פיעלע ערטער זיינען זיי געוועזען די א י י נ צ י ג ע, וועלכע האבען אויפגעקלערט און געוועקט דעם גרויסען אידישען עולם. און עס האט גאר ניט געקאנט זיין אנדערש, און די ציוניסטען פערדיענען גאר ניט צו־ליעב דעם בעזונדערע קאמפלימענטען. זיי האבען נאר געטהאן זייער חוב.

עס איז נאך ניט געקומען די צייט מען זאל שוין ר ע ־ ט ר א ס פ ע ק ט י ו ו בעלייכטען, ווי און וועלכען אופן די אידישע וועלט האט רעאגירט אויף די לעצטע עלעמענטארע גע־שעהענישען. נאך זיינען צו פריש די וואונדען, נאך האט זיך ניט געלעגט דער שטורם. אלעס דרעהט זיך נאך אין ווירבעל־ווינד, און דער מארגען איז נאך צו אונזיכער. אבער אויך אין רעכטען מיטען שטורם האט מען געקאנט פיהלען, אז מיר ערלעבען אויך עטוואס, וואס איז שעהן און ערהאבען, טייער און הייליג, עטוואס, וואס געהערט ניט צו די טאג־פאסירונגען, עטוואס, וואס וועט איינגעשריבען ווערען אין אונזער געשיכטע. דאס איז: ווי די אידישע וועלט האט רעאגירט אויף דעם דורך דער מלחמה געשאפענעם שרעקליכען צושטאנד אין ארץ ישראל.

19 מערץ, 1915.

לעבעדיגע מתים

מיר זיינען דאָ ו ייט פון דער גרויסער אידישער וועלט, וואו עס געהט איצט דורך דער שרעקליכער שטורם און לאָזט איבער הינטער זיך פערוויסטונג. מיר לייענען די בעריכטען, וועלכע קומען פון יענער זייט ים, און מיר מוזען משער זיין דעם חורבן. מיר מוזען אָנשטרענגען אונזער כח הדמיון, אום צו בעקומען א פאָרשטעלונג פון דער צושטערונג, וועלכע ווערט געשילדערט פון די בעריכט־ערשטאַטער. די השערה און דער כח הדמיון אונזערער מוזען זיך אָבער אויך איבערטראָגען טויזענדע פון מיילען, כדי צו דערגרייכען דעם פונקט, וואו זיי שטעלען זיך אָב און הויבען אָן צו ווירקען. מיר מוזען אין אונזערע געדאנקען מאכען ווייטע, ווייטע נסיעות, איידער מיר קומען צו אונזערע ברידער, איידער מיר דערהערען זייערע זיפצען — אין דער פאָרשטעלונג לכל הפחות, און געדאנקען ווערען אויך פערמאטערט פון ווייטע נסיעות, און גאָר אָפטמאָל ווערען זיי ווידערשפעניג, און גאָר אָפטמאָל פיהרען זיי ניט אויס זייער שליחות און קעהרען זיך אום פון האלב וועג צוריק.

עס זיצט ביי מיר א פריינד. אָט דאָ גאָר ניט לאַנג איז ער געקומען דירעקט פון „יענע מקומות“. איך בעט איהם, ער זאָל מיר דערצעהלען, אַלעס דערצעהלען, וואָס ער האָט געזעהן און וואָס ער האָט געהערט. איך פיהל אז איך בין ניט יוצא, איך דערפיל ניט מיין חוב. עפעס הער איך שטענדיג א קול פון מוסר, אַן אינווענינען קול, עפעס איז עמיצער מיט מיר ניט צופריעדען. איך ווער עפעס געפלאגט. איך בעט איהם, מיין פריינד, ער זאָל מיר אַלעס דערצעהלען. אפשר וועט ער דורך זיינע דערצעהלונגען מיך א ביסעל בערוהיגען. דאָס הייסט איך וועל ווערען אדרבא אונרוהיגער, מיינע מחשבות וועלען ווערען ברענענדער, מיינע געפיהלען שארפער און איך אַליין וועל זיך צוציהען מיט מיין נשמה

נעהנטער צום חורבן. איך וויל דעם חורבן האָבען געגענוועריטיג. דאָ פאר מיינע אויגען. איך קען זיך ניט בערוהיגען כל זמן איך בין רוהיג. איך זוך דעם שטורם, זאָל ער זיך אויפהויבען א י ן מיר, זאָל ער מיך טרייבען און שליידערען. איך וויל ניט זיין מעהר קיין פערברעכער, איך וויל ניט שלאָפען אין וויכען בעט און אויפ־שטעהן יעדען טאָג, גלייך ווי די וועלט פיהרט זיך נאָך דעם אלטען מנהג, גלייך ווי גאָרנישט איז געשעהען, און אָנטהאָן מיינע שעהן אויסגעפרעסטע קליידער, מאכען מיין שפּאציער־גאנג און געניסען מיט געוועהנליכער הנאה מיינע סעודות. איך פיהל, אז ווען דער שטורם וואָלט מיך א פאק געטהאָן און איך וואָלט אָנגעהויבען אָב־צוריכטען גלות גלות אין א גלות, וואָלט איך זיך אפשר עטוואָס בערוהיגט, דער אינוועניגסטער קול וואָלט אפשר מיך אויפגעהערט צו מוסר'ען. איך בין צוזאמען מיט מ י י נ ע, איך בין דאָרט, וואו איך געהער, איך דרעה זיך ווי א זעמדעל אין ווירבעל־שטורם, איך בין אונטערוואָרפען דעם גורל פון מ י י נ ע ברידער.

און איך בעט דעם פריינד, ער זאָל מיר אלעם דערצעהלען. אפשר וועט דאָס לעבעדיג וואָרט מיך אויפוועקען, אויפמונטערען, וואָרים איך פיהל, עפּעס איז אין מיר ניט כשורה, עפּעס איז אין מיר איינגעשלאָפען.

און דער פריינד דערצעהלט מיר. פשוט און איינפאך מיט גאנץ פשוט'ע ווערטער: אלץ וואָס איהר האָט געלייענט איז אמת. וואָלט איינער פון אונז אפשר וועלען אמאָל מגזם זיין — קען ער ניט. וואָרים מיר לעבען אין א צייט, ווען די פּראָזא שטייגט איבער די דיכטונג און דער אמת איבערטרעפט די גוזמא. די ווירקליכקייט האָט דערגרייכט איהר אייגענעם סוף, וויי טער האָט זי ניט וואוהין צו געהן. בקיצור, אלץ וואָס איהר האָט געלייענט איז אמת, נאָר ניט דעם גאנצען אמת האָט איהר גע־לייענט. עס זיינען דאָ זאכען, וועגען וועלכע מען שרייבט ניט, מען האָט מורא, מען זאָל דאָס ניט האלטען פאר א גוזמא. אלע ידיעות, וואָס קומען צו אייך אָן, זיינען פון ערטער, וואוהין מען קאָן צוגעהן. עס זיינען אָבער דאָ פערוואָרפענע ווינקלען, און אין די שטעדטלעך זיינען דאָ חרוב'דיגע, האלב צושאָסענע, האלב

פערברענטע הייזלעך, און אין די הייזלעך ליעגען „לעבעדיגע מתים". זיי ליעגען ווי מצבות אויף זייערע אייגענע קברים. פרומע אידען, געוועזענע בעלי בתים. היינט ריהרען זיי זיך ניט. זיי ווילען ניט, מען זאל אויף זיי רחמנות האבען, זיי שטויסען אב פון זיך יעדע ערבארמונג. טרעפט זיך, עס קומען צו זיי, צו די האלבע מתים, ברידער פון אנדערע שטעדט, געשיקט פון א הילפס-קאמי־טעט, און זיי ברענגען מיט זיך קליידער און נאהרונג. נעהמען זיי ניט אן די קליידער. זיי טענה'ן: מיט קליידער קאן מען ניט פערדעקען די חרפה פון דעם פערלארענעם כבוד פון די טעכטער. נעהמען זיי ניט אן די נאהרונג. זיי טענה'ן: מיט נאהרונג קאן מען ניט גאנץ מאכען א צובראכענע נשמה. זיי טענה'ן — דאס שטימט ניט. זיי טענה'ן גאר ניט, נאר פון די האלב פערלאשענע אויגען געהען נאך ארויס א פאר בליקען, וואס האבען נאך א שטיקעל שייכות צו דער וועלט, און די מאטע בליקען דריקען אויס די שטומע טענה. זיי נאגען, עס איז געקומען דער קץ, און דעם קץ טאר מען ניט דוחה זיין, מען טאר איהם ניט אבשטויסען פון זיך.

דער יאוש האט געפאקט די פערשטויסענע און פערוואגעלטע. דער יאוש האט געבויט א נעסט אויף דעם אידישען חורבן. דער יאוש הערשט איצט אין דער אידישער וועלט. דאס לעבען האט אנגעווארען זיין ווערטה, עס האט זיך אויסגעוועבט זיין טעם, עס איז געבליבען מעהר ניט ווי א שאטען פון דאזיין, א זכר לחורבן. טאמער איז נאך געבליבען וואו ניט וואו א שטיקעלע קדושה, זיינען געקומען די ערלים און האבען דאס אויך מטמא געווען. און עס וואלגערען זיך ארום חרוב'דיגע נפשות, זיי זיינען „לאחר יאוש" און שעהמען זיך צו קוקען אויף גאט'ס וועלט און אויף זיך אליין. אזעלכע ערטער זיינען דא איצט לרוב מיט טויזענדע פון אונשול־דיגע און אונזיניגע קרבנות. נאר קיינער רעדט ניט מעהר פון זיי, אויך די אנדערע האבען זיך מ י א ש געווען פון זיי.

דאס זיינען אין קורצען די נייעס, וועלכע דער פריינד האט מיר דערצעהלט. און מערקווירדיג — דער פריינד האט זיך ניט אויפגערעגט, קיין סימן פון ציטערן איז ניט געווען אין זיין

שטימע, קיין זכר נִיט פון אַ זעעלישער ערשיטערונג. און מערקווירדיג — אויך אויף מיר האָבען די ערצעהלונגען קיין טיעפען איינדרוק נִיט געמאכט, זיי האָבען אין מיר קיינע נייע געפיהלען נִיט אַרויסגערופען, נִיט קיין רחמנות פאַר די קרבנות, נִיט קיין נקמה־דורשט פאַר די ווילדע צושטערער. אין גענענטהייל, איך האָב עפּעס געשפּירט, אַז מיין כעס און מיין פּראָטעסט־כח ווערען אַלץ שוואכער, דער הימעל ווערט בעדעקט מיט נאָך אַ בלייענעם וואָלקען, די אַטמאָספערע ווערט דריקענדער, און אַלע געפיהלען ווערען אַזוי טומפּ, אַזוי פּגימה'דיג, און מען קאָן מיט זיי מעהר נִיט דורכשניידען דעם מרחק. דער כח הדמיון האָט פערלאָרען זיינע פליגלען און ער זינקט צו דער ערד ווי אַ בלייענער פויגעל. איך קאָן זיך מעהר נִיט פאָרשטעלען, וואָס געהט דאָרט איצט פאָר, וואָרים איך בין גאָר שוואַך תופס דאָס וואָס איז שוין פאָרגעקומען. איך קאָן זיך נִיט אַריבערטראָגען צו דער צוקונפט און מאכען מיר אַ בילד, ווי זי וועט אויסזעהן, וואָרים עס שווינדעלט מיר פון דער געגענוואַרט.

דאָס איז דער יאוש, וועלכער גיט זיך איבער אויך צו אונז פון יענער זייט ים. מיר פיהלען, מיר האָבען נִיט צו וועמען צו טענה'ן. די וועלט איז פערנומען, זי האָט אַנדערע דאגות, נעהנטערע אינטערעסען. אויפמערקזאמקייט איז אַ טהייערער אַרטיקעל, און מען פערשענקט זי די בילבערע, וואו עס איז נאָך דאָ אַ שטיקעל קרובות'שאַפט. מיר ווערען געדעכענט צו די ווייטע. מיר אַליין זיינען אָבער צו שוואַך און צו אונאָרגאַניזירט. מיר שטרענגען זיך אָן צו געבען הילפע, אָבער עס פעהלט אונז דער שוואונג, ניטאָ די קראפט פון בטחון און האָפנונג.

מען העלפט דעם בעלגיער, דעם פּאָלאַק, דעם סערב. זיי וועלען זיך אומקעהרען צו זייער אַקער, צו זייער פעלד, זיי וועלען בלייבען ביי זיך אין דער היים, ווער עס זאָל נִיט הערשען איבער זיי. וואוהין וועלען זיך אומקעהרען, אָדער וואוהין וועלען זיך קעהרען אונזערע עלענדע און געפּייניגטע? וואו וועלען זיי בלייבען היינט, און וואָס וועט זיי ברענגען דער מאָרגען?

האָבען מיר דען גע'דאגה'ט פאַר אַ מאָרגען? איז דען אונזער

גאנצע פאָליטיק ניט געווען צוגעשניטען פאר א רגע, פון האַנד אין מויל, מיט פערספעקטיוועז ברייט ווי א פינגער און לאַנג ווי א טפח? און טאָמער זיינען געקומען מענשען מיט ווייטע פערספעקטיוועז און האָבען געוואָרנט און גערופען און געוועקט דעם פאָלקס־ווילען — ווי האָט מען זיך פערהאַלטען צו זיי? צו־ערשט האָט מען זיי איגנאָרירט, מבטל געווען. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבען לאַכען פון זיי אויפ'ן קול און צום סוף איז מען אַרויס אַנטקעגען זיי מיט אַן אָפענער שנאה און געפיהרט אַנטקעגען זיי א דערביטערטען קאַמפף.

דער יאוש האָט זיך אויסגעגאָסען איבער אונז, און אין דער אידישער נאַם הערשט אַן אַפּאַטישע שטימונג. איך וויל זי גובר זיין, איך וויל זיך אַרויסרייסען פון איהר שליטה איבער מיר. זי דריקט מיך, זי שמידט איין אין קייטען מיין ענערגיע, זי מאַכט מיך אַזוי מאַט. עס שוועבען פאר מיינע אויגען די „לעבעדיגע מתים" אין די פערוואָרפענע ווינקלען. זיי זאָגען זיך אָב פון הילפע, זיי דריקען מעהר ניט אויס קיין וואונש, און ווען מען דערלאַנגט זיי עטוואָס צו דערהאַלטען די נשמה, האָבען זיי נאָר איין תשובה, אָהן כעס אָדער פּעראיבעל, קורץ און פול פערצווייפלונג: „מוחל".

און עס הערט זיך ניט קיין מחילה אין דעם „מוחל", עס הערט זיך אין איהם א שטומער פּראָטעסט.

23 מערץ, 1915.

אמת און פריי.

די פרייהייט איז ווי דער אמת: זיי ביידע מוזען זיין פאָלקאָמען, זיי טאָרען ניט האָבען קיין פגימה. ניטאָ קיין 14, 16 אָדער 18 קאראטיגע פרייהייט. אָן אמת מיט אַ פּראָבע איז נאָר *כמעט* אָן אמת, פרייהייט מיט אַ פּראָבע איז נאָר אַ כמעט'דיגע פרייהייט, און כמעט אָן אמת איז אַ ליגען, און אַ כמעט'דיגע פרייהייט איז קנעכטשאפט. אמת און פרייהייט זיינען די צוויי עדעלסטע און ערהאבענסטע מתנות, וואָס די מענשהייט בעזיצט, און זיי קאָנען ביידע ניט האָבען קיין פּראָבע, ווייל זיי זיינען אליין די העכסטע פּראָבע, זיי זיינען *אבסאָלוט*.

פערטיעפען מיר זיך ווייטער אין דעם זין פון די ביידע בעגריפען, זעהען מיר איין, אז אמת און פרייהייט זיינען אַ צווילינג־בעגריף: מען איז נאָר פריי, ווען מען דיענט דעם אמת, און מען קאָן נאָר דיענען דעם אמת, ווען מען איז פריי. אין פלוג קומט אויס, אז ווען מיר זאָגען דעם אמת זיינען מיר *געצוואונגען* צו געהן נאָר אין *איין* ריכטונג, ווען מיר טרעטען אָבער אָב פון אמת, זיינען מיר *פריי* צו וועהלען אַ ריכטונג; אין פלוג קומט אויס, אז ווען מיר זיינען פריי, קאָנען מיר זאָגען דאָס וואָס *פאסט*, ווען מיר זאָגען אָבער דאָס *וואָס איז*, זיינען מיר געצוואונגען. אזא אויפפאסונג איז אָבער פאלש און זי שטאמט פון דער פערקעהרטקייט פון אונזער לעבען. ווען מיר זאָגען דעם אמת, ברויכען מיר נאָר צו *דענקען*, ווען מיר טרעטען אָב פון אמת, מוזען מיר *אויסדענקען*. ווען מיר זאָגען דאָס וואָס איז, ברויכען מיר נאָר צו טראַכטען, ווען מיר זאָגען אָבער דאָס וואָס פאסט, מוזען מיר אויסטראַכטען. דענקען און טראַכטען ליעגט אויף דער גראדער ליניע, אויפ'ן *דרך הישר*, אויסדענקען און אויסטראַכטען ליעגט שוין *אָן אַ זייט*, ווען

מען געהט אראב פון דרך הישר. דורך א י י ג ע נ ע פרייהייט געהט מען אבער קיין מאל ניט אראב פון גלייכען וועג, עס מוזען זיין סבות, וועלכע צ ו ו י נ ג ע ן דערצו. דאס איז א נ א ט ו ר־ ג ע ז ע ץ, אנווענדבאר אויף אלע ערשיינונגען פון לעבען.

מיר קומען צום „זמן חרותנו", צום יום־טוב פון אונזער פרייהייט, און מיר בעגייסטערען זיך. מיר בעוואונדערען דעם גרעסטען פיהרער פון אונזער פאלק, פון דער מענשהייט, מיר פיהלען נאך זיין השפעה אויף אונז, אויף אונז — קינדער פון אינגסטען דור. ער געהט פאראויס און נאך איהם די „ששים רבוא", און מיר ווילען איהם פאסען, לכל הפחות אין אונזער השגה, איהם, דעם גרעסטען, דעם שטארקסטען, דעם וואונדערבארסטען, דעם פאל־קאמענסטען.

ער איז געווען אמת און פריי. דאס איז אבער מעהר ניט ווי א רעדענס־ארט, ווארים ער איז ניט בעשטאנען פון צוויי חלקים. ער איז געווען גאנץ. גאנץ מיט זיך, מיט זיין פאלק, מיט זיין גאט. ער איז געווען אמת־פריי.

ער האט דערקלעהרט זיינע ברידער די אמת'ע פרייהייט און דער וועלט האט ער אויסגעזאגט דעם פרייען אמת און ער האט ערצויגען זיין פאלק און די וועלט.

און ווי ווייט זיינען נאךביידע פון איהם, פון זיין פרייהייט, פון זיין אמת.

מיר פערשטעהען נאך די קנעכטשאפט, די פשוט'ע, בולט'דיגע קנעכטשאפט, אונטער'ן רוט פון הערשער און אין אייזערנע קייטען. ווען מען צווינגט אונז אבער צו ווערען דאס וואס מיר ז י י נ ע ן נ י ט — ריידען מיר פון פרייהייט. אונטער פערזענליכער פריי־הייט פערשטעהען מיר די פרייהייט נאכצוטאנצען, נאכצומאכען. אונטער פרייער נאציאנאלער בעשטימונג פערשטעהען מיר די פריי־הייט צו בעשטימען, צו וועלכער פ ר ע מ ד ע ר נאציאן מיר זא־ל ע ן געהערען.

מיר זיינען ניט ווי מיר ערשיינען. מיר בעהאלטען אונזער נאטור, ווארים מיר ווילען ערשיינען ניט ווי מיר זיינען. סיי בעסער, סיי ערגער — דאס מאכט ניט אויס, אבי א נ ד ע ר ש.

און מיר זיינען אַרונטער פֿון דרך הישר, און מיר דערווייטערען זיך פֿון אמת.

זאָלען מיר זאָגען דער גרויסער וועלט, דער מענשהייט, אָפען און עהרליך: מיר זיינען אַ פֿאָלק. מיר זיינען דעריין ניט שולדיג, ווי עס זיינען ניט שולדיג די אומות העולם, וואָס זיי זיינען אומות. מיר טראָגען אין זיך די ירושה פֿון לאַנגע, לאַנגע דורות. מיט אַנשטרענגונג און שמערצען האָבען מיר אונז געשאַפֿען אייגענע בעגריפֿען פֿון גאָט, מענש און נאַטור. מיר האָבען אונזער שפּראַך, וועלכע מיר פֿערעהרען, אונזער געשמאַק און אונזער אידעען-וועלט, אין וועלכער מיר בעוועגען זיך. מיר זיינען קיינעם קיין שונא ניט חלילה, אָבער מיר זאָגען אייך דעם ריינעם אמת. ווען מען וואָלט אונז געלאָזען זיין פֿריי, וואָלטען מיר קיין מאָל ניט בעהאַלטען אונזער „איך" און קיין מאָל ניט אָנגעצויגען אויף זיך געבאָרגטע קליידער. דער ביטערער גלות האָט אונז דערצו געצוואונגען. בכן — ווילען מיר זיך בעפֿרייען. מיר ווילען מאַכען אַ נייעם פּסח.

גלויבט ניט יענע פֿון אונזער פֿאָלק, וועלכע קומען צו אייך און דערצעהלען אייך מעשיות פֿון אַ געשטאָרבענער שפּראַך, פֿון אַ פֿערשוואונדענער קולטור, פֿון אַן אויסגעמעקטער פֿערגאַנגענהייט. דאָס זיינען מענשען, וועלכע דער גלות האָט מנצח געווען, און זיי טראָגען זיך ארום מיט אויסגעקעהרטע געדאַנקען. זיי זיינען אָבגעשטאָרבען פֿאַר אונזער שפּראַך, פֿערשוואונדען פֿאַר אונזער קולטור, האָבען אויסגעמעקט פֿון זיך די פֿערגאַנגענהייט. זיי זיינען פֿערלאָרען געגאַנגען און ריידען פֿון אַ חרוב'דיגער וועלט.

און ווען עס זאָל אויפֿקלינגען אַזאַ שטימע, מוז זי דערהערט ווערען. זי מוז אימפּאָנירען אַלעמען, ביי וועמען עס איז נאָך ניט אויסגעלאָשען געוואָרען דער לעצטער פֿונק פֿון ליעבע צו אמת און פֿרייהייט.

ווער עס טראָגט אין זיך די פֿרייהייט קאָן ניט זיין פֿאַלש. ווער עס טראָגט אין זיך דעם אמת, שרעקט זיך ניט. זיין וועג איז פֿאַרגעצייכענט דורך זיין אייגענער פֿרייהייט, זיין וואָרט איז פֿאַראויסדיקטירט דורך זיין אייגענעם אמת. ער לאָזט זיך פֿון

קיינעם ניט בעהערשען, ווארים ער בעהערשט זיך אליין, ער לאזט זיך פון קיינעם ניט איינריידען, ווארים ער קאן נאר ערשיינען ווי ער איז.

דעריבער מוז זיין אונזער ערשטער שריט צו זאגען דער וועלט: מיר פערשטעהען די אמת'ע פרייהייט און מיר זיינען פריי צו זאגען אלעמען דעם אמת.

26 מערץ, 1915.

די פּשרה־לייט.

ווען אַ אידעע ווערט מאָדערן, צווינגט זי די געזעלשאַפט, אין ברייטעסטען זין פון וואָרט, צו מאַכען פּשרות. קיין מאָל אָבער געהט מען ניט אויף אַ פּשרה מיט אמאָל, מען דינגט זיך, מען פערזוכט צו האנדלען, וואָרים אזוי איז שוין בעשאַפען די נאַטור פון מענשען: זיין עקשנ׳דיג, ניט נאָכגעבען. זיינען דאָ פערשיעדענע פּשרות. אָפּטמאָל איז מען גרייט אָנצונעהמען דעם *אינהאַלט*, גאַנץ אָדער אַ חלק פון איהם, פון דער נייער אידעע. מען וויל זיך אָבער ניט מודה זיין, אַז מען איז געוועזן *געצוואונגען* נאָכצוגעבען, בעמיהט מען זיך צו שאַפען פאַר דעם אַקצעפּטירטען אינהאַלט אַ נייעם נאָמען, עס זאָל גאָר ניט זיין קענטיג, אַז די נייע אידעע האָט גובר געוועזן. אָפּטמאָל איז מען זיך נוהג פערקעהרט: מען אַקצעפּטירט דעם נאָמען פון דער נייער אידעע, מען איז מסכים צו דעם נייעם שלאַגוואָרט, ווי עס קומט צום *אינהאַלט*, בלייבט מען דער אַלטער פערביסענער געגנער, און מען לאָזט ניט צו, אַז די אידעע זאָל קאָנען פערווירקליכט ווערען אין לעבען. די וואָס מאַכען די פּשרה פון ערשטען מין, האנדלען פיעל עהרליכער פאַר די, וואָס מאַכען די פּשרה אויפ׳ן צווייטען אופן. די ערשטע נארען ניט די וועלט, זיי ווילען נאָר זיך אליין איינשמועסען, אַז זיי זיינען הארט ווי שטאָל, פעסט ווי פעלז און מאַכען ניט קיינע הנחות אין לעבען. די צווייטע פערבויגען, אמת, זייער אייגענעם שטאָלץ, זיי ווילען אָבער פיהרען פאַר׳ן נאָז די גאַנצע וועלט. זייער פּשרה איז ניט מעהר ווי אויף צו רייצען זיך מיט די געגנער: איהר קאָנט אונז איצט גאָר נישט טהאָן, איהר וועט רעדען אין *נאָמען* פון דער נייער אידעע — גוט, מיר זיינען אויך מודה אין איהר, מיר וועלען זיך אָבער אָברעכענען, ווען איהר וועט וועלען זיין קאָנזעקווענט און *דורכפיהרען* אייער אידעע.

מיר וועלן שוין געפינען געגוג תירוצים און פּאַסענדע אויסרעדען, כדי ניט צוצולאָזען, אַז די אידעע זאָל פערווירקליכט ווערען.

דאָס זיינען ניט קיין טהעאָרעטישע בעטראַכטונגען, דאָס איז אַ וויכטיגע פּראַקטישע פּראַגע, אויף וועלכער מיר מוזען זיך אָבשטעלען.

עס איז געווען אַ צייט, אָט טאַקע גאָר ניט לאַנג, ווען די אידישע אינטעליגענץ איז געווען איינגעטהיילט אין צוויי געגנערשע מחנות, ניט נאָר געגנערשע, נאָר פיינדליכע. יעדע מחנה האָט געהאַט אַן אַנדער אויסגאַנגס־פּונקט און אַן אַנדער ציעל. דאָס זיינען געווען די נאַציאָנאַליסטען און די אַסימילאַטאָרען. איך רעד ניט פון ציוניסטען און אַנטי־ציוניסטען, וואָרים דער ציוניזם אַן און פאַר זיך ענטהאַלט אין זיך ניט קיין וועלט־אַנשויאונג. זיין פונדאַמענט איז דער נאַציאָנאַליזם. אַנטי־ציוניזם אַן און פאַר זיך איז געוויס ניט קיין וועלט־אַנשויאונג, וואָרים קיין וועלט־אַנשויאונג קאָן ניט זיין פונדאַמענטירט אויף אַן אַנטי־געדאַנק, סיידען מען זאָל בעשאַפען פון דעם פּרינציפּיעלען „צו־להכעיס" אַ בעזונדערע לעבענס־פילאָזאָפיע. דערוויילע עקזיסטירט זי נאָך ניט. די נאַציאָנאַליסטען און די אַסימילאַטאָרען זיינען די ריכטיגע פערטרעטער פון די צוויי בעשטימטע, אָבגעגרעניצטע וועלט־אַנשויאונגען און זיי אַליין האָבען בעאיינפלוסט דאָס אידישע פאָלקסלעבען. דער אויסגאַנגס־פּונקט פון דעם נאַציאָנאַליזם איז געווען דער קאָלעקטיווער אינדיווידואַליזם און זיין ציעל איז בעשטאַנען אין דער שאַפונג פון נייע בעדינגונגען פאַר דאָס אידישע פאָלק, כדי עס זאָל האָבען די מעגליכקייט זיך אונאָבהענגיג און פריי צו ענטוויקלען אַלס זעלבסטשטענדיגע און אין זיך דעם אייגענעם ווערטה טראָגענדע פאָלקס־איינהייט. דער אויסגאַנגס־פּונקט פון דער אַסימילאַציאָן איז געווען, קורץ גערעדט, דער קאָסמאָפּאָליטיזם, און איהר ציעל איז בעשטאַנען אין דער אָבשאַפונג פון אַלע בעדינגונגען, וועלכע זיינען גורם, אַז די אידישע פאָלקססמנים זאָלען ערהאַלטען ווערען. ביידע וועלט־אַנשויאונגען זיינען געווען קלאָר, און יעדע פון די געגנערישע מחנות האָט געוואוסט מיט וועמען און מיט וואָס זי האָט צו טהאָן. מען האָט גערעדט

קלאָרע דבורים און איינער דעם אַנדערען האָט ניט איינגעריבען די אויגען.

אין די לעצטע יאָהרצעהנטען פון פאָריגען יאָהרהונדערט הויבט זיך אָן אַ נייע סדרה אין דער אַלגעמיינער וויסענשאַפט, די סדרה פון דעם נאַציאָנאַלען געדאַנק. מאַקס מילער, שטיינטהאַל, לאַצאַרוס, נארע, לאַזאַר גייגער, פּאָטעבניא און נאָך פיעלע אַנדערע שלאָגען איין אַ נייעם וועג אין דער פילאָלאָגישער פאָרשונג. זיי הויבען אָן אריינצודרינגען אין די טיעפענישען פון די איינצעלנע שפּראַכען און געפינען אויס, אַז די שפּראַך האָט ניט נאָר איהר אייגענע אַנאַטאָמיע, זי האָט אויך איהר אייגענע פיזיאָלאָגיע, פסיכאָלאָגיע. נאָך מעהר, עס איז דאָ אַ ביאָלאָגיע פון די שפּראַכען. דורך די שפּראַכען קומען זיי, די געלעהרטע, צו די פעלקער, וועלכע האָבען זיי געשאַפען, און עס עפענען זיך מיט אַ מאָל נייע האָריזאָנטען. עס געהט אויף אַ נייע זון און הויבט אָן צו בעלייכטען דעם וועג, וועלכען די מענשהייט האָט דורכגעמאַכט אין איהר לאַנגער ענטוויקלונג, און דאָ זעהט מען, אַז דער וועג איז אויסגעטראָטען געוואָרען פון פערשיעדענע פעלקער, און מען זעהט ווייטער, אַז יעדעס פאָלק האָט איהם אויסגעטראָטען אויף אַ בעזונדער אופן, אויף זיין שטייגער. די געלעהרטע קאָנען זיך ניט מעהר אָברייסען פון דעם נייעם געגענשטאַנד פון זייערע פאָרשונגען און זיי פערטיעפען זיך נאָך ווייטער און בויען און בויען, ביז עס וואַקסט אויס פאַר זיי אַ נייער טעמפּעל פון וויסענשאַפט, אַ טעמפּעל פאַר די וויסענשאַפטליכע פעלקער־פסיכאָלאָגיע.

אויף דעם פּלאַץ פון דער אַבסטראַקטער מענשהייט ווערט אַוועקגעשטעלט די פאָלקס־איינהייט, די נאַציאָן. די אַבסטראַקטע מענשהייט איז שטום, די נאַציאָן רעדט; די אַבסטראַקטע מענשהייט איז אַ נעבעלדיגער גייסט, די נאַציאָן האָט לייב און זעלע, אין איהרע אָדערען פליסט בלוט, פרישעס בלוט, און זי האָט אויגען, אויגען מיט אַ פייערעל, זי בעגעהרט, זי ווינשט, זי שטרעבט, זי פיהרט מלחמה פאַר איהר קיום.

און שריט ביי שריט ענטשטעהט אַן איבערקעהרעניש אין דעם מענשליכען מח. דער גייסט ענטפּלעקט זיך אין אַן אַנדער פאָרם,

ניט אין דער איינפאכקייט, נאָר אין דער קאָמפּליצירטקייט, ניט אין דער פערשמעלצונג, נאָר אין דער אויסשמעלצונג, ניט אין דער איינטאָניגקייט, נאָר אין דער האַרמאָניע.

מיר אידען אָבער פיהרען א זעלבסטשטענדיג לעבען נאָר אין ווי ווייט עס איז מעגליך צו בעהאלטען די אינערע זעלבסטשטענדיגקייט אין א פרעמדער סביבה, און אפילו אין דער גדאנקען־וועלט זיינען מיר אויך די לעצטע, וואָס ווערען בעלויכטען פון די ניי־אויפגעהענדע זונען. עס קאָן קומען דער איינצעלנער איד און זיין דוקא דער טרעגער פון די נייעסטע אידעען. ער שענקט אָבער זיינע אידעען צוערשט דער פרעמדער סביבה. אין גלות קען מען נאָר לעבען מיט דעם אָבגלאַנץ.

עס איז דעריבער קיין וואונדער, אז בשעת די אינטעליגענץ פון די אומות העולם איז שוין געווען געגוג דורכגעדרונגען פון'ם נייעם נאַציאָנאלען געדאנק, האָט נאָך די אידישע אינטעליגענץ געדיענט דעם אַלטען קאָסמאָפּאָליטישען אָבגאָט. זיין מזבח איז שוין געווען צושטערט, זיינע כהנים פערשוואונדען, נאָר די אידישע אינטעליגענץ האָט נאָך אַלץ געבראכט קרבנות אויף דעם צובראָכענעם מזבח.

דער גלות־זייגער געהט קיינמאָל ניט ריכטיג. ער שטעהט אָב אָפטמאָל אויף גאנצע תקופות.

און בשעת אין דער גאנצער וועלט האָט מען שוין געוואוסט גאנץ קלאָר, וואָס איז נאַציאָן, נאַציאָנאַליזם און ווי ווייט האָט די נאַציאָן דאָס רעכט צו פאָדערען לכל הפחות זעלבסטשטענדיגקייט, האָט מען ביי אונז ערשט אָנגעהויבען מפלפל זיין זיך: זיינען מיר א נאַציאָן, אָדער אפשר ניט; האָבען מיר דאָס רעכט צו שטעלען פאָדערונגען אלס פאָלקס־איינהייט, אָדער אפשר זיינען מיר מעהר ניט ווי א „הכרעה" צו די אומות העולם. אָט ווי ווען איהר קויפט איינינע פונט פלייש, וואַרפט אייך צו דער קצב א פּאָר ביינער, אָדער ווי ווען איהר קויפט סחורה אויף אַן אנצוג און דער קרעמער איז מיט אייך צופריעדען, גיט ער אייך א שטיקעל אונטערשלאַג אומזיסט. האָט מען טאקע אַלץ ניט אויפגעהערט צו טענה'ן: מיר זיינען ניט קיין פאָלק און אַלע נאַציאָנאַלע

טהעאָריען האָבען גאָר צו אונז קיין שייכות נים. מיר זיינען דער אונטערשלאַג פון די אומות העולם!

מען קאָן אָבער פאָרט נים זיין אייביג איינגעשפּאַרט, מען קאָן זיך נים גרעניצלאָז עקשנ'ען — האָבען זיך דאָ אָנגעהויבען די פשרות.

פיעלע אסימילאַטאָרישע חברות און אָרגאַניזאַציאָנען האָבען געמוזט מאַכען פּראַקטישע פשרות, ווען זיי זיינען צוגעגאַנגען נעהנטער צום אידישען לעבען. זיי זיינען געווען געצוואונגען צו אַקצעפּטירען לכל הפחות אַ חלק פון דעם איגהאַלט פון דער אידיש־נאַציאָנאַלער אידעע. אַנדערע, פּערקעהרט, האָבען אָנגע־הויבען מודה זיין אין דעם שלאַגוואָרט „נאַציאָנאַליזם"; צו זיין אינהאַלט אָבער, ווען עס קומט צום דורכפיהרען פון נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, פערהאַלטען זיי זיך פונקט אַזוי געגנעריש, פונקט אַזוי פיינדזעליג, ווי די פריהערדיגע אסימילאַטאָרען.

דיזע איבערפלעבליכע פשרה בנוגע צום אידישען נאַציאָנאַליזם האָט זיך ענטפּלעקט אין איהר גאַנצער נאַקעטקייט אין דער ארבייטער קאָנפערענץ אין נויאָרק, וועלכע האָט געזאָלט אויסארבייטען אַ פּראָגראַם און אַן ארבייטס־פּלאַן בנוגע צו די אידישע פאָדערונגען נאָך דער מלחמה. עס איז קיינער נים געווען, ווער עס זאָל אָפען ארויסטרעטען געגען דעם פונקט פון אידישע נאַציאָנאַלע רעכט, אָבער די פשרה־לייט האָבען געוואָלט בלייבען נאָר ביים נאָמען. עפּענען די קלאַמערען, אויסטייטשען בפירוש די נאַציאָנאַלע פאָדע־רונגען — פאַר אזא טהאט האָבען זיי זיך דערשראָקען. און דער אַלטער פּלפּול הויבט זיך ווידער אָן: וואָס זיינען נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, ווי וויים קאָנען מיר געהן אין אונזערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען? א. ז. וו., א. ז. וו.

דאָס לעבען איז ערנסט, און דער איצטיגער מאָמענט איז דאָ־פּעלט ערנסט. און אויב די פשרה־לייט מיינען זיך אויסצודרעהען מיט תמ'עוואטע פראַגען, וועט זיך דאָס זיי געווים נים איינגע־בען. און עס איז דאָ אַ תרופה, אויב מען וויים נים, געהט מען נאָך אמאָל אין חדר פון לעבען און מען לערענט אלף בית אויף דאָס ניי. אגב קאָן מען זיך אַ פרעג טהאָן ביי די פּוילען אין פּאָזען, ריי־

די רוטענען אין גאליציען, ביי די דייטשען אין בעהמען, ביי די סלאווען אין אונגארן, ביי די איטאליענער אין עסטרייך. עס זייענען דא נאך פיעלע, פיעלע, ביי וועמען מען קאן זיך פרעגען.

29. אפריל, 1915.

שפּאָגעל נייע עצות.

ווען מען הערט זיך צו צו די שפּאָגעל נייע אידעען פון געוויסע אידישע „פּאָליטיקער“, קאָן מען באמת נשתומם ווערען, ווי ווייט זיי, די „פּאָליטיקער“, זיינען אָבגעשטאַנען פון דער צייט, אין וועל־כער זיי לעבען, ווי ווייט זיי האָבען פערשלאָפען די גאַנצע ענט־וויקלונג, וועלכע די מאָדערנע, ציוויליזירטע וועלט האָט דורכגע־מאכט אין די לעצטע תקופות. זיי אַליין בעטראַכטען זיך אַלס פּראָגרעסיסטען, אַלס פּאָלשטענדיג פרייע גייסטער, זיי טראָגען אָבער די קייטען פון קנעכטשאַפט אין זיך. זיי האָבען זיך אָנגע־פּאַסט נאָר דער אויסערער זייט פון מאָדערנעם לעבען, אינערליך זיינען זיי געבליבען גהעטאָ־איינוואָהנער און קאָנען בשום אופן ניט ארויס פון ענגען געדאַנקען קרייז, וועלכער רינגעלט זיי ארום. און דעריבער קלינגען גאַנץ אָפט זייערע ווערטער ווי אַ בת־קול פון א בית־הקברות, און מען מערקט, אז זייער געמאַכטער שטאָלץ האָט אַן אונטערשלאַג פון קנעכטישע הכנעה, פון דרויסען אויס־געגלייכט, אינעווייניג געבויגען, ביטול צו דעם אייגענעם, חניפה צו דעם פרעמדען, פון איין זייט מעשה פריץ, פון דער אַנדערער זייט קריכעריש ווי אַ לאַקיי — די ריכטיגע סימנים פון די, וועלכע מען האָט בעפרייט, וועלכע האָבען אָבער זיך נאָך ניט בעפרייט.

דער אָרדען „בני־ברית“ האלט איצט אָב זיין קאָנווענשאָן אין סאַן־פראנציסקאָ. דער אָרדען „בני־ברית“ הערט ניט אויף צו בעטאָנען, אז ער איז ניט קיין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן און מישט זיך ניט אין די „ברענענדע“ פראַגען ווי אסימילאַציאָן, נאַציאָנאַ־ליזם, ציוניזם, טעריטאָריאַליזם, אָרטהאָדאָקסיע, רעפאָרם, און אזוי ווייטער. צו די אַלע פראַגען, — אזוי האָט ער אונצעהליגע מאָל פּראָקלאמירט, — פערהאלט ער זיך נייטראַל, וואָרום זיי זיינען

איהם גאָר ניט נוגע. זיין ציעל איז נור געזעלינקייט און וואָהל־טהעטיגקייט, און אין די צוויי פונקטען בעמיהט ער זיך צו פערייניגען די פערשיעדענסטע עלעמענטען פון יודענטהום.

און באמת זיינען פעראייניגט אין אָרדען „בני־ברית" חברים פון ענטגעגענגעזעצטע וועלטאנשויאונגען, פון אויסגעשפּראָכענע אסימילאטאָרען ביז אקטיווע נאַציאָנאַליסמען און ציוניסטען, פון עקסטרעמע אָרטהאָדאָקסען ביז ווייט געהענדע רעפאָרמער. און מען מוז צוגעבען, אז די העכסטע לייטונג פון דעם אָרדען אין אמעריקא האָט געזוכט אָבצוהיטען מעהר אָדער וועניגער די אָנגענומענע נייטראַלע שטעלונג אַט צו די אויבען דערמאנטע פראַגען.

דאָ איז אָבער ארויסגעשפּרונגען א „בן־ברית", דער קאָנגרעסמאַן יוליוס קאהן און האָט אָנגעהויבען צו שיטען מיט פּאָרשלעגע. מיר שטעלען זיך אָב אויף זיין וויכטיגסטען פּאָרשלאַג.

דער קאָנגרעסמאן יוליוס קאהן האָט פּאָרגעשלאָגען, אז דער אָרדען „בני ברית" זאָל ענדערען דעם נאָמען „אמעריקאן דזשוּס" אויף „דזשואיש אמעריקאנס", דאָס הייסט דער טראָפּ זאָל דוקא זיין אויף דעם וואָרט אמעריקאנס. ער בעגרינדעט זיין פּאָרשלאַג דערמיט, ווייל די אידישע נאַציאָנאַליטעט איז שוין לאַנג טויט, זי איז אָבגעשטאָרבען מיט דעם חורבן פון בית המקדש.

א מערקווירדיגע ערשיינונג. די אידישע נאַציאָנאַליטעט איז שוין אזוי לאַנג טויט, כמעט גאַנצע צוויי טויזענד יאָהר, און די וועלט לעבט נאָך אַלץ אין טעות. מוז ערשט קומען א מאָדערנער ראבינער אָדער א קאָנגרעסמאן אָדער א סתם „פּאָליטיקער" און אויפמערקזאם מאכען די וועלט אויף איהר גרויסען טעות. און וואָס איז נאָך מערקווירדיגער, די וועלט לאָזט זיך ניט איינשמועסען און בלייבט ביי איהר טעות און האַלט נאָך אַלץ, אז די דרייצעהן אָדער פערצעהן מיליאָן אידען, וועלכע זיינען צושפּרייט אונטער פערשיעדענע פעלקער און פערשיעדענע מדינות, געהערען צו א פאָלקס־איינהייט און בילדען א געשלאָסענע נאַציאָנאַלע קערפּערשאפט. ענטשטעהט אויף דעם אופן א פּלוגתא. פון איין זייט: א הייפעלע אסימילאַטאָרען און פון דער אנדער זייט: די אידישע

מאסען, די מאָדערנע אינטעליגענץ, די שאַפענדע עלעמענטען, די דיכטער, די שריפטשטעלער, די קינסטלער, מיט איין וואָרט אַלע, וועלכע מוזען איינדרינגען אין די טיעפענישען פון דעם אידישען לעבען און ווירקען, און אַלס צוגאָב — די גרויסע ניט אידישע וועלט. וואָרים די ניט־אידישע וועלט האָט דאָך ניט וואָס מורא צו האָבען פאַר אַנטיסעמיטיזם, בכן האָט זי קיין גרונד ניט צו פערלייקענען די ווירקליכקייט.

מיר וואָלטען זיך ניט אָבגעשטעלט אויף דעם פאָרשלאָג פון דעם קאָנגרעסמאַן יוליוס כהן. מיר פערגינען איהם און אַלע זיינע געזינונגס־גענאָסען אי דעם כבוד, אי דעם נוצען, וואָס ער קאָן דערגרייכען, ווען זיין פאָרשלאָג זאָל אָנגענומען ווערען אין אַ אידישער אסיפה. ווען מיר האָבען קיין טעות ניט, איז, דאכט זיך, דערזעלבער פאָרשלאָג, נאָר עטוואָס אַנדערש געשלייערט, ניט לאַנג דורכגעגאַנגען אין אַ ראַבינער פערזאַמלונג אין שיקאַגאָ. די וועלט איז ניט נתפעל געוואָרען און אפילו אויף דער ענטוויקלונג פון דער מלחמה האָט דער בעשלוס אויך קיין השפעה ניט געהאַט. מיר וואָלטען דעם פאָרשלאָג פערשוויגען, ווי מען פערשווייגט די געבורט פון אַ מפיל־קינד, ווען קאָנגרעסמאַן קאהן וואָלט ניט געמאַכט נאָך אַ צווייטען פאָרשלאָג, אַז מען זאָל פועל זיין ביי דער אמעריקאַנער רעגירונג, אַז דאָס וואָרט „היברו“ זאָל ניט דערמאַהנט ווערען אין דער קלאַסיפיצירונג פון די אימיגראַנטען. מענשען זאָלען קלאַסיפיצירט ווערען לויט די *לענדער* פון וועלכע זיי קומען, אָבער ניט לויט זייער רעליגיאָן.

מיר פערלאַנגען ניט פון קאָנגרעסמאַן קאהן, ער זאָל זיין אַ ידען אין דער אידישער געשיכטע, קענען דאָס אידישע לעבען, האָבען אַ קלאָרען בעגריף פון דעם אידישען פראָבלעם — דאָס וואָלט געווען צו פיעל פערלאַנגט, אָבער מיר פאָדערען פון יעדען, וועלכער קומט מיט עצות, וואָס זיי ריהרען אָן דעם גאַנצען כלל, אַז ער זאָל זיך *ניט שפיעלען מיט פייער* און ניט טרייבען קיין וואָלוועלע פאָליטיק אויפ׳ן חשבון פון די אידישע מאַסען, וועלכע זיינען געצוואונגען דורך נויט, רעכטלאָזיגקייט און פערפאָלגונג לאָזען זיך איבער די וועלט און זוכען אַ נייע היימאַטה.

מען קאָן ניט וויסען, וואָס פאַר אינטערנאַציאָנאַלע פערוויקלונגען ערוואַרטען די מענשהייט אין דער צוקונפט. מען קאָן ניט נביאות זאָגען, וואָס פאַר ניי־גרופּירונגען וועט די איצטיגע מלחמה מיט זיך ברענגען. מען קאָן ניט וויסען, וואָס פאַר נייע אימיגראַציאָנס געזעצע וועלען מיט דער צייט געשאַפען ווערען אין אַמעריקאַ. מען קאָן אָבער דאָך מיט זיכערהייט אָננעהמען, אַז אויך די נייע געזעצע וועלען זיין מילדער און וויכער בנוגע צו די פערפאָלגטע ווי צו די ניט פערפאָלגטע. פאָרשלאָגען א י צ ט, אַז מען זאָל די אידישע אימיגראַנטען רעגיסטרירען אלס סתם רוסען, רומענער אָדער פּוילען — דאָס הייסט זיין קורצזיכטיג און פּאָליטיש אונרייף. פאַר וואָס האָט זיך קאָנגרעססמאַן כהן ניט מטריח געוועזן צו ערפאַהרען, ווי די אידישע געפאַנגענע, איך מיין די ציוויל־געפאַנגענע, זיינען איצט בעהאַנדעלט געוואָרען אין דער גאַנצער וועלט מיט אויסנאַהם פון די לענדער, וואו די אידען פיהלען זיך שטענדיג ווי געפאַנגענע? אפשר וואָלט ער איינגעזעהן, אַז עס זיינען דאָ מאָמענטען, ווען עס לוינט זיך ניט צו פערלייקענען די אייגענע אָבשטאַמונג און די צוגעהעריגקייט צום אייגענעם פאָלק.

מיר ווייסען נאָך ניט, ווי די בני־ברית־קאָנווענשאָן האָט זיך פערהאַלטען צו דעם פאָרשלאַג. אונז קימערט דאָס זעהר ווייניג, וואָרים די צייט, ווען אידישע פּאָליטיק איז געמאַכט געוואָרען אין אָרדענס און סתם קהל'שע אספות, איז לאַנג פאַרביי. די שעה פון די אונפעראַנטוואָרטליכע פּאָליטיקער האָט געשלאָגען, אויף דאָס אידישע פאָלקס־לעבען האָבען זיי קיין שום איינפלוס ניט מעהר. זיי קאָנען זיך אפילו ניט בעריהמען מיט אזא לאַנגען טויט־זיין ווי די אידישע נאַציאָנאַליטעט, נאָך זייער מיינונג. זיי זיינען פשוט'ע פּאָליטישע בר־מנן'ס. אונז אינטערעסירט נאָר די „ניי־טראַליטעט" פון אַ אידישער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע בעהויפּטעט, אַז זי האָט נאָר נייטראַלע ציעלען.

אָט אַזוי קומען מענשען, וואָס האָבען גאָר נישט צוגעלערענט און גאָר נישט פערגעסען, מיט אַלטע, אָבגעטראָגענע און אָבגעדראָשענע געדאַנקען און זאָגען זיי ארוים מיט גרויסקייט, גלייך ווי זיי וואָלטען ענטדעקט אַ נייעם אמת, אַ נייע תורה. זיי בע־

גרייפען ניט, אָדער זיי ווילען ניט בעגרייפען, אַז עס איז אונמעג־ליך צו פערהילכען די שטימע פון לעבען מיט דער שוואכער אי־דעאָלאָגיע פון אַסימילאַטאָרישען חדר.

און דאָ קומט מען נאָך און מען זאָגט **אונז** מוסר, אַז עס דאַרף ניט זיין קיין אונטערשיעד צווישען דייטשע, רוסישע, פּוילישע און פראַנצויזישע אידען (די פראַנצויזישע אידען נעהמט מען אריין נאָר פון פרעהליכקייט וועגען, מיינען מיינט מען די דייטשע און די רוסישע אידען), און מען פּראָטעסטירט קעגען די טענדענץ, וועלכע מערקט זיך אין דער **לעצטער צייט** צו שאַפען אַ וואַנד צווישען די פערשיעדענע אידישע גרופּען. אזוי האָט גערעדט איינער פון די הויפּט־פיהרער פון די דייטש־אַמעריקאַנישע אידען אין אַ פערזאַמלונג אין „עדיוקיישאָנאַל־עללייענס." וויעדער פערביטען די טענות. ווער האָט דען געשאַ־פען די מחיצה צווישען די „דייטשען" און די „רוסען", ווער האָט געקוקט **ביז אַהער** פון אויבען אראָב אויף די אידישע מאַסען? ווער האָט איגנאָרירט דאָס גאַנצע שאַפען פון אידישען פאָלק, ווער האָט געלייקענט אין די עקזיסטענץ פון דעם אידישען פאָלק? דאָס איז געוועזען אַ גאַנץ קליינע גרופּע פון מערב. **זי** האָט געבויט די מחיצה, **זי** האָט זיך דערווייטערט פון שטאַם, **זי** האָט געוואָלט פערשווינדען, אונטערגעהן און זי האָט געגלויבט אין איהר גאוה, אַז די מאַסען וועלען נאָך איהר נאָכטאַנצען. איצט, אַז די קליינע גרופּע האָט געלעגענהייט צו איבערצייגען זיך אויף טריט און שריט, אַז זי האָט זיך אומזיסט אָנגעשטרענגט און וועט קיין מאָל ניט ערגרייכען איהר ציעל, קומט זי נאָך מיט טענות צו די אַנדערע.

געוויס איז עס ווינשענסווערטה אַז עס זאָל ניט זיין קיין אונטערשיעד צווישען די פערשיעדענע אידישע גרופּען. די פראַגע איז נאָר, ווער צו וועמען זאָל זיך דערנעהנטערען, ווער וועמען זאָל מאַכען פשרות. מיר רעכענען, אַז די תשובה אויף דער שאלה האָט געגעבען דאָס לעבען גופא. מיר זעהען פאַר אונז אין מערב אייראָפּא אַ נייע אידישע יוגענד, וועלכע טרייסעלט פון זיך אָב דעם אַסימילאַטאָרישען שטויב און זוכט אַנשלוס אָן איהר פאָלק, אָן

איהר שטאם, אָן איהר נאציאָן. דאָס זיינען קינדער פון אסימי־
לירטע עלטערען. דעם זעלבען פּראָצעס וועט אויך מ ו ז ע ן
דורכמאכען דאָס אמעריקאנער יודענטהום. די פערהעלטניסע און
די גאנצע ענטוויקלונג פון דער מאָדערנער געזעלשאפט וועלען
אונז צווינגען דערצו.

די אַלטע, מיר מיינען ניט נאָר אַלט אין יאָהרען, מערקען
ניט די טענדענץ פון דער נייער ענטוויקלונג, און דעריבער הערט
זיך אין זייערע ווערטער ערביטערונג, הילפלאָזיגקייט און כעס—
שלעכטע וועגווייזער אין פּאָליטישען לעבען. מיר וואָלטען זיי
געבען אן עצה: אנשטאט צו זאָגען מוסר אנדערע זאָלען זיי בע־
סער איבערקוקען זייער אייגענעם חשבון, וואָרים זיי האָבען איהם
טאקע געמאכט אָהן דעם בעל־הבית.

7. מאי, 1915.

אונזער אייגענע מלחמה

די קעמפפענדע צדדים

דער אויסדרוק „אחדות" האט שוין לאנג פערלארען ביי אונז זיין רייכען און טיעפען אינהאלט. ער איז בעונותינו הרבים געווארען ביליג און אויבערפלעכליך. אונטער „אחדות" פערשטעהען מיר ניט מעהר די א י נ ע ר ע צוגעהעריגקייט צו א העכערער איינהייט, אין וועלכער עס ווערען פערשמאלצען די איינצעלנע פאלקס־חלקים, קלאסען, גרופען און פארטייען צו אן ארגאנישען גאנצען. אונטער „אחדות" האבען מיר אנגעהויבען צו פערשטעהן העכסטענס דעם סאלידארען ווידערשטאנד, ווען מיר ווערען אטאקירט פון אן א ו י ס ע ר ע ן געגנער. צום ביישפיעל: די פאגראמען, דער דרייפוס־פראצעס, דער ביילים־פראצעס וכדומה האבען ארויסגערופען צו זיך כמעט אן איינהייטליכע שטעלונג אין דער גאנצער אידישער וועלט — דאס איז געוועןן א שטעלונג פון ווידערשטאנד, א פערטהיידיגונגס־שטעלונג. דאס איז די פ א ס י ו ו ע אחדות. דארט אבער, וואו עס פאדערט זיך צו ווערען אקטיוו, אויסצודריקען דעם קאלעקטיווען פאלקס־ווילען אין א וויכטיגער פראגע, וועלכע איז נוגע צום גאנצען כלל, פעהלט אונז די צוזאמענשמעלצענדע קראפט, דער אייניגענדער גייסט, און מיר צופאלען אין חלקים, קלאסען, גרופען און פארטייען. א ק ט י ו ו ע אחדות בעזיצען מיר ניט מעהר.

צום ביישפיעל: אפילו אין אזא אומפאסענדער און וויכטיגער פראגע ווי די אידישע עמאנסיפאציאן קענען מיר ניט אויפטרעטען מיט איינהייטליכע פאדערונגען, מיט אן איינהייטליכען פראגראם. מען איז נאך אייניג בנוגע צום שטח פון דער עמאנסיפאציאן, קומט מען אבער צו דער פראגע פון איהר אינהאלט, שווימען גלייך ארויס חלוקי דעות. עס קלינגט כמעט ווי א וויטץ, אבער

מיר האָבען גאַנצע גרופּען און פּאַרטייען, אידישע, וועלכע טרעטען אויף אַלס געגנער פון נאַציאָנאַלע רעכטע אפילו דאָרט, וואו די אידען זיינען קאָנצענטרירט אין גרויסע מאַסען: ביי קיין אומה ולשון קען אַזא ערשיינונג ניט פּאָרקומען.

שטערען די אַ ק ט י װ ע אחדות, בערויבען דעם כלל, אריינגעהמען נאַציאָנאַלעם פּערמעגען פון רשות הרבים אין רשות היחיד און אויסלאַכען זיך פון דער גאַנצער אידישער עפענטליכער מיינונג — דאָס ווערט ביי אונז ניט בעטראַכט אַלס עבירה. דער יחיד איז נאָך ביי אונז ווי עס איז געשיצט, דער כלל איז הפקר, און דער יחיד, ווען נאָר שטאַרק גענוג, הערשט איבער דעם כלל. דאַרין בעשטעהט די גרעסטע ביטערקייט פון גלות. דערפון שטאַמען אַלע נעגאַטיווע ערשיינונגען פון אונזער פאָלקס־לעבען.

עס איז געקומען די צייט, אַז איינע פון דיעזע טרויעריגע ערשיינונגען זאָל אויפגעדעקט ווערען. זאָל די אידישע דעת הקהל משפּט׳ן.

דאָס טעכניקום אין חיפה, אין ארץ ישראל, אונטען אָם הים־טאָרישען כרמל, האָט איינגעשלונגען געגוג אידישע ענערגיע און געגוג אויפמערקזאַמקייט. מיט דיעזען טעכניקום זיינען געווען פערבונדען פיעלע אידישע האָפנונגען. איידער דאָס טעכניקום האָט נאָך געעפענט זיינע טיהרען פאַר די אידישע יוגענד, איז אויסגעבראָכען דער „שפּראַכען־קאַמפף“. די ניט איינגעווייהטע, די פון וויטען שטעהענדע, האָבען דעם גאַנצען סכסוך ניט פערשטאַנען, אָדער ריכטיגער, זיי האָבען ניט בעגריפען זיין פּרינציפּיעלע בעדייטונג און האָבען דעם גאַנצען קאַמפף בעטראַכטעט ווי אַן אינצידענט, ווי אַן איינצעלנעם עפּיזאָד אין די בעציהונגען צווישען צוויי אידישע אָרגאַניזאַציאָנען, פון איין צד די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן און פון דער אנדער זייט דער „הילפס פעראיין דער דייטשען יודען“. דער הילפס־פעראיין האָט זיך טאַקע בעמיהט צו פערדונקלען די פּרינציפּיעלע זייט פון דער שפּראַכען־פּראַגע, וואו ער האָט זיך געפיהלט שוואַך און שולדיג, און האָט איבערגעטראָגען זיינע כלי־זין אויף די איינצעלנע פּערזאָנען.

דאָס איז די טאַקטיק פון אַלע פּרינציפּענלאָזע. זיי גלויבען ניט אין ריינע, לויטערע געזינונגען, זיי גלויבען ניט אין א „מחלקת לשם שמים", וואָרים ביי זיי אַליין שטעהט זייער אייגענע פּערזאָן, זייער אייגענער עהרגייץ אויפ'ן ערשטען פּלאַן. זיי זיינען ניט אימשטאַנד אָבצוזונדערן די פּערזאָן פון דער אידעע, דעם טרעגער פון דעם אידעאַל, און דעריבער טראָגען אַלע צוזאַמענשטויסען, וואָס מען האָט מיט מענשען פון דיזער אַרט, א פּערזענליכען שטעמפּעל. און וויבאַלד דער קאַמפּף ווערט פּערזענליך, צופלאַקערן זיך די ליידענשאַפטען, און בּיסלעכווייז טרעט אָב דער הויפּט שטרייט־פּונקט אויפ'ן הינטערען פּלאַן, און אין פאָדערגרונד זעהט מען נאָר א דועל צווישען פּערזענליכע געגנער. די וואָס שטעהען פון וויטען שטעלען זיך איין פאַר איין צד אָדער פאַר דעם אַנדערען צד. דער צד שפּיעלט די הויפּט־ראָלע, די זאַך אַליין, דער ענין, ווערט כמעט גאָר ניט בערוקזיכטיגט. עס איז שווער, זעהר שווער צו איבערצייגען די וויטשטעהענדע, די ניט אונמיטעלבאַר פּעראינטערעסירטע, אַז עס זיינען דאָ מענשען, אַנהענגער פון א אידעע, וועלכע דיענען זייער אידעע אָהן שום פּערזענליכען עהרגייץ, אָהן שום יאָגעניש נאָך נצחון צוליעב נצחון. עס איז שווער צו איבערצייגען דאָס זייטיגע פּובליקום, אַז עס זיינען דאָ מענשען, פאַר וועלכע דער נצחון פון דער אידעע איז דער עיקר, ווען אפילו זייערע פּערזענליכע אינטערעסען זאָלען דערפון פערלירען.

אין אמת'ן קאָן דער דערמאָנטער שפּראַכען־קאַמפּף בשום אופן ניט בעטראַכט ווערען אַלס א קאַמפּף צווישען די ציוניסטען און א ניט־ציוניסטישער אָדער אַן אַנטי־ציוניסטישער חברה. דאָס וואָלט געהייסען, מיט א כונה פערקלענערען די בעדייטונג פון דעם קאַמפּף. אין דעם קאַמפּף האָט זיך אויסגעדריקט, קלאָרער און שאַרפער ווי ערגעץ וואו אַנדערש, דער גאַנצער אַנטאַגאָניזם צווישען די צוויי הערשענדע הויפּט־שטרעמונגען אין אידישען לעבען, צווישען דער אידיש־נאַציאָנאַלער וועלט־אַנשויאונג און דער אסימילאַטאָרישער ריכטונג, צווישען די, וועלכע שטעהען אויף דעם היסטאָרישען באָדען און דענקען וועגען די אידישע צוקונפט אַלס א פּראָצעס פון פרייער האַרמאָ־

נישער ענטוויקלונג פון די איבערליפערטע פאָלקס־כוחות און איי־גענשאַפטען, און צווישען די, וועלכע האָבען שוין לאַנג פער׳משכונט די אידישע פערנאַנגענהייט און אויסגעביטען זי אויף די בילינע, קליינבירגערליכע עמאַנסיפּאַציאָן פון די יחידים און בילדען זיך איין אין זייער וואולגארער גאוה, אז זיי קענען פיהרען דאָס פאָלק, צווינגען דאָס פאָלק, עס זאָל דורכמאַכען אַ פּראָצעס פון אבוויקלונג, אראָבוואַרפען פון זיך די „ערבליכע בעלאַסטונג" און איינגעשלונגען ווערען פון דער ארומיגער סביבה.

דאָס טעכניקום אין חיפה האָט געהאַט דריי שותפים, אָדער ריכטיגער, דריי אידישע גרופען זיינען אין איהם געווען פערטראָ־טען: אַ רוסישע, אַ דייטשע און אַן אַמעריקאַנישע. די רוסישע גרופע איז בעשטאַנען פון זיבען מיטגליעדער, די דייטשע פון ניין און די אַמעריקאַנישע פון ניין. אָרגאַניזירטע ציוניסטען זיינען געווען מעהר ניט ווי צוויי אין דער רוסישער גרופע און צוויי אין דער אַמעריקאַנער. הייסט דאָס, פיער ציוניסטען אונטער פינף און צוואַנציג מיטגליעדער. איינער פון דער רוסישער גרופע געהערט צו די עדעלסטע און טיעפזיניגסטע אידישע דענקער און צו די בעסטע בעגרינדער פון דער אידיש־נאַציאָנאַלער וועלט־אַנשויאונג, און אויך פון דעם ציוניזם, אַלס לאָגישער רעזולטאַט פון דער נאַציאָנאַלער וועלט־אַנשויאונג, אָבער ער אַליין בעטראַכט זיך ניט אַלס אָרגאַניזירטער ציוניסט.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז אין דער שפּראַכען־פראַגע איז ניט געווען קיין שום אונטערשיעד צווישען זיינע פאָדערונגען און די פאָדערונגען פון די ציוניסטען. עס האָט ניט געקענט זיין קיין אונטערשיעד, וואָרים איידער די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן האָט נאָך עקזיסטירט, און די אַלטע חובבי ציון האָבען נאָך געהאַט יראת הרוממות פאַר די אַליאַנס איזראַעליט — נאָך צו יענער צייט איז ער ארויס אונערשראָקען און האָט כמעט גאַנץ אַליין אויפגענומען דעם ערשטען שפּראַכען־קאַמפּף אין ארץ ישראל געגען די יחסן׳דיגע און זיך גרויס־האַלטענדע אידישע חברה.

דאָס איז געווען „אחד העם".

דערפאַר האָט זיך געפונען אונטער די צוויי אַמעריקאַנישע

ציוניסטישע מיטגליעדער איינער, וואס איז אין רעכטען מיטען קאמפף געווארען אונטריי זיין אייגענער פארטיי, זיינע אייגענע פרינציפען, און האט זיך ניט בעגניגט מיט „שב ואל תעשה“, אדרבא, ער איז אריבערגעלאפען אויף דער אנדער זייט און האט ארויסגעגעבען א הכשר אויף אסימילאטארישע פאליטיק אין ארץ ישראל. ער האט געהאלפען מיט זיין גאנצער שווערער אויטאריטעט צו בעקעמפפען די נאציאנאלע פאדערונגען. א מערקווירדיגע ערשיינונג, ווי די אסימילאציאן קען אפטמאל זיין איינגעוויקעלט אין א מזוזה און ארומגעדרעהט מיט רצועות. אין אונזער פערקעהרטען גלות לעבען קען אבער אלעס פאסירען, ווארים, והא ראיה — עס האט דאך פאסירט. מיר האבען אין גלות זעהר פיעל קלוגע קעפ, זעהר פיעל געלעהרטע, זעהר פיעל שארפזיניגע פארשער, אבער קרומע קעפ האבען מיר נאך מעהר, קעפ מיט אויסגעבויגענע געדאנקען, מיט פערקעהרטע סברות, מיט פערדרעהטער לאגיק. דאכט זיך אזא פשוט'ע זאך: מען בויט א אידישע האכשולע אין ארץ ישראל, דארט וואו מען האט שוין גענוג העברעאישע פארבערייטונגס־שולען, צוויי פולע גימנאזיען און צוויי לעהרער־סעמינאריען, די האכשולע ווערט געגרינדעט און אויסגעהאלטען ניט פון אן איינצעלנער ארגאניזאציאן, נור פון פערטרעטער פון דריי פערשיעדענע אידישע גרופען — דאכט זיך, אז דער שכל איז מחיב און דער יושר דיקטירט, אז די נייע האכשולע מוז פארשטעלען א נייע עטאפע אין דער ארץ־ישראל'דיגער אידיש־נאציאנאלער ענטוויקלונג, און אויף אזא אופן קאן גארניט זיין קיין שאלה, וועלכע שפראך זאל דארט פערנעהמען דעם אויבען־אן. אלא וואס איז די טענה, אז די העברעאישע שפראך איז נאך ניט גענוג ענטוויקעלט בנוגע צו די וויסענשאפטליך־טעכנישע אויסדריקע, האבען דאך אויך די נאציאנאליסטען פערלאנגט, אז דיעזע פראגע זאל פארגעלעגט ווערען פאר עקספערטען, וועלכע זאלען זי גרינדליך אונטערזוכען און ארויסטראגען זייער פסק דין. די נאציאנאליסטען האבען נאר פראטעסטירט אקעגען דעם, וואס איינגעבילדעטע עם־הארצים האבען זיך ערלויבט צו זאגען א דעה אין אזא וויכטיגער אנגעלעגענהייט.

נו, מילא זייטענס די אַסימילאַטאָרען האָט מען אַזאַ שטעלונג געקאָנט ערוואַרטען, אָבער עס זאָלען זיך געפינען ציוניסטען, וועלכע זאָלען נאָך העלפען די אַסימילאַטאָרען אין דער מלחמה — דאָס האָט זיך ניט געקאָנט לעגען אויף קיין גלאַטען שכל. אָבער, ווי געזאָגט, מיר האָבען צופיעל קרומע מחות, און טאַקי גאַנץ אָפט ליידען מיר פון זיי. זיי מאַכען אונז אָן צרות. אַ פריינד פון מיר איז זיך נוהג אויסצודריקען אין אַזאַ פאַל: אַז דיין שכל איז אויסגעעבויגען ווי אַ שופר און מיין סברא איז גלייך ווי אַ מעטער, היינט נעהם שטופּ אַ מעטער אין אַ שופר.

אסימילאציאן טרייבט צו נאציאנאלער מסירה

די איבעריגע פיער מיטגליעדער פון דער רוסישער גרופּע אין קוראטאריום זיינען אויך צוגעשטאנגען צו די פאדערונגען פון די נאציאנאליסטען, און אויך די אמעריקאנער מיטגליעדער האבען פארגעשלאגען א פשרה, וועלכע איז פון אלעמען אקצעפּטירט געווארען. האט דאך, דאכט זיך, געקאנט באמת געשלאסען ווערען א דויערנדער שלום. נור דא ליעגט טאקע דער שליסעל, וועל־כער עפענט אונז די פּרינציפּיעלע זייט פון דעם שפּראכען־קאמפּף. מען קאן זיך פערהאלטען צום אידישען נאציאנאליזם ווי מען וויל, אבער דער געדאנק אליין צו גרינדען א אידישעם טעכניקום אין חיפה אויפ'ן כרמל איז אן און פאר זיך א נאציאנאלער געדאנק. ווען אידישע גרופּען פון פערשיעדענע מדינות פעראייניגען זיך צו בויען די ערשטע אידישע האכשולע אין ארץ ישראל, ווייזט זיך ארויס אין אזא אקט דער אידיש־נאציאנאלער ווילען. די גרונדלאגע, די טרייבענדע קראפט מוז, אין אזא פאל, א נאציאנאלע זיין, ווען אפילו דער ווילען געהט ארויס ניט פון בעוואוסטזיין, נאר פון אונטערבעוואוסטזיין. ווייסען מיר דען אלעס, וואס שטעקט אין אונזער נשמה, קענען מיר דען אלע איהרע נייגונגען און רעגונגען, פערשטעהען מיר טאקע אלע איהרע סודות, און בפרט נאך דארט וואו זי הערט אויף צו זיין אן איינצעלנע נשמה, וואו זי ציהט יניקה פון מקור, פון שרש, וואו זי איז פערבונדען מיט א פאלק, מיט א פערגאנגענהייט, מיט א לאנגער ירושה פון דורות, מיט א מסורה, מיט א דביר, מיט א היכל און מיט א קדש־הקדשים?

קעהרען מיר זיך אום צוריק צו די פערשיעדענע מיטגליעדער, גרופּען און קוראטאריום פון טעכניקום. די רוסישע מיטגליעדער

האָבען אַלע, אָהן אַן אויסנאהם, אָנגענומען אַ נאַציאָנאַלע שטעלונג אין בעצוג אויף די שפּראַכען־פראַגע. און דאָס איז אויך געווען נאַטירליך. דער גרונדשטיין פאַר די גאַנצע אונטערנעהמונג איז געלעגט געוואָרען פון די יורשים פון דעם בעוואוסטען חובב ציון קלונימוס זאב וויסאָצקי, אַ איד אין שעהנסטען זין פון וואָרט, אַ למדן, אַ משכיל, אַ פערטרעטער פון דער אַלטער שולע, אַ מענש מיט נאַציאָנאַלע אידעאַלען, מיט גרויסע צוקונפטס־פּלענער און מיט אַ ברענענדער ליעבע צו ארץ ישראל. איהם, קלונימוס זאב וויסאָצקי'ן, איז דאָס צוערשט איינגעפאַלען דער געדאַנק נאָך מיט דרייסיג יאָהר צוריק מקדיש צו זיין אַ געוויסען סכום פאַר אַ אידישע אוניווערזיטעט אין ירושלים. ליידער איז צו יענער צייט די אידישע וועלט נאָך געווען זעהר אונאָרגאַניזירט, און די „אַליאַנס איזראַעליט" איז געווען די איינציגע אידישע כלומר'שט־אינטער־נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט, וועלכער מען האָט געקאָנט אָנפערטרויען אַ פקדון אויף דורות. האָט דער גרויסער און ווייט־בליקענדער איד און חובב־ציון איבערגעגעבען דאָס געלד פאַר די ערשטע אידישע אוניווערזיטעט אין ירושלים דער „אַליאַנס איזראַעליט".

די יורשים פון קלונימוס זאב וויסאָצקי האָבען געהאַנדעלט נאָך דעם זין פון דעם „אַלטען'ס" צוואה. נאָך דעם זין און ניט נאָך דעם בוכשטאַב. פאָרמעל זיינען זיי ניט געווען געבונדען דורך די צוואה צו גרינדען עטוואָס דוקא אין ארץ ישראל. זיי האָבען אָבער מיט בעזונדערער פרייד און חשק אַקצעפּטירט דעם פּלאַן פון טעכניקום אין חיפה, ווייל זיי האָבען אין דער פערווירק־ליכונג פון אַזאַ פּלאַן געזעהן אַ ווינשענסווערטהע קאָמבינאַציאָן פון מאָדערנער אַנשויאונג פון די קינדער, געטראָגען פון אַלטען גייסט פון דעם טאַטען, פון דעם בעל־הצוואה. איז דאָך זעלבסטפערשטענדליך, אַז די גרופּע מיטגליעדער וואָלט זיך זעלבסט פערלייקענט, ווען זי וואָלט ניט געווען פאַר די שטאַרקע בעטאָנונג פון דעם העברעאישען מאָמענט אין דער נייער האָכשולע.

די אַמעריקאַנער מיטגליעדער, אפילו די ניט־נאַציאָנאַל גע־זינטע, האָבען אויך אָנגענומען אַ ריכטיגע שטעלונג צו דער שפּראַך־פראַגע, וואָרים זיי זיינען אויך געווען פריי פון פניות און פון

זייטיגע כונות. פאַר זיי איז דאָס געווען מעהר ניט ווי אַ פּראַקטישע פראגע, און דעריבער האָבען זיי פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל דערווייל איינפיהרען די העברעאישע שפּראַך אַלס אונטערריכטס־שפּראַך, ווי ווייט עס געהט ביי דעם איצטיגען שטאַנד פון דער העברעאישער ענטוויקלונג. אויף להבא אָבער האָבען זיי אויסגעדריקט בפירוש דעם וואונש, אַז די העברעאישע שפּראַך זאָל זיין די הערשענדע אין טעכניקום.

די איינציגע גרופּע, וועלכע איז געווען אונצופריעדען מיט דער פּשרה, איז געווען די דייטשע. זי האָט זיך געפיהלט געצוואונגען אונטערצוגעבען, ווייל זי האָט קיין שום מעגליכקייט ניט געהאַט דורכצופיהרען איהר אַסימילאַטאָרישען פּלאַן. טיעף אין הארצען האָט זי פערבאָרגען איהר כעס און ערביטערונג און האָט שטענדיג נעקלעהרט פון „רעוואַנש“. פון וועמען זשע זאָל מען נעהמען נקמה, ווען ניט פון די ציוניסטען? די ציוניסטען פערנעהמען דאָך דעם זעלבען פּלאַץ אונטער די אידען, ווי די אידען בכלל אונטער די אומות העולם. אויף די ציוניסטען ווענדעט מען אָן, אין געוויסע קריזען, די זעלבע טאַקטיק, וועלכע די אַנטיסעמיטען ווענדען אָן אויף די אידען אין אַלגעמיינעם. דאָס דריקט זיך אויס הויפּטזעכליך אין דער קאָלעקטיווער אחריות פון די אידען פאַר דער גרויסער וועלט און פון די ציוניסטען פאַר דער אידישער וועלט. פאַר יעדעם אונגעלונגען וואָרט אָדער אונשעהנע האַנדלונג פון אַ ציוניסט מאַכט מען פעראַנטוואָרטליך ניט דעם בעטרעפענדען ציוניסט, נאָר דעם ציוניזם. דאָס ערקלעהרט זיך פּשוט. די אַנטיסעמיטען געהען אַזוי ווייט אין זייער האַס צום סעמיטיזם, אַז אפילו דער אַסימילירטער איד בעזיצט נאָך אין זייערע אויגען גענוג „סעמיטיזם“, כדי זיי זאָלען פיהלען צו איהם אַ שנאה. דער אַסימילירטער איד געהט אַזוי ווייט אַוועק פון סעמיטיזם, ער זוכט אַזוי ווייט אָבצוטרייסלען פון זיך יעדען סימן פון סעמיטיזם, אַז וואו ער זעהט אַ טרעגער פון ציוניזם, ווערט ער אַ פערצאַפּעלטער. דער אינסטינקט זאָגט איהם אונטער, אַז דער ציוניסט איז זיין שלימסטער, געפעהרליכסטער געגנער, וואָרים דער ציוניזם איז דאָך דער קאָנצענטרירטער סעמיטיזם.

האָט דער „הילפס־פעראיין דער דייטשען יודען" אויפגענומען דעם קאַמפּף געגען דעם ציוניזם מיט ביטערקייט און האַס, מיט רציחה און נקמה־דורשט, ווי עס איז נאָך ביז צו דיעזען קאַמפּף קיין מאָל ניט פאָרגעקומען אין אַלע מחלוקות און שטרייטיגקייטען, וועלכע מען האָט געפיהרט מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן. נור איין מאָל, געדענק איך, איז פאָרגעקומען עטוואָס עהנליכעס. דאָס איז געווען אין דער ערשטער צייט נאָך דער אויפלעזונג פון דער ערשטער רוסישער „דומע". כל זמן די דומע האָט נאָך געלעבט, און מען האָט נאָך געהאָט וועלכע עס איז האָפנונגען אויף אַלגעמיינע און אידישע ישועות, האָט זיך די אידישע גרופּע אין דער דומע געפיהלט ווי אַ געשלאָסענע קערפּערשאַפט. עס זיינען פאָרגעקומען אין די בעראַטהונגען פון דער גרופּע זעהר אָפט גאַנץ הייסע דעבאַטען, דען אויך אין דיעזער גרופּע זיינען געווען פערטראָטען מענשען פון דיאַמעטראַל ענטגעגענגעזעצטע וועלט־אַנשויאונגען, דאָך האָבען זיי אַלע געהאַט איין שותפות'דיגען ברענפּונקט אין זייער פּאָליטישען פּראָגראַם: די אידישע גלייכבערעכטיגונג, אָדער, ווי מען פּלעגט עס צו יענער צייט בעצייכענען, די אידישע פ ו ל ב ע ר ע כ ט י ג ו נ ג. בלייבען ביי איינפאַכער גלייכבערעכטיגונג איז דאַמאָלס געהאַלטען געוואָרען פאַר אַ פּחיתות הכבוד. אין דיעזען ברענפּונקט זיינען אַלע געווען פעראייניגט. וכוחים פּלעגען אַרויסקומען נור ביי דעם עפענען פון די קלאַמערן, דעם מרכא־טפּחא, אין וועלכע די „פולבערעכטיגונג" איז געווען איינגעשלאָסען. בעזונדערס האָט מען זיך געהיצט וועגען דעם פּונקט „נאַציאָנאַלע זעלבסטבעשטימונג". דאָ פּלעגט פאָרקומען דער אמת'ער „ויתרוצצו", פּונקט נאָך דער בעשרייבונג פון רש"י אין תולדות, די ליידענשאַפטען פּלעגען פּלאַצען, און דער קאַמפּף, — אַ אידעען קאַמפּף, — פּלעגט ניט זעלטען איבערטרעטען די גרעניץ פון פּאַרלאַמענטאַריזם, פאַר וועלכען אַלע האָבען זיך בעמיהט צו האָבען דרך ארץ.

די דומע איז אָבער אויפגעלעזט געוואָרען, ברוטאַל, העזה'דיג, און אַלע, אָהן אַן אויסנאַהם, סיי רוסען, סיי פּוילען, סיי אידען, האָבען זיך געפיהלט ניט ענטטוישט, נאָר פּשוט אָבגענאַרט, אויס־

געלאכט, עפּעס ווי אָבגעשמיסענע, גלייך ווי מען האָט זיך אָנגע־ שפּיעלט מיט אַ מפּיל־קינד און ניט געמערקט ביים שפּיעלען זיך, אַז די כשר'ע נשמה'לע איז שוין לאַנג אַוועקגעפלויגען... דאָ איז אויך געקומען דער סוף צו דער קינסטליכער אידישער איינינקייט. בעזונדערס די אַסימילאַטאָרען, וועלכע האָבען זיך די גאַנצע צייט איינגעהאַלטען, פערבאָרגען זייערע אַסימילאַטאָרישע טענדענצען און אויסגעפיינט זיך גאָר אָפּטמאָל מיט נאַציאָנאַל קלינגענדע פראַ־ זען — בעזונדערס זיי האָבען אַפּנים חרטה געהאַט אויף דער גאַנ־ צער מעשה. צוליעב וואָס האָבען זיי זיך געפּייניגט, צוליעב וואָס האָבען זיי אויסגעהאַלטען אַזאַ לאַנגען אַסימילאַטאָרישען תענית? דער שד איז אַרויסגעשפּרונגען און האָט געזוכט בעפריעדיגונג פאַר די יסורים און פאַר'ן לאַנגען תענית. דאַמאָלס איז אַרויסגעטרעטען אַ גרופּע פון פּעטערבורגער אידישע אינטעליגענטען — מען האָט זיי גערופען „די דערגרייכער“ — און האָט געטהאָן דאָסזעלבע וואָס דער „הילפס־פעראיין“ האָט געטהאָן, אין פערגרעסערטען פאָרמאַט, 9 יאָהר שפּעטער, — זי האָט נעמליך אָבגעדרוקט אַן ערקלעהרונג אין זייער אָרגאַן, דוקא אין דער רוסישער שפּראַך, מכה דעם ציוניזם און די ציוניסטען.

מען רופט דאָס אַן ערקלעהרונג, אין אמת'ען אָבער איז דאָס מעהר ווי אַ פּשוט'ע ערקלעהרונג, אין אמת'ען איז עס אַ נאַציאָ־ נאַלע פערלוימדונג, און ווען זי וואָלט ניט געהאַט אין זיך דייטליכע עלעמענטען פון עם־הארצות און קורצזיכטיגקייט, וואָלט מען זי אפילו געקאָנט אָנרופען אַ פּשוט'ע מסירה'לע. אידען געהען אַרויס און ערקלעהרען, אַז דער ציוניסטישער געדאַנק שליעסט אויס די פּאַטריאָטישע געזינונג צו דער מדינה, וואו מען לעבט, און בכן... בכן האָבען די ציוניסטען קיין רעכט ניט צו פאָדערען פאַר זיך גלייכבערעכטיגונג. עס קומען אידען און שפּאַלטען די אידען אין צוויי מחנות, איין מחנה איז כשר פאַר גלייכבערעכטיגונג, דאָס הייסט פאַר די בעלי־בתים, די אַנדערע מחנה איז פּסול, טרפה. איין מחנה פערדיענט צוטרויען אין די הויכע פענסטער, די אַנדערע איז ניט ווערטה, וואָס די ערד טראָגט זי. איין מחנה איז צופער־ לעסיג, ווייל זי האָט מוחל געווען אויף אַן אייגענע צוקונפט, אויף

דער אנדער מחנה קאָן מען ניט בויען, ווייל זי טראָגט אין זיך אַלטע זכרונות און נייע א י י ג ע נ ע האָפנונגען.

וויפיעל שפלות, וויפיעל קנעכטישע געזינונג און וויפיעל פּאָליטישע אונרייפקייט ליעגט אין אַזאַ מסירה! די שפלות און די קנעכטישע געזינונג ברויכט מען ניט צו ערקלעהרען, זיי שטעכען פשוט אוים די אויגען. וועגען די פּאָליטישע אָרימזעליגקייט און אונרייפקייט, וועלכע ליעגען אין אַזעלכע אָנגריפען אויף דעם ציוניזם, לוינט זיך אַ ביסעל אָבצושטעלען, ווייל די ערשיינונג איז אַן אַלגעמיין אידישע און קאָן בעטראַכט ווערען, ווי איינע פון די ט ר ו י ע ר י ג ס ט ע ערשיינונגען פון אונזער גלות־לעבען; ווייל מען קאָן זי גאַנץ אָפט בעאָבאַכטען איבעראַל, אין רוסלאַנד, ווי אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך ווי אין אַמעריקא, און אין אַלער לעצטער צייט זאָגאר אויך אין ארץ ישראל, דאָרט, וואו עס שימערט נאָך אונז די איינציגע האָפנונג, אַז אונזער פאָלק קאָן זיך נאָך בענייען און רעטען זיך פון דעם פיזישען און גייסטיגען גלות, דאָרט, וואו מיר גלויבען נאָך, אַז מיר קאָנען נאָך זוכה זיין צו דעם גרויסען אַקט פון תחית־המתים.

נאַקעטקייט פון דער אַסימילאַציאָן

קיינער האָט נאָך ניט אַזוי טיעף, אַזוי אַלזייטיג פערשטאַנען די פסיכאָלאָגיע פון גלות ווי די צוויי געניאַלע משוררים פון פאָריגען יאָהרהונדערט, היינע און שאמיסאָ. איינער, אַ קינד פון אַלטען גלות־פאָלק, האָט בעזונגען די שמערצען פון גלות, די היילינע יסורים פון אַ בענקענדע נשמה און ער האָט געלאָזען דער וועלט אַ רייכע ירושה: „די העברעאישע מעלאָדיען“ און זיין „ודוי הגדול“. דער אַנדערער, וועלכער האָט פערזוכט נאָר עטוואָס פון גלות, — אַליין אַ פראַנצויז און ווערט צופעליג אַ דייטשער דיכטער, — האָט אונז מזכה געווען מיט דער וויציגסטער, פיינסטער און שאַרפסטער כאַראַקטעריסטיק פון גלות, מיט זיין ערצעהלונג פון „פעטער שלומיאל“. זיי האָבען ביידע פערשטאַנען אויפ׳ן פיינסטען אופן דעם גלות מיט זיינע טיעפענישען און זיי האָבען איהם ביידע קינסטלעריש פעראייביגט, אונאיבערטראָפען פעראייביגט.

דער פעטער שלומיאל, ווען ער זעהט, וואָס פאַר יסורים זיין שאָטענלאָזיגקייט פערשאַפט איהם אויף שריט און טריט, פאַלט אויף אַ המצאה. ער איז זיך מישב און געהט צו דעם גרעסטען קינסטלער און שלאָגט איהם פאָר אַ גרויסע מטבע, נור ער זאָל איהם שאַפען אַ קינסטליכען שאָטען במקום דעם פערשוואונדענעם. ער האָט איינגעזעהן, אַז אַ שאָטען מוז י ע ד ע ר מענש האָבען, ווען ניט, ווערט מען אַרויסגעשטויסען פון דער געזעלשאַפט, און יעדער בזוי און פערברעכער נעהמט זיך דאָס רעכט זיך לוסטיג צו מאַכען איבער דעם שאָטענלאָזען. דעם איינענעם שאָטען האָט ער אָבער גע׳פטר׳ט, פערקויפט, פערשאַכערט. פאַר וואָס זאָל דאָס ניט געהן צו פערשאַפען זיך אַ קינסטליכען. מאַכט מען דאָך קינסטליכע הענד און פיס. אמת, זיי זיינען ניט דאָס וואָס די

נאטירליכע, מען בעוועגט זיך ניט מ י ט זיי, מען מוז ז י י בע־וועגען. מאכט מען דאָך אפילו קינסטליכע אויגען. אמת, מען זעהט ניט מ י ט זיי, אָבער אנדערע זעהען זיי און האָבען אַ טעות. פאַר וואָס זאָל מען ניט קאָנען מאכען אַ קינסטליכען שאָטען, אַן אויסגעמאָלטען, מען זאָל איהם קאָנען נאָכטראָגען נאָך זיך ? אמת, ער וועט ניט שטימען מיט דער בעלייכטונג פון דער זון אָדער פון דער לבנה, ער וועט ניט קאָנען געמאכט ווערען לענגער אָדער קירצער, דונקעלער אָדער העלער, ווארים ער איז דאָך מעהר ניט ווי אַ געמאָלטער גולם. אָבער פאָרט בעסער ווי גאָרניט. אָהן אַ שאָטען איז נאָך ערגער ווי אַרויסצוגעהן אַ נאַקעטער אין גאַס. דער נאַקעטער איז דאָך נאַר נאַקעט פון דרויסען, אינוועניג איז ער מיט אַלע מענשען גלייך. דער וואָס האָט אָבער קיין שאָטען ניט, ווערט עפּעס בעטראַכט ווי איינער, וואָס וואָלט געווען נאַקעט פון אינוועניג.

דער קינסטלער איז נשתומם געוואָרען. פערשיעדענעס האָט ער אין זיין לעבען פערזוכט איבערצוטראָגען אויפ׳ן לייווענט, דאָס גאָלד פון דער זון, דאָס גרין פון די בוימער, דאָס זילבער פון דעם רוישענדען וואסער — אָבער מאָלען אַ שאָטען, דאָס איז איהם נאָך קיין מאָל ניט פאָרגעקומען. און ווי אַזוי האָסט דו פערלאָרען דיין שאָטען, דו שלומיאל ? שלומיאל האָט מורא געהאט אָנפערטרויען זיך דעם קינסטלער און אויסזאָגען איהם דעם גאַנצען אמת. דערצעהלט ער איהם אַ גאַנצע מעשה, ווי ער האָט געמאכט רייזען אין רוסלאַנד, דער פראָסט האָט געברענט, און ער אַליין האָט זיך געאיילט, האָט ער ניט געקאָנט גוט אויפפּאַסען און האָט פערלאָרען זיין שאָטען. ער איז צוגעפראָרען געוואָרען און האָט זיך אָבגעריסען פון איהם, פון שלומיאל. דאַכט זיך, אַן אונגליקליכער מענש, דער שלומיאל. דער קינסטלער אָבער צייגט ניט אַרויס צו איהם קיין איינציגען פונק פון מיטלייד. אדרבא, ער ווערט אויף איהם שטאַרק אויפגעבראַכט: דו, אונגליק־זעליגער, ווי קאָן איך דיר אָנפערטרויען אַ קונסט־ווערק, ווען דו האָסט דיין א י י ג ע נ ע ם שאָטען, פון גאָט דיר אָנפערטרויטען, פון דער נאַטור צו דיר צוגעוואקסענעם, ניט געקאָנט איינהיטען.

עס וואָלט געווען אַ פאַרברעכן מאַכן דיך פאַר אַ בעל־הבית איבער אַ קונסט־ווערק! אויסערדעם פאַרוועקסעלסט דו די בעגריפען. דו מיינסט די קונסט האָט זיך אַראָבגעלאָזען פון הימעל צו אונז, ערד־בעוואוינער, כדי מיר זאָלען מיט איהר הילפע קאָנען גאַנץ מאַכען דאָס, וואָס די מענשען צושטערען, מכפר זיין מיט קונסט־ווערקען אויף די עבירות, וואָס מען פאַרברעכט געגען דער נאַטור. דו האָסט אַ טעות, זינדער. קונסט איז ניט קינסטליך, ווען זיי שטאַמען אפילו שפּראַכליך פון איין שורש. ניטאָ קיין קונסט במקום נאַטור, די קונסט איז נאָר אַ פּירוש אויף נאַטור. ערזעצען, ערגענצען קאָן מען נאָר קינסטליך, טעכניש, מעכאַניש — דערפון שטאַמען די אָבגעטער און דער געצענדיענסט!

אָרימזעליגע אסימילאַטאָרען! שאַמיסאָ האָט אייך געגעבען אַ קלאָרע תשובה. איהר קומט און פאַר'מסר'ט אייערע אייגענע ברידער און איהר מיינט, אַז דורך אַזאַ מסירה וועט איהר זיך אַליין רעטען, און איהר פאַרשטעהט גאָר ניט, אַז איהר פאַרלוימדעט זיך אַליין אויף דעם געפעהרליכסטען אופן. איהר קומט און איהר טענה'ט, אַז איהר זייט פיינע מענשען, אַז פאַר אייך איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען, וואָרום איהר טראָגט שוין לאַנג נאָך זיך נישט נאָך קיין אייגענעם שאָטען, ער איז שוין לאַנג פאַרשוואונדען, צוגעפראָרען צו אַ פרעמדען באָדען מחמת גרויס קעלט, אָדער צו־שמאָלצען געוואָרען פון אַ פרעמדער זון מחמת גרויסע היץ. „אָט — אַזוי טענה'ט איהר ווייטער, — פאַר די האָט מורא, פאַר די ציוניסטען, וואָרים הינטער זיי געהט נאָך אַ לאַנגע פערגאַנגענ־הייט און פאַר זיי שוועבט אַן אייגענע צוקונפט. מיר זיינען אָבער שעהנע מענשען, נאַקעט פון הינטען, נאַקעט פון פאָרענט, און אינוועניג אָהן אַן אייגענעם אינהאַלט. מיר שליסען זיך אָן אייך אָן, מיר בעטען אייך, מיר האָבען נאָר איין בקשה: ערלויבט אונז אַרויפציהען אויף זיך אייערע אָבגעטראָגענע קליידער, מיר וועלען אויף זיי מאַכען „שהחיינו“, גלייך ווי זיי וואָלטען געווען גאָר שפּאָגעל נייע, לאָזט אונז אָנפילען אונזער „איך“ מיט די „שיריים“ פון אייער אינהאַלט. איהר לעבט דאָך בהרחבה, פון אייער אינ־האַלט ברעקלען זיך אָפטמאָל אָב קליינע חלקים, פאַר אונז וועט

דאָס זיין די והותר. וועט אונזער אינהאַלט זיין אַ שיטערער, אַ דורכזיכטיגער, עס שאַדט ניט, מיר וועלען זיין שטאָלץ אויף איהם, ווייל ער איז אַן אינהאַלט פון אייער אינהאַלט. איהר ווייסט ניט, ווי מיר לעבצען און ציהען זיך צו א י ך, מיט אונזער גאַנצער נאַקעטער און אינהאַלטסלאָזער נשמה." איין זאַך וועט איהר פועל'ן מיט אייער מסירה — פאַר די ציוניסטען וועט מען אָנהויבען מעהר מורא צו האָבען, מען וועט שאַפען פאַר זיי נייע גזרות, מען וועט זעהן זיי צו דריקען, צו פערפאָלגען, אָבער אייך וועט מען אָנהויבען מעהר פ ע ר א כ ט ע ן, מען וועט אייך האַלטען פאַר בזוים, פאַר לעדיג־געהער, פאַר שמאַראָצער, מען וועט אייך אַרויס־וואַרפען קליידער „טלאי על גבי טלאי" און מיט ברעקלעך קלייבען וועט מען אייך מכבד זיין אונטער'ן טיש... עס וועלען קומען די אמת'ע קינסטלער, די וואָס טראָגען אין זיך גאָט'ס אַ פונק, און זיי וועלען אייך זאָגען: דעם א י י ג ע נ ע ם, פון גאָט אָנפער־טרויטען, פון דער נאַטור צוגעוואַקסענעם שאַטען האָט איהר ניט געקאָנט איינהיטען, ווי זאָלען מיר אייך אָנפערטרויען אַ קונסט־ווערק, אַ פרעמד ווערק, צו וועלכען איהר האָט גאָר קיין שייכות ניט.

דאָס איז איין פונקט. עס איז אָבער דאָ נאָך אַ פונקט אין דער אַסימילאַטאָרישער מסירה, נאָך ניעדריגער, נאָך געפעהר־ליכער. זאָל מען צוגעבען אויף אַ ווײַלע, אַז די וועלט בעזיצט ניט פיעל קינסטלער מיט אַזאַ פיינער אויפפאַסונג פון קונסט און פון שאַטען ווי דער קינסטלער פון שאַמיסאָ. זאָל מען מסכים זיין אויף אַ ווייַלע, אַז די מייסטע מלוכות זיינען פּאָליציי־שטאַאַטען מיט ה ע ר ש ע נ ד ע נאַציאָנען, און די הערשענדע נאַציאָנען פער־שטעהען ניט קיין חכמות און ווילען און פאָדערען, אַז די אַנדערע נאַציאָנען זאָלען פון זיי איינגעשלונגען ווערען. דאָס וואָלט געווען אפילו אַ זעהר וואולגאַרע אויפפאַסונג פון דעם סאָציאַלען פּראָבלעם, אָבער אפשר איז טאַקע די מענשליכע געזעלשאַפט וואולגאַר, און די אַסימילאַטאָרען האָבען זי בעסער און ריכטיגער תופס געווען. קומען זיי און ווילען מאַכען אַ סוף צו די אידישע צרות. מאַכען זיי אַזאַ חשבון: די ציוניסטען זיינען דאָך גאָר אַ פערשווינדענדע מינאָריטעט לגבי „כלל ישראל". לאָמיר זיי מקריב זיין צוליעב

דאָס אַלגעמיינע אידישע גליק. מיר וועלען געבען די אנטי־סעמיטען, די אָפענע און די פערבאָרגענע, כּאַבּאַר, שוחד; זיי מוזען דאָך האָבען אויף וועמען אויסצולאָזען זייער כּעס, אויף וועמען אויסצוגיסען זייער אַנטיסעמיטישע גאַל — זאָלען זיי פרעסען די ציוניסטען, און דער כּלל ישראל וועט געהאָלפען ווערען.

אַרימזעליגע פּסיכאָלאָגען! איהר מיינט צו פער'מסר'ען אַ פערשווינדענדע מינאָריטעט און איהר זייט מקריב דעם כּלל צו־ליעב אַ הייפּעלע אַסימילאַטאָרען. די אַנטיסעמיטען וועלען מסכּים זיין צו אייער הנחה, זיי וועלען זיך ערקלעהרען איינפערשטאַנדען מיט אייער פּסק דין: אַז דער, וואָס קאָן ניט איינגעשלונגען ווערען פון דער סביבה ביז אונקענטיג ווערען, מוז אַרויסציהען. דער, וואָס קאָן ניט פ ע ר ש װ י נ ד ע ן, מוז שווינדען, וואָרום אַזוי קומט אויס נאָך דער טהעאָריע פון אַלטע רעטראָגראַדען, דונקעל־מענער און שוואַרצע־מאה'ניקעס. אָבער זיי וועלען זיך ניט בעגניגען מיט דעם קליינעם קרבן, וואָס איהר ווילט מקריב זיין פאַר זיי. זיי וועלען אייך בעווייזען, אַז דער כּלל ישראל האַלט ניט מיט אייך, נאָר דוקא מיט די ציוניסטען, און טויזענד ראיות וועלען זיי אייך ברענגען, און טאַקע ריכטיגע ראיות. זיי וועלען אייך בעווייזען, אַז איהר זייט אונוויסענדע, עם־הארצים, אַז איהר קענט ניט אייער אייגען פאָלק, ניט זיינע טראַדיציאָנען, ניט זיין פערגאַנגענהייט, ניט זיין געגענוואַרט. זיי וועלען אייך פיהרען אין שוהל און וועלען אייך איבערזעצען די אידישע תּפלות, זיי וועלען מיט אייך לייענען קינות, זיי וועלען אייך אָנווייזען אויף דער תּפלה פאַר'ן קיסר, וואָס אפילו זי פערענדיגט זיך מיט דער בקשה: „אין זיינע טעג און אין אונזערע טעג זאָל געהאָלפען ווערען יהודה און ישראל זאָל רוהען אונגעשטערט אויף ז י י ן א י י ג ע נ ע ם באָדען“. זיי וועלען אייך אָנווייזען אויף די גאַנצע אידישע ליטעראַטור, זייט טיטוס האָט חרוב געמאַכט דעם בית המקדש ביז אויף דעם לעצטען אידישען דיכטער פון דער געגענוואַרט, דורכגעדרונגען פון פער־עהרונג פאַר די פערגאַנגענהייט און פון האָפנונג פאַר די צוקונפט. זיי וועלען אייך ווייזען אויף משיח'ען, דאָס הייסט אויף די אידישע זעהנזוכט נאָך משיח'ן. זיי וועלען אייך נאָך פיעלעס ווייזען און

פיעלעס בעוויזען, זיי וועלען שוין אויסגעפינען די ענטשפּרעכענדע מומחים, וואָס האָבען מעהר געלערענט פאַר אייך און ווייסען בעסער פאַר אייך דאָס אידישע פאָלק און דעם אידישען אינהאַלט. און צום סוף וועלען זיי אייך זאָגען: אייער משפט איבער די ציוניסטען איז גערעכט, אָבער דעם חשבון לאָזט אונז אליין מאכען. זיי וועלען אייך דאנקען פאַר אייער פסק־דין, וואָרים שטרענגער האָט דער שלימסטער און פערביסענסטער אנטיסעמיט ניט געקאָנט פּסק׳ענען, אָבער אויספיהרען דעם פּסק וועלען זיי אליין און זיי וועלען איהם אָנווענדען אויף דעם כ ל ל י ש ר א ל, און אפשר אויף אייך אליין אויך. זיי וועלען אייך בעטראַכטען אלס פעלשער, אלס פּאָליטיקער, וועלכע פערגראָבען טיעף זייערע אייגענע מחשבות.

אין דער גאַנצער וועלט האָבען די אסימילאַטאָרען איין טבע: זיי שטעלען שטענדיג ארויס זייער איבער־פּאַטריאָטיזם. און ווען זיי לאָזען זיך אראָב פון זייערע הויכע פּאַלאַצען און קומען אין די אידישע קוואַרטאַלען, טהוען זיי דאָס, ווי איינער, וואָס איז מבקר חולה. דער בליק איז פול רחמנות און די צונג פול עצות, און אלע ווערען זיי פרעדיגער און גיבען זייערע „אָרימע ברידער" א לעקציאָן אין הלכות פּאַטריאָטיזם. און די אָרומיגע, די שכנים, די פרעמדע, לייענען אויף מאָרגען די קלוגע און טיעף מאָראַלישע ווערטער פון די אידישע „פאַרשטעהער" און זיי דענקען זיך: ווי שלעכט מוז עס אויסזעהן מיט דעם אידישען פּאַטריאָטיזם, ווען מען מוז שטענדיג דערמאָנען זיי מכח איהם.

די זעלבע שיטה און די זעלבע מיטעל האָט אויך דער „הילפס־פעראיין דער דייטשען יודען" אָנגעווענדעט אין זיין קאַמפּף געגען די ציוניסטען, אין דייטשלאַנד און אין ארץ ישראל גופא. עס איז אַזוי ווייט געקומען, אַז די מיטגליעדער פון „דעם דייטש־אידישען אַנטי־ציוניסטישען קאָמיטעט" בשותפות מיט די מענער פון דער לייטונג פון הילפס־פעראיין, האָבען אויסגעגעבען גרויסע סומען געלד און אָבגעדרוקט אין אלע גרויסע און מיטעלע דייטשע צייטונגען אַן ערקלעהרונג מיט דעם זעלבען נוסח און מיט דער זעלבער מסירה. זיי האָבען געלאָזט וויסען די וועלט, די

קריסטליכע וועלט, אַז זיי אַליין זיינען פיינע מענשען, גליהענדע פּאַטריאָטען, אַז זיי פיהלען זיך איינס מיט זייערע שכנים, פּשוט ווי איין גוף און איין נשמה, נאָר אין בעצוג אויף רעליגיאָן לאָזען זיי איבער אַ קליין מחיצה'לע. ווייטער האָבען זיי פערלוימדעט די ציוניסטען, דיעזע „פּאַטערלאַנדסלאָזע געזעלען", וואָס האָבען די חוצפּה צו פיהרען אַ קאַמפּף וועגען העברעאיש און טרוימען פון אַ אידיש-נאַציאָנאַלער צוקונפט. זיי האָבען בכן ערקלעהרט ווייטער, אַז מחיום והלאה לעגען זיי ארויף אַ געזעלשאַפטליכען חרם אויף די ציוניסטען, זיי וועלען מיט זיי זיך ניט צונויפקומען אפילו אויף דעם נייטראַלען באָדען פון דער פילאַנטראָפּישער טהעטיגקייט. און גע'חתמ'עט זיינען געווען אַלע קאָמערציענ-רעטהע און אַלע געהיימרעטהע, פּאָליטיקער און סתם כלל-טהוער. די אַסימילאַציאָנסזוכט און דער פּחד פאַר דעם וואַקסענדען ציוניזם האָט זיי אַלע פעראייניגט.

פערבארגענע פאלקס־סימפאטיען

איינגעשלאפענע סימפאטהיען פון א פאלקס־זעעלע מוזען האבען אן אויסערען שטוים, כדי זיי זאלען ערשיטערט ווערען און ארויסגעהן פון דעם בעהאלטענעם ווינקעל, וואוהין מען האט זיי אדער וואוהין זיי האבען זיך פערראקט. דער קאמפף וועגען די לעהר־שפראך אין חיפה'ר טעכניקום האט דעריבער געהאט די בעדייטונג ניט פון אן איינצעלפאל, ניט פון א געוועהנליכען סכסוך, ער האט באלד פעראינטערעסירט כמעט די גאנצע אידישע געזעלשאפט אין איירָאפא. ס'קאן אפשר קלינגען עטוואס קאמיש, אבער עס איז א טהאט־זאך, אז דער „הילפס־פעראיין דער דייטשען יודען" האט מיט זיין אונגעלומפערטען אנגריף אויף די העברעאישע שפראך מעהר געהאלפען ארויסצורופען די סימפאטהיען פאר העברעאיש און דעם נייעם ישוב בכלל אלס די ציוניסטישע ארגאניזאציאן מיט איהר פערטהיידיגונגס־פראפאגאנדא. אזעלכע ערשיינונגען קומען אפט פאר אין עפענטליכען לעבען.

דער פיהרער פון הילפס־פעראיין האט בכבודו ובעצמו געמאכט א רייזע נאך ארץ ישראל גלייך נאך דעם ווי דער סכסוך האט אויסגעבראכען אין קוראטאריום פון טעכניקום, אם 26טען אקטאבער 1913. ער האט געמיינט, אז וויבאלד ער וועט זיך דארט אליין צייגען, וועט גאנץ ארץ ישראל פאלען פאר איהם כורעים און בעטען ביי איהם מחילה, וואס מען האט זיך ניט פערלאזען אין דער שפראכען־פראגע אויף דעם יושר פון איהם און פון הילפס־פעראיין. ער האט אבער א טעות געהאט. ארץ ישראל האט זיך פאר די לעצטע צעהן יאהר זעהר אויסגעגלייכט און וויל ניט מעהר בויגען דעם רוקען פאר א אידישען אסימילאנטען. דער פיהרער פון הילפס־פעראיין האט באלד איינגעזעהן, אז ער

האָט דאָ צו טהאָן מיט אַן עלעמענטאַרען געזעלשאַפטליכען ווילען, און האָט בעטרעטען אַן אַנדער וועג. פּאָליציי, טערקישע פּאָליציי, איז אַריינגעדרונגען אין די שולען און האָט פערטריבען פון דאָרט די ווידערשפּעניגע לעהרער און לעהרערינס. דער פּאַשאַ פון ירושלים האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, וועלכער האָט ענטהאַל־טען אַ וואָרנונג פאַר די ציוניסטען. מען האָט געזאַמעלט חתימות אויף אַ הכשר פאַר דעם הילפס־פעראיין פון אַלטע רבנים און פון סתם חלוקה לייט. און ועל כולם האָט מען אָנגעווענדעט דאָס אַלטע מיטעל, און דער פיהרער פון הילפס־פעראיין איז מיט אַמאָל גע־וואָרען דער פערטהיידיגער פון דער אידישער רעליגיאָן אין ארץ ישראל. ער האָט זיך זעלבסט געקרוינט צום רעטער פון ארץ ישראל אנקעגען די ציוניסטישע אפּיקורסות. איינפאַך צום לאַכען, ווען עס וואָלט ניט געווען אַזוי טרויעריג. טאַטעס פון געטויפטע קינ־דער, זיידעס, וואָס פיהרען אַליין זייערע ניי געבאָרענע אייניק־לעך אין די קירכע און פונקציאָנירען אלס עדות ביי דער טבילה, חתמה'נען זיך אויף דעם אַנטי־ציוניסטישען אויפרוף, וואו זיי זאָגען, אַז נאָר אין עניני אמונה אונטערשיידען זיי זיך פון זייערע שכנים, און אַ מאַן, וואָס האָט ניט קיין בעגריף פון אידישען „אלף בית“, ווערט דער אַפּוטראָפּוס אויף די אידישע רעליגיעזע אינטערעסען, און וואו, אין ארץ ישראל. עס האָבען זיך געפונען צבועים און סתם ביליגע נשמות, וועלכע האָבען ניט בעגריפען די ביטערע איראָניע, וואָס שטעקט אין אַזאַ האַנדלונג, און זיי האָבען דעם פיהרער פון הילפס־פעראיין געהאָלפען אין זיין קאָמי־שער און נאָך מעהר טרויעריגער ראָלע.

ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט פון זיין בעריהמט געוואָרענער רייזע נאָך ארץ ישראל, האָט ער אַרויסגעגעבען אַ חבור, געדרוקט אַלס מאַנוסקריפּט און פערשיקט אין אַלע וועלט טהיילען אין טוי־זענדע עקזעמפּלאַרען. אין דיזער בראָשורע האָט ער פעראייביגט די אַנטי־ציוניסטישע מסירה, וועלכע איז ניט מילדער אָבגעפּאַסט ווי די מסירה פון די שמרונים אין דער צייט פון עזרא און נחמיה. אין איהר, אין דער בראָשורע, ווערען אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די ציוניסטישע סכנה: די ט ע ר ק י ש ע רעגירונג, די

אַ ר אַ ב י ש ע בעפעלקערונג און די „שלומי אמוני ישראל“. מילא די לעצטע לאָזען מיר ביי זייט, אָבער די טערקישע רעגי־רונג און די אראבישע בעפעלקערונג האָבען אפשר טאקע אריינ־גענומען אין זיך אַ חלק פון דעם אויסגעשפריצטען גיפט. די באַ־צילען פון אַ מסירה זיינען אין דיזער הינזיכט גלייך צו די אַנדערע שעדליכע באַצילען, וועלכע פערברייטען קראנקהייטען און מגפות. זיי ברויכען ניט צו ווירקען דוקא גלייך ווי זיי ווערען ארויסגע־לאָזען. אָפטמאָל ליעגען זיי אָב חדשים און יאָהרען לאנג, ביז עס קומט אויך פאר זיי די גינסטיגע געלעגענהייט, און דאן נעהמען זיי זיך צו זייער פערגיפטענדער ארבייט. ערשט ווען די מגפה איז פארביי, קומען די פאָרשער און זוכען אויסצוגעפינען דעם וועג, וועלכען די באצילען האָבען דורכגעמאכט.

דערווייל איז די מלחמה אָנגעגאנגען די גאַנצע צייט, אין די גלות לענדער ווי אין ארץ ישראל גופא. און דאָ איז געשעהן עט־וואָס וואונדערבארעס. אין דייטשלאַנד איז די גאַנצע יוגענד, די גאַנצע אינטעליגענץ כמעט, אריבער אויף דער נאַציאָנאַלער זייט. דאָס איז געווען אַ קראַפט־פּראָבע צווישען דעם נאַציאָנאַלען געדאנק און דער אסימילאַציאָן, און מנצח געווען האָט דער נאַציאָנאַלער גע־דאנק. צום ערשטען מאָל האָט די גרויסע וועלט איינגעזעהן, אַז מען האָט זי גענארט. מען האָט איהר ערצעהלט מעשיות פון אַ פערשטאָרבענער פערגאנגענהייט, פון אַ פערשוואונדענער שפּראַך, פון אן אויפגעלעזטער נאַציאָן. מיט אַמאָל האָט זי געהערט פון אַ אידישען שפּראַכען־קאַמפּף, פון אַ רעוואָלוציאָן אין פּאַלעס־טינאַ. צייטונגען ווי „דאָס בערלינער טאַגעבלאַט“ און „די פראנק־פורטער צייטונג“, וועלכע ציטערען צו בעריהרען אַ אידיש טהעמא, כדי מען זאָל זיך ניט דערמאהנען, אַז די בעלי בתים פון די צייטונ־גען און 90% פון די מיטאַרבייטער זיינען אידען, האָבען מיט אַמאָל געמוזט ברענגען ידיעות וועגען די „אידישע מלחמה.“ און טעלע־גראַמען זיינען געפלויגען, און לייט־ארטיקלען זיינען געשריבען געוואָרען. עס מאכט ניט אויס, וואָס די אַלע ידיעות און די אַר־טיקלען האָבען געצייגט אַ שטאַרקע נטיה צום צד פון הילפס־פער־איין. אַ נאַציאָנאַלע שטעלונג האָט מען פון אזאַ פּרעסע ניט גע־

קאנט ערוואַרטען. אבער דער פאקט אליין איז געווען וויכטיג. אין ארץ ישראל איז טאקע צו א רעוואלוציאן נים געקומען, דערפאר אבער האט דער שפראכען־קאמפף פערזורזאכט א וואהרע רעוואלוציאן אין טויזענדע און טויזענדע פון אידישע מוחות, וועלכע האבען ביז צו דיעזען קאמפף קיין מאל אין לעבען זיך נים פערטראכט וועגען דעם אידישען נאציאנאליזם און ציוניזם.

דיזעלבע ערשיינונג האט מען געקאנט מערקען אויך אין עסטרייך, גאליציען, בעהמען, אין רוסלאנד, אפילו אין די קליינע מדינות, און צום סוף האט זיך די איינגעשלאפענע ענגליש־אידישע געזעלשאפט אויך אביסעל אויפגעמונטערט. ארץ ישראל האט נים געקאנט מעהר פערשוויגען ווערען, און צוליעב דעם שפראכען־קאמפף האט מען אויך אנגעהויבען צו רעדען מכח דעם נייעם ישוב אין אלגעמיין, מכח די קאלאניען, תל אביב און חיפה, מכח דאס עקאנאמישע און געזעלשאפטליכע לעבען, מכח די שולען און מכח די אידישע רענעסאנס בעוועגונג. דער שפראכען־קאמפף איז געווען דער ערשטער פאליטישער ארויסטריט פון דעם נייעם ישוב, אבער פאליטיש נים אין רעוואלוציאנערען, נאר אין עוואלוציאנערען זינן פון ווארט. דורך דעם שפראכען־קאמפף האט דער נייער ישוב בעקומען דעם פרסום, וועלכען ער פערדיענט, און אלע מיטעל פון דער אויפגע׳רגז׳טער אסימילאציאן האבען נים געהאלפען צו פערדונקעלען זיין בעדייטונג.

דאס איז געווען א וואונדערבארע צייט. קיין מאל האט מען נים אזוי שטארק אגיטירט פאר דעם ציוניסטישען געדאנק, ווי אין דער צייט פון דעם שפראכען־קאמפף. קיין מאל האט די אידישע גרויסע וועלט זיך נים אזוי מוטהיג און ווארעם אבגערופען אויף דעם ציוניסטישען אפיעל ווי אין דיזער צייט. מען האט נאר געדארפט זיין אין די ציוניסטישע פערזאמלונגען אין די גרויסע און אין די קליינע שטעדט פון גאנץ אייראפא און צוזעהן, ווי דאס פובליקום רעאגירט. שטראהלענדע געזיכטער און אפפערוויליגקייט אין די אויגען. עס איז אונריכטיג, פאלש, גאנץ פאלש, ווען מען כאראקטעריזירט דיעזען קאמפף אלס קאמפף צווישען דעם הילפס־פעראיין און די ציוניסטען. דאס שטימט נים. טויזענדע און טויזענדע

ניט־ציוניסטען האָבען ארויסגעוויזען אזוי פיעל סימפּאטהיע פאר העברעאיש, טויזענדע און טויזענדע פון וו‍ייט שטעהענדע האָבען זיך אזוי דערנאָהענט דעם נאַציאָנאַל אידישען געדאנק, אז מען קאָן מיט רעכט בעהויפּטען: אין דיעזען קאמפּף האָט זיך אָפּגע־בארט דער איינגעשלומערטער אידישער גייסט. און ער האָט טאקע געשאפען וואונדער. נאָר א קליינער חלק פון די אויפגעוועקטע סימפּאטהיען איז אויסגענוצט געוואָרען פון די ציוניסטען. די אָר־גאניזאציאָן איז ניט געווען גענוג שטארק, כדי אויסצונוצען די גאנציע געשאפענע שטימונג. דאָך זיינען אויף אמאָל גע־עפענט געוואָרען אין ארץ ישראל צעהן נייע שוהלען און קורסען, און די נויטיגע מיטעל זיינען צו דיזען צוועק מיט לייכטיג־קייט געזאמעלט געוואָרען. אין דייטשלאנד האָבען פערהעלט־ניסמעסיג זעהר פיעל בייגעטראָגען צום שול־פאָנד די קינדער און די אייניקלעך פון די זעלבע קאמערציענרעטהע און געהיימרעטהע, וועלכע זיינען געווען גע'חתמ'ט אויף דעם אנטי־ציוניסטישען מאַ־ניפעסט אין אנאָנסען טהייל פון די גרויסע דייטשע צייטונגען. די ציוניסטישע אָרגאניזאציאָן האָט גלענצענד אויסגעהאלטען די בע־לאסטונגס־פּראָבע.

נאָך א כאראקטעריסטישע קלייניגקייט. צו יענער צייט זייר־נען ערשיענען אייניגע ארטיקלען וועגען דעם ציוניזם און דעם שפּראכען־קאמפּף אין „די סאָציאליסטישען מאָנאטסהעפטע“ און אין דער „נייען דייטשען רונדשוי“. דער רעוויזיאָניסט דר. עדוואַרד בערנשטיין האָט זיך אָנגענומען פאר'ן הילפס־פעראיין. דער בע־ריהמטער פיינער קינסטלער פאקע און דער אבגעאָרדנעטער דר. קוועסעל, אליין א געוועזענער ארבייטער און א קענער פון די מזרח אידען, האָבען זיך שטארק איינגעשטעלט פאר דעם ציוניזם און פאר די ציוניסטען. עס איז איבעריג צו בעמערקען, אז די לעצטע צוויי זיינען דוקא ניט קיין אידען.

דער שפּראכען־קאמפּף האָט זיך אָבגעשפּיעלט הויפּטזעכליך אין דייטשלאנד און אין ארץ ישראל. ארץ ישראל איז א לאנד, וואו די בלאָזענדע ווינדען שפּיעלען כמעט אזא בעדייטענדע ראָלע אין לעבען פון דער בעפעלקערונג ווי דער רעגען, און אפשר נאָך

אַ גרעסערע, ווייל דער רעגען אַליין הענגט אויף אָב פון דער ווינד־ריכטונג. ניט אומזיסט זאָגען מיר משיב הרוח פאר מוריד הגשם. ניט אומזיסט איז יעדעס קינד אין ארץ ישראל אינטים פערטרויט מיט דער טבע פון די ווינדען און פערהאלט זיך צו זיי מיט גרויס רעספּעקט. „עושה מלאכיו רוחות", די ווינדען זיינען שליחים, דורך זיי איז ער מודיע דער וועלט זיין ווילען. אָבער ניט נאָר אין מעטעאָראָלאָגישען זינן הענגט ארץ ישראל אָב פון די בלאָזענדע ווינדען. אויך אין פּאָליטישען זין האָט די בעפעלקערונג זיך געמוזט צוהערען צו די הערשענדע שטרעמונגען, ארויסגעפינען פון וואנען דער ווינד בלאָזט. און דער ווינד אין ארץ ישראל האָט די טבע צו וועקסלען אָפט די ריכטונג. דאָ קומט ער פון לאָנדאָן, דאָ פון פּאריז, דאָ פון בערלין און מיט אמאָל גאָר פון פּעטער־בורג. דאָס איז נאָך געווען איידער די „קאַפּיטולאציאָנען" זיינען בטל געוואָרען, דאָס הייסט, איידער די טערקיי האָט בענוצט אין אָנהויב פון דער מלחמה די גינסטיגע געלעגענהייט אויף אראָבצו־ווארפען פון זיך דעם זעקספּאכען יאָך פון דער אייראָפּעאישער אפּוטרופּסות. האָט דער ווינד געבלאָזען פון וואנען איהר ווילט, נאָר ניט פון קאָנסטאנטינאָפּאָל אליין, ווארים קאָנסטאנטינאָפּאָל האָט קיין אייגענעם ווינד רעזערוואר ניט געהאט, די פרעמדע מלוכות האָבען דאָס ניט צוגעלאָזען. בשעת דעם שפּראכען־קאמפּף האָט געבלאָזען דוקא אַ מערב ווינד פון בערלינער ריכטונג.

דער הילפס־פעראיין האָט זיך טאקע צוליעב דעם געפיהלט פעסט אין זאָטעל און איז צוגעגאנגען מיט זיכערהייט צו זיין צו־שטערונגס־ווערק. דער הילפס־פעראיין האָט זיך געפונען אין א בעפעסטיגטער פּאָזיציאָן, געשטיצט און געפּאנצערט פון אלע זיי־טען, ווארים דאָ האָט זיך דאָך געהאנדעלט וועגען אַ קאָנקורענץ צווישען דייטש און העברעאיש, איז געווען די רעכענונג אַן אוי־בענאויפיגע: די דייטשע רעגירונג איז דאָך מחויב צו בעשיצען די דייטשע פּרינציפּען און אין דער טערקיי איז דאָך דייטש טרומפּף. פיעלע ציוניסטען, און דוקא פון די וועלכע האָבען ליעב צו בע־טאָנען אין זייער ציוניזם דעם פּ אָ ל י ט י ש ע ן מאָמענט, האָבען אויך בעקומען פּחד און אָנגעהויבען שיטען מיט עצות, ווי

מען זאָל שליסען שלום, דאָס הייסט, ווי מען זאָל זיך א ו נ ט ע ר ג ע ב ע ן. מערקווירדיג, דיזעלבע ציוניסטען האָבען געהאַלטען אין איין שרייען און פּראָטעסטירען אנקעגען דעם וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן איז צופיעל דייטש געפאַרבט, די פּארטיי צייטונג ערשיינט אין דייטש, די הויפּט קאָנגרעס־שפּראַך איז דייטש און נאָך עהנליכעס. ניט אומזיסט האָט די לאָנדאָנער „טיימס” אָנגעגריפען אייניגע מאָל דעם ציוניזם וועגען דעם דייטשען שטעמפּעל וואָס ער טראָגט אויף זיך, נאָך איידער ענגלאַנד האָט ערקלעהרט מלחמה דייטשלאַנד. נו, דאכט זיך, ווי באלד מען האָט מורא פאר אזעלכע בעשולדיגונגען (די בעשולדיגונגען זיינען בעגרינדעט נאָר ריין אויסערליך. דער אומשטאַנד אז די באנקען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן און דער נאַציאָנאַל פאָנד זיינען ענגלישע געזעלשאַפטען, איז מבטל אין גאַנצען די בעשולדיגונגען. עס איז ניט די שולד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן, וואָס גראָד אין דייטשלאַנד האָט דער ציוניזם אויפגעלעבט אָם אינטענסיווסטען אין די לעצטע צוואַנציג יאָהר און געגעבען דער אָרגאַניזאַציאָן זעהר טיכטיגע קרעפטען), זאָל מען דאָך העכסט צופריעדען זיין, ווען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן האָט בעקומען אַ גלענצענדע געלעגענהייט צו דעמאָנסטרירען פאר די אויגען פון דער גאַנצער וועלט, אז דער ציוניזם דיענט אויסשליסליך אידישע צוועקען און ליעבאויגעלט ניט מיט פרעמדע מלוכות.

אָבער, ווי עס שיינט, איז לאָגיק אַ זעלטענער אַרטיקעל.

איבערפּאַטריאָטען

דאָס איז געווען אין דער צייט פון דעם לעצטען גרויסען באַל־קאַן סכסוך. צוערשט האָט מען געמאכט יה אחת געגען דעם טערק און דערנאָך האָט מען זיך צוריסען צווישען זיך. די געכטיגע „פערבינדעטע" זיינען היינט געלעגען איינע ביי די אנדערע אין די האָר, און פון דעם גרויסען פּלאָנטער איז גאָר פון דער העלער הויט ארויסגעשפּרונגען אַ שפּאָגעל נייע מלוכה'לע — אלבאניען. אַלץ איז געווען פארטיג, עס האָט געפעהלט נאָר אַ פירסט, וועל־כער זאָל אָנטהאָן אויף זיך די קרוין און רעגיערען דאָס פאָלק. וואו עס האָט זיך נאָר פערוואַלגערט אַ שלים־מזל'ניק מזרע המלוכה, האָט מען איהם גע'שדכנ'ט די נייע מלוכה. אלבאניען האָט גע־זוכט יחוס. ענדליך האָט זיך גאָט מרחם געווען אויף אלבאניען און האָט איהר צוגעשיקט דעם ריכטיגען בן־זוג, אַ פּרייסישען ליי־טענאַנט פון אַלטען אדעל. דער נייער פירסט איז מיט אמאָל גע־וואָרען אַ פערברענטער אלבאנישער פּאַטריאָט, ער האָט מעהר פּשוט ניט געקאָנט פערשטעהן, ווי אזוי האָט ער געקאָנט ביז אהער לעבען אָהן זיין בעשערטע. חדשים לאַנג האָבען די אייראָפּע־אישע וויטץ בלעטער געהאַט מזונות.

דער נייער פירסט האָט נעבעך קיין נחת אין אלבאניען ניט געהאַט, דער זווג איז, ווי מען זאָגט, ניט עולה יפה געווען, דערפאַר אָבער זיינען אונז איבערגעבליבען פון יענער צייט איינינע וואונ־דערבארע בעשרייבונגען פון אלבאניען. אויך דער בעריהמטער פעליעטאָניסט ראָדא־ראָדא האָט געגעבען דער נייער מדינה'לע אַ שעהנעם דרשה־געשאַנק אין דער פאָרם פון אַ גלענצענדען פע־ליעטאָן.

אין אלבאניען פיהרען, כידוע, אַן אייביגע מלחמה די פער־

שיעדענע גרופען פון דער בעפעלקערונג. די קאטהאליקען טענה'ען, אז זיי קומט די פיהרערשאפט, ווייל מעהר ווי די העלפט פון דער געזאמטער בעפעלקערונג געהערט צו דער קאטהאלישער קירכע. די מאחמעדאנער ציהען אן פונקט דיזעלבע טענה, און די אנדערשגלויביגע טענה'ן אויך פון זייער זייט, אז זיי קומט אויך א גרויסער חלק, ווארים מעהר ווי א דריטעל פון דער אלבאנישער בעפעלקערונג געהערט גאר זיי. גאנץ שטימען קאן דער חשבון ניט, ערגעץ וואו מוז דא זיין א גראבער טעות. איז געקומען ראדא־ראדא און געמאכט א פשרה. ער בעהויפטעט, אז קיינער פון די דריי צדדים האט ניט קיין טעות. אלבאניען האט טאקע 55% קאטהאליקען, 55% מאחאמעדאנער און אן ערך 30% אנדערסגלויביגע מכל המינים, ווארים אלבאניען, — אזוי געפינט ראדא־ראדא — איז א טשיקאווע מדינה'לע, זי האט 140% בעפעלקערונג.

דעריבער האט טאקע דער נייער פירסט געמוזט האבען אין זיך לכל הפחות 150% פאטריאטיזם, כדי ער זאל קאנען בעטהיילען אלע זיינע אונטערטהאנען, און זאל זיך דערביי אליין ניט אין גאנצען אויסלעדיגען.

מען פאסט דאס אויף ווי א וויץ, אין דער ווירקליכקייט אבער שטעקט דערין א שטיק אמת. ספעציעל האט גאט געבענשט אונז אידען מיט איבער־פאטריאטען, מיט 150 פראצענטיגע פאטריאטען. דאס זיינען כמעט אלע אונזערע שתדלנים, און דערהויפט די שתדלנים פון נייעם טיפוס, פון די קרובים למלכות. די שתדלנים מוזען איבערזאלצען, איבערכאפען די מאס, ווארים זיי מוזען דאך עפעס אנגעבען אין נדן, זיי מוזען דאך ווייזען א חידוש. ווערט דער שתדלן א קאטהאליק, מוז ער זיין קאטהאלישער ווי דער פאפסט, איז ער א פאטריאט, מוז ער האבען פאטריאטיזם מיט א הכרעה. דער נאטירליכער קאטהאליק דערגרייכט די העכסטע מדרגה מיט 100% קאטהאליציזם, דער נאטירליכער פאטריאט קאן אויך מעהר ווי 100% פאטריאטיזם בשום אופן ניט בעזיצען, אבער דער איבערגעלאפענער, דער אנגעשלאסענער מוז זיין „גאנץ מיט א שטיקעל צוגאב“, ער מוז

האָבען אויף איינפאַל. הונדערט פּראָצענטיגע קאָן מען דאָך האָבען אײַגענע.

מאַכען טאַקע די שתדלנים דעם חשבון אויף 150%, און זיי מיינען, אַז די וועלט גלויבט זיי. מען גלויבט זיי אַזוי פיעל, ווי מען גלויבט ראַדאַ־ראַדאַ, אַז אַלבאַניען האָט 140% בעפעלקערונג. נאָר וואָלטען זיי, די שתדלנים, געהאַט צו טהאָן נאָר מיט זייער אייגענער פּערזאָן, וואָלטען זיי געווען נאָר קאָמישע פיגורען. דאָס אונגליק איז אָבער, וואָס זיי אינטערעסירען זיך פאַר דעם כלל, טרעטען אויף פאַר׳ן כלל, רעדען פאַר איהם, גיבען הבטחות אין זיין נאָמען אָהן אַ ברעקעל פון פעראַנטוואָרטליכקייטס־געפיהל, אָהן אַ האָר פון מאָראַלישער אחריות. איבערהויפּט נאָך, ווען זיי קומען פון אַ פרעמדער סביבה, ווען זיי האָבען קיין מאָל ניט געלעבט דאָס לעבען פון דעם כלל, וועלכען זיי פערטרעטען, קיין מאָל ניט געקענט זיין נשמה, ניט אינטערעסירט זיך מיט זיינע האָפנונגען און ערוואַרטונגען. אויף זייער פאָלק קוקען זיי פון אויבען אַראָב און אויף די פריצים — פון אונטען אַרויף. קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ דיסטאַנץ עס עקזיסטירט אין זייערע אויגען צווישען דעם פריץ און דעם כלל, פאַר וועלכען זיי זיינען די מליצי יושר.

אין שפּראַכען־קאַמפף פון חיפה׳ער טעכניקום האָט זיך ענטפּלעקט די שתדלנות פון אַ בעשטימטען מין אין איהר גאַנצער אָרימזעליגקייט. מען קאָן מיט זיכערהייט זאָגען, אַז ווען מען וואָלט פערהאַנדעלט דירעקט מיט די רעגיערונגען, אָהן שתדלנים אַלס עהרליכע מעקלער, וואָלט די גאַנצע פראַגע צו קיינע רייבונגען ניט געפיהרט.

וואַרים והא ראיה.

מיר האָבען אין פּאַלעסטינאַ צוויי העברעאישע גימנאַזיען, אין יפו און אין ירושלים. דאָס יפו׳ער גימנאַזיום געפינט זיך אונטער דעם טערקישען שוטץ, דאָס ירושלים׳ער — אונטער דעם פראַנצויזישען שוטץ. די טערקישע רעגירונג האָט אַבסאָלוט קיינע שוועריגקייטען דעם גימנאַזיום ניט געמאַכט. דאָס גימנאַזיום איז אַ העברעאישעס, און טערקיש ווערט דאָרט געלערנט

אלס רעגיערונגס־שפּראַך. די פראַנצויזישע רעגיערונג האָט נאָר פערלאַנגט, אַז די פראַנצויזישע שפּראַך זאָל זיין די הויפּט פרעמד־שפּראַך אין ירושלים׳ער גימנאַזיום, ווייטער, קאָן אַלעס געלערענט ווערען אין העברעאיש. בלי שום ספק וואָלט די דייטשע רעגירונג אויך ניט געשטעלט קיין גרעסערע פאָדערונגען ניט צו דער מיטעלשולע, ניט צום טעכניקום אין חיפה. די דייטשע רעגירונג וואָלט ענטשיעדען געווען צו־פריעדען, ווען די דייטשע שפּראַך ווערט איינגעפיהרט אלס הויפּט פרעמד־שפּראַך אין אַ שולע, וועלכע ווערט געגרינדעט פאַר אידען אויף דעם חשבון פון אידען. די דייטשע רעגירונג וואָלט גע־קאָנט זיין מעהר ווי צופריעדען מיט די פאָדע־רונגען פון די נאַציאָנאַליסטען, וועלכע האָבען צוגעגעבען, אַז אין די ערשטע יאָהרען זאָל אין טעכניקום גופא איינגעפיהרט ווערען די דייטשע שפּראַך אלס לעהר־שפּראַך, נאָר אַ קליינער חלק פון די אַלגעמיינע למודים זאָל געלערענט ווערען אין העברעאיש. פאַר די ערשטע יאָהרען האָבען זיי פאַר העברעאיש פערלאַנגט אין גאַנ־צען 9 אָדער זאָגאַר 6 שטונדען אין דער וואָך פון 45 שטונדען. דאָס איז געווען די אויסערסטע גרענעץ פון אַ פּשרה.

נאָר צום אונגליק האָבען זיך אַריינגעמישט די שתדלנים. דער הילפס־פעראיין האָט די אויסערסטע פּשרה ניט אָנגענומען. די ענטריסטונג פון הילפס־פעראיין איז געווען געריכטעט ניט אַזוי געגען די צאָהל פון די שטונדען, וועלכע די נאַציאָנאַליסטען האָבען פערלאַנגט פאַר העברעאיש, נאָר קעגען די ציוניסטישע העזה צו פערלאַנגען, אַז דוקא פיזיק, כעמיע און מאַטהע־מאַטיק זאָלען געלערענט ווערען אין העברעאיש. דאָס הייסט דאָך אָבגעבען דער העברעאישער שפּראַך דעם רעכטען מזרח אין פּראָגראַם — דאָס האָבען זיי פּשוט ניט געקאָנט אַריבערטראָגען. זיי פון זייער זייט האָבען פאָרגעשלאָגען, אַז פאַר העברעאיש זאָל מען אָפּפערען פאָלגענדע פעכער: רעליגיאָן, צייכנען און גימנאַסטיק, און דאָס אויך נאָר אין דער מיטעל־שולע. זיי, אין זייער עם־הארצות און זייער פרעמד־זיין פון דער גאַנצער מאָ־דערנער אידישער ענטוויקלונג, האָבען אַליין ניט פערשטאַנען, ווי

גראָב זיי האָבען מיט זייער פאָרשלאַג בעליידיגט די אידישע נשמה. די נאַציאָנאַליסטען האָבען זיך אָבגעשטעלט אויף די אויבען־דערמאָנטע דריי פּעכער, ווייל דער שיעור פון דיעזע למודים אין פּראָגראַם פון טעכניקום איז געווען ניט ברייטער ווי אין יפו'ער גימנאַזיום, האָט מען שוין דאָך, הייסט דאָס, אַן אויסגעאַרבייטע טערמינאָלאָגיע און אויך אייניגע לעהר־ביכער.

דאָך האָט זיך די דייטשע רעגיערונג פערהאַלטען גאַנץ קאָ־רעקט, זי האָט זיך ניט אריינגעמישט אין דעם סכסוך און האָט בעטראַכט די גאַנצע פראַגע ווי אַ ריין אינערע אידישע אַנגעלע־גענהייט. ווען די דייטשע רעגירונג וואָלט אָבער זיך מיהע גע־געבען אריינצודרינגען טיעפער אין דעם תוך פון דער פראַגע, וואָלט זי געווים מוחל געווען איהרע פּאָר אידען זייער איבער־פּאַטריאָטיזם, וואָרים קיינער האָט ניט אַזוי געשאַדט דעם פּרעס־טיזש פון דייטשלאַנד אין ארץ־ישראל ווי די פרייוויליגע איבער־פּאַטריאָטען פון הילפס־פעראיין.

די טערקישע רעגירונג האָט זיך אויך פערהאַלטען נייטראַל אין דער שפּראַכען־פראַגע. זי איז אָבער זעהר פיעל געדרייצט געוואָרען פון דעם הילפס־פעראיין קעגען די ציוניסטען. אַ רע־גירונג מוז רעאַגירען אַפילו אויף מסירות, אַזוי פיהרט זיך שוין אין דער וועלט, און די טערקיי איז געווים ניט קיין אויסנאַהם אין דיזער הינזיכט. און ווען אַפילו די לאָקאַלע רעגירונג האָט אין האַרצען אָפּטמאָל סימפּאַטיזירט מיט די ציוניסטען, האָט זי דאָס ניט געקאָנט ארויסווייזען, ווייל די פערטרעטער פון הילפס־פעראיין האָבען זיך בעמיהט זי איינצורעדען, אַז דאָ געהט פּאָר אַ קאַמפּף צווישען ציוניזם און דייטשטהום — און דער ווינד האָט דאַמאָלס געבלאָזען פון בערלין. די צענטראַלע רעגירונג האָט זיך לחלוטין ניט געמישט אין דעם קאַמפּף. אין געגענווער־טיגען מאָמענט איז ער אפשר איהר געווען אונאַנגענעהם, אָבער אַ צענטראַלע רעגירונג לאָזט זיך ניט לייטען פון אויגענבליקליכע נוצען אָדער שאַדענס, אַ צענטראַלע רעגיערונג מוז זיך שטענדיג רעכענען פון ת כ ל י ת ־ שטאַנדפּונקט. און ווען מען רעדט מכח ת כ ל י ת, האָט די שטעלונג פון דער טערקי־

שער רעגירונג צו די ציוניסטען אין שפּראַכען־קאַמפּף געקאָנט זיין נאָר אַ פּאָזיטיווע, אַ פריינדליכע. די טערקישע רעגיערונג האָט שטענדיג געהאַט גענוג מעגליכקייט ניט צוצולאָזען די וויטערע ענטוויקלונג פון דעם נייעם ישוב. זי האָט דאָס ניט געטהאָן ניט צוליעב איהרע סימפּאַטהיען פאַר דעם ציוניסטישען אידעאַל, ניט צוליעב די שעהנע אויגען פון די ציוניסטען, נאָר וויל זי האָט איהר אייגענעם חשבון. איהר חשבון קאָן נור בערוהען דערויף, וואָס זי זעהט אין דעם נייעם ישוב אַ זעלבסטשטענדיג עלעמענט, וואָס פערפאָלגט נאָר אייגענע צוועקען און דיענט קיין מאָל ניט אַלס ווערקציינג, כדי דורכצופיהרען פרעמדלענדישע פּאָליטיק. אַ בעסערען, אַ שטאַרקערען בעווייז, אַז דער נייער ישוב דיענט זיך אַליין און איז קיינעם אַ פרעמדען ניט אונטערטהעניג, ווי דורך די ציוניסטישע שטעלונג אין שפּראַכען־קאַמפּף, האָט מען ניט געקאָנט ברענגען, און דער ציוניזם, אַלס קולטורעלע און פּאָליטישע בעוועגונג צו גלייכער צייט, האָט געקאָנט אַרויסגעהן פון דעם קאַמפּף נאָר געשטאַרקט און געפעסטיגט. ווען פיעלע ציוניסטען האָבען דאָס ניט פערשטאַנען, ליעגט די אורזאַכע אין זייער אייגענער פּאָליטישער קורצזיכטיגקייט. אין ארץ ישראל האָט דאָס יעדער בעגריפען. נאָך מעהר — יעדער האָט דאָס געפיהלט.

פון פיעלע זייטען איז געריכטעט געוואָרען די פראַגע: ווי איז עס געקומען, אַז דער זעלבער הילפס־פעראיין, וועלכער האָט זיך יאָהרען לאַנג געפיהרט אַזוי אנשטענדיג פון אידיש נאַציאָנאַלען געזיכטס־פונקט אין זיינע שולען אין ארץ ישראל; דער זעלבער הילפס־פעראיין, וועלכער האָט אַליין געדרוקט אין זיינע יאָהריגע „דין וחשבון'ס", אַז די איינציגע שפּראַך, וועלכע קאָן פעראייניגען די אידען אין ארץ ישראל, איז די העברעאישע, און האָט ניט געפונען גענוג שטאַרקע ווערטער צו קריטיקירען די שולען פון דער אַליאַנס איזראַעליט פאַר די פראַנצויזישע פּאָליטיק, וואָס ווערט אין זיי געטריבען — ווי איז עס געקומען, אַז דער זעלבער הילפס־פעראיין זאָל ווערען מיט אַמאָל אונטריי זיינע אייגענע פּרינציפּען, זיין אייגענער טאַקטיק, זיין אייגענעם סיסטעם? דערויף זיי־

נען דאָ זעהר פיעל תירוצים. ערשטענס שטאַמט די ליעבע פון הילפס־פעראיין צו דער העברעאישער שפּראַך אויס זיין געגנער־שאַפט צו דער אליאַנס איזראעליט. צווייטענס האָט דער הילפס־פעראיין אין די ערשטע יאָהרען געשפּיעלט נאָר אַן אונבעדייטענדע ראָלע און האָט נאָך ניט געהאַט די אַמביציאָן, וועלכע ער האָט ערשט בעקומען מיט דעם בוי פון דעם טעכניקום. דריטענס טרעפט זיך זעהר אָפט אין לעבען, אַז מען רופט ארויס ניט ווילענדיג אַ גייסט, פאַר וועלכען מען דערשרעקט זיך דערנאָך אליין. דאָס איז אויך געווען מיט דעם הילפס־פעראיין. ער האָט געגלויבט, אַז העברעאיש איז מעהר ניט ווי אביסעל רעליגיאָן, דאָס הייסט, דער שווערפּונקט פון דער שפּראַך ליעגט נאָר אין איהר רעליגיעזען ווערטה. אלע אסימילאַטאָרען דענקען אזוי. זיי ווייסען, אַז פון אומעדום האָט מען העברעאיש פערטריבען, נאָר אין דער סינאַגאָגע האָט מען זי איבערגעלאָזען — איז דאָך אַ סימן, אַז זי געהערט צו די כלי־קדש, ווי צום ביישפּיעל צום ארון־הקדש, צו דער מנורה, צום נר תמיד, צום רב, צום חזן, צום שופר בלאָזער און אזוי ווייטער. און אזוי ווי אלע אסימילאַטאָרען, אפילו די וואָס פיהרען אליין זייערע קינדער צו דער טויפע, זיינען מודה, אַז פאַר די „אָסט יודען“ איז די רעליגיאָן דערווייל נאָך אַ נויטיגער ארטיקעל, האָט דער הילפס־פעראיין געגלויבט, אַז סוף־כל־סוף וועט זיך איהם איינגעבען דורכצופיהרען זיין פּראָגראַם: העברעאיש פאַר גאָט און דייטש פאַר לייטען. אין די ערשטע יאָהרען איז ער געווען פעראינטערעסירט צו מאַכען חן’דלעך אפילו צו די ציונים־טען, ער האָט דעריבער צוגעדריקט אַן אויג און צוגעלאָזען הנחות. ווי ער האָט דערפיהלט, אַז זיין פּאָזיציאָן איז פעסטער געוואָרען, האָט ער טאַקע אָנגעהויבען ארויסצושטופּען פון זיינע שולען די העברעאישע שפּראַך אלס אונטעררינכטס־שפּראַך און איינפיהרען אנשטאַט איהר די דייטשע שפּראַך. דעריבער איז טאַקע אין ארץ ישראל געוואַקסען די אָפּאָזיציאָנעלע שטימונג קעגען דעם הילפס־פעראיין נאָך פיעל, פיעל פריהער איידער עס האָט אויס־געבראָכען דער טעכניקום־שפּראַכען־קאַמפּף. עס האָט געקאָסט גענוג מיה און אָנשטרענגונג איינצוהאַלטען די געזעלשאַפטליכע

ענטריסטונג פון ארץ ישראל און רוהיג אָבוואַרטען ביז עס וועט אויסגעאַרבייט ווערן א פּראָגראַם פאַר דאָס טעכניקום. די, וואָס האָבען געהאָלפען צו בערוהיגען די עפענטליכע מיינונג, האָבען נאָך אַליץ געגלויבט, אַז דער שכל הישר און דער עלעמענטאַרער יושר וועלען סוף־כל־סוף מוזען זיעגען.

פאָלק, לאַנד און שפּראַך

פאָלק, לאַנד און שפּראַך — דאָס איז די נאַציאָנאַלע דרייאייניגקייט, אָדער בעסער, ווייל דיעזער אויסדרוק קלינגט אונאידיש, דער נאַציאָנאַלער „חוט המשולש", וועלכער שאַפט די האַרמאָניע אין לעבען. אונטער האַרמאָניע פערשטעהען מיר דאָ ניט די ביליגע צופריעדענהייט פון דעם פּרט, אויך ניט די גאַראַנטירטע זיכערהייט פון דעם פּרט. אונטער האַרמאָניע פערשטעהען מיר דאָ די געשלאָסענהייט פון דעם כּלל, די העכערע מדרגה פון דאַזיין, וואו דער פּרט פיהלט זיך ניט מעהר אליין פאַר זיך און ציעהט ניט זיין יניקה פון זיך אליין, וואו ער פיהלט זיך פיעל מעהר אלס א חלק פון א גרויסען גאַנצען, מיט איהם, דעם גאַנצען, פערוואַנדט און פערוואַקסען, פון איהם בעוואַכט און בעשיצט, און זעהענדיג אין איהם, אין זיין רייכער, פיעלזייטיגער ענטוויקלונג, אין זיין גליק און וואָהלשטאַנד, זיין אייגענעם פערזענליכען אידעאַל. דאָס איז די הויכע מדרגה פון „עבודה מאהבה", דיענען דעם אייגענעם פאָלק ניט מחמת מורא, אויך ניט מחמת בערעכנונג, נאָר מחמת ליעבע, מחמת א געפיהל פון אינערער דאַנקבאַרקייט צו זיינע שעפּפערישע כּחות, צו זיין בעפרוכטענדער קראַפט, וואָס נאָר צוליעב איהר קאָן אויך דער יחיד ארויפקלעטערען אויף א הויכע שטופע.

פאָלק און לאַנד זיינען ניט פשוט'ע צ ו ו י י — זיי זיינען א פּ אָ ר. דער גאָט, וואָס האָט זיי ביידע געשאַפען, האָט זיי געבראַכט צו א זווג. דאָס ערשט־געבאָרענע קינד פון דעם זווג איז די שפּראַך. אין דער שפּראַך שפּיעגלען זיי זיך ביידע אָב, אי פאָלק, אי לאַנד. די שפּראַך איז ניט נאָר א כּלי, וואוהין מיר טהוען אריין אונזער מחשבה, אָדער א בילד פון אונזער מחשבה,

די שפראך איז פיעל מעהר: זי איז ניט קיין אָבדרוק, זי איז דער אויסדרוק פון אונזער גאנצען „איך". ווער עס האָט נאָר אַן ערדעלע אויפפאסונג און א פיינעם געהער, פערנעהמט אין דער שפראך דאָס ציטערענדע שאפען פון א פאָלק, די מוזיק פון א פאָלקס־נשמה מיט אַלע איהרע צניעות'דיגע און פול סודות'דיגע רעגונגען. ער הערט אויך אין איהר, אין דער שפראך, דעם קול פון דער סביבה, וואו זי איז געבאָרען געוואָרען, וואו עס איז ענטשטאנען איהר וויעגעלע, און וואו זי איז ערצויגען געוואָרען. ער זעהט אויך אין איהר, אין דער שפראך, דעם אָבגלאנץ פון דעם הימעל, וועלכער האָט זי בעשטראהלט, די פארבען פון די וועלדער און פעלדער, וואו זי האָט זיך געשפּיעלט צוערשט אַלס ציטעריגע בת־יחידה'קע און דערנאָך אַלס דאָס עלטסטע קינד, אַלס דאָס ליעבלינגס־קינד פון דעם פאָלק און פון דעם לאנד.

עס איז דאריבער לייכט צו בעגרייפען, וואָס עס האָבען גע־פיהלט אונזערע פּיאָנירען אין ארץ ישראל גופא, ווען עס האָט אויסגעבראָכען דער שפראכען־קאמפף. די ציוניסטען פון דער גאנצער וועלט האָבען דערשפּירט, אז דאָ האנדעלט זיך וועגען עט־וואָס זעהר ערנסטעס, וועגען דעם לעבענס־נערוו פון דעם ציוניזם. פאַר די פּיאָנירען אין ארץ ישראל איז דאָס געווען נאָך מעהר, פאַר זיי איז דאָס געווען די עלעמענטארע פראגע פון „זיין אָדער ניט זיין". פאַר זיי איז דאָס ניט געווען אַן איינצעלנע פראגע פון לעבען, ווען אויך זעהר א וויכטיגע פראגע, פאַר זיי איז דאָס געווען די לעבענס־פראגע. די העברעאישע שפראך איז פאַר זיי געוואָרען א סימבאָל, אין איהר האָבען זיי געזעהן די קרוין פון זייער גאנצען ווערק, די העכסטע פערקערפּערונג פון זייער שאפען און ווירקען אין דעם משך פון צוויי דורות, ווען די מויערער פון נייעם ישוב האָבען מיט איין האנד געלעגט א ציגעל אויף א ציגעל, א שטיין אויף א שטיין, און מיט דער אַנדער האנד זיך פערטהיידיגט געגען די אינערע און אויסערע שטערער. דערי־בער זיינען זיי פערציטערט געוואָרען, ווען פרעמדע האָבען זיך געוואָלט אריינרייסען אין זייער רשות מיט ברוטאלער געוואַלט און

צווינגען זיי אראָבצוגעהן פון וועג, וועלכען זיי האָבען אויסגעטראָטען מיט אזוי פיעל מסירות נפש.

וואָס האָט זיי געדופען אהער, די פּיאָנירען, וועלכע געהיימע קראפט האָט זיי געצווינגען אין דאָס חרוב'דיגע לאנד? פאר וואָס האָבען זיי געוועהלט גאר אן אייגענעם וועג און זיך ניט געלאָזען טראָגען פון דעם אלגעמיינעם מעכטיגען שטראָם, איבער דעם אוקינוס נאָך דעם וויימען מערב. צוזאמען מיט די הונדערט טויזענדע, מיט די מיליאָנען פון זייערע ברידער? האָבען זיי דען ניט געוואוסט, אז אין מערב וועלען זיי געפינען פארטיגע שטעדט און פארטיגע פאבריקען מיט הויך אויסגעשטרעקטע העלזער, וועלכע שלינגען אונטען איין מוסקעל־קראפט און אויבען לאָזען זיי ארויס רויך און דאמפף? אָדער פ א ר ט י ג ע שטראסען, וואו מען קאָן פריי מסחר'ען, אָדער, ווען מען האָט שוין א תשוקה צו א דאָרפס־לעבען — פארטיגע פארמען מיט גאז, עלעקטריציטעט און פער־שיעדענע אנדערע בעקוועמליכקייטען? האָבען זיי דען ניט גע־וואוסט, אז דאָרט אין דער נייער וועלט, אין וויימען מערב, איז דאָס לעבען געאָרדנעט, רעגולירט, די רעגיערונג איז גוט, און די בעפעלקערונג איז ציוויליזירט? וואָס האָט זיי געטריבען דוקא נאָך דעם מזרח, וואו מען האָט געמוזט צוערשט אויפאקערען דעם באָדען, אויסשטיינען איהם און בעפרייען איהם פון די דערנער, וואָס האָבען אונגעשטערט אין משך פון יאָהרהונדערטען, און אפשר נאָך לענגער, פאנאנדערגעלאָזען זייערע וואָרצלען און געזויגען אָהן רחמנות זיין זאפט? וואָס האָט זיי געטריבען אין א לאנד, וואו מען האָט געמוזט צוערשט אָנהויבען צו פלאנצען און פיהרען א מלחמה מיט די האלב ווילדע בעדואינען־שבטים און מיט די פערשיעדענע קראנקהייטען?

האָט זיי דען ניט א גרויסער געדאנק געבראכט אהער, האָט זיי דען ניט בעפליגעלט א היסטאָרישע האָפנונג צו פיהרען אמאָל א ן א י י ג ע נ ע ם לעבען, צו שאפען א ן א י י ג ע נ ע סביבה, צו האָבען א ן א י י ג ע נ ע שפראך, צו בויען א ן א י י ג ע נ ע קולטור, צו ערציהען אן אייגענע יוגענד און צו גרינדען פאר איהר אייגענע שולען און אייגענע טעמפּלען פון וויסענשאפט?

דאָס איז דאָך דער לאַנג־דורות׳דיגער חלום, וועלכער זאָל דורך זייערע אַרבייט פּערווירקליכט ווערן. היינט אַז ס׳קומען בעלי־צדקה און ווילען זיי מזכה זיין מיט אַ שטיק גלות אין לאַנד פון זייער האָפנונג, הויבט זיך דאָך אויף פאַר זיי די שרעקליכע פראַגע: „למה זה אנכי״, וואָס האָב איך דאָ צו זוכען? פרעמדע שפּראַכען האָב איך זיך אָנגעהערט גענוג אין מיין לעבען, איך האָב גענוג געדיענט פרעמדע קולטורען, איך האָב דאָך געזוכט רעטונג פון קנעכטשאַפט, איך בין דאָך אַנטלאָפען פון דער פרעמדע, כדי צו פיהלען זיך א י ן ד ע ר ה י י ם! ווער וויל מיך ווידער אריינצווינגען אין יאָך, ווער ברענגט מיר צושלעפּען דעם גלות אהער? ניט דער טערקישער הערשער, ניט דער אַראַבישער שכן — זיי האָבען מיר דוקא ערלויבט צו ברינגען מיינע אייגענע שולען. א ן א י י ג ע נ ע ר, א „גלויבענס־גענאָסע״ פון דער פרעמדע, וויל מיך דאָ צווינגען צו ווערען אַ וועכטער פון פרעמדע גיטער. איך גערענק, איך האָב אַמאָל שוין געהערט עטוואָס ענליכעס, דאָרט ווערט אויך גערעדט פון שרון און כרמל, פון די טעכטער ירושלים׳ס און פון די וויינבערג פון עין־גדי. און אויך דאָרט האָבען „אייגענע״ אָנגעטהאָן צרות. איך דערמאָן זיך: „בני אמי נחרו בי, שמוני נוטרה את הכרמים, כרמי שלי לא נטרתי!״

ארץ ישראל, דער ג א נ צ ע ר נייער ישוב, איז דעריבער געגאַנגען פיעל ווייטער אין זיינע פאָדערונגען. ער האָט זיך נעשראָקען זאָגאר פאַר די פשרות, וואָס די נאַציאָנאַליסטען האָבען פאָרגעשלאָגען. דער נייער ישוב האָט געזעהן דערין אַ בעליידיגונג, ווען עם הארצים־עקספּערטען פון דעם צד שכנגד האָבען גענוג מען קאָן צופּאַסען די העברעאישע שפּראַך צו אַלע צווייגען פון דער מאָדערנער וויסענשאַפט. זיי אין ארץ־ישראל האָבען דאָס בעסער פערשטאַנען ווי אומעדום, אַז זיי זיינען שוין אריבער די הויפּט־שוועריגקייט, און אַז עס וואָלט געווען אַן אונפערצייהליכע זינד צו שטערען די העברעאישע שפּראַך אין איהר ווייטערער נאַטירליכער ענטוויקלונג.

וואָרים דאָס איז מעהר ניט ווי אַן אויבערפלעכליכע גלות־מיינונג, ווען מען נעהמט אָן פאַר אַ הנחה, אַז וואָס אויף אַ העברער

מדרגה דער לעהר־נעגענשטאנד שטעהט, איז אלץ שווערער צו לערנען איהם אין העברעאיש. אזוי קאנען נאר אורטהיילען יענע פון אונז, וועלכע זיינען ניט בעקאנט מיט דער העברעאישער ענט־וויקלונג אין מיטעלאלטער און אין די לעצטע יאהר־הונדערטען. די העברעאישע ליטעראטור בעזיצט אונגעהייערע מאסען פון ווערק אויף אלע געביעטען פון דעם העכערען וויסען, בעזונדערס אין דער אלגעמיינער מאטעמאטיק, אין דער אסטראנאמיע און אין דער אלגעמיינער פילאזאפיע. עס פעהלען נאר די נייע טעכנישע אויסדריקע, זיי קאנען אבער לייכט געשאפען ווערען, ווארים אויך ביי די אנדערע נאציאנען ווערען זיי געשאפען פון מומחים. מיט 80 יאהר צוריק האט די רוסישע שפראך, צום ביישפיעל, לחלוטין ניט געהאט קיין וויסענשאפטליכע ליטעראטור, נאך מיט 40 יאהר צוריק האט די טעכנישע שפראך נאך ניט געהאט קיין וויסענ־שאפטליכע טערמינאלאגיע. דאך האבען זיי זיך ביידע זעהר שנעל וויסענשאפטליך ענטוויקעלט, אז זיי ברויכען שוין כמעט ניט צו מאכען הלואות. דער העברעאישער שפראך פעהלט ניט די וויסענ־שאפטליכע ליטעראטור, נאר די טערמינאלאגיע. זי צו שאפען איז א מלאכה און ניט קיין קונסט, אין העכערען זין פון ווארט. וואס עס האט געפעהלט דער העברעאישער שפראך — איז די אונמיטעלבארע לעבעדיגקייט, עס האט איהר געפעהלט דאס, וואס מיר רופען אן „חיות", און דאס קאן דוקא ניט געשאפען ווערען פון געלעהרטע. דערצו איז נויטיג, אז צוויי־שען לעבען און שפראך זאל זיין א וועקסעל־ווירקונג, דערצו איז נויטיג, אז די שפראך זאל קומען אין בעריהרונג מיט דעם הויז, מיט דעם פעלד, מיט דעם גארטען, זי זאל זיך באדען אין זעלבען טהוי, אין וועלכען עס באדען זיך די פלאנצען, טרינקען דאס זעלבע רעגענוואסער, וואס די פעלדער טרינקען, אריינזויגען אין זיך די זעלבע זון־שטראהלען, פון וועלכע עס לעבט די גאנצע סביבה. די שפראך מוז בעקומען פרישעס בלוט, און דאס בלוט מוז ריכטיג צירקולירען אין אלע אדערען פון דער שפראך, זי מוז בעקומען נאהרונג, פארמען, פארב און קלאנג.

ניט שווער וועט עס זיין צו גרינדען א העברעאישע אוניווער־

זיטעט — שווער איז געווען צו שאפען די ערשטע העברעאישע פאלקס־שולע, פיהרען ווייטער די חיות, די פייגלען, די ווערימלעך, די פליגעלעך, די בוימער, די פלאנצען, די בלומען צו דעם מענ־שען, כדי ער זאל זיי אלעמען געבען פעסטע נעמען, ווי דאס האט גאר אמאל געטהאן אדם הראשון. שאפען נייע פאסענדע נעמען, אדער אויסגעפינען די אלטע נעמען, — רופט דאס „שעת יצירה" אדער „תחית המתים" — ביידעס איז שווער, ביידעס איז פערבונדען מיט שאפונגס־יסורים. און דער נייער ישוב האט דורכגעמאכט דיעזען פראצעס. אלע האבען זיך אנגעשטרענגט לייכטער צו מאכען די „חבלי לדה". דער נייער אקערבויער האט אויפגעוועקט דעם שלאפענדען באדען, דער האנדווערקער האט אויסגעהאמערט דעם בעפרייטען געדאנק, דער לעהרער האט אויסגעגלעט די קנעכטשאפטס־קנייטשען פון מח און אזוי ווייטער, ביז עס איז געקומען דאס נייע קינד, דאס העב־רעאישע קינד, און האט אויסגעשריען דאס ערשטע ווארט: אבא, אמא! די מוטער האט געצוויגען חיונה פון דעם בעניטען באדען, און דער ינוקא האט ארייגעזויגען אין זיך די נייע שטימונג מיט דער מילך פון זיין מוטער און האט צוגעגעבען דער אלט־נייער העב־רעאישער שפראך חן און אינטימיטעט, קלאנג און נאטירליכקייט.

רעליגיאָן אויף אַקציע

גלויבענס־געגנאַסע — דאָס איז דער ליעבלינגס־אויסדרוק, וועלכער איז געשאפען געוואָרען אין דייטשלאנד און דורך וועלכען די אסימילאטאָרען בעצייכענען די צוגעהעריגקייט פון איין אידען צו דעם אַנדערען. וויפיעל הכנעה פאַר דעם פרעמדען און וויפיעל אחיזת עינים שטעקט אין דעם אויסדרוק גלויבענס־געגנאַסע. פאָלקס געגנאַסע — ניטאָ קיין אידיש פאָלק, פשוט ניט בנמצא. שטאַאַט־געגנאַסע — ניטאָ קיין אידישער שטאַט, נאָר שונאים און אַנטיסעמיטען האָבען דאָס אויסגעטראַכט. די געשיכטע זאָגט, אַז אמאָל האָט יאָ עקזיסטירט עטוואָס עהנליכעס, אָבער דאָס געהערט צו דער גרויער פערגאַנגענהייט. אין דער געגענוואַרט איז דאָ איין סימן, איין דינער פאָדעם, וואָס האַלט נאָך די אידען צוזאמען — דאָס איז די רעליגיאָן. דאָס הייסט, די אידען אין די פערשיעדענע מדינות און אין די פערשיעדענע וועלט־טהיילען זיינען פונקט אזוי, פערבונדען איינער מיט דעם אַנדערען, ניט מעהר און ניט וועניגער ווי די קאַטאָליקען, די פּראָטעסטאַנטען אָדער די מאַהמעדאַנער למשל, ווען זיי געהערען צו פערשיעדענע אומות, אָט ווי די פּוילען מיט די פראַנצויזען, די טאַטאַרען מיט די אינדייער, די דייטשען מיט די בורען און אזוי ווייטער. די קרובות'שאַפט פון די פערשיעדענע אידען הענגט אָב פון איין מאָמענט, פון דעם רעליגיעזען מאָמענט, ווייטער — אויס פערוואַנדשאַפט, אויס מחותן'עשאַפט. אמת, נאָר אַ קליינער ברוכטהייל אידען האָט זיך לעת עתה אַסימילירט, ניין חלקים פון דער גאַנצער יודענהייט זעהען נאָך דערווייל אויס עפּעס אידישליך אויך אין אַנדערע, ניט רעליגיעזע הינזיכטען, זיי פיהרען נאָך אַן אייגענעם לעבען, מיט אייגענע מנהגים, האָבען

נאָך אַן אייגענע שפּראַך זאָגאָר, אַן אייגענע ליטעראַטור און אייגענע שולען. אָבער דאָס קומט נאָר דערפון, וואָס די אידען זיינען נאָך ניט עמאַנסיפּירט אומעדום אָדער האָבען נאָך קיין צייט ניט געהאַט זיך צו עמאַנסיפּירען. סוף כל סוף מוז אָבער יעדער אונ־טערשיעד צווישען אידען און ניט־אידען פערשווינדען. בלייבען וועט נאָר די „גלויבענס־גענאָסענשאַפט".

מיר ווילען שוין ניט רעדען פון דער אינערער קנעכטישער געזינונג, וועלכע שטעקט אין אזא מין פילאָזאָפיע, זי איז אָבער אויך אַ פאַלשע פילאָזאָפיע. די היסטאָרישע פאַקטען זיינען אַנט־קעגען איהר, און נאָר בלינדע, אָדער זעהענדיגע, וואָס מאַכען זיך ניט זעהענדיג, קאָנען זיין איהרע אנהענגער.

מיר וועהלען נאָר איין ביישפּיעל. און רוקא פון דער קלאַ־סישער מדינה פון דער אידישער עמאַנסיפּאַציאָן — פון פראַנקר־רייך. צו דער צייט, ווען די אידען זיינען עמאַנסיפּירט געוואָרען אין פראַנקרייך, ד. ה. צו דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן, האָט פראַנקרייך געהאַט אַן ערך פערציג טויזענד אידען. די פראַנ־צויזישע אידען האָבען אָנגעשטרענגט אַלע כחות כדי צו אַסימילירען זיך. פון זייער צד איז קיין מאָל קיין מניעה ניט געווען. איצט, 135 יאָהר נאָך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, לעבען אין פראַנקרייך צווישען 40 און 50 טויזענד איינגעבאָרענע אידען. (די אידישע אימיגראַנטען, זייער צאָהל ווערט געשאַצט אויף 80—100 טויזענד, קומען ניט אין בעטראַכט. זיי גילטען ווי אַן אבסאָלוט פרעמדער עלעמענט), האַלטען זיי אין איין שרייען, אַז זיי זיינען אַסימילירט, און די 38 מיליאָנען פראַנצויזען האַלטען פערקעהרט אין איין טענה'ן, אַז זיי זיינען נאָך ניט אסימילירט. מיר רעדען דאָ ניט פון די אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטען — ניין, דאָס פראַנצויזישע פ אָ ל ק בעטראַכט נאָך אימער די אידען אַלס אידען, אַלס צוגעהעריגע צו אַ בעשטימטען שטאַם, צו אַ בע־שטימטער נאַציאָן. די וועלט האָט ליעב גאַנצקייט, און כל זמן דער אַסימילירטער איד וועט שרייען, הייסט דאָס אויך פ י ה ל ע ן, אַז ער איז אַסימילירט, וועט ער אין דער געזעלשאַפט בעטראַכט ווערען ווי אַ איד, און בעהאַנדעלט ווערען ווי דער אַ נ ד ע ר ע ר.

גוט אָדער שלעכט, עס מאַכט ניט אויס, אָבער שטענדיג ווי דער אנדערער. מיט איין וואָרט, א טויטער, וואָס פיהלט זיין טויט איז נאָך ניט לחלוטין געשטאָרבען און צעהלט נאָך צו די לעבעדיגע. איין אסימילירטער, וואָס פיהלט נאָך זיין אסימילירט זיין, געהערט נאָך פאַר די אַנדערע, פאַר די זייטיגע, צו דער גרופּע, פון וועל־כער ער בעמיהט זיך צו בעפרייען. און אַזוי ווי אסימילאַציאָן איז דאָך סוף כל סוף א שידוך־מעשה, מוז מען זיך שטענדיג רע־כענען מיט דער פראַגע: „רק אם ירצו המחותנים מצד השני", ווי עס דריקען זיך אויס געוועהנליך די שדכנים אין זייערע בריעף, ווען זיי זיינען פאַרטיג נאָר מיט איין צד.

וויפיעל אונשעהנעס שטעקט דערין. נעהמען אַן אלטעס, היס־טאָרישעס קולטור־פאָלק, וואָס איז דורכגעגאַנגען א לאַנגען וועג דורך פייער און וואַסער, און פערוואַנדלען אַזאַ פאָלק אין א „גלויבענס־געגאָסענשאַפט", מיט אנדערע ווערטער — אין אַן „אַקציען־געזעלשאַפט אויף גלויבען". עס זיינען דאָ אַזעלכע געזעלשאַפטען. אין דייטשלאַנד הייסען זיי: „געזעלשאַפט מיט בעשרענקטער האַפט", דאָס הייסט מיט בעגרענצטער ערבות. יעדער טהיילנעהמער פון אַזאַ געזעלשאַפט, — אויסער די לייטער, — איז נאָר ערב מיט דער סומע, וואָס ער האָט אריינגעטראָגען אין דער געזעלשאַפט, בכן קאָן מען איהם גלויבען בנוגע צו די געשעפטען פון דער געזעל־שאַפט, נאָר אויף אַזוי פיעל וויפיעל ער האָט געגלויבט דער געזעל־שאַפט. ווען מען זאָל נעהמען אין בעטראַכט, וויפיעל גלויבענס־קאַפּיטאַל די דייטש־אידישע אסימילאַטאָרען טראָגען אריין אין די אידישע גלויבענס־געגאָסענשאַפט, וועט מען וויסען, ווי ווייט מען קאָן זיי גלויבען.

אַזאַ פילאָזאָפיע איז ניט נאָר אונשעהן און פאַלש. זי איז אויך געפעהרליך און קאָן זיך פערוואַנדלען אין א גרויסע סכנה, ווען די „גלויבענס־געגאָסען" ווערען די אפּוטרופּסים פון אונזער גורל, ווען זיי ווערען זעלבסט־געקרוינטע פיהרער מיט גרויסע אמ־ביציאָנען, ווען זיי געהען ארויס פון דעם ענגען קרייז פון זייערע געמיינדע־אנגעלעגנהייטען און הויבען זיך אָן צו בעשעפטיגען מיט דער פּאָליטיק פון א פאָלק, וועמעס עקזיסטענץ זיי לייקענען

אָב. דער אינערער ווידערשפּרוך איז דאָ צו בולט, אַז מען זאָל זיך דאַרפן אָבשטעלן אויף איהם און געבען אויף איהם אַ פּירוש.

און דיעזע „גלויבענס־געגנאָסען" זיינען מיט אַמאָל געוואָרען די „משגיחים על הכשרות" פון דער רעליגיעזער ערציהונג אין ארץ ישראל. ניט ווייל זיי אַליין אָנערקענען די חשיבות פון אַזאַ ערציהונג אַן און פאַר זיך, נאָר ווייל זיי פיהלען אין זיך די „מ י ס י אָ ן" צו בעשיצען די אָריענטאַלישע אידען פון אַ זיטליכען אונטערגאַנג חלילה. ווייל „אָהן אַזאַ אומפּאַסענדע בעריקזיכטיגונג פון אַ רעליגיעזער ערציהונג וואָלט דאָס אָריענטאַלישע יודענטהום ק י י ן ז י ט ל י כ ע ן ה אַ ל ט נ י ט ג ע ה אַ ט (פּאַלעס־טינאַ און פּאַלעסטינענזישער ציוניזמוס, פון פּאול נאַטהאַן, זייטע 10, בערלין, 1914). אַ זעהר דעליקאַטע אויפפאַסונג פון דעם אינערען און אַבסאָלוטען ווערטה פון דער אידישער רעליגיאָן!

עס איז אַן אַלטע טאַקטיק. מען האָט זי אָנגעווענדעט אין ירושלים ווי אין רוים, אין רוים ווי אין אַטהען: מען כאַפּט זיך אָן פאַר די ווינקלען פון מזבח אין טעמפּעל און דאָס איז מכפר אויף די זינד, וואָס מען האָט בעגאַנגען. היינט בעגעהט מען זיך אַ ביסעל אַנדערש, מען שרייט וועגען רעליגיאָן, מענשען, וואָס האָבען צו איהר פּערזענליך קיין שום שייכות ניט, און מען ערלויבט זיך בשעת מעשה צו טהאָן עולות, — גאַנץ ווייך אויסגעדריקט, — וועלכע שאַדען דעם כלל. פּונקט ווי דער מאַסען־מאָרד, אין דער פאָרם פון מלחמה, איז ערלויבט און רעכענט זיך ניט פאַר אַ רציחה, אַזוי ווערט אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט אויך די קאָלעקטיווע מסירה ניט געהאַלטען פאַר אַ פערברעכען. זאָל איינער קומען און אָנצייגען אויף אַ אידען, אַז ער איז שעדליך פאַר דער מדינה, וואו ער לעבט — רופט מען דאָס פּשוט מסירה. קומט מען אָבער און מען פערלוימדעט אַ גאַנצע פּאַרטיי אָדער אַ גאַנצע גרופּע אין דער זעלבער הינזיכט — ברויכט מען זיך גאָר ניט צו שעהמען. עס איז אַזאַ מנהג.

אין דער אויבענדערמאָנטער בראָשורע, וועלכע שטעלט פאַר אין אַלגעמיינעם אַ מאַכערייקע פון שלימסטען סאָרט, זיינען דאָ אייניגע שטעלען, וועלכע פערדיענען צו בלייבען אַ זכרון לדורות.

זאָל זעהן די אידישע וועלט, צו וועלכע קאָנזעקווענצען עס פיהרט די געגנערשאפט צום אידיש־נאַציאָנאלען געדאנק, זאָל זי זעהן און זיך א טרייסעל טהאָן.

ערשטע שטעלע: „דיעזער קרייז (דאָס איז געמיינט דער קרייז, וועלכער האָט פערטהיידיגט די העברעאישע שפּראך) גיט ארויס די פּאראָלע צו פעריאָגען לחלוטין די אראבישע ארבייטער פון די אידישע זיעדלונגען און קאָלאָניען. די פאָלגע דערפון זיינען רייבונגען, די פאָלגע דערפון איז פיינדשאפט און די ווייטערע פאָלגע דערפון איז געוועזן די ענטשטעהונג פון א בעזונדערער אידישער וועכטער־אָרגאַניזאציאָן, וועלכע האָט שוין געליפערט די אראבער אייניגע שלאכטען, און כמעט יעדע וואָך קומען פאָר דער־שאָסענע אראבער און ערמאָרדעטע אידען, און די בלוט־ראכע גיסט ווייטער אויל אויף דעם פייער" (זייטע 58).

אזוי רעדט מען מכח דעם „השומר", אַן אָרגאַניזאציאָן, וועלכע האָט זיך געשטעלט אלס ציעל צו בעוואכען די אידישע פעלדער, פּרדסים און כרמים, צו בעפרייען די קאָלאָניען אין אזא וויכטיגער סאָציאלער פונקציאָן, ווי די שמירה, פון פרעמדער אָבהענגיגקייט.

די שמירה איז ניט אזא לייכטע אויפגאבע אין ארץ־ישראל, וואו עס איז כמעט ניטאָ קיין סימן פון דאָרף־פּאָליציי. מען מוז וואכען ביי טאָג, מען מוז וואכען ביי נאכט, אין היץ, אין קעלט, אין שטורם, אין רעגען. און ווער עס קען נאָר די ענטוויקלונג פון דעם נייעם ישוב, ווייס, וואָס פאר א פאָרטשריט עס בעדייטעט די ענטשטעהונג פון דער אָרגאַניזאציאָן „השומר".

עס איז געוועזן א צייט, ווען די קאָלאָניסטען האָבען געגלויבט, אַז אזא גראָבע ארבייט ווי אַקערען, זעען און שניידען קאָן ניט געטהאָן ווערען פון אידען. דערצו זיינען דאָ די אראבער. זיינען טאקע געוועזן אייניגע קאָלאָניען, אידישע קאָלאָניען, וואו עס האָט אויסגעזעהן, אַז די אידען זיינען אין שכנות ביי די אראבער. מיר זיינען ניט מלמד חוב אויף די קאָלאָניסטען, וואָרים עס איז גאָר ניט אזוי לייכט צו ווערען איבער־נאכט פון א קרעמער, א סוחר אָדער סתם א לופט־מענש א טיכטיגער קאָלאָניסט. דורך כשוף געשעהט ניט אזא פערוואנדלונג, דערצו געהערען יאָהרען. איז

טאקע מיט דער צייט אנדערש געווארען. די קאלאניסטען האבען אנגעהויבען צו ארבייטען און דורך זייער ארבייט האבען זיי ערשט קונה געווען דעם באדען.

די שמירה אבער איז נאך אלץ געלעגען אין אראבישע הענד. אזוי ווייט האט זיך דער ישוב נאך ניט געקאנט בעפרייען פון די גלות פאראורטהיילען. מילא אקערען, פלאנצען וכדומה — דאס געהט נאך, אבער דורכרייטען די ווינטער־נעכט, די פינסטערע, די שטורמדיגע, האבען נאך אפטמאל א בעגעגעניש מיט בעוואפענטע גנבים, — ניין, דאס איז ניט קיין אידישע זאך. אזוי האט שוין גאט בעשאפען די וועלט. האבען זיך אבער געפונען יונגע, פרישע, מוטהיגע כחות און זיי האבען ארגאניזירט דעם „השומר“. כמעט אלע מיטגליעדער זיינען פראלעטאריער מיט דער „פראלעטארישער פסיכאלאגיע“. זיי האט ניט אינטערעסירט דער א י י נ צ ע ל־נ ע ר קאלאניסט, אלס בעזיצער פון א פעלד אדער א וויינגארטען. זיי האט אבער זעהר אינטערעסירט דער ג ע ז א מ ט ע ר ישוב און ז י י ן כ ב ו ד. זיי האבען אויך געוואוסט, אז זיי וועלען די ע ר ש ט ע צייט האבען צו ריזיקירען מיט דעם א י י ג ע נ ע ם לעבען, אבער מוטהיג און שטאלץ, אין בעוואוסטזיין אז זיי פיהרען אוים א נאציאנאלע אויפגאבע, זיינען זיי צוגעטראטען צו זייער ארבייט. זיינען פערביינגעגאנגען איינינע יאהר. אפטמאל האט דעם שומר'ס קויל געטראפען דעם רויבער, אפטמאל איז א שומר געפאלען פון דעם רויבער'ס קויל. דאס איז אבער געווארען אלץ זעלטענער און זעלטענער. די רויבער האבען בעקומען אבשיי פאר דעם „השומר'ס“ מוטה און אונערשראקענהייט, און די קאלאניסטען האבען בעקומען צום „השומר“ א געפיהל פון כבוד און צוטרויען. אוים הפקר.

אין דער לעצטער צייט האבען זיך געווענדעט איינינע אראבישע דערפער צום „השומר“, ער זאל זיי געבען זיינע וועכטער, און די דייטשע קאלאניע „שרון“ האט אנאנסירט אין די העברעאישע צייטונגען, אז זי זוכט דוקא א אידישען שומר.

עס זיינען דא איז ארץ־ישראל איינינע דייטשע קאלאניען, געגרינדעט פון די „טעמפלער“, — קריסטליכע חובבי ציון, —

זיי זאָגט קיינער קיין מוסר ניט, און זיי האָבען געהאט פערהעלט־ניסמעסיג מעהר צוזאמענשטויסען מיט אראבער און בעדואינען.

עס איז איינפאַך אונבעגרייפליך, ווי א געפיהל פון געגנער־שאפט קאָן פערבלענדען און אומדרעהען איינע פון די שעהנסטע ערשיינונגען אין דער ענטוויקלונג פון דעם נייעם ישוב אין א מינוס, כמעט אין א פערברעכען.

צווייטע שטעלע: „דער סכנה אויפ'ן לאנד ענטשפרעכט דער אונפריעדען, ראשית כל אין די שטעדט, וועלכער ווערט אויפגע־וועקט דורך די „פועלי ציון", דיעזע עלעמענטען, וועלכע האָבען נעבענביי בעמערקט, נעפיהרט סטרייק־פערהאנדלונגען צווישען א ו נ ז ע ר ע לעהרער אין יפו און צווישען די העררען פון גימ־נאזיום ל א ך א י ן ז ו מ ע ר 1913 — זיי פערטרעטען די אלער־עקסטרעמסטע ווירטשאפטליכע אנשויאונגען" זייטע 58).

דער פיהרער פון הילפס־פעראיין ווייס גאנץ גוט דעם פירוש המלות פון „עקסטרעמסטע וויסענשאפטליכע אנשויאונגען" און ער ווייס אויך, אז די טערקיי איז נאָך לעת עתה ניט גראָד די פרייעסטע מדינה. דאָך האָט ער עס געפונען פאר נויטיג צו דרוקען אין זיין בראָשורע. אגב האָט ער זיך פערגעסען, וואָס ער חזר'ט אליין איבער איינינע מאָל, אז ביז צום טעכניקום־שטרייט איז אלעם געווען רוהיג און אז א ל ע האָבען זיך ביז אהין פערהאלטען צום הילפס־פעראיין סימפאטיש. ווי שטימט עס מיט סטרייק־פער־האנדלונגען נאָך א יאָהר פאר דעם טעכניקום־שטרייט — בלייבט א קשיא.

פרד"ם

פרד"ם איז א נוטריקון, אָדער אַ ראשי־תיבות, די אָבקירצונג פון: פשט, רמז, דרש און סוד. דאָס זיינען די פיער אופנים, אויף וועלכע מען קאָן לערנען יעדען פסוק פון א הייליגער שריפט. די געוועהנליכע מענשען מיט פ ש ו ט ׳ע השגות זעהען איינפאך מעהר ניט ווי דעם פשט, דאָס וואָס ליעגט אויבען אויף. מענשען מיט א מדרגה העכער פערשטעהען שוין אויך דעם וואונק פון פסוק, דעם רמז, מען ברויכט זיי ניט אַלעס אויסצוטייטשען. נאָך עדע־לערע דערגרייכען ביז צום דרש, דאָס הייסט זיי זעהען אין פסוק ניט אַן איינצעל פאַל, נאָר אַן ע נ י ן, אַן א ל ג ע מ י י נ ע ם געדאנק. זיי פערשטעהען שוין דעם ג י י ס ט פון דעם פסוק און ווענדען איהם אָן אויף פערשיעדענע אנדערע עהנליכע ענינים, וועלכע ליעגען ניט אין פסוק בפירוש, אָבער זיי זיינען ענטהאלטען אין זיין גייסט. די גאַנץ גרויסע, די צנועים, די יודעי חן, וועלכע זעהען אַנדערש, הערען אַנדערש און פיהלען אַנדערש, פערשטעהען ניט נאָר דעם גייסט פון פסוק, זיי זיינען משיג אויך זיין נשמה. דער גייסט איז דער כ ח, ער איז נאָך ניט די נשמה אַליין, ער איז מעהר ניט ווי דער אָבגלאַנץ פון דער נשמה. די נשמה איז פול מיט סודות, זי איז אַליין דער גרעסטער סוד, און דעריבער האָבען צו איהר אַ צוטריט נאָר יחידי סגולה. דאָס זיינען די יחידי סגולה, וועלכע קענען לערנען תורה על פי סוד.

ווייטער איז ידוע, אַז אַלץ, וואָס איז דאָ אין דער קדושה, איז אויך דאָ אין דער טומאה להבדיל, אָדער, ווי מען רופט זי, די סטרא אחרא. די טומאה האָט אויך מדרגות, נאָר זי שטעהט מיט׳ן קאָפּ אַראָב. צו דער קדושה מוז מען זיך אויפהויבען. צו

דער טומאה — זיך ארײַבלאָזען. אין דער קדושה שטײַגט מען אַלץ העכער און העכער, אין דער טומאה זינקט מען אַלץ טיעפער און טיעפער. קדושה און טומאה פערהאַלטען זיך אײנע צו די אַנדערע ווי פערמעגען צו חוב. דער אונטערשיעד צווישען זײ איז ניט קײן אײנפאַכער, נאָר אַן אונגעדליכער, אַן אונפערגלײַכליכער.

אויך פער׳מסר׳ן קאָן מען אויף פערשיעדענע אופנים. מען קאָן אײנעם בעשולדיגען על פּי פּשט, מען ווײַזט אָן אויף אַ קאָנקרעטע האַנדלונג, אויף אַ פאַקט, וועלכער איז קלאָר און רעדט פאַר זיך. אָפטמאָל מסר׳ט מען מיט אַ רמז, מען געפינט עפּעס אַרויס אַ וואונק, אַ כונה אין אַ בעשטימטער האַנדלונג. ווען עס איז שווער אַרויסצוגעפינען אַ פּאַסענדען רמז גײט מען איבער צום דרש: דער בעטרעפענדער האָט טאַקע קײן עולה ניט געטהאָן, אָבער זײַן גײסט איז אין חשד. דאָס שרעקליכסטע אָבער איז פער׳מסר׳ט צו ווערען על פּי סוד, ווען דער פער׳מסר׳טער בינדט זיך צו דײַן נשמה.

דער פיהרער פון הילפּס־פעראײן האָט זיך ערלויבט צו בעשולדיגען אין דער דערמאַהנטער בראָשורע די ציוניסטען אויף אַ פערשטעלטען אופן. ער פאָרמולירט ניט זײַן בעשולדיגונג, ער זאָגט זי אַרויס מיט רמזים און סודות, און דער לעזער קאָן ווירקליך מײנען, אַז הינטער די האַלבע ווערטער ליגט עטוואָס שרעקליכעס, וואָרים והא ראיה, דער מחבר אַלײן האָט דאָך מורא געהאַט אַרויסצוזאָגען דעם גאַנצען אמת.

„דער ציוניסטישער אַנטראַג, וועלכער איז אײַנגעבראַכט געוואָרען אין קוראַטאָריום פון טעכניקום, האָט ענטהאַלטען אין זיך אַ בעגרינדונג פאַר דעם פאָרגעשלאָגענעם לעהרפּלאַן, וואָס יעדער נאַציאָנאַלער שאָוויניסט, הײסט דאָס אויך יעדער אַנטיסעמיט, האָט געקאָנט זײַן שטאָלץ אויף איהר. עס איז זעלבסטפערשטענדליך (?) אַז דיזע טיעפגרונדיגע פּאָליטישע אַנשויאונגען האָבען ניט געקאָנט בלײַבען בסוד אין חיפה (פאַר וואָס ?), און אַלס רעזולטאַט פון דיזע אַנשויאונגען קאָן בע־

טראַכט ווערען דאָס אָפענע מיסטרויען פון די מאחמעדאַנישע קרייזען" (זייטע 59).

סודי סודות! פּאָליטישע אנשוויאונגען, וואָס יעדער אנטיסעמיט האָט געקאָנט זיין שטאָלץ אויף זיי. מיר וועלען אָבער אויסזאָגען דעם סוד. די אַראַבער ווייסען דאָך איהם שוין סיי ווי סיי, — דער מחבר פון דער בראָשורע ווייס מסתמא וואָס ער זאָגט, — פאר וואָס זאָלען די אידען מיט וועניגער פערטרויען בעהאַנדעלט ווערען ווי די אַראַבער.

אין דער בעגרינדונג פון דעם ציוניסטישען לעהרפּלאַן איז אָנגעגעבען פּאָלגענדער טעם, פאר וואָס איינגע, דוקא אַלגעמיין וויסענשפאַטליכע, למודים מוזען געלערענט ווערען אין העברעאיש. דאָס טעכניקום ווערט געגרינדעט פון אידען און פאר אידען. ווען די תלמידים האָבען די מעגליכקייט צו ע נ ד י ג ע ן דאָס טעכניקום ג אַ נ ץ אָ ה ן ה עֶ ב ר ע א י ש, בעשטעהט די ס כ נ ה, אַז די שולע קען מיט דער צייט, — ביי אַזאַ וויכטיגער גרינדונג מוז מען קוקען ווייט, — פערלירען איהר אידישען כאַראַקטער, וואָרים אידישע פערוואַלטער, — מיר האָפען דאָס, — וועלען זיך קיין מאָל ניט ערלויבען איינצופיהרען אַ פּראָצענט נאָרמע פאר ניט אידען. ווען אָבער די תלמידים וועלען מוזען קענען העברעאיש, כדי צו בעזוכען דאָס טעכניקום, קאָן מען ערווארטען, אַז דער אידישער כאַראַקטער פון דער שולע וועט ניט פערלאָרען געהן.

דאָס איז דער גאַנצער סוד פון דעם ציוניסטישען אנטראַג און פון דער בעגרינדונג פון זייער לעהרפּלאַן. די ציוניסטען קאָנען אָבער נאָך עטוואָס ווייטער אויסזאָגען. זיי האָבען בפירוש מסכים געווען, אַז פאר די ניט אידישע תלמידים זאָל מען איינפיהרען פּ אַ ר אַ ל ע ל ק ו ר ס ע ן אין דער ד י י ט ש ע ר שפּראַך פאר די למודים, וועלכע ווערען געלערענט אין העברעאיש, ווארום די ציוניסטען האָבען געהאַט נאָך אַ בעגרינדונג פאר זייער אנטראַג, אפשר נאָך אַ וויכטיגערע ווי די ערשטע. זיי האָבען ניט געוואָלט, אַז עס זאָל געשאַפען ווערען די מעגליכקייט פאר די אידישע תלמידים צו בעזוכען דאָס טעכניקום אָהן העברעאישע

קענטניסען. זיי האָבען געהאט די „חוצפה" צו פערלאנגען, אז דאָס טעכניקום זאָל פאַרבערייטען ניט נאָר גוטע טעכניקער, נאָר אויך גוטע, זעלבסטבעוואוסטע אידען. דערצו, גלויבען די ציוניסטען, געהערט אונבעדינגט א גוטע העברעאישע אויסביל־דונג. זיי האָבען געהאט דאָס רעכט צו שטעלען אזא פאָדערונג, וואָרים די תקנות פון טעכניקום האָבען א קלאָרען פונקט מכח דעם צווייפאכען צוועק פון טעכניקום, דעם טעכנישען און דעם אידי־שען. זיי האָבען דורך זייער אנטראג געוואָלט בעפעסטיגען דעם פונקט פון די תקנות, וואָרים די ערפאהרונג פון דער לעצטער צייט האָט בעוויזען, אז די תורה שבעל פה פון הילפס־פעראיין שטימט ניט איבעראיין מיט זיין תורה שבכתב. די ציוניסטען האָבען זיך געשראָקען ניט פאר'ן הילפספעראיינס ד י י ט ש, זיי האָבען מורא געהאט פאר זיין פ ע ר ט י י ט ש ע ן.

דער קינפטיגער היסטאָריקער ערשט וועט בענוצען אלע דאָ־קומענטען, וועלכע האָבען א שייכות צו דעם שפּראכען־קאמפף און וועלכע קאָנען נאָך איצט ניט פערעפענטליכט ווערען, און די אי־דישע וועלט וועט ארויסטראָגען איהר אורטייל איבער די דיענער פון דער אסימילאציאָן, וועלכע האָבען געזוכט אריבערצוטראָגען זייער שיטה אויף דעם באָדען פון ארץ ישראל. עס האָט זיך ווידערהאָלט נאָר אן אלטע געשיכטע. נאָר אמאָל, ווען מען האָט אָנגעהויבען צו בויען דעם צווייטען טעמפעל, האָבען זיך אויך געמעלדעט „גלויבענס גענאָסען", וועלכע האָבען געוואָלט מיטהעלפען ביי דעם בוי, און זיי האָבען געזאָגט צו די בויער: „מיר וועלען בויען מיט אייך אינאיינעם, וואָרים אזוי ווי איהר טהוען מיר פאָרשען צו אייער גאָט און צו איהם שעכטען מיר זייט די טעג פון אסר חדן דעם קעניג פון אשור, וועלכער האָט אונז אראָבגעבראכט אהער". זרובבל און ישוע און די אנדערע עלטסטע האָבען ניט אָנגענומען דעם פאָרשלאג פון די „גלויבענס גענאָסען" און האָבען געבויט אליין. זיי האָבען פערשטאנען, אז מענשען, וועלכע זיינען ניט פערבונדען אויף מיט דעם אידישען פאָלק, וועלען נאָר שטערען ביי דעם בוי פון א טעמפעל.

אונערוואַרטעט איז בינתים אויסגעבראָכן די וועלט קאַ־טאַסטראָפע, די גרויסע, אונגעהייערע פעלקער מלחמה. מיר גע־פינען זיך אַלע נאָך אין מיטען פון דער קאַטאַסטראָפע און זעהען נאָך ניט איהר סוף. דערווייל האָט זי צושטערט אַ האַלבע וועלט און אויך אַ גרויסען חלק פון אונזער אידישער וועלט. עס זיינען רואינירט געוואָרען מיליאָנען פון אונזערע ברידער אין מזרח פון אייראָפּאַ. עס האָט אויך געהאַט אריבערצוטראָגען אַ פעקעל צרות אונזער שמערצענסקינד, דער נייער ישוב אין ארץ ישראל.

די לאָקאַלע טערקישע רעגירונג אין ירושלים, יפו און חיפה האָט אָנגעהויבען רודף צו זיין אויף אַ סיסטעמאַטישען אופן די נייע עלעמענטען פון דעם אידישען ישוב. און עטוואָס מערק־ווירדיגעס האָט דערביי פּאַסירט. די לאָקאַלע רעגירונג אין ארץ ישראל האָט זיך קיין מאָל ניט אויסגעצייכענט מיט אַ שטרענגען סיסטעם, ניט אין איהר ליעבע, ניט אין איהר האַס. דיזעס מאָל אָבער האָבען זיך די רדיפות אָבגעשפּיעלט ווי נאָך נאָטען. די רעגיערונג האָט געהאַט אַ פּאַרטיגען צעטעל און האָט אויסגעלאָזען איהר כעס צום „השומר“, צו די „פועלי ציון“ און צו די, וועלכע האָבען געשפּיעלט אַן אַקטיווע ראָלע אין שפּראַכען קאַמפּף. און נאָך עפּעס איז מערקווירדיג דערביי. די טערקישע צענטראַלע רעגירונג האָט באַלד איינגעזעהן, אז די רדיפות זיינען אַ פאָלגע פון בלבולים, און האָט אָבגערופען פון ארץ ישראל דעם הויפּט שולדיגען בעאַמטען, בעהאַ עדדין. דער מילי־טערישער דיקטאַטאָר פון ארץ ישראל, דזשעמאַל פּאַשאַ, בעזוכט, נאָך די רדיפות, די אידישע קאָלאָניען און די העברעאישע שו־לען און בעט מחילה ביי די אידען, וואָס מען האָט זיי פערשאַפט אזוי פיעל יסורים. אין דער זעלבער צייט דרוקט אָב די צייטונג „האַמבורגער איזראַעליטישעס פאַמיליענבלאַט“, דער אָפיציעלער אָרגאַן פון „הילפס־פעראיין“, אַ בעריכט פון ארץ ישראל פער־פאַסט אין גייסט פון דער אויבענדערמאַהנטער בראָשורע. און דער אידישער בעריכט ערשטאַטער איז מצדיק דעם דין

און געהט איבער אָפען אויפ'ן צד פון בעהא עדדין און די אַנדערע פערפאָלגער.

דער קינפטיגער היסטאָריקער וועט זיך מ ו ז ע ן אָפּ־שטעלען אויך אויף דיזע אויפפאלענדע מאָמענטען און ערקלעה־רען די סמיכות הפרשיות, וואָס הערשט צווישען זיי.

דערווייל האָט דער הילפס־פעראיין אויסגענוצט די טומעלדיגע צייט פון דער מלחמה, ווען די אידישע אויפמערקזאמקייט איז צוגעשמידט געווען צו דעם אידישען חורבן אין די פערשיעדענע מדינות, און האָט דאָס טעכניקום אויסגעשטעלט צום עפענטליכען פערקויף. ביי דעם פערקויף האָבען געקאָנט זיין פערטראָטען נאָר די קוראטאָרען פון הילפס־פעראיין, ווייל די אַנדערע קוראטאָ־רען זיינען בירגער פון דעם „שונא'ס לאנד".

האָט דער הילפס־פעראיין אַריבערגעשלעפּט דאָס טעכניקום פאר ווייניגער ווי חצי חנם פון רשות פון קוראטאָריום אין רשות פון הילפס־פעראיין.

איך האָב זיך דאָ ניט בעשעפטיגט מיט די איינצעלנע מאָמענטען פון שפראַכען־קאַמפף, פול האַס און קנאה צו דעם נייעז אידען, וועלכער האָט אין אַ קורצער צייט געשאַפען אַ נייע סביבה, אַריינגעטראָגען אין דער יונגער געזעלשאַפט נייע שטי־מונגען, נייע האָפנונגען, אַ נייעם גלויבען אין די שעפּפערישע כחות פון אַ ווידער־ערוואַכענדען פאָלק. איך האָב זיך אָבגעשטעלט נאָר אויף די הויפּט מאָמענטען, אין וועלכע עס שפּיעגעלט זיך אָב די טענדענץ פון הילפס־פעראיין מיט קלאָרהייט און דייטליכקייט.

דאָס איז געווען אַ שרעקליכער צוזאַמענשטויס צווישען דעם אידיש־נאַציאָנאַלען גייסט און דער יעדע זעלבסטשטענדיגע פאָלק־טהימליכע צוקונפט פערניינענדער און אָבלייקענדער אַסימילאַציאָן. און פונקט ווי דער נייער ישוב אַלס געזאַמט־ערשיינונג דריקט אויס דעם ווילען ניט פון אַ וועלכער עס איז איינצעלנער גרופּע, נאָר אַ טיעפען און ערנסטען פאָלקסווילען, אַ דראַנג פון אַ נע־ונד־פאָלק נאָך אַן אייגענעם היים — אַזוי מוז אויך דער הילפס־פעראיין אין דיעזעם פאַל בעטראַכט ווערען ווי דער טרעגער און אויספיהרער פון דער ענטגעגענגעזעצטער שליחות, וועלכע האָט די אויפגאַבע

צו דערשטיקען יעדע נאַציאָנאַלע רעגונג, יעדען נאַציאָנאַלען אויפֿשוואונג אין אידישען לעבען. צוגלייך מיט דער פֿאָלקס־קדושה האָט זיך אויך די טומאה געבויט אַ נעסט אין ארץ ישראל. זי האָט זיך אַ צייט לאַנג פֿערקליידעט, אַרויפֿגעצויגען אויף זיך א י ד י ש ע בגדים, כדי זי זאָל קאָנען אונגעשטערטערהייד וואַרטען, ביז עס וועט קומען פֿאַר איהר די שעת הכשר. אין דער צווישען־צייט האָט זי אָנגעזאַמעלט גיפֿט.

און דער שעת הכשר איז געקומען. שוין פֿאַר דעם אויסברוך פֿון דער מלחמה האָט דער הילפֿס־פֿעראיין אָנגעווענדעט אין זיין קאַמפֿף געגען דעם נייעם ישוב אַלערליי מיטעל, וועלכע שטעמפּלען יעדען, ווער עס בענוצט זיי, מיט עביגער שאַנדע. אָבער זייט די מלחמה האָט אויסגעבראָכען האָט דער הילפֿס־פֿעראיין נאָך פֿערשאַרפֿט זיינע כלי־זיין. ער האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען עס האָבען זיך אין דעם גרעסטען חלק פֿון דער ציוויליזירטער וועלט דערוועקט די ווילדע אינסטינקטען און די ליידענשאַפֿטען האָבען זיך צופֿלאַקערט, ווען די מלחמה האָט אַרונטערגעריסען די מאַסקע פֿון די נאַציאָנען, און זיי האָבען זיך בעוויעזען אין זייער אמת'ער בעלייכטונג — דיעזען מאָמענט, — דאָס מוז פֿערשריעבען ווערען אויף די טאָוולען פֿון דער געשיכטע, — האָט געוועהלט דער הילפֿס־פֿעראיין צו צושטערען און צוברעכען אַלעס, וואָס ער האָט פֿריהער ניט געקאָנט בייקומען.

די אַסימילאַציאָן האָט זיך דערשראָקען פֿאַר דעם נייעם ישוב, פֿאַר דער קאָנצענטרירונג פֿון דעם אויפֿלעבענדען אידישען גייסט. זי איז אָבער צו אָרימזעליג, צו אינהאַלטסלאָז, צו שוואַך, אום צו בעקעמפֿפֿען דעם גייסט מיט איבערצייגונגס־קראַפֿט פּנים אל פּנים. האָט זי געוועהלט אַ בין־השמשות שטונדע און בעטראָטען האָט זי דונקעלע וועגען, וואו מען קאָן מאַכען דעם אָנגריף אויפֿ'ן נעגנער פֿון אַ פֿערבאָרגענעם ווינקעל.

די שעה האָט געשפּיעלט דער אַסימילאַציאָן, ווי ווייט זי האָט זיך אויסגעדריקט אין די אָפֿענע און געהיימע האַנדלונגען פֿון הילפֿס־פֿעראיין. אָבער מעהר ניט ווי די שעה. אויך אין דייטשלאַנד וואַקסט אַ נייער אידישער דור, וועלכער האָט זיך אָבגעווענ־

דעט פון זיינע אייגענע ערציעהער און האָט זיך אומגעקעהרט צו זיין פאָלק און צו זיינע פאָלקס־אידעאַלען, און קיין פינסטערע קראַפט אין דער וועלט וועט מעהר ניט אָבהאַלטען דעם נאַטירליכען, פון דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פון דער געשיכטע דיקטירטען פּראָצעס פון אויפלעבונג און בעפרייאונג.

די וואָס גלויבען ניט אין אַן אייגענע צוקונפט האָבען אַליין קיין צוקונפט ניט. זיי זיינען ווי איין־טאָג־פליעגען, זיי אַר־בייטען פאַר דער שעה און פערשווינדען מיט דער שעה.

דער באַרג כרמל איז אַ היסטאָרישער באַרג. דאָרט האָט אליהו אויסגעפאָכטען דעם קאַמפּף מיט די נביאי הבעל, וועלכע האָבען געגעסען פון טיש פון איזבל, און געהאָלפען איהר צו פער־פלאַנצען ביי די אידען דעם קולט פון צידון. אַרום דעם זעלבען באַרג כרמל האָט דאָס געטראָפען. אחאב, איזבל'ס מאַן, האָט מיט הילפע פון אַ גוואַלד־אַקט אָבגענומען דעם וואונדערשעהנעם וויינ־גאָרטען פון נבות. איז געקומען צו איהם אליהו און האָט איהם געזאָגט: „הרצחת וגם ירשת?“.

אונטען, ביים זעלבען היסטאָרישען באַרג כרמל, שטעהען די וואונדערבאַרע בנינים פון אידישען טעכניקום. די בנינים האָבען געזאָלט אויפנעהמען אין זיך די אידישע יוגענד.

זיינען די בנינים פון טעכניקום אַריבער פון רשות הרבים אין רשות היחיד. ווער וויים וועלכער צושטערענדער גייסט וועט הער־שען אין זיי, וועלכע פאָהן וועט פלאַטערן איבער זיי.

מיר ווייסען אָבער וועלכער גייסט בעהערשט אונזער יוגענד, מיר ווייסען וועלכער פאָהן זי שווערט טרייהייט, און מיר צווייפלען איין מאָמענט ניט, אַז דער נצחון וועט זיין אונזערער. מיר גלויבען אין דער קראַפט פון אונזער אידעע, מיר גלויבען אויך אין דעם פאָרטשריט פון דער מענשהייט, און מיר זיינען איבערצייגט, אַז די גרויסע וועלט וועט אונז פערשטעהן און וועט סימפּאַטיזירען מיט אונז און מיט אונזער ווערק.

סיון תרע"ה, ניו יאָרק.